STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02770

FUN MAKOV BIZ DI HORE-HOYSHEKH

Zeev Blum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאב בלום

פון מאַקאָוו ביז די הרי־חושך

ביים אַריינגיין אין דרוק פון לעצטן בויגן, איז דער מחבר פון דאָזיקן בוך זכרונות, צו אונדזער טיפן צער, אַוועק פון דער וועלט.

פאַרלאַג י. ל. פּרץ

א

זאב בלום

פון מאַקאָוו ביז די הרי־חושך

זכרונות

Free Public Library, Newark, N.J.

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב תש״מ — 1979

1

ZEEV BLUM

FUN MAKOW BIS DI HOREI HOISCHECH

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

Printed in Israel 1979

נדפס בישראל תש״מ

דפוס „להב״ בע״מ, רח׳ המסגר 60, תל־אביב, טל. 336564

זאב בלום

(געב. 1900 — געשט. 1979)

צום ליכטיקן אָנדענק פון חבר און פירער

משה ערעם

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף און דערמוטיקונג פון חברים:

זלמן שזר (געוו. נשיא המדינה);
צילע און סימאָן זיידנווערג;
זהבה און לייביש טאַרנאָפּאָלער;
רבקה און דוד שטאָקפיש;
רחל און הלל רייטשיק;
רינגעלבלום-אינסטיטוט;
ארגון יוצאי מאַקוב פון אַמעריקע און ישראל;
ארגון יוצאי לובלין בישראל (קולטור-פאָנד א.נ. פון
מערי און יואל גאָלדמאַן)

1. מיין היימשטאָט מאַקאָוו

טראַגישע ציפערן

אין מאַזאָוויעצקער געגנט האָבן זיך גערעכנט דריי גרעסטע יידישע קהלות אין די שטעטלעך מאַקאָוו, נאַשעלסק און טשיעכאַנאָוו.

דער פוילישער קעניג אויגוסט דער דריטער (1732—1765) האָט באַנייט די פריווילעגיעס פאַר דער מאַקאָווער יידישער קהלה. אין 1765 האָט מאַקאָוו געציילט 1279 שטייער־צאָלער. דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום (1813) האָט איינגעשטעלט וווינונגס־באַגרענעצונגען פאַר יידן אין מאַקאָוו, אָבער זיי זענען פאַקטיש נישט איינגעפירט געוואָרן. אין יאָר 1866 זענען אין מאַקאָוו געווען 970 קריסטן און 4189 יידן. לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 האָט מאַקאָוו פאַרמאָגט 2758 קריסטן און 4498 יידן. פאַר 41 יאָר איז די קריסטלעכע באַפעלקערונג אויסגע־וואַקסן אויף 181 פראָצענט, די יידישע בלויז אויף 6 פראָצענט. בכלל האָט זיך דעמאָלט אין מאַקאָווער אויעזד די באַפעלקערונג גערעכנט זעקס הונדערט טויזנט נפשות (צוזאַמען מיט מאַקאָוו), פון זיי 9454 יידן. אַהערצו זענען אַריינגערעכנט די יידן פון מאַקאָווער אויעזד: קראַסנאָשולץ מיט 1331 און רוזשאַן מיט 1698 יידן. אַרום צוויי טויזנט יידן האָבן געלעבט אין דאָרפישע ישובים. אין 1932טן יאָר זענען אין מאַקאָוו געווען 6700 איינוווינער, פון זיי 4000 יידן. פאַר 65 יאָר האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט כמעט אויף 10 פראָצענט. די ציפערן ביזן 20סטן יאָרהונדערט זענען גענומען פון דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע, אַרויסגעגעבן אין פעטערסבורג 1910—1911. די שפּעטערדיקע ידיעות געפינען מיר אין דער פרעסע און אין אַנדערע מאַטעריאַלן. אין פאַריקן יאָר־הונדערט זענען ביי יידן געווען פריע חתונות און משפחות האָבן געציילט אַ סך קינדער און ווי ס׳מערקן אָן פאַרשידענע קוועלן האָבן פיל פאַרשפרייטע קראַנקייטן און אַפילו עפּידעמישע, ווינציקער געבראַכט טויטפאַלן ביי יידן, ביי וועלכע ס׳איז אָפּגעהיט געוואָרן טהרות אין משפחה־לעבן און אין שטייגער.

די פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די קליינע שטעט־לעך איז געקומען איבערהויפּט פון די מיגראַציע־פּראָצעסן (איבערוואַנדערונג אין די גרעסערע שטעט) און עמיגראַציע (אין אַנדערע לענדער, איבערהויפּט קיין אַמעריקע). דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַריינגעריסן אין פּוילישן דאָרף און

ייִדן זענען אַרייַנגעדרונגען אין די דאָרפישע געגנטן אַלס אָנגעשטעלטע אין דער צוקער־פּראָדוקציע, וואַלד, לעדער, מילכפּאַכט, פּיהאַנדל און אַנד.

יענע יאָרהונדערטער האָט שוין איינגעשלונגען די אייביקייט. יענץ שטעטל מאַקאָוו וועט זיך מער נישט איבערחזרן. אָבער יענץ שטעטל מיט יענע דורות, אונדזערע מאַמעס, טאַטעס, באָבעס, זיידעס, אור־אורעלטערן באַווייזט אונדז דעם כוח פון אונדזער פאָלק זיך אַרייַנצושניידן ווי אַ זעלבשטענדיקער קיבוץ אין אַ פרעמדער סביבה. נישט נאָר צו ווערן דורך איר באַווירקט, נאָר אויך זי צו באַווירקן. דאָס ייִדישע שטעטל האָט געשאַפן דעם כוח פון אויסדויער ביי אונדזער עם קשה עורף.

וועלדער און וועלדלעך, תבואה־פעלדער, קאַרטאָפל און בוראַקעס, לאָנקעס פון פּאַשע. עס שניידן דורך שאָסייען און דאָרפישע שליאַכן פון די שכנותדיקע שטעטלעך פּראָשניץ, רוזשאַן, קראַסנאָשילץ, טשיעכאַנאָוו און פון דער גרעסערער שטאָט פּולטוסק און קומען זיך צונויף אין מאַקאָוו ביים טייך אָרזשעץ. פון לינקס דעם אַרייַנקום אין שטעטל — דער וואַלד, פון רעכטס — לאָנקעס. האַרט ביי די ברעגן פון אָרזשעץ וואַקסן ווערבעס און פאַרשיידענע געוויקסן. ייִדן אַקערן נישט און זייען נישט (נאָר אַ קליין שטיקל פעלד אויף מצה שמורה). ייִדן פיטערן נישט קיין פי (אחוץ עטלעכע בעלי־עגלהשע פערד, געפּענטעטע, זיי זאָלן נישט פאַרקריכן צו ווייט...). פון די אָרזשעץ־ברעגן נעמען ייִדן גרינס אויף שבועות. הושענות און סכך אויף סוכות און אין אָרזשעץ וואַרפן ייִדן ראש השנה אַריין די עבירות... און שעפּן „מים שלנו” צו באַקן מצות אויף פסח.

די צייט וועגן וועלכער איך דערצייל — דאָס זענען די ערשטע צוויי יאָר־צענדליק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — די צוואַנציק יאָר וועלכע איך האָב אָפּגעלעבט אין מאַקאָוו.

חיונה און פרנסות

אין שטעטל: צוויי מילן, צוויי גאַרבאַרניעס, צוויי ציגעלניעס, אַ סאָרטאַק, שניידער־ און שוסטער־וואַרשטאַטן (מיט און אָן געזעלן), צוויי־דריי גרויסע בעקערייען, זייגערמאַכערס, קירזשנערס, קנעפּלמאַכערס, צוויי שמידן, צוויי סטעלמאַכערס, אַ ליכטציער, אַ פּעלצנמאַכער, אַ שערער און אַ פּריזירעריי, אַן אַפּטייק, אַ דרוקעריי, אַ פאָטאָגראַפיע, צוויי מאַנגלען פון וועש, צוויי־דריי מאַליאַרעס, אַן אייזקעלער, עטלעכע בעלי־עגלה׳ס פישער, קצבים, סאָד־האַלטער, צוויי מילך־פּאַכטערס, אַ זאַמדפירער, אַ וואַסערטרעגער, קליינע שפּייז־געוועלבלעך, גרויסע קראָמען פון שניט־סחורה, שוכוואַרג, אייזן, באַקאַליי און גאַלאַנטעריי.

פון כלי קודש: אַ ציצהמאַכער, אַ מוכר ספרים, צוויי סופרים. אַ שוחט אָדער חזן־שוחט. אַ שמש. אַ רב. צוויי דיינים. אַ משגיח, אַ ראש ישיבה און פשוטע מלמדים. מצבה־קריצער.

די קהלה האָט פאַרמאָגט איין שול. צוויי בתי־מדרשים, נוסח אַשכנז. צוויי בית־עלמינס (אַן אַלטן און אַ נייעם), אַ מקוה (אָפּגעגעבן אין אָרענדע), אַ תלמוד־תורה און אַ ישיבה־קטנה וואָס האָט זיך אויסגעהאַלטן אויף געזאַמלטע געלטער אין אַנדערע קהלות דורך משולחים. זי האָט זיך גערעכנט אַ חלק פון דער באַרימטער לאָמזשער ישיבה גדולה. מאַקאָווער קהלה האָט אָבער געהאַט דעם עול של תורה צו שאַפן „טעג" און „סטאַנציעס" פאַר אָרעמע בחורימלעך וואָס זענען געקומען פון אַנדערע שטעט.

ס'רוב גאַסן אין שטעטל אויסברוקירטע מיט שטיינער. קיין טראָטואַרן זענען נישטאָ. נעבן די הייזער שמאָלע פאַסן, זומערצייט פאַרוואַקסענע מיט געדיכטן גראָז. די הייזער — ציגעלנע און הילצערנע איינשטאָקיקע און צווייַשטאָקיקע. זעלטן זעט מען אַ בוים.

זיעלאָני רינעק

אונדזער גאַס איז געווען די סאַמע קהלשע אין דער שטאָט. פון אונדזער גאַס האָט געשטראַמט אין אַלע גאַסן אַריין קדושה. זי איז געווען די נשמה יתירה פון יידישן מאַקאָוו. אַהער איז מען געקומען נאָך עולם הבא. דאָ איז געשטאַנען די גרויסע שול, דער אַלטער בית־מדרש און דער נייער בית־מדרש, דאָס אַלעקסאַנדערער חסידים־שטיבל. אויפן צווייטן שטאָק איבער אַלעקסאַנדערער שטיבל האָט געוווינט דער רב. ווייטער אין אַ הילצערנעם הויז האָט געוווינט ר' שמואל יוסף דער דיין. איבערן נייעם בית המדרש אויפן צווייטן שטאָק — דער צווייטער דיין ר' מאָטעלע ניימאַן.

אין דעם ווינקל צווישן שול און בית־מדרש האָט מען געשטעלט חופות. דאָ האָט מען אויך מספיד געווען לומדי־תורה און עושי־צדקה. פאַרבייגייענדיק, ווען מען האָט דערהערט אַ „ברכו", אַ „קדושה", האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אַריינצוכאַפּן אַ מצווה, זאָגן אָמן. נאָך מעריב האָבן יידן אין ליכטיקע נעכט געכאַפּט די לבנה און זי מקדש געווען.

אַלע הייזער אויפן זיעלאָני רינעק, פון פּראַשניצער גאַס ביזן טייך האָבן אויסגעזען ווי באַהעפטע צו דער קדושה. דורך פענצטער, טירן און שוואַכע דינע ווענט האָט דורכגעדרינגען דאָס געשריי צו גאָט, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן פון באַגינענדיקן תהלים ביזן האַלבנאַכט־חצות.

אין די צוויי בתי מדרשים האָבן זיך יידן אויסגעטענהט מיט גאָט ווי מיט אַן אייגענעם. די חברה תהלים האָט אים אויפגעוועקט גאַנץ פרי, באַגינען און

דריי מאָל אין טאָג (שחרית, מנחה ומעריב), האָט דער רחום וחנון אויסגעהערט די שבחים און טענות. בין מנחה ומעריב האָט אַ מאָל געזאָגט אַ מגיד אַ בעל־דרשן. שפּעט ביינאַכט זענען ביי די אַלטע לאַנגע טישן,ביים שיין פון חלבנע ליכט און נאַפטלאָמפּן געזעסן אַלטע יידן און יונגע חתן־בחורים געשאָקלט זיך איבער אַלטע גמרא־בלעטער, פאַרשמעקטע מיט טאַבאַק און שוויס, ס׳האָט זיך נאָך דעמאָלט געהערט דער גמרא־ניגון אויף פאַרשיידענע קולות, אַלטע, הייזע־ריקלעכע און יונגע, קוויטשיקע, וואָס האָט נישט געלאָזט צורו דאָס ביסל בעלי־מלאכות (שוסטערס, שטעפּערס) אין די זייטיקע געסלעך. דער קול־התורה אין די שפּעטע נאַכטשעהען ווען זיי האָבן געטריבן פון זיך דעם שלאָף האָט זיי דערמאָנט אין אַן עולם הבא אין דער צייט ווען מען מוז האָרעווען פאַר אַ פּיצל עולם הזה אין זייער געמאַטערט לעבן.

אין מיטן דער שטילסטער שעה בייטאָג אָדער ביינאַכט האָט מען געקענט דערהערן אַ גוואַלדגעשריי פון אַ יידענע, וואָס איז געלאָפן אין אַ בית־מדרש „איינרייסן״ פאַר אַ חולה־מסוכן, אָדער פאַר אַ געווינערין ביי אַ „שווער האָבן״. אין אַ דאָנערשטיק, אָדער אַ פרייטיק פלעגט מען אָפט זען אַן אָרעמע יידענע מיט אַ טעלערל גיין צום רב אָדער צום דיין מיט אַ שאלה וועגן אַ בלוטסטראָפּן אין איי, וואָס זי האָט צעקלאַפּט צו שמירן די חלות אָדער צו אַריינהאַקן אין די פיש.

אונדזער גאַס האָט געוויינט ראש השנה, יום כיפור, תשעה־באב געזאָגט קינות, האָט געפּרייט זיך שמחת־תורה, „געהוליעט״ פּורים און ווען מען האָט געפירט חתן־כלה צו דער חופּה. גלייך ווי מ׳האָט דערהערט די כלי־זמרים שפּילן האָט מען זיך צוגעאיילט און אָנגעשטעלט אויף די פענצטער אָנגעצונדענע ליכט און לאָמפּן. אין געהויבענע שבתים און ימים טובים, אָדער צום „באַשיטן״ אַ חתן זענען צוזאַמען מיט די שענסטע בעלי־בתים געקומען זייערע ווייבער אויסגעצירטע און אויסגעפּוצטע „אין עסיק און אין האָניק״.

אין אָסיענדיקע נעכט, פאַרן שטעלן זיך צום פריזיוו זענען פריזיוניקעס נישט געשלאָפן, זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין די בתי מדרשים ביי אונדז אין גאַס און גרופּעסווייז פון דאַנען אָוועקגעמאַרשירט אין אַנדערע גאַסן אַריין אָפּטאָן פאַר־שיידענע „שטיקלעך״; ערגעץ־ווו האָבן זיי געהאַקט שויבן, אָפּגעבונדן ציגן, געעפנט שטייגן, אַרויסגעלאָזט מיט אַ געפּילדער די צעשראָקענע עופות. זיך פאַרשטעלט פאַר מתים, געוועקט פון שלאָף יונגע פאַרפעלקער, אָפּגעשפּילט אונטער די פענצטער אַ קאַצניאַמער...

ביי לויות פלעגן חדר־קינדער פאַרבייגיין אונדזער גאַס און הויך אויפן קול זאָגן תהלים. איין מאָל בין איך אויך געווען צווישן די תהלים־זאָגער.

די אַלעקסאַנדערער חסידים פלעגן זיך אָפט משמח זיין מיט אַ ריקודל און מיט אַ זמרל אין זייער שטיבל. אַ גרויסע שמחה האָבן זיי געמאַכט ווען קיין

מאַקאָוו איז געקומען צו פאָרן דער אַלעקסאַנדערער רבי (1912 אָדער 1913). כמעט די גאַנצע שטאָט האָט געוואָלט האָבן די זכיה מיט די אייגענע אויגן צו זען דעם צדיק. חסידים פון אַנדערע שטעטלעך (גערער, אַמשינאָווער, ראַדזי־מינער), באַהאַלטנדיק די קנאה האָבן זיך אויך אָנגעגומען אין „ראָד" און אין „רעדלעך" אויפן סאַמע מיטן גאַס לעבן אונדזער שטוב. דאָס איז געווען, דאַכט זיך, אַ יאָר פאַר מיין בר־מצוה און איך, אַ קליין חסידל, האָב זיך געהאַלטן פעסט מיט מיין הענטל פאַר מיין טאַטנס גאַרטל, ווען ער איז געגאַנגען מיט די חסידים אין אַ פלאַקערדיקן ריקוד, און איך האָב מיטגעזונגען און מיטגעטאַנצט.

איך האָב דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז אונדזער שטוב איז געווען אַ מאָל אַ מתנגדישע פעסטונג. פון דאַנען האָט מיין עלטער־עלטערזיידע, דער מאַקאָווער מגיד ר׳ דוד, געשיקט זיינע גיפטיקע פיילן קעגן די חסידים און ער וואָלט אונדז געוויס געלייגט אין חרם פאַר אונדזער טאַנץ אַרום דעם חסידישן אָפּגאָט.

די שול

אַ קאַלטע, מיט מתנגדישן שטאָלץ האָט אויסגעזען די גרויסע שול אויף אונדזער גאַס. דער אַלטער הויכער בנין מיט דיקע ווענט, מיט קאַלירטע שויבן אין די הויכע פענצטער האָט געקוקט מיט גרויס זעלבסט־חשיבות פון אויבן אַראָפּ אויף די דעכלעך פון די הייזלעך צו די גאַסן, פראַנציסקאַנער, בוזשניטשנע און זיעלאָני רינעק. אין די געסלעך האָט מען אין שפּעטע פינצטערע נאַכט־שעהען מורא געהאַט פאַרבייצוגיין. מען האָט געגלויבט, אַז נאָך האַלבער נאַכט קומען די מתים לייענען די תורה און וועמען מען „רופט אויף" דער שטאַרבט אין דעם יאָר. דאָס, האָט מען דערציילט, האָט געטראָפן מיט יודל חברה־שמש. די שול איז געווען אַ הייליקע אָבער נישט קיין היימישע. נישט קיין צוגעלאָ־זענע. אַ גרויסן עולם האָט מען דאָ געקענט זען אין געהויבענע שבתים און ימים־טובים (ווי שבת־תשובה, שבת־הגדול, שלוש־רגלים און יום־כיפּור).

אין פּאָליש איז נאָך געווען אַ זכר פון דער אַמאָליקער „קינע", אַ ווינקל מיט אַן אייזערנער רייף. אפשר האָט מען דאָ אַמאָל אַנידערגעשטעלט אַן איינ־געריפטן בעל־עבירהניק. דאָ איז איצט געשטאַנען אַ צונויפגעלייגטע די חופּה. אונטער איר זענען געשטאַנען פּיל־פּיל פּאָרלעך, וועלכע זענען געוואָרן טאַטעס־מאַמעס, באָבעס־זיידעס פון מאַקאָווער דורות.

פון ביידע זייטן פּאָליש זענען געווען בעל־מלאכהשע קלויזן און חברות.

אינעווייניק, אין שול, אויפן הויכן רונדן סופיט איז געווען אויסגעמאָלט אַ בלויער הימל מיט זילבערנע שטערן און מלאכים מיט שנייווייסע צעשפּרייטע פליגלען. אויף די ראַנדן ביים סאַמע סופיט, איבער די פענצטער — אויסגעמאָ־

לענע פורפורנע פרוכתן מיט אראפהענגענדיקע רויט־גאלדענע פראנזן. אין סאמע מיטן פון דער מזרח־וואנט — א הויכער, באזילבערטער ארון־קודש. ביי די זייטן, געשניצטע באגילדעטע כלי־נגינה (חצוצרות, פלייטן, טרומפייטן, פידלען, הארפעס, צימבלען), אויף וועלכע די לוויים האבן געשפילט אין בית־המקדש. איבערן ארון־קודש האבן צוויי לייבן געהאלטן ווייסע מירמלנע לוחות הברית מיט די עשרת־הדברות.

מיר מאקאווער, זענען שוין צוגעווינט געווען צו אונדזער שול, צו איר שיינקייט און פראכט. אונדזער רייך געבויטע שול איז אבער געווען א ווונ־דערלעכע גבורה פון דער אָרעמער מאקאווע, וועלכע האט קוים געהאט צו זעט א קארטאפל מיט א הערינג.

אנטקעגן דער מזרח־וואנט — א הויכע גאלעריע, און „גאלוועקעס" (גע־דענקטעג פון קיסרס הויזגעזינד) האט מען אהער ארויפגעפירט קינדער פון דער „שקאלע". זיי האבן געזונגען „באזשע צאריא כראני". מיר, חדר־יינגלעך, אונטן, האבן זיך געברוגזט אויף די „גימנאזיסטן", וואס זיי זינגען אויף גויש אין א מקום־קדוש.

אמת, די גאנצע תפילה אין א „גאלוועקע" איז געווען א גוישע. דער רב האט זיך אנגעטאן א טלית און געזאגט „הנותן תשועה" און דערמאנט די גוישע קיסרישע נעמען. דער פריסטאוו און דער זיעמסקי נאטשאלניק זענען געשטא־נען אויסגעצויגן און געהאלטן „פאדקאזיראק", אפגעגעבן גוישן „טשעסט".

דא אין דער שול, האט דער רב באשווירן די פריזיוניקעס, וואס אויף זייער גורל איז אויסגעפאלן „גאדיען": ביי דער צערעמאניע איז בייגעווען דער וואינסקי נאטשאלניק מיט סאלדאטן. גלייך נאך דער שבועה האבן די סאלדאטן צוגענומען די „נאוואבראנצעס". מאמעס, שוועסטערס און כלות האבן באגלייט מיט יללות...

שבת־הגדול און שבת־תשובה האט אונדזער רב געהאלטן דרשות אין דער שול פאר א גרויסן עולם. ווייבער האבן אויסגעהערט די דרשות פון דער ווייבערשער שול.

איין מאל אין א שבת־תשובה בין איך מיט מיין חבר ישראל גרשון פרענ־קעל געשטאנען און אויסגעהערט אזא דרשה. דער רב האט אונדז גוט געקענט. מיר האבן דעמאלט אויסגעהאלטן אן אטאקע פון אונדזער רב ר׳ ישראל־ניסן קופערשטאק. ער האט זיך אפגעשטעלט לעבן אונדז ווען ער איז ארומגעגאנגען מיט א ספר־תורה ארום בעלעמער און כמעט ווי צו אונדז גערעדט, אז מיר זאלן חוזר בתשובה־זיין... (ער האט אונדז נאך נישט געהאלטן פאר „פארפא־לענע").

דאָ הינטער די דיקע שולוועגט, האָבן זיך יידן באַהאַלטן אין אַ שבתדיקן זומערטאָג אין 1915, ווען די דייטשן האָבן באַשאָסן אונדזער שטעטל.

דאָ האָט געפּרעדיקט אין יענעם יאָר אַ דייטשישער פעלדראַבינער.

דאָ האָט שפּעטער שיין גערעדט הרב ד״ר מילייקאָווסקי, ווען ער איז געקומען אין מאָקאָוו גרינדן דעם „מזרחי״.

דאָ האָט געדאַוונט אַ מערב דער באַרימטער סיראָטאָ.

דאָס אַלטע בית־מדרש

דאָס אַלטע בית־מדרש איז געווען אַן איינשטאָקיקער מאַסיווער בנין מיט דיקע ווענט, אין דריי זייטן מיט ברייטע הויכע פענצטער. דער אַריינגאַנג פון „זיעלאָני רינעק״ איז געווען אויף עטלעכע טרעפּלעך צונויפגעלייגטע פון פּראָסטע שטיינער. באַלד אין פּאָדערהויז, דער גאָרן צום בוידעם. אונטערן גאָרן — אַ ווינקל מיט ברעטלעך פאַרשלאָגן, אַהין אַריינצוואַרפן „שמות״.

אַ שווערע מאַסיווע טיר האָט זיך געעפנט אין בית המדרש אַריין. רעכטס איז געשטאַנען דער „כיור״ — דער קופּערנער האַנטפאַס צו וואַשן די הענט, לינקס — אַ גרויסער אויוון. אין ווינקל גלייך ביים אַריינגאַנג פלעגט אָפט שטיין דער מוכר־ספרים.

ביי דעם מוכר־ספרים האָט מען מיר איין מאָל געקויפט אַן אַלף־בית אויף אַ טאָוול. גאַנץ פרי האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און איך פלעג אַריינקריכן דורכן פענצטערל צו די „שמות״ און אַרויסקלייבן בלעטלעך פון פאַרשיידענע מעשה־ביכלעך. מען האָט געזאָגט, אַז די שמות איז מען מקבר אויפן אַלטן בית־עולם. ס׳איז מיר אַ שאָד געווען יעדע לעבעדיקע שורה.

ערב־פּסח, אין 1915, האָבן אונטערן דאַך פון אַלטן בית־מדרש געפונען אַ צייטווייליקע היים פיל פּראַשניצער יידישע משפחות וואָס די צאַרישע מיליטערישע אַדמיניסטראַציע האָט אַרויסגעטריבן „אויף גאָטס באַראָט״...

דאָ אינעם אַלטן בית־מדרש האָב איך ערב ראש־השנה תרע״ג, אַ חודש פאַר מיין בר־מצוה צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן תפילין. דאָ האָב איך אומזיסט פאַרגאָסן ביטערע טרערן, אויסגעוויינט גאַנץ תהלים פאַרן רחום וחנון, געבעטן פאַר מיין מאַמעס לעבן. אָבער די שערי־רחמים האָט פאַרשלאָסן דער אל קנא ונוקם. צו וואָס האָט ער געדאַרפט צונעמען ביי מיר מיין מאַמע? דאָ האָב איך זיך געזעגנט מיט אביי ורבא, פאַרמאַכט דאָס סידורל, גענומען מיט זיך די אמונה און אַוועק אין קאַמף...

נאָוועמבער 1918, אויף אַ מיטינג אין אַלטן בית־מדרש האָט אַ יונגער פּועלי־ציוניסט „אַריינגעזאָגט״ דעם מרא דאתרא אונדזער רב ר׳ ישראל ניסן קופּער־

שטאָק ער זאָל זיך נישט מישן אין פּאָליטיק ווייל „השמים, שמים לה׳ והארץ נתן לבני־אָדם״...

אין אַלטן בית־מדרש האָב איך דערנאָך אָרגאַניזירט יוגנט מיט נייער יידיש־קייט...

משה „בובעלעס״ שטוב



מיין טאַטע

משה „בובעלעס״, דאָס איז געווען מיין טאַטע. דאָס צונעמעניש האָט ער געקריגן נאָך קינדווייז, ווען ער האָט נישט געקענט אַרויסזאָגן זיין פאַמיליע־נאָמען „בלום״ און געמאַכט דערפון „בובעלע״.

אונדזער הויז איז געווען דער באָבע סימעס. ס׳איז געווען אַ באַמויערטער, שוין געבויגענער זקן. איין וואַנט האָט מען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פּאָדפּאַרקע

און איין באַלקאָן האָט מען פאַרלאַטעט. ס׳איז געווען אַ שטוב (די סאַלע), אַן אַלקער און אַ קיכשטיבל.

דער באָבע סימען איז דאָס הויז געבליבן בירושה פון מיין זיידן רפאל גערליץ. מיין זיידן רפאל איז דאָס הויז געבליבן בירושה נאָך דעם באַרימטן מאָקאָווער מגיד ר׳ דויד. פון וועלכן מיין זיידע רפאל האָט געצויגן אַ יחוס־קייטעלע. אַזוי אַרום קען איך זיך מתיחס זיין צו די צאצאים פון ר׳ דוד דעם מגיד פון מאָקאָוו און איך האָב זיך דערצויגן אין זעלביקן הויז, ווו ער האָט גע־ווינט און געשריבן זיינע פאַמפלעטן קעגן די חסידים. איך בין געזעסן אין זיין פאָטעל, אַ פאָטערשטול אויף רעדלעך.

אין שטוב האָט די באָבע סימע געהאַלטן אַ היימיש „שענקל״ בלא יודעים, די סטראַזשניקעס זאָלן נישט וויסן. אַ צייט שפּעטער האָבן אין דער אַמאָליקער מתנגדישער שטוב״ געדאַוונט די ראַדזימינער חסידים. אין דער „שטוב״ האָט מען געמאַכט אַ „פאַרשפּיל״, אַ חתונה, מיין בר־מצוה־סעודה, דאָ האָט דער טאַטע געלייענט פאַר ווייבער פורים די מגילת אסתר און תשע־באב געזאָגט „איכה״.

אין אַלקער האָט מען געמאַכט די „קלינקעס״. ס׳איז געווען דער אויוון. פריי־טיק האָבן ווייבער געשטעלט ביי אונדז טשאָלנט, ס׳איז געווען די מצה־בעקעריי, שפּעטער אויך אַ ברויטבעקעריי.

דאָס קיכשטיבל איז געווען אַ מין שלאָפצימער. דאָ איז געווען איינגעמויערט אַ קעסל צו וואַרעמען וואַסער. אויף שבת האָט מען פאַרשיט די רויטע גליענדיקע קוילן מיט ברוינעם זאַמד, האָט געהאַלטן די היץ. שבת האָבן מיר און די שכנים אַרום, זיך מחיה געווען מיט אַ הייסער גלאָז טיי.

אין קיכשטיבל בין איך געשלאָפן מיט מיינע שוועסטערלעך (הינדע און זיסע לאה). מיר פלעגן איבערציען די דעקעס איבער די קעפּ און מאַכן פון זיי וואָס מיר האָבן געוואָלט: אַ הייל מיט גזלנים, פּאַלאַצן פון גינגאָלד.

דאָס איין־און־איינציקע פענצטער אין קיכשטיבל איז אַרויסגעגאַנגען אין דער „שטשאַנקע״ אַריין, דער שמאָלער שפּאַלט וואָס האָט אָפּגעטיילט אונדזער הויז פון דעם שכנותדיקן.ביידע דעכער האָבן זיך אָנגערירט איינער מיט דעם צווייטן, און צווישן די הייזער האָט געקענט זיך דורכשטופּן נאָר אַ קינד. איז די „שטשאַנקע״ געוואָרן אונדזער קינדערשע מלוכה, אונדזער וועלט, ווו עס האָבן די עלטערע נישט געהאַט קיין צוטריט. דער שמאָלער פינצטערער שפּאַלט מיט אַ העלן פּעדעמל הימל איבער די קעפּ איז געווען פאַר אונדז אַ סודותדיקער קוואַל פון אומבאַגרענעצטע קינדערשע פאַנטאַזיעס...

אונדזער שטוב האָט געהאַט אַ פאָדערצימער. מ׳האָט עס גערופן „דאָס הויז״. דאָ איז געווען אַ קיכקאַמער אָן אַ פענצטער, אָן אַ פּולעפּ, פון ביידע זייטן ווענט איז געגאַנגען אַ רויך. די קאַמער איז געווען אונטן ברייט און אויבן שמאָל.

אויפֿן סאַמע שפּיץ האָט מען געזען אַ פּירקאַנטיק שטיקל הימל. פֿון די ווענט־לעכער איז געגאַנגען דער רויך אַרויס צום אָפֿענעם הימל. דאָ צווישן די פֿאַר־רויכערטע פֿאַרסאַזשעטע ווענט פֿלעגט מען האָדעווען אַ צוויי־דריי קאַטשקעס, אַ גאַנדז מיט אַ גאָנער. זיי האָבן אונדז געגעבן שמאַלץ אויף פּסח, גריוון אויף חנוכּה און פֿעדערן אויף קישנס...

אין פֿאָדערהויז איז געשטאַנען אַ גאָרן. זײַנע טרעפּ האָבן געקרעכצט פֿון אַלטקייט. אויף זיי זענען מיר געגאַנגען שטיל, זיי זאָלן נישט סקריפּען, מען זאָל נישט הערן. די טרעפּ האָבן געפֿירט אויפֿן בוידעם.

אויפֿן בוידעם האָבן מיר געהאַט אַ סך עסקים. קליינערהייט האָבן מיר גע־האַט אַ פֿערדל. מײַן עלטערער ברודער רפֿאל־הירש האָט עס געבראַכט פֿון עפּעס אַ קאַרוסעליע, אַ פֿערדל מיט אַן אַלטער אויסגעקראַכענער פֿעל, אַ זכר פֿון אַ גריווע און פֿון אַ וויידל, דער זאָטל מיט אַ צעבראָכענער שפּרינגפֿעדער, די פּיס אויף אַ ברעטל מיט רעדלעך, אַ ציימל מיט אַ פּאָר לייצעס אויף דעם פֿערדל ביזן „גרויען עלטער", ווען כ'האָב שוין געלייענט חומש מיט רש"י. מײַנע שוועס־טערלעך, ווען זיי האָבן שוין געקענט סידור. צו זעקס יאָר ווען איך האָב שוין אָנגעהויבן צו „ווערן אַ ייִד" און ס'איז שוין נישט געווען שיין צו שפּילן זיך מיט מיידעלעך אויפֿן בוידעם, בין איך געריטן בגנבֿה. שפּעטער, שוין אַ גמרא־ייִנגל, האָב איך צוזאַמען מיט מײַן ברודער פּייוול געהאָדעוועט טויבן.. מיטן מויל, וואָס האָט געלערנט תּורה האָב איך גענומען די קליינע שנעבעלעך פֿון די פּיצעלעך טייבעלעך און אַרײַנגעלייגט זיי מיטן צונג אין די מײַלעכלעך ברויט־ברעקלעך...

אויפֿן בוידעם האָט די מאַמע מיט מײַנע שוועסטערלעך געהאַנגען וועש. דאָס האָט אונדז קליינוואַרג נישט אינטערעסירט. זומער האָט מען פֿאַרשפּרייט אַ ראָ־גאָזשע און אויסגעשיט אַ זעקל לענגאַלקעס, קליינע באַרעלעך זיי זאָלן „דער־גיין", ווערן שוואַרץ און ווייך. זיי האָבן געדאַרפֿט אויסליגן, ווערן ווייך און זיס ווי האָניק. מיר קליינוואַרג האָבן געמאַכט „שהחיינו", ווען זיי זענען נאָך געווען גרין און האַרט... אַ מאָל איז דאָס געווען אַ מיטל צו בויכווייטיק, כּדי נישט צו גיין אַ טאָג אין חדר...

אויפֿן בוידעם האָב איך, שוין אַ בר־מצווה־ייִנגל , געפֿונען צוויי פּנקסים פֿון אַמאָליקע שטעטלשע חבֿרות. מיט באַשריבענע שרפֿות און מגפֿות. ס'איז גע־ווען געכתיבֿעט מיט אַ סופֿרישן כּתבֿ. איך האָב זייער מקנא געווען דעם סופֿר און געשוווירן בײַ זיך אין האַרצן צו זײַן אַ סופֿר און שרײַבן אַ פּנקס.

אויף געלע פּאַרמעט־בלעטער פֿונעם פּנקס זענען געווען פֿאַרשריבן תּקנות פֿון אַ חבֿרה תּהלים. איך האָב שפּעטער לויטן מוסטער פֿון די „תּקנות" אָנגע־שריבן אַ סטאַטוס פֿון אַן אומפּאַרטייִשער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפֿן

געוואָרן נאָך דער ישיבה צווישן די גמרא־לערנער אין בית המדרש. דער סטאַטוס איז געווען אָנגעשריבן אויף גראָבן פּאַרמעט־פּאַפּיר פונעם אַלטן פּנקס.

סיי דער פּנקס און סיי די דורות, וואָס האָבן אין אים געשריבן זענען שוין איצט אויפן עולם האמת און איך, דער שרייבער, וואָס האָט זוכה געווען אַרייג־צושרייבן עטלעכע בלעטער, בין שוין אויך ביי זיין שוועל...

מיין מאַמע אסתר יוכבד

מיין מאַמע איז געווען אַ בת תורה. זי פלעגט „פּירזאָגן" פאַר די ווייבער אין „עזרת נשים" אין דער ווייבערישער שול. זי איז געווען אַ מתנגדישע טאָכטער, פרום, אָבער אַ חוץ איר „צאינה וראינה" געלייענט אויך וועלטלעכע יידישע לי־טעראַטור: אייזיק מאיר דיק, מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, יעקב דינעזאָן. איך האָבן קיין מאָל נישט געזען ביי איר קיין ביכל פון שמר"ן. זי האָט אין מיר איינגעפּלאַנצט די ליבשאַפט צום בוך און צו דער יידישער ליטעראַטור; אַז איך בין אַלט געוואָרן עלף יאָר און נאָך געלערנט אין ישיבה האָט זי מיך געלערנט: „וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט". איך האָב געדאַרפט יעדן טאָג לערנען אַ שטיקל „חיי אָדם". דערפאַר האָט זי מיר איינגעשאַפט יעדן טאָג דעם בלאַט „דער מאָמענט" און געבראַכט מיר פון אַ פּריוואַטער ביבליאָטעק יידישע ביכער. דער טאַטע האָט אַפילו געקוקט קרום אויף אַזאַ „ביטול תורה", אָבער די מאַמע האָט געזאָגט, אַז „מען קען אַ קינד נישט פאַרמאַכן די אויגן, אַז אַ גוט ביכל פּירט נישט צו קיין שלעכטס"...

זי איז געווען צווישן די ווייניקע מיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען צו אַ רביצן לערנען „אַלף־בית" און „סידור" און פון די געציילטע אין איר צייט, וואָס האָבן זיך געלערנט אין אַ „שקאָלע". טאַטע־מאַמע האָבן זי דערצויגן „צו גאָט און צו לייט"...

די מאַמע האָט אונדז, קינדער, דערציילט ווי זי איז געוואָרן דעם טאַטנס כלה. זי איז דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין פערצן יאָר. אין טאָג פון די תנאים האָט מען זי אָפּגענומען פון שקאָלע פריער ווי אַלע טאָג. אויף צו מאָרגנס נאָך די תנאים האָבן שוין אַלע מיידלעך געוווּסט און מען האָט זי גענומען רופן „די כלה"... זי האָט זיך שטאַרק געשעמט פאַר די מיידלעך. אַמאָל, נאָך פּיצלעך קינדער פון איין גאַס האָט זי מיטן טאַטע זיך געשפּילט „אין זאַמד", איצט איז שוין משה „בובעלעס" דאָס קליינע ייִנגעלע געווען איר חתן און זי האָט זיך געהיט מיט אים צו טרעפן אין גאַס, מען זאָל זיי נישט נאָכשרייען „חתן־כלה". צוויי יאָר האָט געדויערט פון די תנאים ביז דער חתונה. דער חתן פלעגט קומען נאָר איין מאָל אין אַ יום־טוב. האָט מען זי דעמאָלט אויסגעפּוצט, זי האָט מיט

גרויס האַרצקלאַפּעניש געוואָרט אויף אים און אַז ער איז געקומען האָט זי נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן.

די מאַמע האָט ליב געהאַט צו דערציילן פון אירע מיידלשע יאָרן, פון „איר צייט". איך געדענק: זי האָט אַ מאָל אַרויסגענומען פון שאַפע און באַוויזן מיינע שוועסטער אַ שטיקל זילבער־בלויען זייד, וואָס איז געבליבן פון איר חופּה־קלייד... מיין קלייניקע, יינגסטע שוועסטערל, פיילע־פריידעלע, האָט אויסגע־שטרעקט איר הענטל און מיט אַ פינגער געפּרוּווט אַראָפּרייסן פונעם זייד אַן איינגעהעפט בלימעלע... מיין יינגסטע שוועסטערל האָט לאַנג געדענקט און געחלומט וועגן דעם בלימעלע פון דער מאַמעס חופּה־קלייד. איך האָב פון אַזאַ שיינעם זייד געזען אַ פּרוכת וואָס האָט פאַרהאַנגען אַן אָרון־קודש און אַ מענ־טעלע אויף אַ ספר־תורה. איך האָב קליינערהייט געקושט אַזאַ מענטעלע מיט אַ מגן־דוד...

איך זיץ איצט, אַ ייד, אַ בן שבעים, און איך מאַטער זיך צו דערמאָנען, ווען און ווי אַזוי איך האָב געקושט מיין מאַמען. צי האָב איך איר אָפּגעגעבן כאָטש אַ מינדסט חלק צערטלעכקייט, צי האָט זי פון מיר דערפילט עפּעס האַר־ציקייט פאַר איר גרויסער מאַמישער ליבשאַפט? אַ מאַמע דערוואַרט קיין מאָל נישט קיין פאַרגיטיקונג פון קינדער און קינדער קענען קיין מאָל נישט אומקערן אַ מאַמען דאָס לעבן, וואָס זי האָט זיי געשענקט... אָרעם און בלייך איז אויס־געקריצט אויף די לוחות איינע פון די עשרת הדברות: „כבד את אביך ואת אמך"... שטאַרקער איז די מצות עשה „ואהבת את ה׳ אלוהיך בכל לבבך ובכל נפשך". פאַרן ישיבה־בחור זיצט גאָט צו נאָענט און צו הויך. איך האָב ליב גע־האַט מער פון גאָט מיין מאַמען. זי האָט דאָס אַוודאי דערפילט. אַ מאַמע פילט דאָס האַרץ פון קינד ווי איר אייגן האַרץ...

מיין מאַמע האָט געהאַפט, אַז איך וועל זיין אַ גרויסער בן־תורה, אַז מיינע ליפּן זענען געהייליקט צו זויגן פון הייליקן קוואַל ווייל זיי האָבן זיך נישט צו־גערירט צו איר אויסגעטריקנטער ברוסט (כאָטש אַ מאַמעס ברוסט איז דאָך פון אַן אשה...). „די מאַמקע", וואָס איך האָב געזויגן האָט מיך נישט אָנגעזעטיקט, נישט מיט קיין מילך, נישט מיט קיין תורה. איך האָב זיך אַזוי צוגעוווינט צו דער „מאַמקע", אַז איך האָב אַמאָל, שוין אַ חדר־ייִנגל, זיך צוגעגנבעט צו מיין שוועסטער הינדעס וויגל און מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש אויסגעזויגן הינדעס מאַמקע. מען האָט מיך דעריבער קינדווייז גערופן „וועוועיע מאַמטעיע" (וועל־ווועלע מאַמקעלע).

מיטן זעלביקן האָט נאָך מיר געזינדיקט הינדע, נאָך איר זיסע לאה. פיילע־פריידע איז געווען די יינגסטע. ביי איר איז געבליבן „די מאַמקע" און דאָס וויגל. לאַנגע, לאַנגע יאָרן נישט געשלאָפענע נעכט, נישט גערוטע טעג, האָט

מײַן מאַמע אױסגעװיגט זעקס טעכטער און פֿינף זין. — אונטערן װיגעלע איז אַלץ געשטאַנען דאָס „גאָלדענע ציגעלע“, די מאַמע האָט אַלע מאָל אױסגע־זונגען דעם נאָמען פֿון נײַגעבױרן װיגלקינד. „אונטער הינדעלעס װיגעלע, אונ־טער זיסעלעס װיגעלע, אונטער פֿײלע־פֿרײדעלעס װיגעלע. פֿאַר אַלע קינדער האָט זי געבעטן אין איר ליד „גאָט דער גיטער זאָל זײַן דײַן היטער“. מיט אַלע קינדער האָט זי דורכגעפּאַקט, דורכגעמאָזלט, מיטגעפֿילט זײער װײטיק װען צײנדלעך האָבן זיך געשניטן... איז אַ צײנדל אַרױסגעפֿאַלן האָט מען עס געװאָר־פֿן אין העקעל און צוגעגאַנגען צום „פּיעקעלעק“ און דרײַ מאָל אױסגערופֿן: „מײַזעלע, מײַזעלע, נאַ דיר אַ בײנערנעם צאָן, גיב מיר אַן אײַזערנעם צאָן“, אַרױסגעװאָרפֿן דעם בײנערנעם צאָן אױפֿן „פּיעקעלעק“ און דערנאָך טאַקע גע־קראָגן דעם „אײַזערנעם“ צאָן. אױף צאָנװײטיק האָט מען בײַ אונדז קינדװײז װײניק געליטן, קײן זיסװאַרג האָט מען נישט אָפֿט געגעסן, קײן צוקערקעס אַ סך נישט גענאַשט... דערפֿאַר האָבן די אײַזערנע צײנדלעך געריבן אַלץ, װאָס די מאַמע האָט געשטופּט אין מויל. די רעכטע זאָרג פֿון מײַן מאַמען איז געװען די צײנדלעך זאָלן האָבן װאָס צו רײַבן און אַזױ פֿיל מײַלער אָנצושטופּן. פֿון זונ־טיק ביז פֿרײַטיק האָט די מאַמע אַזױ געדרײט זיך און אַזױ אױסגעדרײט, אַז פֿון טאַטנס גראָשנדיקע פֿאַרדינסטן זאָל זי אַ קינד אַרײַנשטופּן אין העקעל אַרײַן יעדן אין דער פֿרי אַ זעמעלע און דערצו מיט מילך. אײדער נעמען זיך צום זעמעלע האָט די מאַמע מיט די קינדער געזאָגט מודה אַני און געזאָגט ברכה: „יה, גאָט / איך האָף צו דיר און צו דײַן געבאָט / איך זאָל גוט זײַן / איך זאָל פֿרום זײַן / איך זאָל טאָן װאָס דער טאַטע הײסט, / װאָס די מאַמע הײסט, / װאָס אַלע גוטע פֿרומע לײַט הײסן טאָן / צו גוטן זאָל איך טוען / אַ ברכה און הצלחה זאָל קומען אױף מײַן קעפּעלע, אָמן סלה“...

יעדן אין דער פֿרי האָט די מאַמע געקאָכט אַ טאָפּ גריץ און אונדז באַ־טײלט. אין ערדענע שיסעלעך געהײסן בלאָזן... דערנאָך האָט גאָט געהאָלפֿן, ס׳איז געװען אַ קאַרטאָפּליע אין שטוב, זענען געװען קאַרטאָפּלענע קליאַצקעס, קאַר־טאָפּל מיט באָרשט אין דעם ערדענעם שיסעלע צוזאַמען, אױף אײן העלפֿט גע־לײגט קאַרטאָפּל, אױף דער אַנדערער העלפֿט אָנגעגאָסן באָרשט, האָט מען עס גערופֿן „אַ לאַנקע מיט אַ טײַך“. (דער טײַך איז נישט באַצײכנט אין קײן גע־אָגראַפֿיע אין דער װעלט). צו באַגיסן די קאַרטאָפּל האָט די מאַמע אָפֿט געמאַכט אַ פֿאַלשע יויך. דאָס הײסט אַ יויך, מיט אַלע שאר ירקות אַ חוץ פֿלײש. מיר קינדער זענען נישט געװען קײן גרױסע איבערקלײַבער, אַלץ װאָס די מאַמע האָט געגעבן איז געװען באַטעמט און געשמאַק. מיר זענען ס׳רוב געװען „פּאַרעװע“, נישט מילכיק, נישט פֿליישיק. אַ מאָל אין אַ ראש־חודש פֿלעגט די מאַמע מאַכן אַ פֿלײשיקן מיטיק פֿון לונג, לעבער, פֿון אַ „טשעפּטשעק“ וכדומה „דראָביאַזג“

(דרויב). די וואָך האָט מען אָפּגעשטופּט ווי עס איז דערפאַר שבת האָט מען זיך געקוויקט מיט אַ פליישיקער יויך מיט אַ טשאָלנט און קוגל... די מאַמע האָט אַ מאָל אין דער וואָכן געמאַכט אַ פליישיקן מיטיק לכבוד דעם פעטער זישע פון קראַסנאַשילץ. ביי אונדז האָט ער געשמט ווי אַ גאָר חשובער און רייכער פעטער. אין קראַסנאַשילץ האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר אַ דאַזער. מיר האָט זיך קינדווייז אויסגעמאָלן אַ דאַזער ווי עפעס אַן אַנדער מין מענטש וואָס עסט אַנדערש ווי אַלע. פאַר זיין קומען האָבן די שוועסטער אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגעס, זיך געפּוצט. מיך האָט מען אַ ביסל פריער אָפּגעלאָזן פון חדר מען זאָל מיך קענען באַווייזן פאַרן פעטער זישע.

מיין מאַמע איז געוואָרן יונגערהייט אַ באָבע, און איך אַ חדר־ייִנגל בין שוין געווען אַ פעטער, אָבער נאָך נישט קיין „דאַזער".

פאַר איר קורץ לעבן האָט מיין מאַמע געפירט אונטער דער חופה בלויז צוויי טעכטער (מלכה־רחל און באַשע־שרה) און צוויי זין (רפאל־הירש און חיים). איך געדענק בלויז די חתונות פון באַשע־שרהן און חיימען. מיין ברודער חיים איז געווען אַ בונדיסט, זיין כלה — לאה, מאַטעלע דיינס טאָכטער פון ווישקאָוו, איז אויך געווען אַ בונדיסטקע. מיין טאַטע־מאַמע מיט אונדז אַלע קינדער זענען געפאָרן קיין ווישקאָוו אויף דער חתונה. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געזען מיין מאַמע, אַ שטרענג־פרומע, אַ מתנגדיש־קאַלטע עקשנטע. אַז „מיר" האָבן געבראַכט דעם חתן און מען האָט אונדז אָפּגעשפּילט, האָט די מאַמע זיך „גענומען צו דער כלה". קודם כל געפרעגט צי איר איז נישט שווער דער תענית, די מאַמע איז נישט זיכער געווען צי חתן־כלה האָבן זיך נישט אונטערגעלעגנט דאָס האַרץ ביז דער „גילדערנער יויך"... דערנאָך האָט די מאַמע געבעטן די מחותנתטע זאָל איר באַווייזן דעם שייטל. די מחותנתטע פון ווישקאָוו האָט געזאָגט, אַז איר טאָכטער וויל נישט הערן פון קיין שייטל. די מאַמע האָט צוגערופן חיימען (מיין ברודער דעם חתן) און אים געזאָגט, אַז זי וועט נישט גיין אויף אונטערפירן צו דער חופה, אויב די כלה וועט נישט האָבן קיין שייטל. צווישן די פעטערס, מומעס פון חתנס צד און כלהס צד איז געוואָרן אַ בהלה. אַלע האָבן זיך געשושקעט און געמאַכט מיט די הענט און פון דער שושקעריי איז געוואָרן אַ טומל. די מאַמע האָט זיך נישט געלאָזט איבעררייִדן. אָן אַ שייטל וועט זיין אַ חופה אָן אַ מאַמען. איך געדענק ניט ווי אַזוי די מאַמע האָט זיך איבערגעבעטן מיט דער כלה און מיט די מחותנים און געגאַנגען אויף אונטערפירן. איך געדענק אָבער גוט, אַז אַלע מחותנים און מחותנתטעס פון חתנס צד האָבן גערעדט: אסתר יוכבד האָט אויסגעפירט. מיין שוועגערין די בונדיסטקע האָט טאַקע געטראָגן די אייגענע האָר — אָבער צו דער חופה האָט מען איר געקויפט אַ שייטל.

צי קען אַ מאַמע זיין קראַנק?

אין היץ און אין קעלט, זומער און ווינטער, בייטאָג און ביינאַכט, שטענדיק איז די מאַמע געווען מיט אונדז. די מאַמע ווייסט אַלץ, די מאַמע קען אַלץ, די מאַמע ווייסט אַפילו, ווען עס טוט וויי דאָס קעפּל און לאָזט דיך נישט גיין אין חדר. די מאַמע קען אַפילו „דערלאַנגען דאָס טעלערל פון הימל". די מאַמע ווייסט נישט פון קיין רויִקער מינוט. די מאַמע קען נישט זיין קיין מאָל מיד. דער מאַ־מען טוט קיין מאָל גאָרנישט וויי...

פּלוצעם האָט די מאַמע זיך גענומען קלאָגן אויף עפּעס ווייטיקן. זי האָט זיך געראַנגלט מיט אַלע כוחות, נישט צו שרעקן די קינדער. דער טאַטע האָט אויס־געזען שוואַרצער פון קויל. אַלע קינדער פון דער גאַנצער שטאָט, אַלע חולים האָבן געקרענקט, געזונט געוואָרן און געמאַטערט זיך מיט דער הילף פון הערשל פעלדשער. הערשל פעלדשער, אַ ייד אין אַ קורצן ראָק, מיט אַ קיילעכיק־געשוירן בערדל איז אַריין אין שטוב אַ לעבעדיקער, אָוועקגעלייגט אויפן טיש זיין שטע־קעלע, אויסגעווישט די בלויע ברילן, אַרויסגעצויגן פון אַ טשעמאָדאַנטשיק מיט מכשירים אַ טרייבל און דורך אים אויסגעהערט, וואָס ביי דער מאַמען אינעווייניק טוט וויי. געווייינטלעך פלעגט הערשל פעלדשער געבן עפּעס צום שלינגען, אָדער עפּעס צו טרינקען, אָדער גאָר כאַפּן און שטעלן באַנקעס. איצט האָט הערשל פעלדשער גאָרנישט געגעבן, גאָרנישט געטאָן, נאָר גענומען זיין שטעקל, אַ שפּיל געטאָן דערמיט און געזאָגט: „מען דאַרף אַ קאָנסיליום"...

*

דער „פיזיק" — דער אַלטער דאָקטער, אַ פּאָליאַק, און דער יונגער יידישער דאָקטער זאַביעזשינסקי, טרעפן זיך זעלטן צוזאַמען. די יידן האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם יונגן דאָקטער זאַביעזשינסקי, ווען ס'איז געגאַנגען ביי אונדז אין שטאָט ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך די באַיקאָט־קאַמפּאַניע קעגן יידן. ביידע דאָק־טוירים האָבן ביי אַ שווערן חולה צווישן זיך געמאַכט שלום. זיי האָבן ביידע אויסגעהערט אינעווייניק און אויסגעקלאַפּט אויסנווייניק, און עפּעס צווישן זיך גערעדט נישט פאַרשטענדלעכע ווערטער. דער יונגער זאַביעזשינסקי האָט עפּעס געזאָגט און דער אַלטער „פיזיק" האָט צוגעשאָקלט מיטן שניי־ווייסן קאָפּ. „די מאַמע מוז גלייך פאָרן קיין וואַרשע. ביי איר איז וואַסער אין אַ זייט מיט נאָך עפּעס אין די לונגען"...

אין וואַרשע איז געווען ביי אונדז דער פעטער יצחק־מרדכי, אַ סופר. דאָס הייליקע פאַך צוזאַמען מיטן דלות האָט ער איבערגענומען פון זיידן. ס'איז נאָך געווען ביי אונדז עפּעס אַ רייכע עלטער־מומע זיסל. איך האָב זי קיין מאָל נישט

געזען. קיין שום קרובישע הילף האָבן מיר פון איר נישט געהאַט, אָבער מען האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס מיר האָבן אין דער משפחה אַ וואַרשעווער נגידותטע.

דער טאַטע האָט צונויפגעזאַמלט דאָס ביסל מזומנים, וואָס עס האָט זיך געדרייט פון דער בעקעריי. די מאַמע האָט אָוועקגעלייגט די כוחות ביים אויוון, דאַרף זי דער אויוון ראַטעווען.

אין וואַרשע איז געווען מיין שוועסטער באַשע־שרה און מיין ברודער אַברהם־זישע, האָבן זיי באַזאָרגט אַ שפּיטאָל פאַר דער מאַמען. מען האָט אויסגעצאָפּט דאָס וואַסער און ס׳איז געוואָרן אַ ביסל „בעסער״. לייגט זיך אַוועק אברהם־זישע אויף אַ טיפוס און די מאַמע ווערט גלייך „געזונט״.

„זי זינגט אים אַ לידל צום שלאָפן גיין״

„דאַנקען גאָט״. אַברהם־זישע איז אַרויס פון שפּיטאָל. מ׳האָט אים געבראַכט אויף אַ „דראָזשקע״. ס׳האָט געטריפט אַ רעגנדל פון מזל־ברכה. ס׳איז פרילינג. אַלץ שטייט אויף תחית המתים. אַלע געוויקסן זענען זיך מחיה פון יעדן טראָפּן וואַסער, וואָס זיי שלינגען.

אַברהם־זישען האָט דאָס רעגנדל דורכגענומען און זיינע שוואַכענקע ירושה־לונגען האָבן געכאַפּט אַ גאַלאָפּ־שווינדזוכט. מ׳האָט אים גלייך אַוועקגעפירט קיין אָטוואָצק אויף דאַטשע.

זיצט די מאַמע לעבן זיין בעט ווי אַ מאָל ביי זיין וויגל. קיינער האָט איר נישט געזאָגט, אָבער אַ מאַמע ווייסט, אַ מאַמע פילט — די טעג פון איר זון זענען געציילטע, זאָגט זי תהלים ביי זיך אין האַרצן — אפשר וועט גאָט זיך מרחם זיין. זי ווייסט: מען מוז מיט איר קינד ווידוי זאָגן... אָבער זי וויל אים נישט מצער זיין. זי לייענט אים פאַר פון שלום־עליכמען. זאָל ער לאַכן. מען מוז לעבן מיט געדאַנקען פון לעבן. קומט צו לויפן קיין אָטוואָצק אַברהם־זישעס כלה. לויפט צו איר אַרויס די מאַמע און זאָגט איר מיטן האַרבן וואָרט, זי זאָל חס ושלום נישט באַווייזן קיין טרער, זיך נישט קרימען, נישט זיפצן, נישט קרעכצן. לאַכן זאָל זי. פאַרזיסן אים דאָס ביסל לעבן, וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען. אויב זי וועט נאָר זען ביי איר אַ טאַשנטיכל אין דעם אַריינצוווייינען, טרייבט זי זי גלייך אַרויס. אַ כלה טאָר נישט מאַכן קיין וויינענדיקע מינע. נישט אָנשטעלן קיין „ליאַמפּע״...

אַזוי זיצט די מאַמע לעבן זיין בעט ווי אַ מאָל ביי זיין וויגל און זינגט אים אַ לידל צום שלאָפן גיין.

שבועות האָט מען געבראַכט די טעלעגראַמע פון וואַרשע מיט דער טרויעריקער בשורה, אַז אַברהם־זישע איז געשטאָרבן. דער טאַטע האָט מיט אַ וויינענ־

דיק קול אונדז אָנגעזאָגט: „אום יום־טוב טאָר מען נישט וויינען". גלייך ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער יומטובדיקער טאָג האָט זיך דער טאַטע אויסגעטאָן די שיך און זיך געזעצט שבעה. אין אַ שעה אַרום אַוועקגעפאָרן מיטן אָמניבוס קיין וואַרשע.

אַ מאַמע נישט אויף לאַנג

דער טאַטע האָט פון וואַרשע אַהיימגעבראַכט די מאַמע. גלייך ווי זי איז אַריין אין שטוב, האָט זי זיך געשטעלט אין מיטן דעם אַלקער, אַ גלעט געטאָן זיך אי־בערן בויך און געזאָגט: „קינדערלעך דאַנקט גאָט, איך בין ווייטער אַ מאַמע!" און זיך צעוויינט. מיר האָבן זי אַרומגערינגלט און צוזאַמען מיט איר געוויינט. די מאַמע האָט געהאַלדזט און געקושט יעדן באַזונדער. אַפילו מיך, שוין אַ ישיבה־בפּורל. איך האָב זיך אַ ביסל פאַרשעמט, נאָר פון דעסטוועגן מקנא געווען די קליי־נינקע פיילע־פריידע, דאָס ייִנגסטע שוועסטערל, וועמען זי לאָזט נישט אַראָפּ פונעם שויס.

דעם זעלבן זומער האָט מען געדונגען אַ דאַטשע אין גזשאַנסקער אָדער סטאַ־שאָווער וואַלד און די מאַמע האָט דאָרט געוווינט. מיר, קינדער זענען געקומען נעבטיקן מיט דער מאַמען.

איין מאָל אין אַ באַגינען האָט די מאַמע זיצנדיק אין בעט געזאָגט תהלים. אין מיטן דעם הייליקן געפּליסטער האָט זי אויסגערופן: „וועלוול בנימין!" איך בין צוגעלאָפן צו דער מאַמען. זי האָט אַרויפגעלייגט אירע דאַרע, אויסגעמאַטערטע הענט אויף מיין קאָפּ: — איך ווייס, אויף דיינע ברידער קען איך זיך נישט פאַרלאָזן, אפשר וועסטו נאָך מיר קדיש זאָגן? איך בין געוואָרן שטאַרק איבער־ראַשט, מורא געהאַט דער מאַמען קוקן אין די אויגן — אַ מאַמע קען דען שטאַרבן? אַלץ האָב איך געטאָן, די מאַמע זאָל לעבן. איך האָב אָנגעטאָן די תפילין און גע־זאָגט תהלים און אין יעדן פסוק, אין יעדן וואָרט איז געווען איין גרויס געבעט פאַר מיין מאַמעס לעבן. ער, דער אַלמעכטיקער „כל יכול" זאָל נישט צונעמען פון אונדז די מאַמע. אָבער הימלען זענען געווען פאַרשלאָסן פאַר מיין אָפּן האַרץ.

דער טאַטע האָט שטאַרק ליב געהאַט די מאַמע. ווען זי איז געלעגן אויפן טהרה־ברעט אין אונדזער שטוב וואָס איז געווען פול מיט געוויין, האָט אסתר „טערצעס", דער מאַמעס אַ חברטע, געזאָגט דעם טאַטן: „משה, זאָג עפּעס, אסתר־יוכבד האָט עס ביי דיר פאַרדינט", האָט דער טאַטע מיט אַ שטיקנדיקן קול אַרויסגעוויינט: „אשת חיל מי ימצא". דער גאַנצער אויסגעוויינטער אַלף־בית מיט פרעמדע פסוקים זענען נישט געווען געוויין פאַרן טאַטן. ער האָט צום סוף אַרויס־געזאָגט זייער צאַרט ווי קושנדיק יעדעס אות: „אסתר־יוכבד!"

די אומגערעכטיקייט און די אַכזריותדיקייט פון אַ גאָט, וואָס זיצט אין הימל, האָט מיך אַ שטויס געטאָן צו ספיקות און כפירה.

מיין טאַטע משה — אַ ברויטגעבער

האָבנדיק „אַ סך מלאכות און ווייניק ברכות", איז דעם טאַטן אָנגעקומען די פרנסה ווי קריעת ים־סוף. ער פלעג זאָגן אַז יעדן טאָג שפּאַלט זיך פאַר אים דער ים. כאָטש ער האָט געהייסן משה, איז אים נישט גרינג אָנגעקומען דאָס שפּאַלטן דעם פרנסה־ים. ער האָט זיך באַגאָסן מיט ביטערן שווייס. אין שעכטהויז האָט ער גענומען קישקעס און אין אונדזער אַלטער סוכה „געשליאַמעוועט", גע־וואַשן, געזאַלצן, איינגעזאַלצן, איינגעפּרעסט אין אַ פעסל. אָנגעזאַמלט פאַרן יאָר עטלעכע פעסלעך האָט מען זיי אַרויסגעקאָלערט פון קעלער, אַוועקגעפירט קיין פּעלצעוויזנע, הינטער וואַרשע, אין אַ ווורשט־פאַבריק.

די קישקעס פון די מאַקאָווער בהמות האָט מען אָנגעשטאָפּט מיט פלייש פון אַנדערע בהמות, יידן האָבן געהאַט כשרן ווורשט און דער טאַטע אויף צו פאַר־שטאָפּן אַ לאָך...

עס זענען געווען צייטן, ווען אין אונדזער שטעטל זענען געווען מער כשרע יידן ווי כשרע בהמות, יידן האָבן נאָך אָפּגעהיט פאַרעווע „מאָנטיקס" און „דאָנער־שטיקס". פלייש האָט מען געגעסן נאָר שבת און ביינער אינדערוואָכן. מען פלעגט אַ מאָל ברענגען פון שעכטהויז מיט די קישקעס, אַ „סידור", אַ „טשעדטשעק", האָבן מיר געהאַט אַ ראש־חודשדיקן פליישיקן מיטיק.

אין שעכטהויז האָט מען ווייניק געשאָכטן און ס'האָט זיך געפונען אַ „כשרער" ייד, וואָס האָט משיג־גבול געווען און מיט פויסטן אָפּגעשטויסן דעם טאַטן אין שעכטהויז פון די געקוילעטע בהמות, איז דער טאַטע געבליבן אָן קישקעס און מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס אָנצושטאָפּן אונדזערע קישקעלעך. האָט מיין טאַטע זיך געוואָרפן צו אַן אַנדער מלאכה.

ער האָט גענומען אין גאַרבאַרניע פּאַלסאָווינע (לעדער־שניצלעך), געקלעפּט בלעטל צו בלעטל און געמאַכט דערפון פאַר אַ וואָך פיר „לעדערנע ברעטלעך", מיט זיי אונטערן אָרעם איז ער אַרויסגעגאַנגען צו די שוסטערס זיך שוואַרצן דאָס פּנים, זיך איינבעטן מען זאָל ביי אים קויפן אויף אָפּצאָסן, אָבער ס'זענען געווען ווייניק בעלנים. שוסטערס האָבן זיך קוים געהאַלטן ביי זייער שוסטעריי. די וואַרשעווער גרייטע שוכוואַרג האָט פאַרפלייצט דעם מאַרק.

האָט מיין טאַטע גענומען באַקן ברויט. די ערשטע צייט האָט מען געהאַלטן „אַ מענטש". דאָס איז געווען אונדזער שכן. ער האָט געוווינט אין אַ בוידעם־שטיבל אַנטקעגן אונדז. אַ שטאַרקער בעקעריונג מיט אַ שוואַכן קאָפּ, אַ ביסל אַ

„צוגעשלאָגענער". קהל האָט אים חתונה געמאַכט מיט דער „משוגענער ביילע". זיי האָבן געבוירן אַ קינד. האָט ער, דער בעקעריונג, ביי אונדז פאַרדינט עטלעכע גולדן ביי מאַכן אַ טייג און אויסקייקלען לאַבנס ברויט. איך בין נאָך דער מאַמעס טויט אַליין געוואָרן דער „מענטש" אין בעקעריי, געמאַכט אַ טייג פון אַ פינף־פודיקן זאַק מעל אויסגעפורעמט, אויסגעקייקלט די לעבלעך. דער טאַטע האָט גע־הייצט דעם אויוון, אַריינגעזעצט דאָס ברויט און גאָט האָט געהאָלפן ס'איז געראָטן.

נאָכן אויוון האָט דער טאַטע זיך נישט געשוואַרצט דאָס פּנים, נאָר פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן אַלץ בלייכער. פון אַ נאַכט נישט שלאָפן, פלעגט אים אָפּט „אַנטפאַלן" דאָס האַרץ. ווען די שוואַרצע נאַכטיקע שויבן זענען קאַיאָר בלייך געוואָרן ווי דעם טאַטנס פּנים, פלעג ער נאָך פאַר שחרית עפּעס כאַפּן זיך אונ־טערצולעגן דאָס האַרץ. מיר האָבן געבאַקן שוואַרץ ברויט, און איך האָבן שטענ־דיק געלאָזט אַ „ווישקראַבעק", אַ שטיקל האָב איך געלאָזט אויף מאַכן „אַ זויער" און דאָס איבעריקע אויף פלעצלעך מיט ציבעלע. פיילע־פריידעלע מיין יינגסטע שוועסטערל האָט אויף דעם פלעצעלע געוואַרט יעדן אינדערפרי נאָך פאַר „מודה־אני".

מיין טאַטנס רוחניות

מיין טאַטע איז געווען אַ ראַדזימינער חסיד. זיין חסידות האָט ער איבער־גענומען פונעם זיידן דוד. אמת מען האָט דערציילט, אַז מיין זיידע דוד דער סופר איז געווען קודם אַ גערער חסיד. ער האָט אַפילו געשריבן די פּרשות פאַרן גערער רבינס תפילין. ווי אַזוי ער איז איבערגעגאַנגען צום ראַדזימינער רבין איז געבליבן אַ סוד.

קיין ראַדזימינער שטיבל האָבן די אָרעמע ראַדזימינער נישט געקענט אויס־האַלטן, נאָר אַ שבתדיקן, יומטובדיקן ראַדזימינער מנין. אין דעם אָרעמען מנין איז מיין טאַטע געווען דער גבאַי, דער שמש, דער בעל־קורא און דער בעל־תפילה.

אין חסידות איז מיין טאַטע נישט געווען קיין „פּאַרקנייטשטער". ער פלעג אויך אַריינקוקן אין ספרים חיצוניים. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן נחום סאָקאָלאָוו, ווי זיי האָבן צוזאַמען געלערנט אַ בלאַט גמרא אין דער צייט, ווען נחום סאָקאָלאָוו איז געווען אַ מאַקאָווער „איידעם אויף קעסט".

איך האָב זיך איין מאָל געגריבלט אין טאַטנס ספרים און געפונען דעם רמב"מס „מורה נבוכים". איך האָב זיך געפרווט אַריינקוקן, האָט דער טאַטע פאַרמאַכט דאָס ספר, עס צוגענומען פון מיר און געזאָגט: „דער רמב"ם איז נאָך

צו שווער פאַר אַזאַ יונגן בחורל. פאַר דרייסיק יאָר דאַרף מען נישט לערנען דעם „מורה נבוכים״...

איך האָב איין מאָל געפרעגט דעם טאַטן וועגן דער מחלוקת צווישן ווילנער גאון און ר׳ שניאור־זלמן מלאַדי, האָט דער טאַטע מיר באַמערקט אַז ערשטנס דאַרף מען זאָגן נישט פּראָסט ר׳ שניאור־זלמן, נאָר „הרב הקדוש״ אָדער „דער רבי״... צווייטנס האָט ער מיר געזאָגט, אַז די מחלוקת איז געווען לשם שמים און אַז אלו ואלו דברי אלוקים חיים״...

דאָס גאַנצע לעבן פון דער וואָך האָט געשטראָמט צו שבת. אַ שבתדיק דאַווענען האָט געהאַט אַן אַנדער טעם, אַפילו אַ וואָכעדיק קאַפּיטל תהלים, וואָס מע זאָגט שבת ווערט שבתדיק באַטעמט. אַפילו דאָס „גשמיות״, די שבתדיקע מאכלים ווערן כולו רוחניות. ימים טובים האָבן באַלויכטן דעם גרוי־פּינצטערן דלות־יאָר. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלעבט בין קודש וחול.

מיין וואָכעדיקער טאַטע אין פאַרטעך מיט פאַרשאַרצטע אַרבל האָט געלעבט מיט שהיָה פּיָה — „איבערגעקומען״... מיין שבת־ יום־טובדיקער טאַטע, אין דער זיידענער קאַפּאָטע מיטן שטריימל אויפן קאָפּ, אין קיטל אָדער אין טלית איינגעהילט האָט געלעבט זיין אמת לעבן מיט דער נשמה יתירה.

מיטן טאַטנס „גוט־שבת״ זענען אַריין אין שטוב די מלאכי השרת, מלאכי השלום און מלאכי עליון. פאַר זיי האָט דער טאַטע געזונגען זיין „שלום־עליכם״. נאָך דעם ווי דער טריסקער רבי איז געווען אין מאַקאָוו און „איינגעשטאַנען״ ביי אונדז אין שטוב האָט דער טאַטע געזונגען דעם טריסקער רבינס „שלום־עליכם״. דאָס איז געווען אַ פלאַמענדיקער קבלת פּנים פאַר די הימלישע געסט. מיין טאַטנס קידוש איבערן בעכער ראָזשינקעס וויין האָט געמאַכט אַלץ וואָס מ׳האָט דערלאַנגט צום טיש זאָל ווערן שבת־יומטובדיק. נישט שטענדיק האָט דער טאַטע געמאַכט קידוש מיטן זילבערנעם גרויסן ירושה־בעכער, אָפט איז דער בעכער געווען פאַרזעצט. — ס׳האָט אויך געטראָפן אַז דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש איבער די חלות. דער משנה־לחם, וואָס דער טאַטע האָט אויפגעהויבן מיט דער „המוציא״ האָט געמאַכט הייליק יעדן ביסן. דער טאַטע האָט אונדז געלערנט גלייך נאָך דער „המוציא״ טונקען דעם ערשטן ביסן אין זאַלץ. דער ים האָט זיך באַקלאָגט פאַרן רבונו של עולם, וואָס מענטשן קענען נישט מאַכן קיין ברכה איבער זיין וואַסער וויל ס׳איז געזאַלצן, מען קען עס נישט טרינקען, מאַכט מען נישט קיין „שהכול״, האָט גאָט געבאָטן „על כל קרבנך תקריב מלח״. ביים טיש האָט דער טאַטע ליב געהאַט דערציילן אַגדות און זינגען זמירות. יעדער מזמור האָט געהאַט זיין ניגון. דאָ זענען געווען „צוגעפּאַסטע״ אַלטפּוילישע מאַרשן, פּאָלקעס, מאַזורקעס, ווענגערקעס, קראַקאָוויאַקעס. אַלע „גוישע״ ניגונים געזונגען אין זמירות האָבן גע־

קראַגן „יידישן חן" מיט אַ קרעכצל, מיט אַ זיפצל, מיט אַ קנייטשל, מיט חסידישער דבקות. דער טאַטע האָט געהאַט זיין ניגון צו „בני היכלא". ער האָט אויך גע־זונגען סתם ניגונים אָן ווערטער. דאָס זענען געווען „מאָראַלישע" ניגונים.

שבת פאַר נאַכט האָט דער טאַטע געזונגען „דעם רבס ניגון", וואָס דער רב הקדוש האָט געבראַכט פון היכל הניגון, מיט וועלכן זיין נשמה איז געווען באַ־העפט. אין מיין טאַטנס ניגונים זענען געווען אַ סך מחשבות און געפילן. ס'איז געווען „חדוה בתוך צער", עצבות און אמונה. אַז דער טאַטע האָט געזונגען, האָט זיך געדאַכט, אַז זיין נשמה שוועבט ערגעץ אין היכל הניגון. אַז מיין טאַטע האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, ווי אַ שליח־ציבור איז ער געווען אין גאַנצן אויסגעטאָן פון דעם עולם. אויף דער ערד איז בלויז געווען אַ גוף, די נשמה איז געווען שיער נישט ביים כסא־הכבוד...

ער האָט זיך נישט געציקלט חזנותדיק, נאָר פשוט. האַרציק זיך אויסגע־טענהט מיטן רבונו של עולם. דער ניגון איז ביים טאַטן געווען ווי אַ „פירוש המילות".

עס לעבט נאָך ביז היינט אין האַרצן דעם טאַטנס בני־היכלא צו שלוש־סעודות. צער און בענקשאַפט פון די „בני היכלא דכסיפין / למחזי זיו דזעיר אנפין", אַ פיצל שבתדיקע שיין טרינקט זיך אין אַ מוצאי שבתדיקן מערב. וואָס קלענער דער „זעיר־אַנפין" אַלץ גרעסער די בענקשאַפט צום פאַרגייענדיקן זיו... זיי, די ציוויליזירטע גויים האָבן אַנגערוישט מיטן בייראָניזם, מיטן וועלט־טרויער — וואָס איז דאָס קעגן אַ בני־היכלדיקן נאָגנדיקן ווייטיק אין אַ יידישן שבת־פאַרנאַכט? אויף וועלכע וואָגשאָלן קען מען וועגן נשמהדיקן פיין? דאָ אין די שטילע ניגונים פונעם שבתדיקן בין־השמשות, זינגען די בני־היכלא מיט ווייען פון וועלטן, פאַרבאָרגענע אין זיך אַליין...

דער טאַטע מיט נאָך עטלעכע חסידים זיצן נאָך אַלץ ביים שבתדיקן טיש, ראַנגלען זיך מיט דער וואָכעדיקייט, ווילן נישט אָפּלאָזן די ליכטיקע מלכת שבת.

אַ זילבערן שטערנדל, אַ בלייך־טרויעריקס צינדט זיך אָן מיטן טאַטנס נאָגנדיקן צער פון זיין יענוועלטיקן ניגון.

די מאַמע, ווי אַלע מאַמעס, זינגט אויס אַ טרייסט דער וועלט:

„גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב,
באַהיט דיין פאָלק פון דיינער לויב,
דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק,
די וואָך זאָל צו אונדז קומען
מיט געזונט, מיט פרנסה, מיט אַלעם גוטן, אָמן.

משיח זיצט אויבן אָן
און האַלט אין האַנט די זילבערנע פאַן.
ער נעמט זיין גאָלדענעם בעכער אין דער רעכטער האַנט,
מאַכט אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד,
נאָך אַזוי גוט, נאָך אַזוי שיין,
משיח בן דוד זאָל קומען צו גיין;
נאָך אַזוי שיין, נאָך אַזוי וואָר,
משיח זאָל קומען צו אונדז דאָס יאָר״...

דער טאַטע ווערט מאַמיש־האַרציק, טרייבט פון זיך די מרה־שחורה פון דער פּולער וואָך. נאָך הבדלה, צו מלווה מלכה, זינגט דער טאַטע מיט אמונה, „אליהו הנביא, אליהו התישבי, אליהו הגלעדי, במהרה יבוא אלינו עם משיח בן דוד״... דער „איש חסיד״ העלפט און ער האַלט איין מיט די לעצטע כוחות דאָס ביסל שבתדיקע רוחניות ביי דער מלווה מלכה. אין „גוטע צייטן״ לאָזט דער טאַטע פון שלוש־סעודות צו דער מלווה מלכה אַ קליין פלעשעלע אַ ביסל יש. צי האָט דער טאַטע מיטן שלונג „יש״ מתקן געווען די ש״י עולמות?

ווען מיין טאַטע האָט געלערנט פאַר דער חברה „עין־יעקב״ עפּעס אַ מדרש, פלעגן זיך די שכנותדיקע ווייבער צונויפנעמען ביי אונדז אין אַלקער צו הערן אַ זיס הימליש וואָרט, גוטע שיינע מעשיות און משלים. צו פּורים האָט דער טאַטע געלייענט פאַר זיי די מגילה. צו תשעה באָב — די מגילת „איכה״. די מאַמע האָט פאַר זיי פאַרגעלייענט די מעשה פון קמצא בר קמצא, ווענגן נבוכדנצרן, וואָס האָט געטריבן יידן אין גלות־בבל אַריין, געגעבן זיי הערינג און נישט געגעבן קיין וואַסער און פון דורשט האָבן זיך די בייכער ביי זיי געשפּאָלטן. ווענגן דעם ווי די קינדער פון ישראל זענען געטריבן געוואָרן פאַרביי בית־לחם, פאַרביי דעם קבר פון דער מאַמע רחל, ווי די מאַמע רחל קלאָגט אויף אירע קינדער. די מאַמע מיט אַלע מאַמעס האָבן מיטגעוויינט מיט דער מאַמע רחל.

מיר יינגלעך האָבן נאָך „צוגעלייגט אַ קנייטל״ צו אַלע צרות. אונטערגעוואָרפן שטעכלקעס („קעמעלעך״) אויף דער פּאָדלאָגע, וואָס האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין די זאָקן. די שיך האָט מען דאָך אויסגעטאָן.

*

מיין טאַטע האָט געהאַט אַ חזקה אויף הכנסת־אורחים. אין אַלטן בית־מדרש, אַנטקעגן אונדזער שטוב פלעגן שבת און יום־טוב זיך טרעפן אַ סך אָרעמעלייט פון דער פרעמד. דער טאַטע האָט דעמאָלט פאַרבויגן אַ שטיקל דאַווענען אין שטיבל און אַרומגעלאָפן צו די בעלי־בתים און אַריינגעשטעלט די אורחים

אויף שבת. ס׳האָט געטראָפן אַ יום־טוב, ווען דער טאַטע איז געקומען שפּעט און די מאַמע האָט געמוזט אָנגווארעמען די יויך און אויפוועקן די קינדער צו דער יום־טובדיקער סעודה...

*

אין די פריע קינדעריאָרן האָב איך געלעבט מיטן טאַטנס רוחניות. דערנאָך מיטן טאַטן צוזאַמען געטראָגן דעם גשמיותדיקן עול־פּרנסה. איך געדענק ווי איין מאָל ווען דער טאַטע איז געווען אין וואַרשע, האָב איך געפּראַוועט שבת ווי דער טאַטע, געזאָגט דעם שלום־עליכם, געמאַכט קידוש, אויפגעהויבן די חלות, געמאַכט די „המוציא", געטונקען אין זאַלץ, געזונגען זמירות, ס׳האָבן אונטער־געהאָלפן מיינע שוועסטער און די מאַמע האָט געהאַט נחת פון איר מיזיניקל.

איך בין געווען ביים טאַטן אַ משורר, איך בין געווען אַ קליין חסידל צווישן חסידים, צוגעבאַמקעט זייער ניגון, געווען מיט זיי אויף „יענער" וועלט...

*

אַ צייט נאָך מיין מאַמעס טויט האָט דער טאַטע מיך גענומען קיין פּולטוסק צו דער מומען הינדע־רבקה און געוויזן מיר אַ פרוי, וואָס האָט געזאָלט ווערן מיין שטיפמאַמע און געפרעגט מיין געפיל צו איר, צי איז זי מיר צום האַרצן. איך בין געווען אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. דער טאַטע האָט געוואַרט ביז אַלע קינדער זענען זיך צעקראָכן, האָט ער אין זיין איינזאַמקייט גענומען אַ פרוי, וואָס האָט פינף און צוואַנציק יאָר געלעבט מיט אַ מאַן און נישט געהאַט פון אים קיין קינדער. פון מיין כמעט זיבעציק יאָריקן טאַטן האָט זי געהאַט אַ יינגעלע. דאָס איז געווען מיין שטיפברודער, אַ נייער אַברהם־זישע.

זי האָט אָפּגעהיט מיין טאַטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

מיין טאַטע איז געשטאָרבן אויפן פּאָסטן פון אַ שמש אין אַלטן בית־המדרש. קיינער פון זיינע זין האָבן אים נישט באַגלייט און קיין קדיש נישט געזאָגט. פון די טעכטער אויך נישט אַלע. נאָר די עלטסטע, מלכה־רחל און די ייִנגסטע — פיילע־פריידע. מיר זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט.

אַ גאַנץ לעבן האָבן מיר געשיינט דער מאַמעס געבענטשטע ליכט און גע־וואַרעמט דעם טאַטנס חסידישער ברען.

די באָבע סימע

דער מאַמעס מאַמע, די באָבע סימע, איז געווען אַ הויכע, ברייטע פרוי מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אויף אַ לאַנגן האַלדז. ביי מיר איז זי געווען „די גרויסע מאַמע". די איינציקע, וואָס איז געווען ביי אונדז געראָטן אין דער באָבע סימען

איז געווען מיין עלטסטע שוועסטער מלכה־רחל. זי האָט זיך אונטערשיידט פון דער באָבע סימען בלויז דערמיט, וואָס זי האָט נישט געטראָגן קיין קופקע און אויף איר לאַנגן האַלדז האָט זי געטראָגן אַ שנירל קרעלן. מיין באָבע סימע האָט קיין קרעלן נישט געטראָגן. איר איינציק צירונג זענען געווען אויערינגלעך. ביי אַלע מיידלעך, מיינע שוועסטערלעך, האָט מען קליינערהייט געשטאָכן די אויער־לעפלעך און דורכגעצויגן אַ פאָדעם עס זאָלן זיך נישט פאַרוואַקסן די לעכע־לעך. מען זאָל זי קענען כלהוויז אָנטאָן אויערינגלעך.

נישט קיין צירונג, נישט קיין עשירות האָט באַשיינט די באָבע סימע. זי האָט זיך נישט געפּוצט און נישט באַרימט זיך מיט איר ייחוס. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ מלאַוועער דיין ר׳ וועלוול. ער איז געווען אַ מתנגד. איך האָב אים נישט געקענט און איך ווייס נישט צי האָב איך עפּעס פון אים געירשנט אַחוץ זיין נאָמען.

אַחוץ דעם, וואָס זי איז געווען אַ מיוחסת, איז זי אויך געווען אַ קלוגע, אַ מיושבדיקע, געהאַט אויף זיך אַ „מאַנסבילשן קאָפּ". זי האָט געהאַלטן אָן אַ פּאַ־טענט, אַ „שענקעלע". אַ באַהאַלטן פלעשל יש מיט אַ שנירל אייער־בייגעלעך. אַהער פלעגט מען קומען „זיך אויסגלייכן"... דער רב מיט זיין בית־דין־שטוב איז געווען אונדזער נאָענטער שכן. דאָס צווייטע הויז פון סימעס שענקל. איז מען געגאַנגען צום רב, ווער זיך באַקלאָגן אויף אַ שכן, ווער אויף השגת גבול, אַ שידוך צו טאָן, אָדער אַ שידוך אָפּצולאָזן, אַ סיכסוך מיט אַ שותף, אַ דין־תורה האַלטן, אַ גט געבן, אַ גט נעמען, איז מען פאַרבייגייענדיק צום רב, אַריין צו סימען און אין איין וועגס אויסדערציילט סימען די שווערע הערצער. סימע האָט מיט איר „ווייבערשן קאָפּ און נאַרישן שכל" געזאָגט איר עצה, האָט מען געכאַפּט אַ טרונק בראַנפן, פאַרביסן מיט אַן אייער־בייגעלע, אַ געפעפערטן הערינג, אַ מאָל אויך מיט אַ קאַרטאָפל, געקאָכט אין דער הויט, און מען איז אַרויס פון סימעס שענקל „אויסגעגלייכטע" און נישט דערגאַנגען צום רבס בית־דין שטוב.

ס׳איז אַמאָל געווען אין שטאָט אַ מחלוקה וועגן אַ חזן־שוחט, און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער רב זאָל אסרן די שחיטה פון איין שוחט און טריף מאַכן ביי אַ קצב אַן אָקס, האָט זיך די באָבע סימע אַ הייב־געטאָן און איז אַוועק צום רב „נישט דערלאָזן"...

די באָבע סימע האָט חתונה געמאַכט אָרעמע פאַרגעסענע מיידלעך (איר מצוה פון הכנסת כלה). ערגעץ־ווו געכאַפּט פאַר אַ חולה אַ יאַיכל, פאַר אַ „גע־פאַלענעם" מאַכן אַ מתן בסתר. זי האָט געהאַט אַ גראָבן „קרבן־מנחה"־סידור מיט עברי־טייטש און אַ טייטש־חומש מיט „מענטשעלעך" (אַזוי האָט מען ביי אונדז

גערופן אילוסטראַציעס), אָבער זי האָט ווייניק אַריינגעקוקט אין זיי. שטענדיק איז זי געווען מיט „עפּעס״ פאַרנומען.

ס׳איז געווען אין שטוב אַ ירושהדיקער „אויסגעזעסענער״ פאָטערשטול אויף רעדלעך. האָט די באָבע סימע אונטערגעלייגט אַ קישן די פּרוזשינע זאָל נישט שטעכן און בייטאָג און ביינאַכט געגייט פאַר אָרעמע קינדער, יתומים, אַ העמדל, תחתונימלעך וכדומה. צו מיין בר־מצוה האָט זי מיר אויפגענייט אַ סאַמעטן תפילין־זעקעלע. מיין שוועסטער רבקה האָט אויף דעם אויסגעהאַפטן אַ זילבער־נעם „מגן דוד״. די באָבע סימע האָט דערלעבט צו הערן מיין דרשה צו דער בר־מצוה־סעודה.

מיר, אַלע קינדער, האָבן שטאַרק ליב געהאַט אונדזער „גרויסע מאַמע״... מיין ברודער רפאל־הירש וואָס האָט שוין געהאַט אייגענע קינדער און געוווינט אין רוזשאַן (דריי מייל פון אונדזער שטאָט) פלעג פון צייט צו צייט אַלצדינג איבערלאָזן און קומען צו לויפן צו דער באָבע סימען. זיין נאָמען רפאל האָט מיין ברודער געירשנט פון זיידן רפאל, דער באָבע סימעס מאַן. זי האָט געהאַט נאָך אַ מאַן, אריה־לייב. איך האָב זיי ביידן נישט געקענט.

די באָבע סימעס קינדער: מיין מאַמע, מיין מומע פעסיע און פעטערס זענען אַלע געווען פון זיידן רפאל. זי האָט געהאַט צוויי טעכטער, מיין מאַמע און די מומע פעסיע, דריי זין: דער פעטער זישע פון קראַסנאָ שולץ, דער פעטער אַברהמל דער שוחט, און דער פעטער יחיאל פון גאָוואָראָווע. דער פעטער זישע איז געווען אַ דאָזער אין שטאָט, געהאַלטן אַ קראָם און זיך גערעכנט פאַרן גביר אין דער משפחה. אים געדענק איך גוט: אַ הויכן, ברייטפּלייציקן מיט אַ צוויי־שפּיציקער געלער באָרד.

פון דער באָבע סימען האָבן מיר געירשנט אונדזער הייזקע, וואָס דער טאַטע האָט עס אַרומגעשטעלט מיט פאָדפאָרקעס וואָס מ׳האָט אין שטעטל אָנגערופן: „משה בובעלעס שטוב״.

די באָבע פרומעט

מיין טאַטנס מאַמע — מיין באָבע פרומעט איז געווען דער היפוך פון דער באָבע סימע. אַ קליינוווקסיקע, שטילע, איז זי געזעסן אין איר קלייטל „פאַר אַ גראָשן פעפער״. זי האָט אָן תרעומות געטראָגן דעם עול פון פרנסה צוזאַמען מיט דער באַלעבאַטישקייט... די אייניקלעך האָבן מיט איר צוזאַמען ניט געוווינט. ס׳איז נישט געווען די באָבע סימע „די גרויסע מאַמע״, ווס שפּרייט אויס אירע הענט ווי פליגל און נעמט אין איר שויס קינדער און אייניקלעך. אָבער זי האָט ליב געהאַט די אייניקלעך מיט אַ שטילער פשוטער ליבשאַפט. איז מען געקומען

צו דער באָבע פרומעט, האָט זי קודם־כל מיטן פאַרטעך אַ וויש געטאָן דאָס נעזלביים אייניקל אַפילו ווען ס'איז געווען טרוקן ווי ביין, אַריינגערוקט אַ צו־קערקע אין מויל, געבעטן זיצן שטיל, כדי דעם זיידן נישט צו שטערן ביי זיין הייליקער אַרבעט, אַליין זיך געזעצט אַנטקעגן און אָנגעקוקט לאַנג און האַרציק מיט גוטע שטילע טויבן־אויגן...

זי האָט שטיל געלעבט און שטיל געשטאָרבן. ס'האָבן נאָך איר קדיש גע־זאָגט פינף זין. ס'האָבן זי באַוויינט דריי טעכטער.

מיין פעטער יצחק־מרדכי, אַ סופר אין וואַרשע. מיין טאַטע משה, מיינע פעטערס יהודה־לייב, וועלכער איז אַנטלאָפן פון אַ באַנקראָט קיין לאָנדאָן, מיין פעטער מענדל, אַ דאָרפסייד, אָן אַרענדאַר אין שעלקאָווע, אַ דאָרף נעבן אונדזער שטאָט. ער און זיינע קינדער — יגיע־כפּימניקעס. געטאָן פּויערישע אַרבעט. געלעבט מיט פּשוטער דאָרפישער מי און זיך גערעכנט דער רייכסטער צווישן מיינע פעטערס פון טאַטנס צד. דער ייִנגסטער, אַברהם, האָט געוווינט אין נאַ־שעלסק, געהאַט אַ בעקעריי און געווען מורה הוראה (איך בין אַ צייט געווען ביי אים אין נאַשעלסק). מיינע מומעס, מיין טאַטנס שוועסטער הינדע־רבקה אין פּולטוסק, אויך אַ קליינגעוויקסיקע, האָט געהאַט דעם אָנבליק פון דער באָבע פרומעט. זי האָט אויך געשלעפּט אויף זיך דעם עול פון פּרנסה. אָבער זי איז געזעסן נישט אין אַ קלייטל „פּאַר אַ גראָשן פעפער", נאָר אין אַ גרויסער קראָם. די מומע דרעיזל, אַ קרענקלעכע, האָט געטראָגן שטאָלץ אין זיך די שרעקלעכע אָרעמקייט און זיך געגרויסט מיט איר מאַן יעקב מאיר, אַ שאַרפער בעל־דרשן, אַ משולח פון מאָקאָווער ישיבה. די מומע באַשע, די מיזינקע — אַ לאַנגע צייט געוואַרט אויף איר באַשערטן. געווען אַ פאַרזעסענע. די באָבע פרומעט האָט זיך נישט דערוואַרט אויף באַשעס חתונה.

דער זיידע רפאל הירש גערליץ

מיין מאַמעס טאַטן, רפאל, האָט מען אין שטאָט געקענט ווי אַ למדן, בעל־עצה און בורר. אים האָט דער גביר יצחק הירש סעגאַל געשיקט קיין פּלאָנסק פאַרהערן דעם פּערצן־יעריקן נחום סאָקאָלאָוו און לויט זיין עצה האָט ר' יצחק הירש אויסגעכאַפּט נחום סאָקאָלאָוו פאַר זיין טאָכטער רבקה. אין זיידנס הויזגע־זינד האָט מען געהאַלטן פון תורה און חכמה. דאָס איז געווען אַ יידישע וועלט־לעכקייט. מיר, זיינע אייניקלעך, האָבן שוין געזוכט וועלטלעכע יידישקייט. אַ סימבאָל פון אַ וועלט איינגעהילט, געקניפּט און געבונדן אין און מיט יידיש־קייט, איז געווען דער פאָרטרעט פון ווילנער גאון, וואָס איז געהאַנגען ביי אונדז אויף דער וואַנט.איך ווייס נישט ווער, צי דער זיידע רפאל־הירש, צי די

באָבע סימע האָט זיך מתיחס געווען צו אים. אויפן בילד איז דער ווילנער גאון געזעסן מיט אַ פּאַרקיילעכטער גרויסער באָרד, אין טלית און תפילין, ביים שרייב־טיש, מיט אַ גענדזענער פעדער אין האַנט, אַן אויסגעדאַרטע, אויף וועלכער מען קען איבערציילן די אייבערשטע פיר קנאָכן־ביינדלעך פון די פינגער. הינטער זיין פּלייצע אַ שאַפע מיט אָפענע פּאָליצעס ספרים. דער ווילנער גאון האָט גע־קוקט פאָרויס מיט מידע, מאַטע אויגן און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז פון זיי שטראַלן אַרויס דורכגעלייענטע שורות פון זיינע אַלע ספרים הינטער זיך...

וועגן אונדזער ייחוס צום „ווילנער גאון" ווייס איך נישט געני,נאָר פון ספרים האָט מען ביי אונדז אין שטוב שטאַרק געהאַלטן. איך האָב שטאַרק חשק געהאַט צו דער גענדזענער פעדער פון ווילנער גאון.

דער זיידע רפאל־הירש איז יונג געשטאָרבן, געלאָזט מיין מאַמען אַ ירושה שוואַכע לונגען מיט אַ שטאַרקן הוסט.

דער זיידע דוד

מיין טאַטנס טאַטע, דער זיידע דוד, איז געווען אַ סת״ם, אַ סופר, וואָס האָט געשריבן מזוזות, תפילין און גאַנצע ספרי־תורות. ביי זיין שרייבטיש האָט ער אויסגעזען שטרענג און פאַרטראַכט ווי דער ווילנער גאון. כאָטש דער זיידע איז געווען אַן אַלטער חסיד, געפאָרן צום ראַדזימינער רבין און געווען דאָרט צווישן די ישישים, טישזיצערס, איז ער דאָך געווען אַן אָפּגעהיטער ייד און מיט מתנג־דישער קפדנות, געלעבט על פי דעם שולחן ערוך, מער ליב געהאַט „תהלים" ווי „זוהר".

דער זיידע דוד האָט געהאַט אַ גרויסע הויז אויף פּראַשניצער גאַס, אַ הויף מיט אַ פאַרמאַכטן דעמבענעם טויער. אין הויף איז געווען אַ שפּייכלער, וואָס אונדזער שכן טשאַרנעס, אַ תבואה־הענדלער, האָט אָפּגעדונגען. ס׳זענען אויך געווען שטעלעכלעך פאַר האָלץ און אַ באַזונדער שטאַל מיט אַריינגעשטעלטע צוויי פענצטער; דאָ איז געווען דעם זיידנס בית מלאכת־הקודש; דאָ האָט ער גע־קראַצט די פעלעכלעך פון בן פקיעות, געמאַכט פאַרמעט, דאָ האָט ער אויך גע־מאַכט סופרישן טינט פון עפּעס אַזעלכע ניס, דאָ האָט ער געשניצט זיינע גענדזע־נע פעדערס.

הינטערן זיידנס הויף איז געווען אַ גאָרטן ווו מ׳האָט געזעצט קאַרטאָפל, קרויט, מערן, בוריקעס און שאר ירקות. ס׳איז געשטאַנען איין באַרנבוים. מיטן זיידנס גאָרטן האָט זיך געענדיקט דער רשות היחיד און ס׳איז געווען דער שטאָטישער עירוב. פון זיידנס גאָרטן האָט זיך געצויגן אַ ווייט פעלד, ווו דער

הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און מיט זײַנע ראַנדן זיך אָנגעשפּאַרט אין דער ערד. דאָ האָט זיך געזעצט די זון און ס'איז געווען אונדזער קינדערשער עק וועלט.

דער עיקר בעל־הבית פֿונעם הויז מיטן גאָרטן איז געווען דער פּעטער פֿון שעלקאָווע. אָבער אין איינעם אַ זומער האָבן מיר געזעצט אין זיידנס גאָרטן קאַרטאָפֿל און מיר קינדער האָבן צוגעהאָלפֿן ביי דער גערטנערײַ. איך האָב זיך דעמאָלט נעגנטער באַקענט מיטן זיידנס באַרנבוים. דער בוים איז גע־שטאַנען האַרט ביי דער וואַנט פֿון שפּייכלער, האָב איך אָנגעשפּאַרט איין פֿוס אין וואַנט און אַ צווייטן אויפֿן אויסגעקרומטן שטאַם און געלאָזט זיך ווילגיין מיט האַרטע באַרלעך און מיטן פֿאַרגעניגן צו זיצן הויך. פֿון קינדווייז אָן ציט עס צו הויכקייט, אַרויסצוהויבן זיך איבער דער ערד. אָבער נישט שטענדיק איז מען געזעסן רויִק הויך אויפֿן בוים. בשכנות מיטן זיידנס גאָרטן האָט זיך געפֿונען דער גאָרטן פֿון אַ קליינעם גוייִשן פּריצל יעזנאַק, וואָס האָט געוווינט אין אַ גרויסן הויף אויף פּראַשניצער גאַס. לענג אויס דעם פּלויט פֿון יעזנאַקס גאָרטן איז אומגעלאָפֿן אַ גרויסער שוואַרצער קודלאַטער הונט מיט אַ בילערײַ. מיך האָט פֿאַרדראָסן: וואָס איז דאָס זיין היגטישער עסק צו דעם, וואָס עס טוט זיך אין זיידנס גאָרטן? גיי קריך אַריין אין זיין היגטישער נשמה. עס פֿלעגט אַ מאָל טרעפֿן, אַז יעזנאַקס שייגעצלעך האָבן געוואָרפֿן שטיינער, געשריען „איטשע־מייער", געפֿידלט איבער די העלדזער מיט די פֿינגער און געוויזן אַראָפּ אין דער ערד. דאָס האָט געהייסן „שעכטן און באַגראָבן!" וואָס אַרט עס זיי אַז מיר לעבן און קריכן אַרויף אויף אונדזער בוים?

פּרײַטיק, אַהיימקומענדיק פֿונעם חדר, האָב איך אויפֿגעגעסן מיין בול־קעלע, אָדער דאָס קוקעלע מיט יאַגעדעס, און געלאָפֿן צום זיידן אין גאָרטן. נישט שטענדיק איז מיר געלונגען אַריינצוכאַפּן זיך צו מיין באַקאַנטן באַרנבוים, ווייל אין הויז האָט מיך איבערגעכאַפּט די באָבע אָדער דער זיידע. ביים זיידן האָב איך געהאַט עפּעס צו טאָן. דער זיידע האָט מיר צוגעשטעלט אַ בענקעלע אונטער די פֿיס און האָט מיט אַ טייטל מיר געטייטלט די שורות, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף אַ מזוזה, אויף אַ פּרשה פֿאַר תפֿילין, אָדער אין אַ ספֿר־תּורה. איך זאָל איבערלייענען. אויב איך האָב ריכטיק איבערגעלייענט דעם „ואהבת", אָדער עפּעס אַן אַנדער פּסוק פֿון דער תּורה איז דער זיידע געווען צופֿרידן, מיר אַ קניפּ געטאָן אין בעקל און די באָבע האָט מיר געגעבן אַ קיכעלע. דאָס איז געווען מיין ערשטער פֿאַרדינסט אַלס קאָרעקטאָר. דער זיידע האָט מיר געטרויט זיין טאַש־מעסערל און געוויזן מיר ווי צו שניידן געלע, דינע אשר־יצר־פּאַפּיר־לעך אויף שבת. די באָבע פֿרומעט האָט אַכטונג געטאָן און אַלע מינוט מיך גע־וואָרנט, איך זאָל זיך היטן חס ושלום נישט צעשניידן אַ פֿינגערל. דער זיידע האָט אַלע פֿרײַטיק געשניטן די נעגל אין אַ שטיקל פּאַפּיר אַריין. צוגעשניטן אַ

פּיצל האָלץ און איינגעוויקלט צוזאַמען מיט די אָפּגעשניטענע נעגל אין אַ פּאַפּיר און פאַרברענט. איך האָב איין מאָל געפרעגט דעם זיידן, צו וואָס איז דאָס פּיצל האָלץ? דער זיידע האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס וועט זיין „דאָרט" אַן עדות, אַז ער האָט געשניטן די נעגל לכבוד שבת. דעם זיידנס פינגער זענען אויך גע־ווען ביי מיר נישט קיין פּשוטע פינגער. מיט זיי האָלט ער דאָך די גענדזענע פעדער מיט וועלכע ער שרייבט הייליקע אותיות.

אַז די באָבע פּרומעט איז געשטאָרבן, האָט דער טאַטע מיך געשיקט אויף שלוש־סעודות צום זיידן ער זאָל נישט זיין „אַליין". די מאַמע באַשע האָט מיר געגעבן באַרניויך אָדער פלוימעניויך מיט חלה, געהייסן זיך היטן נישט צו פאַר־גיסן דאָס טישטעך.

דער זיידע האָט געזאָגט און געזונגען אין דער שטיל פאַר זיך. ער איז דאָ געזעסן ביי „שלוש־סעודות" מיט זיך אַליין, מיט זיינע מחשבות. איך האָב דע־מאָלט דעם זיידנס פּנים נישט אַרויסגעזען. אַ מוצאי־שבתדיקער אומעטיק־פאַר־בענקטער שאָטן האָט איינגעהילט די שטוב. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אַרום איז דאָ קודש. פון יעדן אות, וואָס דער זיידע האָט דאָ אין שטוב ביי דעם דאָ־זיקן טיש אָנגעשריבן איז באַשאַפן געוואָרן אַ מלאך און פון די הייליקע אותיות, באַהעפטע אין פּסוקים, האָבן דאָ אַרומגעשוועבט גאַנצע כּתות מלאכים, ווען דער זיידע האָט מקיים געווען די מצוה פון „שלוש־סעודות" און געזונגען זיינע שבתדיקע זמירות.

מיין זיידע דוד איז געווען אַ קליינינקער, אַ קורצינקער, אָבער אַ גרויסער ייד! יום כּיפּור אַ גאַנצע נאַכט איז ער געבליבן ביים דאַווענען און געזאָגט תּהלים, סוכּות געשלאָפן אין סוכּה. געטאָן זיין הייליקע אַרבעט מיט גרויס טהרות. יעדן טאָג פאַרן שרייבן געגאַנגען אין מקוה, אַפילו אין קאַלט וואַסער. פאַרן שרייבן אַ „שם" געוואַשן די הענט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געוווּסט איין וועג — פון שטוב אין בית המדרש און פון בית המדרש אין שטוב. אין בית־המדרש אַריין איז ער געגאַנגען מיט גיכע קליינע טריטעלעך ווי געלאָפן און פון בית המדרש איז ער נישט געאיילט, געגאַנגען פּאַמעלעך. מקיים צו זיין אַ מצוה מוז מען זיך איילן מיט שטאַרקן ווילן „רץ כּצבי"... צוריק פון בית מדרש, פון אַ מקום קדוש טאָר מען נישט אַנטלויפן, ס'זאָל נישט זיין קיין ביזוי־הקודש.

איין מאָל ערב יום־כּיפּור איז דער טאַטע געגאַנגען צום זיידן און מיך מיטגענומען. דער זיידע האָט אַרויפגעלייגט זיינע סופרישע הענט אויף מיין קעפּל און מיך געבענטשט. יענע יום־כּיפּור־ליכט — די עדות פון זיידנס ברכה האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעשמאָלצן, אָבער זייער אויסגעציטערטע הייליקע שיין איז מיט מיר געבליבן.

דער זיידע האָט געשריבן זייער געהיט און פּאַמעלעך, געטאָן זיין מלאכת־הקודש לשם ולשמה, האָט ער טאַקע וויניק פּאַרדינט. עטלעכע יאָר צייט האָט ער געשריבן אַ ספר־תורה, דאַכט זיך פּאַרן שענסטן גביר פון שטאָט, ר׳ צלאל ווילענבערג. איך געדענק דעם סיום הספר, דעם סיום התורה. ס׳איז געווען ביי אונדז אין גאַס ווי שמחת־תורה און אין דער גאַנצער שטאָט האָט אויסגעזען יום־טובדיק. ביי דעם זיידנס שטוב האָט זיך נישט פאַרמאַכט די טיר. יידן זענען אַריין און אַרויס. מ׳איז געקומען אַריינשרייבן אַן אות. דער זיידע האָט געגעבן די פעדער און געפירט יענעמס האַנט ביים אַריינשרייבן דאָס אות. דערנאָך האָט מען געכאַפּט אַ „לעקעך און בראַנפן״. לאַנג ביז שפּעט האָט זיך געצויגן דאָס אַריינשרייבן אותיות. אַרום זיידנס הויז איז מען געשטאַנען גרויס און קליין און געוואַרט. שמשים האָבן געבראַכט פון דער גרויסער שול די חופּה. יידן האָבן זיך פונאַנדערגערוקט. עס זענען אָנגעריטן בעלי־עגלות אויף פערד מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצן. די חופּה האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט, אונטער איר איז אַרונטער ר׳ צלאל ווילענבערג, אַ הויכער ברייטביינערדיקער ייד מיט אַ צוויי־שפּיציקער באָרד. דער זיידע דוד, אַ קורצינקער, מיט אַ קליין שפּיציק בערדל, האָט אַרויסגעטראָגן אַ באַצירטע אין אַ זיידן מענטעלע די ספר־תורה, צוגעדריקט זי צום האַרצן, אַ קוש געטאָן זי און איבערגעגעבן זיין לאַנגיעריקע מי, ווי אַן איינציקע טאָכטער אונטער דער חופּה.

פאַר דער חופּה פאַרויס זענען יידן מיט בערד געריטן אויף פערד מיט אָנגעצונדענע פלאַמיקע קנאַקנדיקע שטורקאַצן, נאָך זיי זענען געגאַנגען יידישע כלי־זמר מיט פידלען און מיט צימבלען. נאָך דער חופּה האָט זיי באַגלייט דער גוישער בלאָז־אָרקעסטער פון די פייערלעשער (סטראַזשאַגניאַווי). די מעשענע טרומפּייטן און די הילצערנע פידלען די צימבלען און די פּויקן האָבן טויב־געמאַכט, אָבער מ׳האָט אויך געהערט דאָס געזאַנג און דאָס פּאַטשעריי מיט די הענט און דאָס טופּען פון די טאַנצנדיקע פיס. אַ פריידיקער ברויזנדיקער רעש האָט זיך געריסן צו די הימלען. דאָס איז געווען טאַקע „ישמחו השמים ותגל הארץ״. פון אַלע הייזער איז מען אַרויס מיט אָנגעצונדענע הבדלות און ליכט באַלייכטן דעם וועג פון דער תורה צו דער שול. די גאַנצע שטאָט האָט אָפּגעגעבן כבוד דער תורה, נאָר מיין זיידע וואָס האָט געשריבן די תורה איז געווען טרויעריק מיט זיין פרייד.

ביים גביר צלאל ווילענבערג איז געווען אַ גרויסע סעודה. מיין זיידע האָט גענומען מיט זיך מיין טאַטן אויף דער סעודה. דער טאַטע האָט מיך נישט גענומען. ס׳איז שוין געווען שפּעט און איך האָב פאַרשלאָפן די גאַנצע סעודה.

אויף צומאָרגנס האָט דער טאַטע געטיילט די קינדער בולקע, לעקעך, קיכעלעך געבראַכט פון סיום־הספר.

דער זיידע איז געווען אומעטיק־פּאָרטראַכט. אָוועק דער יום־טוב פון שרייבן אַ ספר תורה. אַ גאַנצע קדושה, ווידער שרייבן מזוזות, תפילין, שטיקלעך פון דער קדושה.

דער זיידע איז נפטר געוואָרן ערב שבת. צו זיין זילעבערנעם בעכער האָט זיך קיינער נישט צוגערירט, נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה.

אַלע אָנגעשריבענע אותיות זענען ווי יתומים געווען פאַרזאַמלט אַרום אים. מלאכים האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע ווייסע פליגלען אויפן שוואַרצן צודעק, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס קורצע גופעלע פון אַ גרויסער נשמה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מען האָט דערציילט: אויף פּראַשניצער גאַס איז געווען אַ גרויסע שרפה. דאָס פייער האָט זיך דערנענטערט צום זיידנס הויז. דער זיידע איז געזעסן און געשריבן. מענטשן זענען אַריינגעלאָפן: „ר׳ דוד מען דאַרף זיך פּאַקן, השם ישמרנו, דאָס פייער קען נאָך קומען אַהער". דער זיידע איז אַרויס אין גאַס, אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע דעם גרויסן רויטן שנופּטוך און אַ פּאָכע געטאָן דערמיט אַנטקעגן דעם פייער ווי ער וואָלט עס געטריבן פון זיך, און אַ זאָג געטאָן: „ס׳וועט אַהערצו נישט דערגיין!" כך הוה! ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט קעגן דעם פייער און עס פאַרטריבן פון דער גאַס.

צי וואָלט דער זיידע מיט זיין שנופּטוך געקענט פאַרטרייבן פון מאַקאָוו, אונדזער שטעטל, די היטלערישע שרפה ?...

אַ בריוו פון אַ קרוב

ב״ה (בעזרת השם) חיפה, יום ב׳ כ״ב שבט תשל״ב (72).

שלום רב לך ש״ב (שאר בשרי) זאב נ״י (נרו יאיר).

קבלנו מכתבך איתו והקטע באידיש. קראתי בענין רב. לקורת רוחי נוכחתי שאתה יודע לכבד זכר סבך וסבתך נ״ע (נשמתן עדן). על פי שהיו (שלא כמוך) אדוקים מאוד בדת ובכל נפשם ומאודם מראים ושלמים הנך מחונן בזכרון טוב ואתה מנצלו, יפה וטוב. מה שאני יכול להוסיף להפרטים שכתבת שהכרתי טוב מאוד את סבתך — דודתי המנוחה סימא ע״ה, אשת דודי המנוח ר׳ רפאל הירש ז״ל (אח אמי ע״ה) שבשמו אני מתכבד להקרא. שמה היתה „סימא", שפירושה ברתה ואוצר וכשמה כן היתה, אוצר בלום של חכמה ותבונה, צדקנית. בעלת מידות טובות. מחוננת בסגולות אחרונות. נעלות ומצויינת במעשיה הטובים. בחכמה, בעלת שכל טוב ורגש לבבי להפליא הלך לפניה, באו אליה להתיעץ

אתה בענינים חשובים, לא רק יהודי מקוב כי אם גם מהסביבה, מרוז'ן וקרסנו־שילץ.

רגילה היתה לבוא אלינו לשבת אצלנו לנוח. ביקורה שמחו אותנו מאוד. אהבנו. העריצו וכבדנו אותה ומלאנו כל משאלותיה בענינים של צדקה וחסד.

באשר לדוד (סבך) המנוח שמעתי שהיה למדן גדול בתורה ויר״ש (ויראת שמים) מושלם במידות וסגולות טובות. ראה מה שאני כתבתי עליו ברישמתי בספר „יזכור" לקדושי מקוב דף 109 וגם מה שכתב עליו המנוח סקורניק ברשימתו באותו ספר (דף 41).

היכרתי את כל ש״ב (שאירות בשרי) האחים והאחיות הדודים ודודות שלך ועם אחיך המנוח חיים וגם עם אחותך באשע שרה המנוחה. מהם יש לי מכתבים ולאחר מותה של באשע שרה קבלתי מכתבים מבתה ששמה סימא ובעלה הרופא מפורסם באמריקה (שמה פרומט). באין לי פרטים נוספים, אסיים מכתבי בדרישת שלומך ושלום אשתך ובאיחולים לבביים.

היו שלום וברוכים בכל טוב.

ש״ב רפאל צבי בהרב

חדר און ישיבה

מיט מיינע מלמדים האָב איך זיך נישט וואָס איבערצוגעמען. כ'האָב פון זיי ווייניק וואָס געלערנט. דאָס ביסל תורה, וואָס איז ביי מיר געבליבן איז ס'רוב פון מיין טאַטן, וואָס האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף די מלמדים.

ווי אין אַ נעפּל געדענק איך ווי דער טאַטע האָט מיט אַ טייטל מיך געלערנט אַלף־בית פון אַ גרויסן טאַוול, ווי ס'פלעגט „אַ מלאך" מיר אַראָפּוואַרפן אַ מאָל אַ צוקערל, אַ מאָל אַ מאַנדל, ווען איך האָב געטראָפן די אותיות און איבער־געלייענט זיי מיט די נקודות.

דער טאַטע האָט מיך איינגעהילט אין אַ טלית און געטראָגן מיך צום דרדקי־מלמד, עפּעס אַ הינקענדיקן קורצגראָבלעכן יידל.

גאָכן דרדקי־מלמד האָב איך געלערנט ביי אונדזער שכן חיים־דודל. ביי אים האָב איך געשריבן מיט רויטער טינט, וואָס האָט געשמעקט מיט עסיק, יידישע שורות־בריוולעך פון בלאָהשטיינס „יידישן בריעפענשטעלער". געלערנט חומש מיט רש״י. לויט אַ באַפעל פון דער צאַרישער מאַכט האָט מען אין די חדרים געמוזט לערנען רוסיש. מיט אונדז האָט געלערנט רוסיש דער לערער גראָסמאַן. ער האָט אויך געשריבן פאַר דער שטאָט „פּראָשעניעס", האָט מען אים דעריבער גערופן „דער שרייבער". פון זיין רוסיש איז ביי מיר אין זכרון געבליבן אַ רו־סישע ליד וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

ס'איז אָונט געווען, געפינקלט די שטערן,
געקנאַקט אין דרויסן האָט דער פראָסט.
אין געסל האָט אַ קינד געוואָגלט,
בלאָ און ציטערדיק פון קעלט.

דאָס ליד פלעגן מיינע שוועסטער זינגען מיט אַ ניגון, וועלכן איך געדענק ביז היינט.

חיים דודל האָט געהאַט אַ קאַנטשיק, אָבער ווייניק געשמיסן. איך געדענק נאָר איין פאַל ווען ער האָט אָוועקגעלייגט אַ יינגל, אפרים האָט מען אים גערופן. ער איז נעבעך געלעגן מיטן נאַקעטן ווי רופט מען דאָס אַרויף עטלעכע מינוט, אָבער חיים דודל האָט אים נאָר אָנגערירט מיטן קאַנטשיק. כ'האָב געלערנט גמרא ביי דעם גמרא־מלמד, „כעמיע" (נחמיה). דאָס איז געווען אַ ייד אַ הויכער, אַ לאַנגער, אַ גיכער מיט שאַרפע הוויות און שאַרפן פילפול. ער פלעגט אַזויפיל פילפלען און פאַרדרייען דריידלעך, אַז ער האָט אַליין אַריינגעדרייט זיך נישט „אַרויסצודרייען". עפעס האָט ער זיך געדרייט אַרום אַ בתולה, וואָס האָט חתונה געהאַט און דער מאַן טענהט „לא מצאתי בתולים" און זי, די בתולה טענהט „מוכת־עץ אני"... מיר יינגלעך האָבן נישט געקענט העלפן נישט דעם מאַן און נישט דער בתולה און נישט דעם רבין. די רביצין האָט אונדז אַלעמען מחיה געווען. זי האָט אַ זאָג געטאָן: „כעמיע", ס'וועט שוין זיין גענוג, זעסט דאָך די קינדער פאַרמאַכן שוין די אויגן. צייט צו עסן וועטשערע.

מיר האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן אָנצינדן די לאַמטערנס. מיר האָבן די עלטערע ברידער געמאַכט אַ לאַמטערן פון פאַפּיר. מיר פלעגן גיין אַלע צוזאַמען. ביינאַכט גיין איז געווען אַ פחד. אַט זעט מען אַרויס די שפּיצן ביימער פון אַלטן בית־עולם. פאַרשנייטע שאָקלט זיי דער ווינט, דאַכט זיך אונדז אויס אַז מתים שפּילן זיך. אַט איז די שול מיט די פינצטערע פענצטער. ביינאַכט קלייבן זיך אַהין צו־זאַמען די מתים. אַלע צוזאַמען מאַכט מען זיך האַרץ, מען שרייט, מען פּילדערט.

ווינטער האָבן חדר־יינגלעך געבראַכט דעם רבין אַ „פירער" אויף נאַפט. אַז איך האָב געבעטן ביים טאַטן דעם „פירער" פלעגט ער אַ זיפץ טאָן: „שווער די פרנסה ווי קריעת ים סוף". איך האָב דאָס גאַנץ פרי דערפילט, ווען די רייכע יינגלעך פלעגן האָבן מיט זיך אין שול ווייסע זעמעלעך מיט פּוטער און איך אַ שטיקל שוואַרצע ראַזעווע ברויט באַשאָטן מיט מאַנטשקע (צוקער־פּודרע) און באַנעצט מיט וואַסער, די מאַנטשקע זאָל זיך נישט אַראָפּשיטן. איך האָב דאָס גע־רופן ברויט מיט „באַגיסער". ס'האָט אָבער געטראָפן, אַז אין שטוב האָט אויס־געפעלט אויך אַט דאָס שטיקל שוואַרץ ברויט און איך האָב געוויינט.

אין אַ שווערער צייט, פאַר באַשע שרהס חתונה, דאַכט זיך,האָט דער טאַטע מיך געשיקט אויף אַ זומער אין נאַשעלסק צום פעטער אַברהם. ער איז געווען

דער ייִנגסטער ברודער פון מיין טאַטן, אַ למדן און אַ מורה־הוראה אין שטעטל. זיין ווייב האָט געהאַלטן אַ קלייט. דער פעטער האָט געלערנט מיט מיר און מיט אַברהמלען זיין זון (מיין קוזין און מיין עלטער) גמרא מיט תוספות. צוזאַמען מיט דער גמרא האָט מיר מיין שוועסטערקינד געגעבן עפּעס וואָס פון ספרים חיצוניים. איך האָב פון צייט צו צייט אויך געכאַפּט אַ קוק אויף מיין קוזינקעלע, דעם פעטערס טעכטערל רחלע. ווי מיר האָט זיך געדאַכט (ניין, נישט געדאַכט) פלעגט זי ביים מאַלצייט טיף אויף מיר אַ קוק טאָן מיט אַזעלכע גוטע אויגן, אַז דאָס האַרץ איז פאַרחלשט געוואָרן, נאָר ס'איז נישט געווען קיין צייט, און נישט קיין געדאַנק צו ראָמאַנען, מיט ליבעס. איך בין געווען פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע און פּאָליטיק.

אין ישיבה

אונדזער מאַקאָווער ישיבה האָט געגרינדעט ר׳ לייזער שולאָוויץ. ער האָט געגרינדעט צווערשט די ישיבה גדולה אין לאָמזשע און דערנאָך פּיליאַלן, ישיבות קטנות אין אָסטראָווע, גראַיעווע, וויזנע, מאַקאָו, זאַמבראָוו, נאָוואָגראַד, סטאַוו־סקי, קאָלנאָ שצוצין און נאָך אַנדערע ישיבות ביי די חסידישע הויפן.

אַליין אַ ביאַליסטאָקער האָט ער באַשטימט זיינעם אַ באַקענטן נאָך פון ביאַליסטאָק, ר׳ נטעלען, אַלס מנהל פון מאַקאָווער ישיבה. אָט דער ר׳ נטעלע האָט נושא חן געווען ביי די מאַקאָווער בעלי בתים און זיי האָבן אים באַטיטלט מיטן נאָמען אַדמו״רי. ר׳ נטעלע האָט זיך דערמיט געגנוג דערהויבן צו פירן זיין ישיבה זעלבשטענדיק. ר׳ לייזער האָט מורא געהאַט דאָס זאָל נישט זיין קיין סיגנאַל פאַר די אַנדערע מנהלים אין אַנדערע שטעט, האָט ער געקעמפט קעגן ר׳ נטעלען דורך הודעות, קול קוראס. אים האָבן אונטערגעהאַלפן די גדולי־הדור ר׳ אלי־חיים מייזל, ר׳ חיים לייב מישקאָווסקי, דער חפץ־חיים און ר׳ מרדכי פון סלאָנים״. (אין יזכור־בוך „לאָמזשע״, אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק 1957, ז. 62). עס מוז נאָך נאָכגעפאָרשט ווערן צי ר׳ לייזער האָט גערודפט ר׳ נטעלען, ווייל ער האָט אים נישט געוואָלט דערלאָזן זיך אויפהויבן העכער פון אים און ער וועט אַרויס פון אונטער זיין שליטה. ס'איז געווען אַ מאַטעריעלע סיבה אין דעם ווידעראַנאַנד — צי גאָר אַ „מחלוקת לשם שמים״. ר׳ לייזער האָט געקוקט קרום אויף די מתנגדישע ליטווישע ישיבות, ווו מע גייט אויך קורץ געקליידט. ער האָט מורא געהאַט, אַז ר׳ נטעלע גיט ווייניק מוסר און קען חלילה נוטה־זיין צו די „ליטוואַקעס״ (מער תורה ווי מוסר). אַ וויכטיקע ראיה דערצו איז דאָס, וואָס ר׳ לייזער איז געווען אַ תלמיד מובהק פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער (אַ בעל־מקובל, אַ מוסרניק).

מאַקאָווער ישיבה האָט געשמט. אַהער זענען געקומען לערנען בחורים פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אַרום. די בחורים האָבן געגעסן „טעג" און מאַקאָווער בעלי־בתים האָבן פאַרדינט עולם הבא...

די ישיבה איז געווען אין אַ באַזונדער ציגלנער מויער אויף אַ זאַמדיקן פלאַץ האַרט ביים טייך. אין זיין גרויסן זאַל איז געווען אַן ארון קודש. עס זענען געווען אויך עלטערע ייִנגלעך, וואָס האָבן שוין געלייגט תפילין. מ׳האָט גע־דאַוונט בציבור. אין דעם זאַל איז געווען די עלטסטע כיתה (די פערטע). אין די איבעריקע קלענערע זאַלן זענען געווען די ערשטע, צווייטע, דריטע כתות. איך געדענק אַ זאַל, מיט בענק צעשטעלט ווי אַ „ח". מיר זענען געזעסן מיט אָפענע גמרות און ר׳ שמואל־יוסף דער דיין איז געזעסן אין דער מיט און גע־לערנט פאַר אונדז דעם שיעור. מיר האָבן אים דערנאָך איבערגעחזרט אַלע צוזאַ־מען. דערנאָך האָט ר׳ שמואל יוסף פאַרהערט יעדן באַזונדער. מען האָט גע־לערנט פשוט גמרא מיט רש״י. ביי די עלטערע האָט מען שוין געכאַפּט אַ תוספות, אַ מהרש״א, ר׳ שמואל יוסף האָט אויסגעקליבן סוגיות פון בבא מציעא, בבא קמא, בבא בתרא, דערנאָך גיטין, קידושין... ער האָט נישט ליב געהאַט דעם פּילפּול, נאָר דעם פשוטן פשט. דאָס ישיבה־לעבן איז אויך געגאַנגען פשוט, אומעטיק, מיט אַ געגעניץ. ביז אונדזער ווערטל איז אויפגערודערט געוואָרן. ס׳איז דורכגעפלויגן די קאָמעטע גאַלייע. אַ פייערדיקער בעזעם האָט זיך באַוויזן אין הימל. מ׳האָט געזען אין דעם עפּעס אַ סימן מן השמים. ס׳קומען אָן משיחס צייטן און אפשר טאַקע איז עס געווען אַ בשורה של בואת המשיח? מ׳האָט געשמועסט וועגן מלחמות גוג ומגוג, וועגן קץ און מ׳האָט געזוכט אין פסוקים אַ גמטריא, אַ רמז.

אין דער ישיבה האָבן זיך באַוויזן מוסרניקעס. איך געדענק איינעם, יאַנקל אוכאַנער. ער האָט געגעסן ביי אונדז אַ שבת. זיי האָבן נישט גערעדט. אַרויסגע־גאַנגען שטילע, אויפגעשטאַנען כעלות השחר און געלאָפן אין באָד. דער בעדער האָט געהאַלטן אַ גאַנצע וואָך די באָד אויף אַ שלאָס, געהייצט נאָר פרייטיק, האָבן זיי דעם שלאָס געריסן בחברייא און זיך טובל געווען אין קאַלטן וואַסער, גע־דאַוונט באַזונדער און מיט אַ באַזונדער כוונה... צווישן זיי איז געווען איינער אַ שטאַמלער. מ׳האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אים געקומען פון שרעק נאָכן פּאָגראָם אין קיִעוו. יאַנקל אוכאַנער האָט מיט זיין שווייגן מיך אָנגעשטעקט מיט מחשבות. שבת האָט יאַנקל אוכאַנער אַרויסגערעדט עטלעכע פראַזן. אין אַ פרייטיק צו נאַכטס, ווען ער איז געשלאָפן ביי אונדז, האָט ער מיר געזאָגט: „אַז מען רעדט זיך נישט אויס איז מען פול מיט מחשבות". איך האָב נישט געקענט אויסהאַלטן דעם נסיון פון שווייגן, בין איך קיין מוסרניק נישט געוואָרן. דער ראש ישיבה און ר׳ שמואל יוסף זענען נישט געווען צופרידן און האָבן געזאָגט מוסר די מוסר־

ניקעס. דער רב און די שטאָטישע לומדים האָבן זיך גענומען צו זיי און ס'איז אויסגערונען...

דער מוסר איז אוועק ווי געקומען.

אין ישיבה האָט געלערנט דעם שילצער רבס אַן אייניקל. אַ ייִנגל מיט געלע, לאַנגע, געדרייטע פּיאות, אַ פּריילעכער, אַ לעבעדיקער. דאַכט זיך, ער האָט געהייסן יהונתן. מיט אים האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט אַ „טרופּע" און געמאַכט אַ פּורים־שפּיל. ער האָט געדענקט אַ סך פון שאול המלך, פון דוד און גלית, אַ ביסל האָבן מיר צוגעטראַכט. אין דעם האָט אַנטייל גענומען מיין על־טער ברודער פּייוול. מיר האָבן אין דרייען באַארבעט דעם טעקסט. ביי אונדז אין שטוב האָט מען געמאַכט פּאַפּירענעם רעקוויזיט, הילצערנע שווערדן באַ־קלעפּט מיט זילבערנעם לעשפּאַפּיר, זיי זאָלן אויסזען ווי פון ווייסן מעטאַל. אַ זילבערנע, אָדער אַ גאָלדענע קרוין פאַר שאול המלך אַ הויכן מיץ פאַר גליתן און מיצן פאַר די יועצים. די רעפּעטיציעס האָט מען געמאַכט ביי אונדז אין קיך־שטיבל. אין זכרון זענען פאַרבליבן אייניקע בילדער פון דער פאַרשטעלונג און אייניקע געזאַנגען. די יועצים זינגען:

אָט קומט דער קעניג שאול
גלייך פון זיין געצעלט.
מיר זענען זיינע יועצים,
זענען פאַר אים געשטעלט.

עס קומט אַריין דער קעניג שאול אין אַ קרוין, באַוואַכט פוןביידע זייטן פון שומרים מיט בלאַנקע שווערדן.

איך בין דער קעניג שאול,
עס ווייסט די גאַנצע וועלט —
דאָ זענען מיינע יועצים,
די זענען פאַר מיר געשטעלט.

ער זעצט זיך אויף אַ שטול. די יועצים שטעלן זיך פון ביידע זייטן. עס קומט אַריין אַ הויכער גלית:

איך בין גלית דער גרויסער העלד,
פאַר מיר טוט ציטערן די גאַנצע וועלט.
איך בין איינער און ווייטער איז קיינער —
איך האָב אין מיר העלדישע ביינער.
צוואַנציק און דרייסיק און פערציק פאַר אָקסן
זענען פאַר מיר ווי אַ שיסעלע לאָקשן.

עס גייט אַריין דוד, אַ קליינינקער, אין איין האַנט אַ שעטקעלע, אין דער צווייטער האַנט אַ זעקעלע. ער שטעלט זיך פאַר שאולן:

זאָל איך גיין מלחמה האַלטן, האָב איך פאַר טויט אַ מורא,
זאָל איך נישט גיין מלחמה האַלטן, איז דאָך פאַר גאָט אַן עברה.

זיין קופלעט זינגט איבער דער כאָר פון יענער זייט פאַרהאַנג.
שאול המלך:

גיי, גיי דוד און האָב פאַר אים קיין מורא,
דען ער איז איין רשע און דו ביסט אַ בן תורה.

דוד גייט און שטעלט זיך קעגן גליתן:

איך דוד, איך דוד,
נעם דאָס שטעקעלע אין דער רעכטער האַנט
און די פינף שטיינדעלעך אין דער לינקער האַנט,
איך וועל צו דיר טוען שיסן,
וועסטו טוען פאַלן צו מיינע פיסן.

דער כאָר זינגט:

גלית זינגט:

איך בין דען אַ הונט,
וואָס קומסט מיט אַ שטעקן?
איך טו נאָר אַ ווינק טוסט דו זיך עקן.
איך בין דען אַ הונט, וואָס דו קומסט מיט שטיינער?
באַלד מאַך איך דיר אַצינד
אַ זעקל מיט ביינער...

דוד נעמט אַרויס אַ שטיינדל (זינגט):

איך דוד, איך דוד,
נעם דאָס שטעקעלע אין דער רעכטער האַנט און דאָס שטיינדעלע
אין דער לינקער האַנט,
צו גאָט וועל איך בעטן,
דעם קאָפּ דיר צום פּלעטן.

גלית: ווער איז דאָס ערשטע שטיינדעלע?
דוד: אין זכות פון אַברהם אָבינו.
גלית: אַברהם האָט געהאָט הגרן פאַר אַ ווייב.

דוד (זינגט):

לעבעדיקער גאָט, וואָס די וועלט באַשאַפן האָט
דערפאַר, וואָס דער רשע האָט געטאָן דעם צדיק שענדן
זאָלסטו אים טוען פאַרלענדן,
ער זאָל ניט וויסן ווו זיך צו קערן און ווו זיך צו ווענדן.

דער כאָר זינגט צו...

גלית: ווער איז דאָס צווייטע שטיינדעלע?
דוד: יצחק אָבינו.
גלית: יצחק האָט געהאַט עשיון פאַר אַ זון.
(עס חזרט זיך איבער דער זעלביקער רעפרען),
עס חזרן זיך איבער די פראַגן און ענטפערס!
ווער איז געווען דאָס דריטע שטיינדעלע?
יעקב אָבינו.
— יעקב האָט געהאַט לבנען פאַר אַ שווער.
— ווער איז געווען דאָס פערטע שטיינדעלע?
— משה רבינו.
— משה האָט געהאַט אַ גלח פאַר אַ שווער...
— ווער איז געווען דאָס פינפטע שטיינדעלע?
— אהרון הכהן.
— אהרון הכהן האָט געמאַכט דאָס עגל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין ישיבה האָט מען געלערנט תורה און אין דער היים דרך־ארץ. בשכנות מיט אונדז אין זעלביקן הויז פון אַלעקסאַנדרער שטיבל האָט אַ טיר קעגן אַ טיר געוווינט שמואל דער רבי, אַ קורצוווקסיקער ייד מיט אַ פיינער אויסגעקעמטער געלער באָרד, אַ הדרת פנים. זיין זון איז געווען דער ערשטער אַגענט־פאַר־שפרייטער פון „מאָמענט". מיין מאַמע (אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן!), האָט מיר אַלע טאָג געקויפט אַ „מאָמענט" בתנאַי איך זאָל יעדן טאָג לערנען אַ בלאַט „חיי־אָדם": „וואָס צו גאָט, וואָס צו לײַט"... איך בין אַזוי אַרום געוואָרן אַ היי־סער לייענער און אָנהענגער פון „מאָמענט". געווען אויף זיין זייט קעגן דעם „היינט", ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די פּאָלעמיק צווישן הלל צייטלין און שלום אַש. הלל צייטלין זענען נישט געפעלן די ליטעראַריש באַאַרבעטע מעשהלעך פון חומש און ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „משה רבינו אויפן מאַרק", וואָס האָט

אַרויסגערופן אַ גאַנצע מחלוקה. דער „היינט" האָט געדרוקט גביית עדות, אַז הלל צייטלין האָט מחלל שבת געווען און געגעסן אין אַ גויִישן רעסטאָראַן. דער „מאָ־מענט" האָט „אָפּגעשגצט". אין מאַקאָוו האָט מען זיך צעטיילט, ווער ס'איז גע־ווען פאַר הלל צייטלין און ווער פאַר שלום אַש, פאַרן „מאָמענט" און פאַרן „היינט"... שפּעטער, אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך געהאַט די זכיה מקבל־פּנים צו זיין הלל צייטלין ביי אונדז אין מאַקאָוו.

אין ישיבה האָב איך זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן. (מלחמה — און אויס ישיבה). פון דער דריטער כתה בין איך אַוועק לערנען „פאַר זיך". ס'זענען נאָך געווען איינצלנע גמרא־לערנער אין די בתי־מדרשים און אין די „שטיבלעך". ביסלעכווייז, איז דער גמרא־ניגון אַנטשוויגן געוואָרן. איך בין נאָך געווען אין דער צייט ווען אונדזער יוגנט איז געווען אויפן וועג „בין קודש לחול".

אַ קורצע ביאָגראַפיע פון דער רויטער ציגל־מויער

די ציגל־מויער וווּ עס איז געווען די ישיבה האָט אויפגעבויט עפּעס אַן אַלמנה. זי האָט עס פאַרדונגען דער ישיבה. אין דער הויף אויף אַ בוידעם־שטיבל איז אַ צייט געווען דאָס ראַדזימינער שטיבל. שפּעטער איז דער גאַנצער בנין איבערגעגאַנגען צום „בונד". ס'איז געווען דאָרט דער גראָסער־קלוב, דער קאָאָפּעראַטיוו. אין דעם בוידעם־שטיבל איבערן קלוב איז געווען אַ „יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע", וואָס האָט זיך צוערשט געהאַלטן אומפּאַרטייִש, דערנאָך האָבן זי די יונגע בונדאָווצעס אַ נאָמען געגעבן „צוקונפט". האָבן מיר יונגע ציוניסטן גע־מאַכט אַ בונט קעגן „בונד".

ראַדזימינער שטיבל, ראַדזימינער חסידים, ראַדזימינער רבי

אין מאַקאָוו זענען געווען ווייניק ראַדזימינער חסידים, האָבן זיי נישט געהאַט קיין באַזונדער „שטיבל". אין אַ שבת, אַ יום־טוב האָט מען געמאַכט ערגעץ אין אַ הויז אַ מנין, אַ שבת־יום־טובדיק ראַדזימינער שטיבל.

אַ שטיקל צייט האָבן ראַדזימינער חסידים אָפּגעדונגען אַ בוידעם־שטיבל אין דער נייער רויער ציגלנער מויער פון דער ישיבה. דאָס איינציקע פענצטער איז געווען אין דער מזרח־וואַנט, האָט מען געקענט ביים דאַווענען קוקן אויפן טייך און אַריבער אים אויף די ברייטע לאַנקעס...

דאָס ראַדזימינער שטיבל האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן אויפן בוידעם. פון דאָרט האָט מען דעם ארון־קודש מיט דער ספר־תורה אַריבערגעפירט און אַוועק־

געשטעלט ביי אונדז אין שטוב און יעדן שבת, גאַנץ פרי האָט מען אויפגעוועקט די קינדער, צוגענומען די שעניקעס מיט די קישנס, מיט די דעקעס און ס׳איז געוואָרן אַ ראַדזימינער „מנין״.

אין ראַדזימינער שטיבל זענען געווען זייער ווייניק „ריינע״ ראַדזימינער חסידים. ס׳זענען געווען אויך איינצלנע חסידים פון אַנדערע רביים: קאָצקער, טריסקער און איינער אַ ראַדזימינער חסיד, וואָס האָט געטראָגן תכלת־בלויע ציצית — עס זענען אויך געווען אַ צוויי־דריי אָפּגעשפּאָלטענע פון אַמשינאָווער און גערער „שטיבלעך״.

פון די „אָפּגעשפּאָלטענע״ האָב איך אין זכרון פייוול מאַשאַנזשניק. ער האָט אייגנטלעך פאַרלאָזן דאָס גערער שטיבל איבער אַ בילבול. מ׳האָט אים חושד געווען, אַז עפּעס אַ שיקסע, אַ יצר־הרעטע רחמנא ליצלן, האָט אים געבראַכט צו אַ נסיון און ער איז נישט בייגעשטאַנען. דאָ, ביי די ראַדזימינער האָט מען אים צוגענומען ווי אַ גר־צדק. דער טאַטע האָט געוואָלט מקרב זיין פייוול מאַשאַנזשניק, האָט ער אים אָפּגעטראָטן דעם עמוד. ער איז געווען באַרימט מיט אַ קול נגינה בתוך בכיה. פייוול מאַזשאַנשניק איז געוואָרן דער שליח־ציבור, דורך וועלכן די ראַדזימינער חסידים האָבן זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם... פייוול מאַשאַנזשניק האָט ליב געהאַט דעם עמוד. ער פלעגט אַ שטורעם טאָן שבת דעם „כתר יתנו לך״, פון דער מוספדיקער קדושה, זענען פונקען געפלויגן. אמת, קיין „נגינה״ איז נישט געווען, אָבער דערפאַר „בכיה״.

מיין טאַטע איז געווען אין ראַדזימינער שטיבל דער גבאַי, דער שמש, דער בעל־קורא, און געהאַט די חזקה אויפן עמוד, האָט ער איצט אויסגעהערט דאָס הייזעריקלעכע געוויין פונעם בעל־תפילה, וואָס איז געקומען צו די ראַדזימינער. אָבער פייוול מאַשאַנזשניק האָט געהאַט זיין חשבון. ער האָט געוואָלט „קילן״ זיין פאַרדרוס, אָפּטאָן צו להכעיס דעם גערער שטיבל. ווען די ראַדזימינער חסידים האָבן געמאַכט דאָס שטיבל אויפן בוידעם פון דער נייער ישיבה, האָט ער דאָס אָנגערופן „בית שני דגור״. ער האָט געוואָלט אַריבערציען גערער חסידים אין דעם „צווייטן גערער שטיבל״. ער האָט אָבער נישט מצליח געווען. חסידים האָבן זיך שטאַרק געהאַלטן ביי זייער שטיבל, בפרט גערער חסידים. אין גערער שטיבל זענען געווען די פיינסטע בעלי־בתים, עשירים און די פּראָסטע אָרעמע חסידים האָבן זיך געגרויסט דערמיט.

עס האָבן ביי די ראַדזימינער חסידים געדאַוונט אויך „פּאַרעווע״ יידן. איך געדענק אַבאַ באַליאַרזש, אַ ייד, אַ געגאָלטער מיט אַ סימן פון אַ בערדל אויפן סאַמע שפּיץ גאָמבע. ער האָט געטראָגן מאַנזשעטן און אַ האַרטן אויסגעשטעלטן וויסן קאָלנער מיט אַ שניפּס. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־„פּאָליטיקער״ — מ׳האָט פון אים נישט שטאַרק געהאַלטן. ער איז געווען אַן אַלטער בחור,

געפּאַרבט דאָס סימן בערדעלע. אַ ייִד אין די יאָרן, אָן אַ ווייב, און דאַוונט נישט אין קיין טלית. ס'איז עפּעס נישט דאָס.

נאָך איינער אַ „פּאַרעווער" ייִד האָט אַ שטיקל צייט ביי אונדז געדאַוונט מיט די ראַדזימינער חסידים. יצחק־יעקב דער ציצה־מאַכער. ער איז נישט געווען קיין גילוח, אָבער ער האָט צוגעשוירן און אַ ביסל צוגעפּוצט דאָס קיילעכיקע בערדל. אַ לעבעדיקער, זשוואַווער ייִדל מיט באַהאַלטענער פּקחות אין די וואַנצעס. ער איז געווען אָן אָפּטער אַריינגייער צו דער באָבע סימען. איך געדענק איין מאָל, ווען ער איז געקומען צו אונדז מיטיק־צייט און מ'האָט אים ווי דער שטייגער פאַרבעטן: „קומט מיטעסן", האָט ער נישט געענטפערט ווי דער שטייגער איז: „עסט אַליין געזונטערהייט", נאָר געזאָגט: „גיט אַ לעפל". ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטעקעלע מיט אַ געבויגן פּיין־געשניצטן הענטל. דאָס איז געווען פאַר אים בלויז „אַ פּוץ". מיטן שטעקעלע האָט ער געקענט ווערן אַן אַנדער יצחק־יעקב נישט קיין ציצה־מאַכער, מיטן שטעקעלע האָט ער מבטל געווען, געבראַכט ראיות, געפירט וויכוחים, זיך מפלפל געווען. אין ראַדזימינער שטיבל האָט געדאַוונט נאָך איינער — הענעך, קורץ געקליידט, געגאָלט און פּונקט ווי אַבאַ מאַליאַרזש, אויסגעפּוצט אין אַ ווייסן אויפגעשטעלטן קאָלנער מיט אַ שניפּסל. ער פלעגט זיך שטענדיק האַמפּערן מיט אַבאַ מאַליאַרזש אין פּאָליטיק־זאַכן.

ביים ראַדזימינער רבין אדמו"ר ר' אהרון מנחם

איך געדענק נישט ווי אַלט איך בין דעמאָלט געווען, ווען מיין זיידע האָט גענומען מיין טאַטן און מיין טאַטע האָט גענומען מיך און מיר זענען אַוועקגעפאָרן צום ראַדזימינער רבין. לכבוד דעם רבין האָט מען מיר פון טאַטנס אַלטער זיידענער קאַפּאָטע איבערגענייט אַ ציידן קאַפּאָטקעלע מיט אַ שפּאַלט פון אונטן מיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גאַרטעלע, אָפּגעטיילט מיין גשמיות (דער אונטערשטער טייל) פונעם רוחניות (דעם אייבערשטן טייל).

די צייט איז געווען אַ שווערע (אין שטוב האָט אויסגעפעלט ברויט). גזירות און רדיפות אויף ייִדן האָט קיין מאָל נישט אויסגעפעלט. ס'איז דער סאַמע אָנהייב פונעם אַנטי־ייִדישן באָיקאָט. ס'האָט זיך אַלץ געדאַכט, מע האָט אַלץ געטראַכט וועגן משיחס־צייטן.

אין ראַדזימין (אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון וואַרשע) איז געווען אָנגעפּראַפּט מיט חסידים. עס איז געווען פאַר יום־כיפור און חסידים זענען געקומען צום רבין בעטן פּרנסה, אַ גוט יאָר און ישועות אויף ייִדן...

פונקט אין דעם יאָר האָט דעם רבינס הויף געהאַט אַ חנוכת הבית. דער רבי האָט אויסגעבויט אַ נייעם בית המדרש. מיר זענען, צוזאַמען מיט נאָך חסידים איינגעשטאַנען ביי אַ בעל־הביתטע אין אַ נידעריקן שטיבל און געשלאָפן אויף דער פאָדלאָגע.

ערב יום־כיפור האָט אַן עופות־הענדלער פון וואַרשע, אַ ראַדזימינער חסיד, געבראַכט אומזיסט פאַרן רבין מיט די חסידים אַ פראַכט מיט הענער אויף כפרות שלאָגן. פון הויכן, ברייטן וואָגן האָט מען פון שטייגן אַרויסגעוואָרפן אויפן רבינס הויף האַלב־געפּענטעטע הענער. די הענער זענען געשפּרונגען, געקלאַפּט מיט די פליגלען, געפּילדערט, נישט געוואָלט זיין קיין כפרות. חסידים האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי און ווער ס׳האָט זוכה געווען צו כאַפּן אַ האָן האָט אָפּגעשלאָגן מיט אים כפּרות און געגעבן דער בעל־הביתטע פון דער „סטאַנציע״, ווו מ׳איז איינגעשטאַנען, האָט זי געמאַכט אַ יויך מיט לאָקשן פאַר חסידים צום פאַרפאַסטן. אַלע וואָס האָבן נישט געכאַפּט קיין הענער האָבן זיך צוזאַמענגענומען בחברותא, איינער האָט געהאַלטן דעם האָן פאַר די פיסלעך, אַריינגעזאָגט אים דעם בני־אָדם און געדרייט איבער די קעפּ פון די חסידים. די חסידים האָבן אַלע נאָכגעזאָגט „בני אָדם״ און געשריגן זה כפרתנו...

נאָכן פאַרפאַסטן האָבן צום רבינס הויף זיך געצויגן מחנות חסידים. דאָס נייע בית המדרש, באַהעפט מיטן אַלטן, איז געווען אָנגעפילט מיט עולם. פאַר שקיעה האָבן זיך אָנגעצונדן גאַזלאָמפּן און הונדערטער וואַקסענע, חלבנע און סטעאַרינאָווע גרויסע און קליינע ליכט און ליכטלעך אויף די טישן און קעסטלעך מיט זאַמד.

די זון האָט זיך איינגעהילט אין אַ גרויסער רויטער פאַטשיילע און אַראָפּגע־נידערט, פאַרזונקען אין שאול־תחתיה. אין גיהנום לעשן זיך די פייערן, טונקען זיך און צאַנקען גיהנום־פלאַמען, פאַרגיסן די פענצטער פון מערב־זייט. בלוטיקע פלעקן ציטערן אויף דער מזרח־וואַנט, פאַרהאַלטן זיך אַ ווייַלע אויף ווייסע קיטלען. אי־בערגעדעקט מיט טליתים האָבן זיך געבויגן קעפּ און ס׳האָט אַרויסגעשטראָמט ווי אַ שטיל וואַסערל אַ יראת־שמים־געמורמל. ליפּן האָבן געפליסטערט „הנני העני ממעש״...

מיין טאַטע האָט מיך אויפגעהויבן און מיר באַוויזן ווי דער רבי שטייט. לעבן דעם רבין האָט דער טאַטע מיר געוויזן דעם גר צדק. איך האָב געזען איי־נעם אין אַ קורץ טליתל. לעבן אים אַ קליין יינגל אין אַ זיידענעם קאַפּאָטקעלע. דאָס זענען געווען גרים, אַ טאַטע מיט אַ זון האָבן זיך מגייר געווען און געקומען צום ראַדזימינער רבין. דער רבי האָט זיי מקרב געווען, האָבן זיי די זכיה צו שטיין ביי זיין רעכטער זייט.

אַ שטילער ציטער איז אַריבער, ווען דריי זקנים אין ברייטע ווייסע קיטלען מיט גרויע בערד, באַהאַלטן אונטער די טליתים האָבן אויסגערופן: „על דעת המקום ועל דעת הקהל... כל נדרי" האָט אָנגעהויבן דער שליח ציבור מיט משוררים און אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון דער גאַנצער עדה. צו ערשט מיט אַ שטיל געפּליסטער, דערנאָך מיט אַ געברומעריי און געשטיגן אַלץ העכער און העכער צום עולם העליון, צום כסא הכבוד...

נאָכן לאַנגן מערב האָט מיין זיידע אָוועקגעשיקט דעם טאַטן מיך צו לייגן שלאָפן און ער איז געבליבן מיטן רבין אויף אַ גאַנצער נאַכט אין בית־המדרש.

איך געדענק שוין נישט ווי ס'איז דורך דער יום־כיפּורדיקער טאָג. דער טאַטע האָט ווי שטענדיק געמורמלט — „היינט זענען שוואַכע דורות". אָוועקגע־שיקט מיך נאָך שחרית אויף דער „סטאַנציע" זיך אונטערלענען דאָס האַרץ. צו נעילה האָבן חסידים געוויזן גבורה. נאָך אַ טאָג פאַסטן האָבן זיי אַ זאָג געטאָן שטאַרק דעם „זכור ברית אברהם ועקידת יצחק", מיט אַ חסידישער חוצפּה גע־פּאָדערט ביים רבונו של עולם: „והשב שבות אהלי־יעקב". די נעילה האָט מען אין ראַדזימין נישט געזאָגט שטיל נאָר בקול רם, נישט געבעטן, נאָר געפּאָדערט. נאָכן שניידנדיקן נעילה־קדיש, האָט מען זיך געדריקט די הענט און ס'האָט גע־פּלאַקערט אַ געזאַנג „לשנה הבאה בירושלים". נאָכן וואָכעדיקן מעריב, נאָכן קידוש לבנה מוצאי יום־כיפּור, זענען אין בית־המדרש געדעקט געוואָרן טישן. אין מיטן פון אַלע טישן איין לאַנגער טיש. דער רבי אויבן אָן, די חסידים אַרום. דער זיידע איז געזעסן נישט ווייט פון רבין. דער טאַטע לעבן זיידן האָט געהאַלטן מיך אויף די קני. מ'האָט דערלאַנגט אַ גוטע סעודה מיט משקה. חסידים האָבן געכאַפּט שיריים. דער טאַטע האָט מיט די הענט צעריסן אַ שטיקל פלייש און געשטופּט מיר אין מויל. נאָך דער סעודה האָבן חסידים געכאַפּט אַ „ריקודל". הענט אויף אַקסלען געפלאַכטן האָבן רעדלעך חסידים געהויבן פיס. אין מיטן אַ גרויסער ראָד מיטן רבין אין דער מיט. מ'האָט געזונגען „לשנה הבאה בירושלים", „ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם", „וטהר לבנו", געפּאַטשט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס. איז געוואָרן ענג צו טאַנצן איז מען אַרויף אויף די טישן, חסידים האָבן אַריינגעלייגט פינגער אין מויל און צוגעפּייפט ווי די פּאָניעס... לכבוד דעם רבין, לכבוד דעם חנוכת הבית האָבן שוין אַלע געטרונקען „עד שלא ידע".

אויף צו מאָרגנס איז ביים רבין אין הויף געווען אַ גרויס גערודער. שמשים זענען אומגעלאָפן. מ'האָט געשריבן קוויטלעך. עס זענען געקומען אַ סך ווייבער. אַלע דאַרפן צום רבין. מען דאַרף האָבן זכות־אָבות אַריינגיין צו אים. שמשים שטופּן און שטויסן, חסידים שטויסן צוריק. ס'איז אַ רעש, אַ טומל, אַ געוואַלד. אַלץ לכבוד דעם רבין... לויט די שתדלנות פון מיין זיידן האָט דער טאַטע גע־

קראַגן רשות אַריינצוגייען צום רבין. די שמשים האָבן פונאַנדערגעשטופּט און פונאַנדערגענומען דעם עולם און מיר האָבן זיך קוים דורכגערוקט. ווען מ׳איז צוגעקומען צו דער טיר האָט דער טאַטע מיך אַריינגעלאָזט פריער דערנאָך אַליין אַריין... איך בין געבליבן שטיין אַ פּאַרציטערטער. ביסלעכווייז בין איך געקומען צו זיך און איך האָב דערזען דעם רבין, אַ הויכער, אַ ברייטער מיט אַ צעשפּרייטער געלבלעכער באָרד, מיט לאַנגע געקרייזלטע פּיאות. ער איז געזעסן ביים טיש. אויפן טיש זענען געלעגן קופּקלעך קופּערנע און זילבערנע מטבעות פּדיון־געלט. מיין טאַטע האָט דערלאַנגט דעם רבין דאָס „קוויטל״ מיט זיין בקשה. דער רבי האָט פאַרצויגן אַ לאַנגע ליולקע־ציבעק און צוגערופן מיך: ווי הייסט דיין בחור? בנימין־זאב? ווי לערנט ער תורה? — דער טאַטע האָט אים געזאָגט אַז איך האָב ליב זיך אָפּצושטעלן אויף פּסוקים און פרעגן קשיות. דער רבי האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און אַ זאָג געטאָן: — וואָס פאַר אַ קשיות אָרן דיך? זאָג וואָס איז דיר קשה? איך האָב געציטערט און אַלץ איז אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. דער טאַטע האָט מיר געהאָלפן זיך דערמאָנען און איך האָב דעם רבין געפרעגט די צוויי קשיות, וואָס איך האָב שוין אַ מאָל געפרעגט ביים טאַטן.

די ערשטע קשיא — אין „פּרקי אָבות״ ווערט געזאָגט: עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועמד בכלם להודיע כמה חבתו של אברהם אבינו. צווישן די עשרה נסיונות איז „ויאמר ה׳ אל אברהם „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אבותיך אל הארץ אשר ארהך. פאַר וואָס איז דאָס דער „לך לך״ אַ נסיון? גאָט האָט דאָך אים צוגעזאָגט דערפאַר „ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך והיה ברכה? האָט דאָך מיין פעטער יהודה־לייב, נישט אַזאַ צדיק ווי אברהם אבינו אויך אויסגעהאַלטן דעם נסיון און אַוועקגעפאָרן פון מאַקאָוו קיין לאָנדאָן.

דער רבי האָט מיר אַ גלעט געטאָן אַ פּאה און געענטפערט: ווייטער שטייט אין פּסוק „וילך אברהם כאשר דבר אליו ה׳״, נישט אמר (לשון רכה מיט ווייכע רייד), נאָר „דבר״ (לשון קשה — האַרטע רייד) ווי גאָט האָט אים באַפוילן.

די צווייטע קשיא האָב איך שוין געפרעגט מיט מער דרייסטקייט: פאַר וואָס שטייט אין „דברים״ אַז מען הענגט אויף אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ פּסק דין מות „לא תלין נבלתו על העץ כי־קבר תקברנו ביום ההוא כי־קללות אלהים תלוי, מען טאָר אים נישט לאָזן הענגען איבער נאַכט ווייל דער מענטש איז דאָך באַשאַפן בצלם אלהים״, איז דאָך די קשיא, אויב דער מענטש טוט אַ זינד, טוט זיך אָפּ פון אים דער צלם אלהים, פאַר וואָס איז דאָס אַ „קללת אלהים?״

דער רבי האָט מיר אַ גלעט געטאָן דאי צווייטע פּאה און געענטפערט: „די גמרא זאָגט: ׳כיוון שלקה הרי הוא כאחיך׳, אַז דער מענטש איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר זיין עבירה קומט אויף אים צוריק אָרויף דער ׳צלם אלהים׳״. נאָך דעם האָט דער רבי פון דעם קופּקעלע זילבערנע מטבעות אַראָפּגענומען צוויי גולדן

און מיר געגעבן: „ווען דו וואָלסט געפרעגט מער קשיות וואָלסטו געקראָגן מער״.

איך האָב פעסט פאַרדריקט אין מיין האַנט די צוויי גולדן און דער רבי האָט אַ גלעט געטאָן מיך איבערן קאָפּ און דעם טאַטן האָט ער געזאָגט: „משה, דו ווילסט האָבן ברויט פאַר די קינדער, פאָר אַהיים און ווער אַ בעקער!״

ווען דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער מיטן כוח פון בטחון זיך גענומען אונדזער קליין אייוועלע איבערבויען אין אַ גרויסן אויוון...

איך האָב די צוויי גולדן איינגעוויקלט, פאַרשטעקט אונטער אַ באַלקן און לאַנג געהיט ביז זיי זענען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן צוזאַמען מיט מיין חסידות.

דער רבי האָט דערנאָך אין זיינעם אַ ספר געבראַכט מיינע צוויי קשיות און זיינע צוויי תשובות מיט אַ קעפּל „בשאלתי מילדי״.

איך האָב דעם רבינס תשובות פאַרשטאַנען אין מיין „לך לך״ איבער די לאַגערן פון קאַלימאַ און גירוש סיביר... איך האָב זיך אָנגעזען מיט פיל טויטע פנימער מיטן „קללת אלוהים״...

דער רבי האָט אויך געמאַכט דעם „לך לך״ קיין ארץ ישראל און דאָ ביים „כותל המערבי״ געהייסן מאַכן אַ מחיצה צווישן ווייבער און מאַנצבילן. — די מחיצה האָט געקאָסט בלוט.

איך וואָלט איצט געקענט פרעגן אונדזער ראַדזימינער רבין אַ סך מער קשיות. צי האָבן דען ווייבער נישט קיין צלם אלוהים? זיי זענען דען נישט געשטאַנען אין איינעם מיט מאַנצבילן ביים באַרג סיני צו מתן תורה? ווי וואָלטן יידן מקבל געווען די תורה און געלערנט די תורה, ווען חוה וואָלט נישט געגעסן פון עץ הדעת און נישט געגעבן פאַרזוכן אָדמען פון בוים פון וויסן? חוה, די מאַמע פון דער מענטשהייט, די ערשטע מאַמע האָט דאָך אונדז געגעבן וויסן און פאַרשטאַנד, פאַר וואָס זשע לאָזט מען נישט צו אונדזערע חוהס צו דער תורה? ווו איז כבוד אם?

צי איז די שפיכת דמים איבער דער מחיצה ביים כות המערבי נישט געווען קיין גורם, אַז מענטשן זאָלן פאַרלירן זייער צלם־אלוקים?

שבתים און ימים טובים

אַ גאַנצע וואָך האָט מען ביי אונדז געדאגהט ווו צו נעמען אויף שבת. אַ גאַנצע וואָך איז מען איבערגעקומען מיט „שהיה־פּיה״, אַ קאַרטאָפל, קאַרטאָפל־קליאָצקעס, אַ פאַרווייסטער גריץ, אַ פאַלשע יויך, אַ שטיקל לונג, אַ טשעפּטשעק, „סטינקעס״ (קליינע פישעלעך), אַלץ איז געווען אַ מאכל, אַבי דערהאַלטן די נשמה. שבת האָט יעדער ייד אַ נשמה יתירה, דאַרף מען מער און בעסער, אַלץ לכבוד שבת.

צו אַווינטערדיקן שבת האָט מען זיך גענומען גרייטן שוין פון דאָנערשטיק. מען פלעגט וואַשן, סקראָבען די פּאָדלאָגעס און אויסשיטן מיט געלן זאַמד. שייערן די מעשענע לייכטער און דעם הענגלייכטער (אַ קיילעכדיקע מנורה, וואָס האָט געהאַנגען אין שטוב (כביכול אַ „סאַליע״). דאָנערשטיק ביינאַכט האָט די מאַמע געבאַקן חלות. דער טאַטע האָט אויסגעקוועטשט די ראָזשינקעס אויפן קידוש־ווײַן. פרייטיק האָט מען אַלץ געטאָן אין איילעניש נישט „אַריינצופאַרן״ אין שבת. אַ באַזונדערע בהלה איז געווען אין קורצן פרייטיק.

יעדן פרייטיק האָבן מיר געהאַט אַ פרישׂ בולקעלע און אַ שטיקל „קאַר־טאָפליאַק״, אַ קוכן פון געריבענע קאַרטאָפל, געבאַקן אין אַ בעקן אויסגעשמירט מיט בוימל, האָט ער געהאַט דעם זיבעטן טעם, געווען אַ מאכל מאכלים...

די ריחות פון געפילטע פיש און פון טשאָלנט האָבן פאַרטריבן דעם וואָכע־דיקן ריח פון „האַלסאָווינע״. די שבתדיקע מאכלים זענען אַריין אין אונדזער טשאָלנט־אויוון. די מאַמע האָט גוט פאַרשמירט דאָס טירל פון אויוון און יעדער שפּעלטעלע פאַרשטעקט, די מלאכים זאָלן זיך באַמיען, אַז די אָרעמע טשאָלנטן זאָלן האָבן אַ שבתדיקן טעם.

האַרט פאַר ליכט צינדן האָבן מיר בגנבה צוגעגאָסן נאַפּט אין לאָמפּ עס זאָל ברענען לענגער. מיר זאָלן קענען לייענען וואָס מער.

אין שטוב זענען געווען צוויי איבערגעבונדענע יאָרגענג פון די אילוסטרירטע זשורנאַלן „דער שטראַל״ און „ראָמאַן־צייטונג״, פון וועלכע מיר האָבן אַרויס־געלייענט וועגן אַלץ וואָס עס האָט זיך געטאָן דעמאָלט אין דער גרויסער וועלט.

עס זענען געבליבן אין זכרון די קאַרטינקעס און באַשרייבונג פון דער ערד־ציטערניש אין מעדינאַ און פון דעם גוטהאַרציקן קיסר פראַנץ יאָזעף, וואָס פאַר־שטעלט זיך פאַר אַ פויער און גייט אַרום אין זיינע דערפער טאָן חסדים.

עס זענען געווען ביי אונדז מעשה־ביכלעך פון מהר״ל מפראָג און פון זיין גולם, פונעם „שפּאָלער זיידן״, פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, די מעשה ג׳ אחים און די מעשה ווי ס׳האָבן זיך פאַרביטן דער בן מלך און דער בן שפחה. אַ ראָמאַן פון אייזיק מאיר דיק „דער גר צדק, אָדער דער גראַף פּאָטאָצקי״ און נאָך עפּעס דערציילונגען וועגן „יינגלעך״ קאַנטאָניסטן, וואָס מ׳האָט געשטעלט מיט די קניען אויף אַרבעס און געצוווּנגען זיך צו צלמען, וועגן מאַראַנען אין שפּאַניען, ווען די אינקוויזיציע האָט געקרייצט יידן אויף די שייטערהויפנס.

ווען איך בין עלטער געוואָרן פלעג איך כאַפּן אַ קוק אין סאָציאַליסטישע און אין ציוניסטישע בראָשורן, וואָס ס׳האָבן געבראַכט מיינע צוויי עלטערע ברידער חיים און פייוול.

מיר איז געפעלן סיי דער סאָציאַליזם, סיי דער ציוניזם. איך האָב אויך ליב געהאַט די טראַדיציאָנעלע יידישקייט, די שבת־יום־טוב ליכט, די שבתדיקע

מלאכים, וואָס איך האָב געפילט אַרום זיך, די מלכּת־שבת — אַ מתּנה דעם פאָלק ישראל נאָך פון ששת ימי בראשית. אין דער זון האָב איך געזען דאָס פּנים פון משה רבינו. אין דער לבנה — דאָס פּנים פון יהושוע בן־נון, אין די שטערן — גאָטס ליכטיקן וואונדער. ס'האָט מיר ווי געטאָן דאָס האַרץ אויף דער געפאַנגענער בת־מלכּה פון די ג' אחים, וואָס קען נישט אויסגעלייזט ווערן דורכן בן מלך, ווייל ער האַלט נישט אויס דעם נסיון און זי לאָזט פאַר אים איר טי־כעלע. אויף דעם טיכעלע שרייבט זי צו אים מיט ביטערע טרערן. מיך האָט פאַרדראָסן אויף דעם מהר"ל, וואָס ער האָט צוגענומען ביים גולם די נשמה און אים צוריק פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק ליים.

איך האָב געוואָלט זיין איינער פון די ג' אחים, אַ בייג צו טאָן אַ רויטע אָדער אַ בלויע האָר, עס זאָל צו מיר קומען אַ ברענענדיק פערד, וואָס זאָל מיט מיר יאָגן איבער די וואָלקנס און איך זאָל אַוועק ווייט, ווייט צוזאַמען מיט מיין שטיבל, וואָס ווערט אַ פּאַלאַץ...

ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל האָב איך שבת בייטאָג, צוזאַמען מיט מיינע שוועסטערלעך אַרומגערינגלט די מאַמע, וואָס איז געזעסן ביים אויוון מיט אונדז און געלייענט פון טייטש־חומש מעשהלעך וועגן אָדם און חוה, קין און הבל, עקידת יצחק, הגר און ישמעאל, יעקב און רחל, יוסף און זיינע ברידער, וועגן משה רבינו. מיין מאַמעס תורה איז געווען אַ תורה שבלב, וואָס האָט קיין מאָל נישט אָפּגעוועלקט.

די ווינטערדיקע שבת בייטאָגן אַרום דער וואַרעמער מאַמע ביים וואַרעמען אויוון. נישטאָ נאָך אַזאַ וואַרט פאַר מאַמישער ליבשאַפט. נישטאָ אַזאַ צייט, וואָס זאָל זי מאַכן פאַרגעסן. זי איז צעגאָסן אויף אייביק אין די גלידער. יעדער צאַרטער געפיל זייגט פון איר זאַפט.

די ווינטער־שבתים האָט מען אָפּגעפּטרט מיט אַ פּראָסטן „ברכו נפשי" און מיט אַ יוצא שלוש סעודות, אַבי יוצא צו זיין. דערפאַר איז געווען די מלווה־מלכּה אַ לענגערע מיט אַ הייסן באָרשטש פון רויטע בוריקעס, צוזאַמען מיט אליהו הנביא...

*

נאָך פּורים האָבן מיר געמאַכט מיט עמעצן שותּפות און געעפנט אַ מצה בעקעריי ביי אונדז אין שטוב. דאָס האָט געבראַכט צו שטייער אויף פּסח מיט אַ „שמיצל אַריבער" נאָך אויף נאָך פּסח. אויף ליידיקע פעסלעך האָט מען אויס־געלייגט לאַנגע נייאַפּגעהובלטע ברעטער. אַ צען־פּופצן ווייבער (העלפּערקעס) האָבן געוואַלגערט די מצות מיט נייע אויסגעטאָקטע וואַלגערהעלצער, און פון צייט צו צייט זיי אָפּגעשאַבן מיט גלאָז. די אויסגעוואַלגערטע מצות האָבן די וואַלגערקעס געגעבן צו שטיפלען (רעדלען) אויף אַ טיש אויסגעקלאַפּט מיט

בלעך. מיין ברודער פייוול און ישראל לייב פרענקעל דעם פעטער יצחקס זון האָבן געשטיפּלט. דאָס איז געווען אַ יחסניתדיקע אַרבעט. די שטיפּלער זענען געזעסן זייער וואַזשנע. נאָכן שטיפּלען האָט מען יעדע מצה באַזונדער דער־לאַנגט דער שיבערקע אויף דער לאָפּעטע אין אויוון אַריין. מיין מאַמע איז געווען די „שיבערקע" און אויסגעשפּיגןביים אויוון אַ היפּש ביסל פון אירע קראַנקע לונגען. איך בין געווען אַ מאָל אַ „שיבער", אַ מאָל אַ „גיסער", אַ „שיטער", האָב איך אַנגעשיט אין ליימענעם געגלייזטן טעפּל דאָס מעל און אויסגעמישט דער קנעטערקע אין מעשענעם בעקן אַריין. דאָס איז געווען פּראָסט. אַ גיסער, האָב איך געדאַרפט אַכטונג געבן נישט איבערצוגיסן, די מיירע זאָל נישט זיין קיין שיטערע. דאָס טייג זאָל זיך נישט קלעפּן צו די וואַלגער־העלצער. דער רב, די משגיחים פלעגן אָפט קומען און מזהיר זיי מען זאָל אָפּקראַצן די וואַלגער־העלצער און די ברעטער און אַז די קנעטערקע זאָל נישט לאָזן אויף זיך און אין קנעט־בעקן קיין שמץ טייג. דער רב האָט דערמאָנט אַז פאַר חמץ קומט כרת... אַלץ האָט מען געדאַרפט טאָן בחפזון, אַז די קנעטערקע האָט דערלאַנגט די „מיירע" האָבן זי די וואַלגערקעס גלייך צעריסן אויף שטיקלעך און ס'איז געוואָרן אַ רעש פון וואַלגערן און פון שטיפּלען. ס'האָט געטראָפן, אַז די מאַמע האָט אַרויסגענומען פונעם אויוון אַ פאַרקנייטשטע מצה, האָט זי עס באַהאַלטן. פאַרן טאָג האָבן זיך אָנגעקליבן שטיקלעך אויף אַ וועטשערע פאַר די קינדער. מען האָט זיי געקאָכט מיט מילך.

ערב פּסח האָט מען אונדז קינדער אויפגעוועקט באַגינען, אויף דער גיך אָפּגעזאָגט ברכה און אָפּגעגעסן אין איין ווינקל, שטייענדיק, דעם חמץ און אַלץ וואָס איז געבליבן חמצדיקס אַרויסגעטראָגן אויפן בוידעם, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן אין חמץ אַריין.

מ'האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט אויף אַרויסטראָגן די מצה־בעקעריי און אַריינברענגען דעם פּסח. ווען מ'האָט אַראָפּגעטראָגן פון בוידעם דאָס פּסחדיקע געפעס און דעם „סטעמפּער" איז שוין דער פּסח געווען אין שטוב. מ'האָט געגעסן קאַרטאָפל מיט באָרשטש פון רויטן ראָסל און אויף גיך זיך גענומען גרייטן צום סדר... די מאַמע מיט די שוועסטער האָבן געגרייט די סעודה. איך האָב זיך גע־זעצט רייטנדיק און געשטויסן מצה אויף מצה־מעל. אַ גאַנצן פּסח האָבן מיר געהאַט די אַרבעט. יעדער האָט געוואָלט וואָס מער שטויסן.

דער טאַטע („דער מלך") האָט צום סדר אָנגעטאָן אַ קיטל און אַ שטריימל, מיין מאַמע („די מלכה,,), אַ נייע קופּקעלע מיט אַ שטערנטיכל. אַלע קינדער זענען מיט עפּעס באַנייט געוואָרן. איך האָב געפרעגט די פיר קשיות, דעם איי־ביקן „מה נשתנה". כ'האָב געפרעגט בלויז פיר קשיות, כאָטש כ'האָב געהאַט פיל מער קשיות צו פרעגן, ווי למשל, פאַר וואָס האָט דער טאַטע פעסט פאַרמאַכט

די לאָדנס פֿאַרן אָפּריכטן דעם סדר? פֿאַר וואָס האַלט מען פֿאַרמאַכט דאָס פֿאָדערהויז ווען מען עפֿנט די טיר צו „שפֿוך חמתך"? איך האָב שטאַרק געהיט די מינוט, ווען מען עפֿנט די טיר צו שפֿוך חמתך, געקוקט צום כוס פֿון אליהו הנביא, אפֿשר וועל איך כאַפּן די רגע, ווען ער קומט טועם צו זיין פֿון טאַטנס ראַזשינקעס־וויין, וואָס דער טאַטע האָט פֿאַר אים אָנגעגאָסן...

טאַטע־מאַמע האָבן געשיינט, אָבער נאָכן צווייטן כוס פֿון אַרבע כּוסות האָבן זיי קוים דערזאָגט די הגדה און אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

די צווייטע סדר־נאַכט איז שוין געווען לעבעדיקער. טאַטע־מאַמע האָבן שוין אַ ביסל אָפּגערוט און ביזן זוכן דעם אַפּיקומן געווען פֿריש און מונטער און שיר־השירימדיק פֿאַרטרוימט...

*

שמחת תורה, בין איך מיט מיין טאַטן דריי מאָל געגאַנגען צו הקפֿות. כ'האָב געהאַט אַ פֿאָן פֿון טאַוול. מיינע עלטערע ברידער האָבן זי מיר געמאַכט. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אָרון קודש מיט צוויי לייבן. אין אָרון קודש אַ ליכטל, וואָס האָט באַלויכטן די ווערטער „דגל מחנה יהודה". אויפֿן שפּיץ פֿון דער פֿאָנ'ס שטעקל אַ רויטער „שמחת־תורה'דיקער עפּל. אין אים האָט געשטעקט אַ כשר ליכטל. שווער געווען איינצוהאַלטן דאָס ליכטל ווען יידן האָבן געטאַנצט און מקיים געווען דעם „שישו ושמחו בשמחת תורה"...

איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט ווי שווער ס'וועט זיין שפּעטער צו טראָגן אויף די אַקסלען די ווייסבלויע און די רויטע פֿאָנען, די שטורעמדיקע ווינטן זאָלן נישט אַרויסרייסן זיי פֿון די הענט און נישט לעשן דאָס ליכט פֿון דער אידעע.

די מאַמע האָט אויף דער יום־טובדיקער סעודה געמאַכט אַ שמחת־תורה'דיקן קרויטבאָרשטש מיט ראַזשינקעס. נאָר זעלטן, ווען די סעודה איז דורכגעגאַנגען רויִק. חסידים זענען געגאַנגען זינגענדיקע און טאַנצנדיקע פֿון איין חסידישער שטוב צו דער צווייטער, געמאַכט „לחיים" און איבערגעכאַפּט „אַלץ וואָס איז געווען אין די טעפּ פֿון יום־טובדיקע מאכלים. — דער טאַטע איז געקומען פֿון אַזאַ „לחיים" „בגילופֿין". זיך געלייגט אויף דער סאָפֿקע און אָנגעהויבן וויינען און שרייען, אַז אָט אָט גייט ער אויס, די מאַמע און די קינדער זענען געשטאַנען אַרום אים און געוויינט. —

איך בין איין מאָל געווען מיט מיין טאַטן אויף אַזאַ מין „לחיים" ביי אונדזער וויייטן קרוב, דעם גביר, חיים יצחק צאַדקאָוויטש. אין זיין גרויסן זאַל מיט געפּאַרבטע פּאָדלאָגעס, אויפֿן צווייטן שטאָק פֿון זיין הויכן מויער האָבן זיך צונויפֿגעקליבן חסידים פֿון פֿאַרשיידענע רביים, פֿון פֿאַרשיידענע „שטיבלעך"

„גערער", „אַמשינאָווער", „אַלעקסאַנדערער", „ראַדזימינער" זענען איצט אַלע געווען שמחת־תורה׳דיקע חסידים... מען האָט געטרונקען מעד פאַרביסן באָב, קאַלט פלייש, מען האָט געמאַכט „רעדלעך" און געטאַנצט, מען האָט געזונגען „ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם"...

באַלד דעם ערשטן טאָג נאָך שמחת־תורה איז געוואָרן וואָכעדיק אין שטוב און אין גאַס. דער טאַטע האָט ערשט דערפילט, אַז „ויעשו כולם" איז נאָר שמחת־תורה, אַז חיים־יצחק צאַדקאָוויטש אין זיין דריי־שטאָקיקן מויער האָט נישט די זעלביקע דאַגות ווי מיין טאַטע אין זיין שטיבל, וואָס האַלט זיך אויף פּאַדפּאַרעס און יעדער טאָג פּרנסה קומט אָן ווי קריעת ים־סוף. —

נישט איין מאָל האָב איך, קינדווייז, געפילט דאַגות פּרנסה. נאָך שמחת־תורה קומט אַ ווינטער: נישט קיין פריילעכער גאַסט ביי אָרעמע קינדער. איך געדענק ווי כ׳האָב געוויינט, ווען ס׳האָט אין דער ניט געהייצטער שטוב אויסגעפּעלט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט צו נעמען מיט זיך אין „חדר". דאָס איז געווען פאַר באַשע־שרה׳ס חתונה. — איך האָב אָפט געפונען אַ וואַרעם ווינקל אין אַ קאַלטן אָוונט. אונדזער שטוב איז געשטאַנען בשכנות מיטן צווייסטאָקיקן מויער, ווו ס׳האָט געוווינט אונדזער רב ר׳ ישראל ניסן קופּערשטאָק, בין איך געווען אָן אָפּטער אַריינגייער צו אים. איך האָב אים געהאָלפן אין די ווינטער־נעכט איבערקלייבן ווייץ אויף מצה־שמורה. מ׳האָט ווייצקערנדלעך אויסגעלייגט שורותווייז אויפן טיש און דער רב מיט אַ פאַרגרעסערגלאָז האָט זיי איבער־געקוקט, צי איז ניטאָ אין אַ קערנדל עפּעס אַ שפּעלטל. ס׳האָט אָפט געטראָפן, אַז איך האָב מיטן רב געשפּילט שאַכמאַט און די רביצן האָט דערלאַנגט עפּעס איבערצוכאַפּן.

אָבער צום גרעסטן טייל האָב איך אין די לאַנגע ווינטערנעכט, נאָכן „חדר", פאַרבראַכט ביים קלינקעס־טיש און צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער, קליינע און גרויסע פלעג איך איבערקלייבן די „פאַלסאָווינע" צו די קלינקעס.

ביים קלינקע־טיש

דאָס איז געווען אַן אַלטער טיש צו וועלכן מ׳האָט אין אַלע פיר זייטן צוגע־קלאַפּט ברעטלעך, געמאַכט אים ברייטער און לענגער, כדי אויף אים צו מאַכן די קלינקעס.

קלינקעס מאַכן איז געווען אַ פּרנסה זאַך נאָר אין משה בובעלעס הויזגעזינד. דערביי זענען געווען פאַרנומען קליין און גרויס.

מ׳האָט געבראַכט פון די גאַרבאַרניעס זעקלעך מיט פאַלסאָווינע, דינע ווי איידל־פּאַפּיר פאַרוויקלטע אָפּשניצלעך פון לעדער. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט

אַרום טיש, פונאַנדערגעוויקלט די אָפּשניצלעך, אויסגעלייגט זיי און צוגעדריקט מיט שטיינדלעך זיי זאָלן זיך צוריק נישט פאַרוויקלען. דאָ איז געווען די גאַנצע כאַליאַסטרע, באַשקע דער מומע דרעזלס, קינדער פון שכנים, מיינע חברים און די חברטעס פון מיינע שוועסטער, איבערן טיש איז געהאָנגען אַן עלפּער לאָמפּ. אַרום טיש האָט מען זיך „פאַרוויילט" געשטיפּט און געזונגען „שטיקלעך".

אַז אַלץ איז געווען איבערגעקליבן, האָבן מיין טאַטע און מיינע עלטערע ברידער אָנגעטאָן פאַרטעכער און געמאַכט אַ הייס שעפּל פּאַפּ, וואָס האָט געשמעקט ווי אַ „זאַטשערקע" און זיך גענומען אויסלייגן די אָפּשניצלעך דאָ אויפן טיש און צוקלעפּן איינע צו דער צווייטער מיטן שיטערן פּאַפּ ביז ס'איז געוואָרן ווי אַ „טישטעך". אויף דעם צוגעקלעפּט נאָך עטלעכע טישטעכער, זיי איינגעלייגט און מיט שיטערן פּאַפּ באַהעפט, דערנאָך זיי צעשניטן אויף לאַנגע „לעקעכער". אויפן בוידעם איז געשטאַנען אַ הילצערנער פּרעס האָט מען זיי איבערגעלייגט מיט ברעטלעך און איינגעפּרעסט אויף אַ גאַנצן מעת־לעת, דערנאָך אַרויסגענומען און אויפגעהאָנגען טריקענען לעבן אויוון, איז עס געוואָרן ווי האַרטע פּאָדעשווע.

פון אַ „טיש" איז אַרויסגעקומען זעקס „ברעטלעך". דאָס האָט געדויערט כמעט אַ וואָך צייט. דאָנערשטיק האָט דער טאַטע אַרומגעטראָגן זיי די שוסטערס אויף אָפּצאָסן. קוים מיט צרות זיי פאַרקויפט אויף שבת צו מאַכן.

אויף שבת איז דער טיש געוואָרן אָפּגעקראַצט און אָפּגעוואַשן פון וואָכעדיקער טאָג־טעגלעכער מי. מ'האָט אויף אים אויסגעשפּרייט אַ ווייס טישטעך, אַוועקגעשטעלט אָפּגעשייערטע מעשענע לייכטער, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי גאָלד, געלייגט צוויי חלות איבערגעדעקט מיט אַ געשטריקט טישטעכל „לכבוד שבת". די מאַמע האָט געבענטשט ליכט, אַ שבת־מנוחה'דיקע פּרינצעסין באַגלייט מיט מלאכי השרת איז געקומען צו אונדז אין שטוב.

דער טאַטע אין אַ שטריימל האָט מיטן „גוט־שבת" זיי אָפּגעזונגען אַ פלאַמענדיקן חסידישן „שלום־עליכם". — נאָכן שבתדיקן „טיש" מיט „זמירות" און בענטשן, זענען געקומען צו אונדז די חברה „עין יעקב" און דער טאַטע האָט פון קלינקעס־טיש געמאַכט אַ תורה־טיש. מידע, אויסגעהאָרעוועטע בעלי מלאכות זענען געזעסן אַרום טיש און האַלב־דרעמלענדיקע זיך צוגעהערט צום טאַטנס תורה.

אין אונדזער שטוב ביים זעלביקן טיש האָבן זיך אַ מאָל פאַרזאַמלט מיינע ברידער און שוועסטער חברים און חברטעס. מ'האָט געפירט דיסקוסיעס וועגן בונדיזם און ציוניזם. מיין ברודער חיים איז געווען אַ בונדיסט, מיין ברודער פייוול אַ ציוניסט. מ'האָט געזונגען יידישע לידער, „די מאַרגאַריטקעס", „די זון פאַרגייט אין פלאַמען", „דער זאַלציקער ים", „דאָרט ווו די צעדער", די „בונדיסטן" פלעגן

אַריינזינגען אין מיטן די ציוניסטישע לידער און ס'איז געגאַנגען אַן „איבער־זינגעניש". מיין שוועסטער רבקה האָט מיט גרויס געפיל געזונגען דעם „אַלטן שניידער" און „שבת, יום־טוב און ראש־חודש", און ווען מיין ברודער אברהם זישע דער קאַמאַשנמאַכער, איז געקומען אויף אַ יום־טוב פון וואַרשע, האָט ער געבראַכט פון דאָרטן נייע קופּלעטן: „עולם הבא", „גאָט און זיין משפט איז גע־רעכט", „אַ ייד צו זיין איז טייער". — אויך שטיקעלך פון „שולמית", „אָ, דער ברונעם אָט דער", „אַנגעלאָדן מיט אַלעם גוטס" און פון דער „כישופמאַכערין"... „הייסע באַבקעלעך יידעלעך קויפט", „האַצמאַך איז אַ בלינדער" פון „כינקע פינקע", „האָט אַ ייד אַ וויבעלע", „חוה, אוי, אוי, אוי חוה".

אין דאָרף

גוסטקאָווע איז אַ דאָרף צווישן מאַקאָוו און פּראַשניץ. ווען און ווי אַזוי מיר האָבן זיך אַהין איבערגעצויגן, געדענק איך נישט. איך געדענק דאָס גרויסע הילצערנע הויז מיט אַ קלייט. פאַרן הויז זענען געשטאַנען צוויי הויכע אַלטעביימער. אַרום הויז אַ קליינער הויף מיט אַ שטאַל. פאַר דער שטאַל אַ בודקע. אין שטאַל האָט געוווינט אַן אַלט פערדל, אין בודקע אַן אַלטער הונט „בורעק". ווען ס'איז נישט געווען קיין רעגן און דער שטרויענער דאַך איז געווען טרוקן זענען מיר געשלאָפן אויפן בוידעם פונעם הויז. איך געדענק נאָך ווי הייַנט דעם זאַמדיקן שליאַך, די דאָרפישע גאַס, אונדזער גאַס, באַזעצט מיט קאַשטאַן־ביימער.

נישט ווייט פון דאָרף אַ מיליטערישער זומער־לאַגער. אַ גאַנץ „שטעטל" מיט ווייסע פּאַלאַטקעס (געצעלטן פון געוואַנט). אין אונדזער קלייט איז געווען אַלצדינג, וואָס איז נייטיק געווען אַ סאָלדאַט. שמירעכץ און שוואַקס צו שטיוול, אַ סאַיקע, נאָדל־פאָדעם, קנעפּלעך, וכדומה. אין קלייטל איז געשטאַנען מיין שוועסטער באַשע־שרה. זי האָט געקענט ריידן און שרייבן רוסיש. זי איז געווען אַ „קענערקע". ביי אונדז איז געווען אַ פערד און אַ וואָגן. מיין ברודער רפאל־הירש איז געווען דער עלטסטער, האָט ער קאָמאַנדעוועט מיטן פערד און וואָגן. ער פלעגט פאָרן אין שעכט־הויז ווו מ'האָט געקוילעט פי פאַר די סאָלדאַטן. מיר, איך און מיין ברודער פייוול זענען מיטגעפאָרן. דאָרט האָבן מיר גענומען די קיש־קעס. מיר האָבן זיי געוואַשן, געזאַלצן און געפּרעסט אין פעסלעך פאַר ווורשטן־מאַכער. עס פלעגט אַ מאָל אַריינפאַלן אויך אַ פעל.

אַלע פרייטיק פלעגט די מאַמע אונדז שיקן אין וואַלד קלייבן „קעמעלעך" שישקעס אַראָפּגעפאַלענע פון סאָסנעס. דאָס איז געווען אַ גוטע באַהייצונג פאַר חלות־באַקן און טשאָלנט־שטעלן. מיר פלעגן אָנקלייבן פולע זעקלעך. וויפל איינער האָט געקענט אויפהויבן. געגאַנגען זענען מיר לעבעדיק, לוסטיק, איך,

פּייזול, רבֿקה הינדע. דערפֿאַר פֿלעגט אונדז די מאַמע באַלוינען. געבן יעדן אַ קוקעלע מיט שוואַרצע יאַגדעס.

איך האָב ליב געקראָגן אונדזער וואַלד, די סאָזשלקע, וואָס דערנעבן. רבֿקה האָט מיך באַקענט מיט די שיינע „פֿאַרגעס־מיך ניט" בלימלעך (ניעזאַפּאָמינאַיקי). איך האָב זיך איין מאָל פֿאַרטיפֿט אין וואַלד און פֿאַרקראָכן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיך האָט געפֿאַקט עפּעס אַ סאָלדאַט און מיך געבראַכט אויף זײַנע אַקסלען אַהיים. דער טאַטע האָט געשטעלט אַ ביסל משקה און געזאָגט, אַז מסתּמא איז דאָס אליהו הנביא פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ סאָלדאַט און ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער טרינקט, ווי דער „ויאכלו" ביי אברהם אָבינוּ מלאכים...

אין שכנותדיקן דאָרף קרעמפּע איז געווען אַ מנין. שבת און יום־טובֿ האָבן זיך צוזאַמענגענומען יידן פֿון די אַרומיקע דערפֿער דאַוונען בציבור. איך געדענק אַ שבֿועות, ווי איך בין געגאַנגען מיטן טאַטן צו אַ מנין. ס'איז געווען אַ זומער־דיקער באַגינען.

דער טאַטע איז געגאַנגען מיט מיר אויף סטעזשקעלעך צווישן תּבֿואה־פֿעלדער אין מיטן פֿון דער גרויסער זוניקער רחבֿות און אונטערגעברומט עפּעס אַ ניגונדל. און איך בין מיטן טאַטן צוזאַמען געוואָרן פֿאַרטראָגן אין די עולמות העליונים אין אַלע וווּנדערלעכע וועלטן פֿון דעם שעפֿער, וואָס אין די געזאַנגען „אקדמות". בכלל האָב איך פֿון קינדווייז אָן געהאַט אַ פֿאַרשטעלונג, אָדער אַ געפֿיל, אַז אַלץ וואָס רינגלט מיך אַרום איז לעבעדיק און האָט אַ נשמה, אָפּגע־רעדט שוין פֿון בעלי־חיים. — אונדזער קאַץ איז דאָך געווען ביי אונדז, קינדער, אַ פֿאַרשאָלטענער מענטש... דאָס זעלביקע אויך אונדזער אַלטער הונט „בורעק", אין אים האָבן מיר אויך געזען אַ גילגול פֿון אַ מענטש, אַ שטראָף פֿון גאָט.

יעדער בוים אין וואַלד, יעדעס גרעזל אין פֿעלד האָט געהאַט אַ נשמה. איך האָב געוואָלט מיט זיי שמועסן ווי מיט לעבעדיקע, נאָר זיי רעדן און שושקען זיך נאָר מיטן ווינט. שטילער געמורמל פֿון פֿליסנדיקע וואַסער־קוועלעכלעך, פֿויגל־געזאַנג — אַלץ רעדט און זאָגט עפּעס, — נאָר איך פֿאַרשטיי זיי נישט. — אַפֿילו אַ גרויסער שטיין. אַ ווילד־באַוואַקסענער מיט מאָך האָט אויף מיר געקוקט מיט בלינדע אויגן פֿון אַ ווייטן עלטער־עלטער־זיידן פֿון אדם־הראשונ'ס צייטן. —

פֿון דאָזיקן פֿאַנטעזיסטישן געפֿיל האָב איך זיך ביז היינטיקן טאָג נישט באַפֿרייט.

ראש־השנה, יום־כּיפּור האָט דער טאַטע מיך גענומען אין דאָרף צום דאַוונען. איך בין געווען ביי אים דער משורר. דער טאַטע איז געווען דער שליח־ציבור. דאָס דאָרף האָט געהערט צו אַ יידישן פּריץ. ער האָט געהייסן שפּיגל. ווי אַזוי דאָס איז געווען ווייס איך נישט, נאָר דאָס איז געווען אַ פּריץ, אַ ייד, וואָס האָט

פאַרמאָגט עטלעכע דערפֿער בירושה פון אַלטע צייטן, אפשר פון גרויסע יידן מיוחסים נאָך פון דער „זשעטשאַ פּאָספּאָליטאַ״.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער פּריץ האָט אַ גויִיש ווייב און קינדער — שקצים, נאָר אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ און אָפּגעגעבן אים כבוד ווי ס׳פּאַסט אַ פּריץ. אַ הויכער, אַ געגאָלטער אין אַ קורצן ראָק, אויף די אַקסלען אַ טלית׳ל ווי אַ ברייטער ווייסער האַנטעך, מיט זילבערנע ראַנדן אַ שוואַרץ געשטרייפּטס, אין דער האַנט אַ סידורל מיט פּוילישע אותיות. ווען מען האָט אים אויפגערופן צו דער תורה האָט ער געקוקט אין סידורל און געמאַכט די ברכה מיט אַ גויִישן לשון קודש. ער האָט זיך נישט געשאָקלט ווי אַלע יידן ביים דאַוונען. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע אומבאַוועגלעך און פון צייט צו צייט צוגעטראָגן צו דער נאָז און צו די אויגן אַ שניי־ווייס נאָזטיכל און געווישט דעם האַלדז, וואָס האָט געשוויצט אונטער דעם האַרטן שטייענדיקן ווייסן קאָלנער.

דער „מנין״ איז געווען ביי איינעם פון די מאַקאָווער „אָקסן״. איך געדענק נישט צי פּנחס אָקס צי אַן אַנדערער, וואָס האָט געדינט ביים פּריץ ווי אַ וואַלד־שרייבער און געוווינט אין אַ הויז אין סאַמע מיטן וואַלד.

ביי אים זענען מיר איינגעשטאַנען ראש־השנה און יום־כּפּור. לעבן בעט, ווו מיר זענען געשלאָפן איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ האַריקע פעל פון עפּעס אַ חיה. האָב איך ביינאַכט מיך געשראָקן טאָמער קומט צוריק די חיה נאָך איר פעל. אַרום די ווענט האָבן געשטעקט הערנער פון הירשן גלאַט אַזוי. מען האָט קיין מאָל נישט געפּרוּווט מיט זיי צו בלאָזן שופר.

הויכע סאָסנעס, אַ גאַנצע עדה, האָבן אויסגעשפּרייט זייערע צווייגן ווי מעכ־טיקע הענט איבערן דאַך און האָבן צוזאַמען מיט אונדז אויסגעזונגען די תפילות און געשיקט זיי דורכן ווינט צום הימל.

ערב די ימים נוראים איז מיין שוועסטער באַשע־שרה אַוועק צום דיוויזיאָנעם קאָמאַנדיר און געבעטן אָפּלאָזן אויף יום־טוב־טעג די יידישע סאָלדאַטן, ראָט־ניקעס רויט־בילעטניקעס. זי האָט גערעדט גוט רוסיש און איז געווען אַ שיינע „באַרישניע״. דער טאַטע איז געפאָרן קיין פּראַשניץ, געבראַכט פון דאָרטן עטלעכע צוזאַמענגענומענע רובל. עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען ווייבער, געבאַקן, געקאָכט און געבראָטן. אין שטוב, ביי אונדז האָט מען געמאַכט הקפות מיט ספרי־תורות, געבראַכטע פון מאַקאָוו און פון פּראַשניץ. אין אַ לאַנגן שייער האָט מען געשטעלט טישן. סאָלדאַטן האָבן געמאַכט קידוש, געגעסן אַ יום־טוב־סעודה, געזונגען, געטאַנצט. דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך צוזאַמענגעלאָפן קוקן אויף דער יידישער „כאַגע״.

אין דאָרף פלעגן מיר די קינדער נאָכטאָן די סאָלדאַטן, מאַכן מאַנעוורעס. דער אָנפירער איז געווען מיין ברודער פייוול. מיר האָבן געהאַט אַן „אָרקעסטער מיט אינסטרומענטן" טרייבלעך פון אַלטן מעשענעם הענג־לאָמפּ, לייקעס, מעשענע טעלער פון אַן אַלטער וואַגשאַל. פאַר „סאָלדאַטן" האָבן זיך „איבערגעטאָן" די שוועסטער רבקה, הינדע זיסע־לאה. ביילע־פריידע איז נאָך דעמאָלט געווען אַ פּיצל, ביי דער מאַמען אויף די הענט.

איך האָב שטאַרק ליב געהאַט מיין שוועסטער רבקה. זי האָט מיט מיר שפּאַצירט אין וואַלד, געוויזן מיר „טשאַטשקעס", אַלערליי שיינע בלימלעך און אָנגערופן מיר זייערע נעמען. פון אַלע זענען מיר געפעלן די קליינינקע הימליש־בלויענקע „ניעזאַפּאָמינאַיקעס" (פאַרגעס מיך נישט). רבקה איז געווען אַ פאַר־טרוימטע, זי האָט געהאַט אַ געפיל און אַ זיסע שטים. אַז זי האָט געזונגען איז זיך פאַרגאַנגען די נשמה. כאָטש דער טאַטע פלעגט זיך בייזערן": אַ מיידל טאָר נישט זינגען, ווייל „קול באשה ערוה". איך האָב דאָס נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס טאָר אַ מיידל נישט זינגען. עס האָבן דאָך געזונגען אין דער תורה משה רבינו'ס שוועסטער מרים און דבורה הנביאה. רבקה'ס געזאַנג איז געווען אַזוי שיין. אַז דער טאַטע אַליין פלעגט בגנבה זיך צוהערן און שעפּן נחת. ער איז דאָך געווען איינגעטונקט און אויסגעטובלט אין חסידישן ניגון. אין וואַלד האָט רבקה געזונגען פויגל־פריי. דאָך האָב איך נישט געהערט פון איר קיין לוסטיק־פריילעך געזאַנג. זי האָט געזונגען בני־היכל'דיק מיט שבת־פאַרנאַכטיקער בענקשאַפט.

די פראַזאַישע ווירקלעכקייט מוז האָבן אַ פאַעטישן טרוים.

2. פינצטערע כמאַרעס

אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך געפירט אַ גרויסע אַנטיסעמיטישע העצע. די צייטונג „דוואַ גראָשאַ", און אַ באָיקאָט־קאָמיטעט קעגן ידישן האַנדל, צוזאַמען מיט דער ענדעציע מיט דמאָווסקי אין דער שפּיץ האָבן טאָג־טעגלעך אויפגערייצט פּאָליאַקן קעגן יידן, דערפאַר וואָס זיי האָבן געשטימט אין די דומאַ־וואַלן פאַרן סאָציאַל־דעמאָקראַט יאַגעלאָ.

די באַלקאַנישע מלחמה אין 1911—1912, ווען בולגאַריע, סערביע, טשערנאָגאָריע און גריכנלאַנד האָבן זיך געשלאָגן קעגן טערקיי, דערנאָך צווישן זיך, איז געווען אַ בלוטיקער פּראָלאָג, אַ טרויעריקער פאָרשפּיל צו דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַ שווערע פינצטערע כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט איבער יידישע קעפּ. אין קיעוו האָט אין 1911 זיך געפונען גרייטן די בייליסיאַדע. מ'האָט באַשולדיקט דעם יידן בייליס, אַ פּראָסטער בוכהאַלטער אין זייצעווס ציגל־זאַוואָד, אַז ער האָט פאַרפייניקט דאָס קריסטלעכע יינגל אַנדריי יושטשינסקי כדי צו באַנוצן זיין בלוט אויף מצות. צוויי יאָר האָט זיך געוועבט אין קיעוו דער בלוט־בילבול. איבער יידישע קעפּ איז געהאַנגען די שאַרף פון דער „חרב המתהפכת".

אין 1911טן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע. דריי דומעס זענען שוין צעטריבן געוואָרן. אין דער צייט האָט דעם קיסרס דינאַסטיע די ראָמאַנאָוו'ס געפייערט 300 יאָר זינט „ראָמאַנאָווס הויז" האָט אָנגעהויבן קעניגן איבער רוסלאַנד. קיעוו האָט געהאַט די זכיה אַז ניקאָלאַי דער צווייטער זאָל קומען קיין קיעוו צוזאַמען מיט סטאָליפּינען, זיין רעכטע האַנט, זיין מיניסטער, דער תלין פון רוסלאַנד. אין קיעווער טעאַטער האָט אַ „ייד" באַגראָוו דערשאָסן סטאָליפּינען און די וואַקכאַנאַליע איז געוואָרן נאָך גרעסער.

אין האַרבסט וו1911 האָט אונדזער געסל נישט גערוט. יידן האָבן געזאָגט תהלים און ביי שמואל דעם רבינס האָט מען געקויפט דעם „היינט" און „מאָמענט" און געלייענט וועגן דעם בייליס־פּראָצעס. איך האָב צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע זיך אָנגעלייענט מיט די מעשות פון מהר"ל וואָס האָט געשאַפן אַ גולם פון ליים, ווי אַט דער גולם איז געוואָרן אַ רואה ואינו נראה, מציל געווען יידן פון בלוט־בילבול און געשפּאָלטן קעפּ פון פּאָגראָמשטשיקעס שונאי־ישראל, וואָס האָבן

געוואָלט דורכגיין דורך אַ בריק. איך האָב שטאַרק געוואָלט, אַז ס'זאָל צו אונדז קומען אַזאַ מהר״ל און שאַפן אַזאַ גולם מיט אַזאַ כוח. איך האָב נישט געוווּסט, אַז די מאַסע, וואָס איז אַן „אינו רואה ואינו נראה״ וועט אַ מאָל ווערן אַ „רואה ונראה״, אַז די דאָזיקע מאַסע איז דער גולם, וואָס האָט געהאַקט יידישע קעפּ, וועט נעמען האַקן די קעפּ פון זיינע הערשער.

איך האָב געלייענט דעם „מאָמענט״ אין דער צייט פון ביילים־פּראָצעס. ס'זענען מיר געפעלן די רעדעס פון מאַקלאַקאָוו, קאַראַבטשעווסקי, זאַרודני, גרוזענבערג און ראַבינער מאַזע.

אויף אייביק איז ביי מיר פאַרבליבן דער „שמע־ישראל״, מיט וועלכן ראַבי־נער מאַזע האָט געענדיקט זיין רעדע. שפּעטער, אין ניין יאָר אַרום אין 1922 בין איך אין מאָסקווע ספּעציעל געגאַנגען צום ראַבינער מאַזע כדי אים צו זען מיט די אייגענע אויגן. ער האָט מיך באַגעגנט אין זיין וווינונג. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך געדענק זיין רעדע אויפן ביילים־פּראָצעס, בין איך געקומען אים אָנקוקן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „קוקט״! דערנאָך האָט ער מיך פאַרבעטן אין קאַבינעט און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס וועגן אמונה, וועגן דער תורה פאַר וועלכע יידן האָבן זיך מוסר־נפש געווען, געגאַנגען אויף קידוש־השם.

אַזוי ווי ס'איז געווען פּונקט חול־המועד פּסח האָט ער מיר צום סוף פון געשפּרעך געגעבן אַ קוויטל אין שול אַריין אויף ספּאַסאָגלינישטשענסקי. דאָרט האָט מען מיר געגעבן מצה און איך האָב געבראַכט אין דער צוזאַמענוווינונג פון פּועלי־ציון־יוגנט אויף „דאַבראַיאַ סלאָבאָדקאַ״ אַ שטיק פּסח, חברה האָט געשמאַק מקיים געווען די מצוה פון אכילת מצה און איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין היים.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גאַנץ מאָקאָווע איז געגאַנגען זען דעם ערשטן אַעראָפּלאַן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטערן שטאָט אויף אַ פעלד אַנטקעגן דעם „באַזאַר״. געווי דאָס יאָר ווען דאָס איז געווען געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז ס'זענען גע־גאַנגען מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, יינגלעך מיט די מלמדים, יידן מיט בערד. דאָס פעלד איז געווען פאַרפלייצט מיט מענטשן. איך האָב דערזען עפּעס אַ וווּנדערלעכן שטאָלענעם גרויסן פויגל מיט פליגל „אפילו גרעסער פון אַן אָדלער״ האָבן יידן געזאָגט. איך האָב נישט געגלויבט, אין מיין פאַנטאַזיע איז נישט געווען קיין העכערס און גרעסערס פון מלך פון די פויגל — דער אָדלער.

נאָכן ביילים־פּראָצעס, ווען ביילים איז שוין געווען פריי, ערב ראש־השנה האָב איך גענומען לייגן תפילין. צו מיין בר־מצוה האָט מיר די באָבע סימע אויפגענייט אַ סאַמעטן תפילין־זעקל. די פּרשות האָט געשריבן דער זיידע דוד,

וועלכער איז נפטר געוואָרן פאַר מיין בר־מצוה. צו דער בר־מצוה־סעודה זענען געקומען מיין לעצטער גמרא־מלמד נחמיה, דער פעטער זישע, דער פעטער מענדל און נאָך עטלעכע יידן. איך האָב געזאָגט עפעס אַ דרשה, עפעס נישט אַזאַ געהויבענע. איך האָב קיין מאָל נישט ליב געהאַט קיין פילפול. איך האָב נישט געמאַכט קיין פשטלעך. נאָר איינגעטייטשט עפעס אַ שטיקל חומש מיט רש״י צוגעפּעפּערט מיט אַ מדרש. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט צו פאַנטאַזירן איבערן פּראָסטן פשט.

מ׳האָט דערלאַנגט צום טיש ווייסע קיילעכדיקע בולקעס ווי אויף אַ חתונה, פיש, פלייש, בראַנפן און וויין און דער טאַטע האָט געמאַכט די ברכה „ברוך שפּטרני מעונשו של זה״. איך בין הייסט עס שוין „אַ מענטש פאַר זיך״ מיט אייגענע פאַרדינטע מצוות און עבירות מיט שכר ועונש און עס האָט זיך אָנגע־הויבן דער וועג פון וועגן און אומוועגן.

מיין לינקע האַנט, מיין קאָפּ און מיין האַרץ זענען נישט לאַנג געווען געבונדן מיט רצועות. איך האָב אויף ס׳ניי איבערגעשריבן מיין זיידנס פּרשיות.

באַשע־שרה׳ס חתונה

ווי אַזוי האָב איך נישט געוווּסט, נאָר באַשע שרה איז געוואָרן אַ כלה אין וואַרשע. דער וואַרשעווער חתן האָט געשריבן בריוו און אין אַלע געגריסט „הערצ־ליך און פריינדליך אונדזער גאַנצע משפחה און יעדן באַזונדער״. ער האָט גע־שיקט מתנות באַשע שרהן אַ שקאַטולקע מיט עפעס פּראָשקעס, אויערינגלעך, פינגערלעך וואָס האָבן געפינקלט מיט יום־טוב אין אונדזער אָרעמען וואָכעדיקן יום־טוב. טאַטע־מאַמע זענען אומגעגאַנגען פאַרדאַגהט, געזאַמלט גראָשן צו גראָשן. באַשע שרהן האָט מען געקויפט אַ „זינגער״־מאַשין, זי האָט גענייט ביז שפּעט אין דער נאַכט צו פאַרדינען אויף נדן און אויף אויסצאָלן דעם אַגענט. געקויפט מאַרקעס און געקלעפּט אויפן ביכל — מ׳האָט געדאַרפט אויסצאָלן הונדערט מיט צען רובל. אין שטוב האָט געפעלט אַ שטיקל ברויט.

צו דאַנקען און צו לויבן איז באַשע־שרה געווען אַ געראָטענע, אַ „קענער־קע״, אַ שיינע און דער חתן, יחיאל אַקערמאַן, אַ פּראָסטער האַרציקער געלער בחור, איז געווען אין איר פאַרליבט. ער איז געווען אַ זון פון אַ קליינעם פאַב־ריקאַנטל, וואָס האָט געמאַכט פאַניעטקעס, סאַנדאַלעס, פאַנטאָפל. דער מחותן האָט גענומען אויף זיך די חתונה־הוצאות און די חתונה איז געווען אין וואַרשע. די חופה און די חתונה־סעודה איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן חתונה־זאַל. איך בין דעמאָלט צום ערשטן מאָל געווען אין וואַרשע. איך האָב באַוווּנדערט די גרויסע שטאָט מיט די פיל־קאָלירטע גאַז־לאָמפּן. אויף דער חתונה זענען געווען מיינע

פרומע פעטערס, דער מורה־הוראה אַברהמל פון נאַשעלסק, דער פעטער מרדכי־יצחק דער סופר פון וואַרשע און נאָך פעטערס מיט פרומע בערד און פּיאות. אָבער די וואַרשעווער קאַוואַליערן און דאַמען האָבן אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ טאַנצמייסטער געטאַנצט וואַלסן, פּאָלקעס, מאַזורקעס און קאָנטראַדאַנסן. מיינע פעטערס האָבן אַפילו געפּרווט אַריינטאַנצן אין דער מיט, מאַכן אַ „צעמישעניש״, נאָר „פאַרשייטע״ דאַמען האָבן זיי אַנטקעגנגעטאַנצט און אַרומגעאַרעמט, האָבן מיינע פעטערס זיך געכאַפּט ביי די פּיאות און קוים ניצול געוואָרן פון דער עבירה...

וואַרשע. לאַנגע געפּלאַסטערטע גאַסן, הויכע געמויערטע הייזער, קאָלירטע פּילפּאַרביקע גרויסע קאַסטנס אויף רעדער פאָרן אום אָן פערד. ווונדערלעך־שיין, אָבער מיר איז נישט געפעלן געוואָרן די ענגשאַפט. אומעטום איז ענג. אין שטוב ביי מיין פעטער, יצחק־מרדכי, אין הויף, און אין גאַס. אומעטום שטופּט מען זיך, אַ רעש, אַ טומל. נישטאָ קיין גאַנצער הימל. ער איז צעשניטן אויף פאַסן. מ׳האָט מיך געפירט זען אַ פּאַרק. אָבער אַהין זענען מיר נישט אַריינגעגאַנגען, ווייל אין יידישע קאַפּאָטעס האָט מען אַהין נישט אַריינגעלאָזן.

די ערשטע וועלט־מלחמה

אין אַ הייסן זומערטאָג, ווען אַלע באַהאַלטן זיך הינטער פאַרמאַכטע לאָדנס, האָט גאַנץ מאַקאָוו געגומען גיין אויף רעדלעך. דער „מאָמענט״ און דער „היינט״ ביי שמואל דעם רבינס זענען צעכאַפּט געוואָרן: אין סאַראַיעווע איז דערהרגעט געוואָרן דער עסטרייכישער ערץ הערצאָג פערדינאַנד. עסטרייך גייט מלחמה האַלטן מיט סערביען, רוסלאַנד גייט באַשיצן סערביען, דייטשלאַנד גייט באַשיצן עסטרייך, פראַנקרייך גייט באַשיצן רוסלאַנד, איטאַליען גייט באַשיצן דייטשלאַנד, טערקיי גייט באַשיצן איטאַליען, ענגלאַנד גייט באַשיצן פראַנקרייך. פון איין שאָס צינדט זיך אָן אַ שׂרפה אין אַזיע, אין אַפריקע, אין אייראָפּע. אין מיטן אָט דעם קנויל געפינט זיך דאָס שטעטל מאַקאָוו.

פאַר נאַכט. די שקיעה איז שוין פאַרביי. דער מעריב איז נאָך צעגליט. צונ־טער רויט ברענט אויס דער טאָג. אַ שוואַרצע כמאַרע רוקט זיך פון אָרזשיץ און איז געבליבן הענגען פונקט אין מיטן הימל. יידן זענען שוין ביין מנחה למערב. קומט אָן אַ בלאָנדער שייגעץ און פּויקט מיט איין פּויק אויף זיין פּויק און לייענט אַ באַפעל אַז דער גאַנצער „זאַפּאַס״ (רעזערוויסטן) דאַרפן זיך באַלד מעלדן אין מאָביליזאַציע־פּונקט. דאָס שטעטל איז אויפגערודערט. ווייבער ווילן פאַלן אין חלשות.

אָפּגעכאַפּט אויף גיך אַ מעריב, לויפט מען אַרויס אין גאַס זען און הערן וואָס עס טוט זיך. אויף דער וואַנט פון בית־המדרש הענגען רויטע אַפישן־

מעלדונגען וועגן דער מאָביליזאַציע. ציגדט מען ליכט און מען קוקט אויף די גרויסע רוסישע אותיות. די לייענער לייבל בייגער און דער קידער אַ הויכער ייד אַ געגאָלטער, פּאַרטייטשן וואָס דאָס הייסט. לייבל בייגער איז נאָך געווען אין דער טערקישער מלחמה. „אונדזערע" וועלן דעם „יערגע" פּאַרוואַרפן מיט די היטלען. נעמט אַ גוטן שמעק טאַבאַק און ניסט זיך אויס. ווייבער וויינען, קינדער דערשרעקן זיך. אַרום בית מדרש איז שוואַרץ פון מענטשן און שוואַרץ פון נאַכט.

ויהי ערב ויהי בוקר, יום אחד — אַן ערשטער טאָג פון מלחמה. אַ וועלט איז אַוועק אויף רעדלעך. דאָס לעבן האָט זיך צעבראָכן. די צייט האָט זיך געשפּאָלטן. שלום־צייט און מלחמה־צייט. אונדזער שטילע שטאָט מאַקאָוו ווערט פּלוצעם אויפגערודערט. דורך דער בריק איבערן אָרזשיץ קומט מען צו אונדז אַזש פון פּעטערבורג. דער קייסעריניעס גוואַרדיע אויף פערד. יעדער פּאָלק מיט זיין קאָליר פערד — גרויע, געלע, ברוינע, שוואַרצע. גאַנצע דיוויזיעס קאָזאַקן מיט פּיקעס. עס גייען פּאָלקן פּעכאָטע. פאַרויס גייען אָרקעסטערס און פאַר זיי לויפן פאַר־שוויצטע יינגלעך. זיי האָבן דעמאָלט מקנא געווען די סאָלדאַטן. זיי האָבן נישט געוווסט, נישט געטרוימט, אַז די מלחמה און ביקס וואַרטן אויף זיי אויף די נאָענטסטע וועגן פון דער צייט.

אויף דער פּרושניצער גאַס שטייען טישלעך מיט ווייסע לאַנגע שטריצלען. סאָלדאַטן כאַפּן פאַר צען קאָפּיקעס אַ שטריצל מיט זיך אויפן וועג צום טויט. אַלע וואָס האָבן נאָר געהאַט אין שטוב באַקאויוונס האָבן געבאַקן פאַר די סאָל־דאַטן. מיין טאַטע האָט אויך געפּרווט, אָבער די שטריצלען זענען געווען מלחמה־שטריצלען, בלייבע נישט דערבאַקענע אָדער שוואַרץ־פאַרקוילטע. מיין טאַטע האָט געזאָגט, אַז אומעטום פאַרלויפט אים דעם וועג דער שלימזל.

טעג און נעכט האָבן גרינגעפאַרבטע פּוליעמיאָטן און האַרמאַטן אויף הויכע רעדער, און אָבאָזן מיט פּראָוויאַנט און אַמוניציע זיך געצויגן איבער פּרושניצער גאַס קיין פּרושניץ און מלאווע, געקלאַפּט איבער די שטיינער געכריפּעט, גע־סקריפּעט.

די פּראָסטע פּויערישע שקאַפּעס, געשפּאַנטע אין די אָבאָז־וועגענער זענען גאָר נישט אַזעלכע יחסנים ווי ביי דער קייסערינעס גוואַרדיע קאַוואַלעריסטן. מען שפּילט נישט פאַר זיי קיין מאַרשן. מיט די קעפּ אַראָפּ טאָפּען זיי, מידע, שלע־פּעריקע אין זאַמדן און בלאָטעס.

מאַקאָוו איז געווען איינע פון די פיל וועגן דורך וועלכע ס׳האָבן געשטראָמט פּאָלקן, דיוויזיעס און קאָרפּוסן צו דער דייטשער גרענעץ. דאָס זענען געווען די טיילן פון די רוסישע גענעראַלן רענענקאַמף און סאַמסאָנאָוו, וואָס זענען אַריין אין מזרח־פּרייסן, פאַרנומען סאָלדאו און הײדלסבערג. יעדער סאָלדאַט האָט גע־פרעגט צי ס׳איז נאָך ווייט קיין בערלין? דאָס איז געווען יענע אַרמיי, וואָס איז

אומגעקומען אין די מאַזורער בלאָטעס. נישט לאַנג האָט געדויערט און דורך פּראַשניצער גאַס האָבן זיך אומגעקערט אין גרינעביידלעך און אין פּראָסטע וואָגנס איבערגעצויגן מיט גרינע ברעזענטן, סאָלדאַטן מיט פאַרבונדענע קעפּ, הענט און פיס. האַלבע און גאַנצע קאַליקעס. גאַנץ מאַקאָוו האָט פאַרשמעקט מיט קאַרבאָל, פערד־שווייס און פערדישן מיסט.

עס רוקן זיך אָן ימים נוראים. ס׳איז שוין סוף אלול. ס׳קומען אָן שרעקלעכע טעג. עס דונערן האַרמאַטן ערגעץ ווייט, אין מאַקאָוו הערט מען און מען מאַכט נישט קיין ברכה „שכוחו וגבורותו מלא עולם״. עס דונערט טאָג און נאַכט. דער דונער איז נישט פון גאָט. מיר גרייטן צו אונדזער קעלער. מיר רוימען צו, שיטן אויס מיט געלן זאַמד, לייגן אויס ברעטער, אונדזער קעלער איז אַ געמויערטער מיט קליינע פענצטערלעך. מען קען זיך דאָרטן באַהאַלטן. מיר גרייטן צו שפּייז: אַ זאַק (5 פּוד) מעל, קאַרטאָפל און קרויט, מען צעהאַקט אַלטע ברעטער פון זיינדס אָן אַלטן פּלויט אויף האָלץ.

דערווייל האָבן מיר אַ נייע אַרבעט. אין שטאָט האָט מען צעבראָכן די מאָ־נאָפּאָלקע, די סאָלדאַטן זאָלן זיך נישט אָנשיכורן. דער גאַנצער בראַנפן פון פעסער און פלעשלעך ווערט אַרויסגעגאָסן אין די רינשטאָקן און מיר שעפּן אָן גאַנצע צוויי עמער ברודיקע שאַרפע פליסיקייט, מען זייט דורך דורך ריינע דינע האַנ־טעכער און דער טאַטע האָט שוין משקה אויף שמחת־תורה.

דער פּאַוויאַט עוואַקואירט זיך. די רוסישע שול ווערט פאַנאַנדערגעלאָזן און מען וואַרפט אַרויס פאַרשידענע ביכער. פּייוול האָט געבראַכט אָן אַרויסגעוואָר־פענע גרויסע מאַפּע, האָבן מיר נאָכגעשפּירט אויף דער מאַפּע דעם גאַנג פון די שלאַכטן לויט די פראָנט־באַריכטן.

די ערשטע שטעט וואָס די דייטשן האָבן פאַרנומען זענען געווען טשענסטאָ־כאָוו, סאָסנאָוויץ און בענדין. מען האָט אונדז צעטיילט מיט מלכה־רחלען, מיט דער מומע פעסיע. אַ גליק וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט פון אונדזער מאַפּע. מיר האָבן אַלץ געטאָן אויפן בוידעם נעבן אונדזער קינדערישן פערדל. ביסים זענען געשען, וואָס די סטראַזשניקעס האָבן געהאָט מיט זיך צו טאָן, די דייטשן דערנענטערן זיך.

אַ שרעקנדיקע שטילקייט. נישט קיין רוסן, נישט קיין דייטשן. יידן מיט פּאָ־ליאַקן האָבן צוזאַמען אָרגאַניזירט אַ מיליציע צו היטן די אָרדענונג. די היטער האָבן געטראָגן בענדער אויף די עלנבויגנס. אָבער ביי יידן איז געווען נאָר איין שומר־ישראל אין הימל. אין די שטום־שווייגנדיקע נעכט פלעגט מען אַ מאָל דער־הערן פערדישע פּאַדקאָוועס אויף שטיינערנעם ברוק איז באַפאַלן אַ פּחד; טאָמער קאָזאַקן. עס זענען דעמאָלט געווען אמתע ימים־נוראים: ביי אונדז אין שטוב איז ווי שטענדיק געווען דאָס שבתדיקע מנין פון די אַרדזימינער חסידים. דאָ איז

אויף אַנגעגאַנגען „אַ מלחמה״: ווער פאַרן „יערגע״, ווער פאַר פּאַניען״. מען האָט שטאַרק גערימט די דייטשישע טעכניקע. מ׳האָט זיך דערמאָנט אָן דער מאַקאָוער לעגענדע וועגן פּראָיעקט פון יחיאל סמאָליאַרזש. אין דער צייט פון דער יאַפּאַני־שער מלחמה האָט ער כלומרשט דערלאַנגט דעם מיניסטער זיין דערפינדונג ווי אַזוי צו פאַרהיטן די רוסישע סאָלדאַטן פון אַ יאַפּאַנישער קויל. יחיאל סמאָליאַרזש האָט פאָרגעלייגט יעדן סאָלדאַט, איידער מען שיקט אים אויפן פראָנט, זיבן מאָל אויסבאָדן אין אַן אייער־וואַנע און אויסקייקלען אין אַש, וועט זיין לייב ווערן ווי שטיין.

ראש השנה, פּונקט צו תקיעות, ווען מ׳האָט געהאַלטן ביי שופר בלאָזן און מ׳האָט געזאָגט „תקיעה״, איז פאַרבייגעריטן אַ קאָזאַק, האָט מען אַ געשריי גע־טאָן: „אוי, אַ קאָזאַק רייט!״ אין עטלעכע שעה אַרום איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערויש. ס׳איז אָנגעקומען פּעכאָטע. אין אַלע הייזער האָט מען איינקוואַרטירט סאָלדאַטן. אונדזער שטיבל איז געוואָרן פול מיט רויך פון מאַכאָרקע און האָט פאַרשמעמקט מיט שווייס פון אָניצעס. דער קאָמענדאַנט האָט געשיקט צום רב ער זאָל באַפעלן די בעקערס אויסצובאַקן ברויט פאַר די הונגעריקע סאָלדאַטן. דער רב האָט גוזר געווען אויף אַלעמען ביי וועמען ס׳זענען געווען אויוונס צו באַקן ברויט.

מיט די סאָלדאַטן איז מען געווען רויִקער. די פּעכאָטע פּראָסטע סיביריאַקעס האָבן נישט ליב געהאַט די קאָזאַקן. זיי האָבן גערופן מיין מאַמען „מאַטושקאַ״ און מיין טאַטן „אָטיעץ״. זיי האָבן געהאָלפן האַקן האָלץ, געטראָגן וואַסער, געמאַכט און געטרונקען „קיפּיאַטאָק״. דאָס זענען געווען די באַרימטע סיבירער שיסער־דיוויזיעס, וואָס האָבן אין 1915 פאַרהאַלטן די דייטשן אויפן וועג קיין וואַרשע. ביי אונדז האָט זיך דער פראָנט פאַרהאַלטן לעבן פּראַשניץ (איין און צוואַנציק ווערסט פון מאַקאָוו). סאָלדאַטן פלעגן קומען און גיין. סיביריאַקעס און פּרו־סאַקעס האָבן געלייגט די קעפּ פאַר פּוילישער ערד. מיר האָבן געבאַקן ברויט פאַרן פראָנט. סאָלדאַטן האָבן געשלונגען אונדזער ברויט און די ערד האָט זיי געשלונגען. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען באַשעפטיקט מיטן באַזאָרגן דעם פראָנט און געהאַט פּרנסה מיטן פולן מויל. אָבער יידן האָבן געלעבט מיט פּחד. נאָך יעדער מפּלה האָט די רוסישע מיליטער־אָנפירונג די שולד אַרויפגעוואָרפן אויף די „יידישע שפּיאָנען״. קאָזאַקן האָבן דערהרגעט איינעם אַ פעלהענדלער (דאַכט זיך פורמאַנסקי) וואָס איז געגאַנגען ערגעץ אין די נאָענטע דערפער האַנד־לען. ביי זיי איז ער געווען אַ דייטשישער אַגענט... אַ ייד אַ בעל־עגלה איז גע־גאַנגען מיט אַ לאַמטערן אין שטאַל אַריין צום פערד, האָט מען אים אומגעבראַכט, ווייל ער גיט סיגנאַלן די דייטשן.

די שיסערייען זענען געוואָרן אַלץ אָפטער, געדיכטער און נאָענטער. פון פראַשניץ האָט מען אַרויסגעטריבן די יידן. זענען זיי געקומען „מיט האַק און פּאַק" קיין מאַקאָוו, אָן אַ היים, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָבן זיי געזוכט ווו ערגעץ אַנידערצולייגן דעם קאָפּ. ס'האָט זיך געשאַפן אַ נײַ וואָרט „היימלאָזי־קייט". עס זענען געוואָרן היימלאָזע און „בעזשענצעס". מאַקאָווער יידן האָבן גענומען צו זיך אין שטוב אַ סך היימלאָזע משפחות. ביידע בתי־מדרשים ווערן אָנגעפולט מיט ווייבער און קינדער.

דער „זעמסקי סאַיוז" (אַ רוסישע הילפס־געזעלשאַפט) האָבן געגעבן אַ סך הילף. ס'איז געווען אויך אַ קאָמיטעט פון רוסישע יידן, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר די אַרויסגעטריבענע היימלאָזע. פּעטערבורגער און מאָסקווער יידן, האַלב־מיליטערישע, לעדערנע רעקלעך, זענען געקומען צו אונדז, געבראַכט מעל אויף באַקן מצות פאַר די היימלאָזע.

אונדזער אַלטער בית־מדרש האָט נאָך אַזאַ פּסחדיקן סדר נישט געזען. די לאַנגע טישן זענען איצט געשטאַנען פאַרשעמטע צוגערוקטע צו די ווענט. אויף זיי זענען געלעגן בעבעכעס און פּיצלעך קינדער. אויף די פּאָדלאָגעס איז געווען פונאַנדערגעלייגט בעטגעוואַנט און אויסגעבעט חדרים פאַר יעדער משפחה באַזונדער און ס'האָבן געברענט יום־טוב־ליכט מיט אַן אָבלדיקער שיין. אויף פאַר־שפּרייטע טישטעכער זענען געלעגן מצות און אַלעס איבעריקע צום סדר. יידן האָבן געזאָגט די הגדה ווי מגילת איכה. דער טאַטע האָט מיר געזאָגט: „זע, קוק און געדענק און דערצייל דאָס דיינע קינדער און קינדס קינדער".

ביי די דייטשן

העכער אַ יאָר איז געווען „שטיל" אויף דער ריכטונג פראַשניץ־אָלאָווע. די „שטילקייט" האָט איבערגעריסן אַן אָפּטער האַרמאַטן־קנאַל. אַ פרומער ייד האָט זיך געקענט פאַרגעסן און מאַכן אַ ברכה איבערן דונער „שכוחו וגבורותו מלא עולם"... עס האָט זיך געטומלט ערגעץ אין די קאַרפּאַטן־בערג, ווייט „ווייט" פון מאַקאָוו.

די רוסישע פעסטונגען הינטער וואַרשע־בולטוסק, איוואַנגאָראָד־מאָדלען זע־נען געווען שלעכט באַזאָרגט מיט אַמוניציע. דער וואַרשעווער גענעראַל־גובער־נאַטאָר סקאַלאָן האָט זיך דערשאָסן.

נאָך דער מפּלה אין די מאַזורער בלאָטעס פון מזרח־פּרייסן, האָט דער צאַ־רישער גענעראַל־שטאַב געזוכט שפּיאָנען. די ערשטע קרבנות זענען געווען יידן, וועלכע מ'האָט געטריבן פון אַלע שטעטלעך לענגאויס דער פראָנטליניע. מ'האָט אויך געפונען איינעם אַ „שפּיאָן" — דעם פאַלקאָווניק מיאַסאָיעדאָוו. לויט די דאַ־

קומענטן וואָס מ'האָט געפונען אין די אַרכיוון פון דער זשאַנדאַרמעריע און פאַר־עפנטלעכט אין סאָוועטישן זשורנאַל „וואָפּראָסי איסטאָריי" (פּראַגן פון געשיכטע), 1966, האָט די זשאַנדאַרמעריע געמאַכט אויף אים אַ בילבול און זיך נוקם געווען אין אים, ווייל ער האָט איר געשטערט אין עפּעס אַ קרימינעלן פאַל. מיאַסאָיעדאָוון האָט מען אויפגעהאָנגען, אָבער אַרום ניקאָליי דעם צווייטן האָט זיך געוועבט אַ שפּיאָנען־נעץ צו וועלכער קיין האנט האָט נישט געקענט דערגרייכן. אַליין די די קייסערינע די דייטשקע אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ האָט די נעץ געשפּרייט.

די „רוסישע" און „דייטשישע" פּאַטריאָטן אין די חסידישע שטיבלעך האָבן שוין געשלאָסן „וואָפנשטילשטאַנד". פּלוצעם, נאָ דיר — דער יערגאַ. אַ גרויסער אָנגריף פון די דייטשן האָט געבראַכט צו דער מפּלה פון דער רוסישער אַרמיי אין פּוילן.

אין אַ סוף זומערדיקן שבת איז איבער אונדזער שטעטל פאַרגעקומען אַ „לופטשלאַכט". אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן עטלעכע רוסישע אַעראָפּלאַנען און דייטשישע צעפּעלינען. קעגן דער זון האָבן זיך געקנוילט קנוילעכלעך רויך. פּלוצעם האָט אַ קראַך געטאָן. דעם מאַקאָווער הימל האָט צעשניטן מיט אַ שאַרפן פייל אַ דייטשישער שראַפּנעל. אַרום און אַרום פון די נאָענטע געסלעך איז מען געלאָפן צו אונדז אין געסל זיך באַהאַלטן הינטער די דיקע ווענט פון אונדזער גרויסער שול. מיין ברודער פייוול איז פון שול אַרויסגעלאָפן צו אונדז אין שטוב און געבראַכט פון דאָרט די ספר־תורה. ס'איז דעמאָלט געווען אַ הייסער זומער־שבת נאָכן טשאָלנט, האָט מען געחלשט אַ טרונק. איך בין געלאָפן מיט אַן עמער איבער דער פּראַשניצער גאַס צום ברונעם. איבער מיין קאָפּ האָבן זיך געטראָגן מיט אַ שניידנדיקער זשומעריי און זיך געקרייציקט צוויי שראַפּנעלן. ווען איך האָב געבראַכט דאָס וואַסער האָט זיך אין די קאָלירטע שויבן פון די הויכע פענצ־טער געשפּרייט אַ וואָלקן רויך. ערגעץ האָט געברענט. קינדער, ווייבער, עלטערע מענטשן האָבן געשריען, געוויינט, געזאָגט תהילים, ווי אַ שטאַרקער האָגל האָט געהילכט אַ ביקסן־שיסעריי.

די שלאַכט האָט געדויערט עטלעכע שעה. ביינאַכט האָבן יידן געדאַוונט מעריב און געמאַכט הבדלה בין קודש לחול, בין „פּאָניע" ל„יערגע".

די דייטשן האָבן פאַרנומען מאַקאָוו, און ביי אונדז האָט זיך אָנגעהויבן די „גאָלדענע" צייט פון דער דייטשישער „ציוויליזאַציע" און „דעמאָקראַטיע".

קודם כל האָט מען קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע מעל און די בעקערס האָט מען צוגעטיילט טאָג־טעגלעכע ראַציעס. דאָס גאַנצע אויסגעבאַקענע ברויט האָט מען צונויפגעפירט אין דער שאָפּע פון דער „סטראַזש־אָגניאָווע", די פייערלעשער, און דורך אַ פענצטערל האָט מען פאַרקויפט ברויט אויף קאַרטלעך. דאָס ערשטע מאָל

האָט מען דערפילט דעם טעם ווען מ׳טיילט צו דעם ביסן אַ גאַנצער שטאָט מיט מענטשן. אין גיכן איז דאָס רוסישע מעל פאַרשווונדן און די דייטשן האָבן געגעבן דייטשיש מעל געמישט מיט געמאָלענע קאַשטאַנעס. דערנאָך האָט מען באַפוילן די בעקערס זיי זאָלן אויסבאַקן ברויט פון מעל געמישט מיט קאַרטאָפל. אונדזער בעקעריי האָט זיך גיך פאַרמאַכט. ערשטנס האָבן מיר נישט געקענט אויסבאַקן דאָס ברויט פון דייטשישן „מעל" געמישט מיט קאַשטאַנען־שטויב און מיט קאַר־טאָפל לויטן דייטשישן רעצעפּט. צווייטנס, האָבן די ברויט־נאָרמעס לויט די ברויט־קאַרטן געקענט אויסבאַקן דריי גרויסע בעקערייען און אַלע קליינע בעקע־רייען האָבן זיך פאַרמאַכט. אין גיכן זענען קאַרטאָפל אויך געוואָרן אַ יקר־המציאות. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער הונגער. מען האָט פאַרקויפט גע־טרוקנטע קאַרטאָפל־שאָלעכץ און געפּרוירענע קאַרטאָפל. דער טיפוס האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ מגפה. די דייטשן האָבן זיך גענומען אונדז צו „ענטלויזן". אין שטעטל האָט מען פון אַלע שטיבער אַרויסגעטראָגן אַלע פערענעס, אָרעמע קישנס אָן ציכלעך, סיעניקעס, דעקן, קאָלדרעס, אַלץ האָט מען געבראַכט צוזאַמען מיט די לייז אין „ענטלויזונגס"־פונקטן. די מענטשן האָט מען געטריבן אין באָד זיך צו „ענטלויזן". אין די הייזער האָט מען געקאַלעכט. אין דער גאַנצער שטאָט איז פּלוצעם געוואָרן סוכות־צייט פּסח. אין באָד האָט מען „געאימפּט" און „ענטלויזט", אין די שטיבער זענען אַרומגעגאַנגען משגיחים. אַ קאָמיסיע האָט געקוקט, אַז די ווענט זאָלן זיין ווייס געקאַלכט, די פּאָדלאָגעס ריין געוואַשן. דערנאָך האָט מען אַרויסגעגעבן ענטלויזונגס־שיינען. אָן אַן ענטלויזונגס־שיין האָט מען נישט גע־קענט אַריבערגיין און אַריבערפאָרן די בריק און אַרויס פון שטאָט אָדער פאָרן ערגעץ. האָט מען דעם טיפוס אָפּגעשטעלט. אָבער דער הונגער איז דערופן נישט קלענער געוואָרן. פון הונגער האָבן מענטשן געקרענקט מיט אַנדערע קרענק. די פּוילישע באַפעלקערונג האָט געהאַט קרובישע פאַרבינדונג מיטן פּוילישן דאָרף, האָט זי ווינציקער דערפילט דעם הונגער. די יידן האָבן מיט גרויס מי אַריינ־געשמוגלט אַ זעקל קאַרטאָפל.

דער גביר ר׳ בצלאל ווילענבערג, אַ גערער חסיד, וועלכער האָט געהאַט אַ דאַמף־מיל האָט נישט געקוקט אויפן דייטשישן פאַרבאָט, „אונטן אַרום" געטיילט אָרעמע לייט אויף שבת צו ביסלעך מעל. די דייטשן האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר אים, אָבער דאָך, סוף כל סוף, האָבן זיי אים דאָס פאַרבאָטן שטרענג. דער טאַטע מיינער פלעגט מיט גרויס ווייטיק צונעמען דעם דאָזיקן מתנת בשר ודם. ווען די דייטשן האָבן גענומען היטן מען זאָל פון דער מיל נישט אַרויסטראָגן קיין מעל, האָט בצלאל ווילענבערג מיט די היטער אָפּגעמאַכט, „אַז זיי זאָלן לאָזן נעמען דאָס מעל־שטויב וואָס בלייבט אויף די וואַלצן און אַרום די שטיינער נאָכן מאָלן. דאָס איז דאָך לויטן יידישן דין „לקט". דער טאַטע האָט געבראַכט אויף שבת דאָס

דאָס מעל און מ׳האָט אויסגעבאַקן עטלעכע טונקעלע חלות וואָס האָבן געקנאַקט „אונטער די ציינער".

אין גיכן האָט אויסגעפעלט נאַפט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע ספּעקולאַציע. די דייטשן האָבן געשונדן די הויט פאַר אַ ביסל נאַפט, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט ווי „שמוגעל".

די דייטשישע טעכניק האָט „דערפונדן" קאַרביד־לאָמפּן, וואָס האָבן געברענט מיט אַ יחסנותדיקן העל־בלויען פייער, פאַרשפּרייט אַ שלעכטן ריח און געפייפט.

דעם טעם פון זיסע געפרוירענע קאַרטאָפל און דעם ריח פון צעלאָזטן קאַרביד האָט אונדז פאַרזיסט דער דייטשישער פעלד־ראַבינער. אַ רב אין אַ דייטשישן מיליטער־מונדיר איז געשטאַנען אויפן בעלעמער אין שול און געהאַלטן אַ דרשה וועגן דער מצוה פון צדק, צדק תרדוף — די גערעכטיקייט — די גערעכטיקייט זאָלסטו נאָכיאָגן, וואָס נאָר דער דייטשישער „הער" איז מקיים אין די פאַרנומענע געביטן. ווי די דייטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך דער גערעכטיקייט האָט שפּעטער אין צענדליקער יאָרן אַרום באַוויזן היטלער.

ס׳האָט זיך געשאַפן אַ מלחמה־עקאָנאָמיק. בעלי־מלאכות האָבן געלאַטעט, געטשאַפּעט, מ׳האָט געשמוגלט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ בראָנפן־פאַבריקאַציע. מיין שוועסטער באַשע־שרה מיט איר מאַן יחיאל מיט זייערע דריי קינדער פרומע, סימע און דוד זענען געקומען פון דער הונגעריקער וואַרשע, דאָרטן איז שווער געווען צו לעבן און שמוגלען. זיי האָבן געוווינט אין אַ הויז נעבן טייך אָרזשיץ. יחיאל האָט זיך געפּרוּווט טרייבן בראָנפן. די דייטשן האָבן לויטן ריח פון רויך דערשמעקט דאָס בראָנפן־„פאַבריקל" און ער איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה. ער האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ, ווען מ׳האָט אים באַפרייט איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. מיין שוועסטער באַשע־שרה איז געבליבן אַן אַלמנה מיט דריי קינדער אויף די הענט. זי איז מיט יאָרן שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע און „געמאַכט אַ לעבן".

מיין ברודער חיים דער אָנפירער פון מאַקאָווער „בונד" האָט זיך אויך מפרנס געווען פון דער בראָנפן־טרייבעריי אים האָט „צוגעהיט" דער מיליציאָנער אָרליק, אַ סימפּאַטיקער פון „בונד".

די דייטשישע אַרמיי האָט שוין לאַנג אַריבערגעשפּאַנט מאַקאָוו ווייט צו ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע. אין די שטעט האָבן זיי קאָמאַנדעוועט דורך די מאַגיסטראַטן. דער מאַגיסטראַט אין מאַקאָוו האָט געהאַלטן פּוילישע און יידישע פּאָליציאַנטן. איינער פון זיי אָרליק איז געווען אַ יוצא ונכנס ביי מיין ברודער חיים. ער האָט געהערט צו דער בונדישער „פּעריפעריע". ער פלעגט אָפט „אויפ־פאַסן" ווען ס׳האָט זיך געקאָכט דער בראָנפן, אַז אַלץ זאָל דורכגיין כשר וישר.

דער פראַנט האָט זיך דערוויייטערט פון מאַקאָוו אויף הונדערטער קילאָ־מעטער. דער קליינער גאַרניזאָן מיטן דייטשישן קאָמענדאַנט שפּערלינג (אַ קור־ציק און געפּאַקט פאַרשווינדל) האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו די "פּאָלנישע יודען" און נישט ערגער פון פאַניען גענומען אין יַד אַריין. דאָס רעדל האָט זיך גענומען דרייען. יידן האָבן זיך געדרייט.

קולטור־גערּאַנגל, אידייען־קאַמף און נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין מאַקאָוו

יידן אין גלות האָבן צווישן זיך נישט געפירט קיין בירגער־קריג מיט שפיכת־דמים, אָבער געהאַט מחלוקתן לשם שמים.

סוף 18טן יאָרהונדערט און אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אין מאַקאָוו געפירט אַ פאַרביטערטער שטרייט צווישן חסידים און מתנגדים.

"דאָ אין מאַקאָוו זענען געווען אַ סך חסידים צווישן זיי איז באַקאַנט דער קצין ר' שמואל און זיין זון ר' נתן, אַהער איז געקומען גויאַגט פון מתנגדים זיין שווער דער אַמדורער צדיק ר' חיים חייקל. קיין מאַקאָוו פלעגט פון צייט צו צייט קומען צו זיינע חסידים דער האַלב־לעגענדאַרער ר' לוי־יצחק פון באַרדיטשעוו.

קעגן די חסידים האָט געפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק און אַ שטאַרקן קאַמף מיינער אַן עלטער־עלטער־זיידע פון דער מאַמעס צד ר' דוד דער מאַקאָווער מגיד, אין זיינע פּאַמפלעטן "שבר פושעים" און "זמר עריצים". ער איז געווען צו ערשט אַ חסיד דערנאָך געוואָרן אַ קעגנער פון חסידות. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, האָט געלאָזן איין און צוואַנציק חיבורים צווישן זיי אַ פירוש אויף דער תורה און אַ פירוש אויף משניות. זיין זון ר' יחזקאל האָט נאָך זיין פּטירה איבערגענומען זיין כסא הרבנות און געוואָרן באַקאָווער רב. זיין צווייטער זון איז געווען דער פאָטער פון ר' שבתי דעם איבערשרייבער פון "זאת תורת הקנאים". די טאָכטער פון ר' דוד האָט חתונה געהאַט מיט ר' יהושע פון מאַקאָוו. דער דאָזיקער איידעם זיינער איז געווען, זיין רעכטע האַנט אין שטרייט קעגן די חסידים. דער באַרימ־טער חסידישער מגיד פון קאָזשניץ האָט געזאָגט אַז: "דער מאַקאָווער מגיד האָט זעקס הונדערט בלעטער גמרא און זיי זענען ווי זעקס הונדערט זעלנער און ער קען דעריבער אים גאַרנישט טאָן".

די קאַרגע ידיעות וועגן מאַקאָוו זענען געגעבן אין ספר פון מרדכי ווילענסקי, "חסידים ומתנגדים לתולדות הפולמוס ביניהם". ירושלים "מוסד ביאַליק" 1970 ז. 51־52".

*

אונדזער שטעטל האָט ווי אַנדערע שטעטלעך געהאַט מצוה־חברות „ביקור חולים", „חברה קדישה", „חברה תהילים", „חברה משניות", „חברה עין יעקב". אויב צורעכענען די חסידים־שטיבלעך, וועלכע זענען אין אַ געוויסער מאָס אויך געווען ווי חברות, וועט די צאָל געזעלשאַפטן זיין מער.

די אַלע מצוה־חברות זענען געווען און געבליבן פונעם אַלטן יידנטום פון די פריִערדיקע דורות. זיי זענען געווען אַ מסורה.

נאַציאָנאַל־פּאָליטישער געזעלשאַפטלעכער קאַמף. דאָס נאַציאָנאַל־פּאָליטישע לעבן איז געקומען מיטן נייעם 20טן יאָרהונדערט.

דער נייַנצנטער יאָרהונדערט איז אַריבער איבער מאַקאָוו מיט נאַפּאָלעאָנס מלחמה. מיט אויפשטאַנדן. אַפּאַטאַשו דערמאָנט אין זיין „1863" אַ מאַקאָווער ייד, וועלכער האָט אונטערגעהאַלטן דעם פּוילישן אויפשטאַנד.

אין דער ליטעראַטור האָב איך נישט געפונען קיין שפּורן פון אַ געראַנגל צווישן משכילים און חסידים, הגם זיי זענען געווען געוויס אין מאַקאָוו. מיין טאַטע האָט דערציילט, אַז ער האָט צוזאַמען געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט נחום סאָקאָלאָוו.

איך האָב געקענט אַן אַלטן משכיל — דעם געלן מאיר. ער האָט געוווינט אין אַן אייגן הייזל נישט ווייט פון נייעם בית־מדרש, זיין שוועסטער האָט דאָ אַמאָל געהאַלטן אַ קלייט. איך האָב אויף די פּאָליצעס געזען אַלטע העברעיִשע צייטשריפטן: דעם „המליץ", דעם „המגיד" די „הצפירה" און נאָך וועלטלעכע ליטעראַטור. איך געדענק אים אַ קורצזוקסיקן מיט אַן אונטערגעשוירענעם קיילעכיקן געלן בערדל.

אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן 1905—1907 האָבן שוין עקזיסטירט אַ ציוניס־טישע און אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. מ'האָט אַפילו געוווּסט וועגן „איסקראָווצעס". איך געדענק, אַז ביי אונדז אין שטוב, האָט זיך אויסבאַהאַלטן עפּעס אַ פּאַרטיי־טוער. זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען הערשבערג. ער האָט גאַנצע טעג געשריבן, אין אָוונט פלעג ער ערגעץ פאַרשווונדן. פּלוצעם זענען געקומען סטראַזשניקעס און אים אַרעסטירט. מ'האָט געזאָגט, אַז הערשבערג האָט געהאַט אַ ראָמאַן מיט עפּעס אַ באַרנהאָלץ אָדער באַרנבוים און דער פאָטער פון דער העלדין האָט געמסרט דער פּאָליציי כדי פּטור צו ווערן פון הערשבערגן. מען קען משער זיין, אַז ער איז געווען אַ ציוני. ביים צאַריזם זענען אַלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען געווען פאַרבאָטן. איך געדענק, אַז צו מיין ברודער חיים (אַ בונדיסט) פלעגט קומען אהרון אָרליק (אויך אַ בונדיסט). איין מאָל איז מען געקומען מאַכן אַן „אָביסק". די מאַמע האָט געוווּסט וועגן אַלע טריפה־סחורה. זי האָט אויסגעפּייעט כאַפּן עפּעס אַ „כלי" (אַ רעוואָלווער) און אים פאַרשטעקן אין קוימען אונטערן

בלעך ווי דער רויך גייט אַרויס. מיין ברודער חיים האָט מען געפירט מיטן עטאַפּ פון וואַרשע קיין מאָסקווע.

אין יענע יאָרן איז געווען אויך אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. די בעלי־בתים, וואָס האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין זענען האַרב באַשטראָפט געוואָרן. מען פלעגט אָפּגיסן מיט נאַפט פאַרשידענע סחורות, וואָס זיי האָבן אַרויסגעטראָגן צו פאַרקויפן אין די מאַרק־טעג (דאַכט זיך דינסטיק און פרייטיק).

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פוילן זענען מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן פּאָליטישע גרופּירונגען. דער עיקר איז דאָס געווען ציוניסטן (צעירי־ציון) און „בונד״.

מיין ברודער פייוול איז געווען איינער פון די צעירי־ציון־פירער. מיין ברודער חיים אַ בונדישער טוער.

מיר יונגע האָבן געגרינדעט די פּרחי־ציון. אונדזער לאָקאַל האָט זיך געפונען אין אויבערשטן עטאַזש פון דער „שקאָלע״ אויף טשעכאַנאָווער גאַס. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר. אין קאָמיטעט זענען געווען הלל רייטשיק, רחל ליכטנשטיין, עלקע סעגאַל, רייזל מאַנדזשקאָווסקי, אסתר ראָזענטאַל, בנימין שניאַדאָווסקי, ישראל גאָלדשטיין, אַלע שבת האָט מען געלייענט יידישע געשיכטע פון גרעצן. ימים טובים האָט מען געהאַלטן רעדעס מעניבי דיומאָ. איין מלאָ, צום ערשטן מאַי בין איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ בונדישער „מאַיאָווקע״ אין סטאַשאָווער וואַלד, מ׳האָט געהאַלטן רעדעס געזונגען אַנסקיס „אין זאַלציקן ים״, ווינטשעווסקיס „ווען עס שוועבן וואָלקנס טרערן״, עדעלשטאַטס „די צואה״ און נאָך אַ סך אַנדערע. איך האָב דערנאָך געפירט אַ גרויסן ויכוח מיט די בונדיסטן פאַר וואָס זיי קעמפן נישט פאַר פרייהייט און גלייכהייט פון יידישן פאָלק. ל״ג בעומר האָבן די פּרחי־ציון געמאַכט אַ פייערונג אין וואַלד און דערנאָך דעמאָנסטרירט אונטער אַ שיין אויסגענייטער ווייס־בלויער פאָן. איך האָב געהאַלטן פאַר הייליק סיי די בלויע און סיי די רויטע פאָן. פרייהייט פון פאָלק און פרייהייט פון מענטש. איך האָב געלייענט די בונדישע „לעבנס־פראַגן״ און דאָס ציוניסטישע „דאָס יידישע פאָלק״. ביידע זשורנאַלן זענען מיר געפעלן און נישט געפעלן — כ׳האָב פאַרשטאַנען: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט קענען נישט זיין צוזאַמען. אָבער פאַר וואָס מוז דאָס די בונדישע „לעבנס־פראַגן״ אַרויסטרעטן קעגן דער פרייהייט און גלייכהייט פון דער אַלוועלטלעכער יידישער נאַציע און פאַר וואָס זאָל די בורזשואַזיע צוליב איר קעשענע קעמפן קעגן סאָציאַליזם? אַלע פרייטיק צו נאַכטס פלעגן מיר שפּאַצירן אויפן טראָטואַר אַרום דעם מאַרק. שבת אין סטאַשאָווער וואַלד, מ׳האָט געזונגען סעגאַלאָוויטשעס „ערד און הימל זינגען שירה״, שניאור׳ס „„מאַרגאַריטקעס״, ביאַליק׳ס „הכניסיני״, „בין נהר פּרת״,

שלום עליכמס „יהודי", „דאָרט ווו די צעדער", „שלום רב שובך צפורה נחמדה". „על נהרות בבל" — דאָרט אין בבל ביי זיינע טייכן. בכלל האָבן מיר „פּריג־ציפּיעל" גערעדט אויף פּויליש אָדער העברעיש, אָבער סוף כל סוף זיך היימיש געפּילט אויף יידיש. אונדזער יידיש האָבן מיר גערעדט ליטעראַריש נישט מיטן מאַקאָווער אַקצענט, נישט פּראָווינציעלער מאַקאָווער יידיש.

מיין טאַטע איז געווען נישט צופרידן נישט פון די סאָציאַליסטן און נישט פון די ציוניסטן. חסידים האָבן נישט געהאַלטן פון ציוניזם. מ'האָט נישט געטאָרט מדחיק זיין דעם „קץ" אָבער עס איז שוין נישט געווען אַזוי שרעקלעך ווי די סאָציאַליסטן, די „שטרייקער". די חסידים פלעגן זיך „מאַכן אַ האַרץ" און זינגען „מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר די שטרייקער". „שטרייקער" דאָס האָט געהייסן „כופרים בעיקר", קעגן דער גאַנצער יידישקייט. די ציוניסטן האָבן דאָך געהאַט דאָס לשון הקודש, כאָטש נישט אַזאַ פרומער „לשון הקודש". מיין ברודער פייוול, דער ציוניסט האָט געלערנט אויסנווייניק, „ישעיהו", אָבער דאָס דאַווענען האָט ער פאַרבויגן. מיטן איבעריקן ביסל פרומע „יידישקייט" האָבן זיך די ציוניסטן אויך נישט געצאַצקעט... מיט אַ מאָל איז צו אונדז אין שטאָט געקומען אַ גרויסער מטיף פון „מזרחי", דער ד"ר הרב מילייקאָווסקי. ער איז געקומען צום רב (אַן אַלעקסאַנדער חסיד). מ'האָט צוזאַמענגערופן די שענסטע בעלי־בתים בתוכם אויך מיין טאַטן. דער ד"ר הרב מילייקאָווסקי האָט דעם טאַטן אַנידערגעזעצט לעבן זיך און געזאָגט וועגן פייוולען „אשריך שזכית לבן כזה". פון דעמאָלט אָן איז דער פרומער פראָנט געשפּאָלטן געוואָרן און אַ סך חסידישע יידן לומדים האָבן זיך גענומען מתעסק צו זיין מיט דער מצוה פון ישוב ארץ־ישראל, געשטעלט ערב יום־כיפור אין די מנינים אין די בתי־מדרשים די קערה פאַרן קרן קימת לישראל.

איך פלעג גיין אויף „סכאָדקעס" צום בונד, דערנאָך אין קלוב אויף האַלב־לעגאַלע פאַרזאַמלונגען. איך געדענק נישט ווי אַזוי ביי מיר איז געוואָרן אַ „קולקע" קאָלעגן און קאָלעזשאַנקעס: הלל רייטשיק, צאַלעל ווילענבערגס דעם גבירס אַן אייניקל, ישראל גאָלדשטיין דעם „דזשאַדעקל'ס" זון, דער „דזשאַדעקל", דאָס איז געווען אַ גאַלאַנטעריי־קרעמער, געוווינט קעגן די יאַטקעס. דבורה ראָזענטאַל די טאָכטער פון ר' שמואל יוסף וועלכער האָט געלערנט אַ שיעור גמרא אין ישיבה אַ מאָל. דערנאָך די פּרוי פון נייעם דיין לאַנגפוס, רייזל מאַנדזשאַקאָווסקי, אַ טאָכטער פון אַן אייזן־קרעמער, און עלקע סעגאַל, אַ טאָכ־טער פון אַ גאַלאַנטעריי־סוחר. אַהער דאַרף מען צורעכענען די געלע רחל ליכ־טענשטיין, בנימין שניאַדאָווסקי און אַ ניי־געקומענער ישראל גרשון פרענקעל. מיר זענען געווען צוזאַמען אין פּרחי־ציון.

אונדזער „קולקע" געזעגנט זיך מיט די מאָביליזירטע אין דער פוילישער אַרמיי.

פון רעכטס צו לינקס זיצן: גדליה רייטשיק, יידל ראָזענמאַן, עלקע סעגאַל, חוה׳טשע כץ, וועלוול בלום. עס שטייען: שמחה אביגדור קרימקעוויטש, קאַלטשע אַבלוצזינער, דבורה ראָזענטאַל, רייזל מאָנטשקאָווסקי, שרה עטיע סקורניק, בנימין שניאַדאָווסקי, ישראל גאָלד-שטיין, אברהם ראָזענטאַל, ישראל גרשון פרענקל.

דער אופשריפט: „אַלס צייכן פון אומפרגעסלעכער פריינטשאַפט — 11.10.1919.

אין דער פוילישער שול אויף טשעכאַנאָווער גאַס האָבן זיך געעפנט העברעישע קורסן. עס האָט געלערנט אַ מורה — קאַציאַק. אַ געלער. ער האָט געלערנט עברית בעברית. שפּעטער האָבן מיר גענומען ריידן עברית אָבער מיט פּאַניענקעס האָט מען געדאַרפט קענען אויך ריידן פּויליש און שפּילן פּלירט. פון וואַרשע איז געקומען די גרינבערזשאַנקע. ביי איר האָבן פאַרמעגלעכע מיידלעך און בחורים גענומען לעקציעס אויף פּויליש. הלל רייטשיק האָט זיך אויך געלערנט פּויליש. איך געדענק אַ בוידעם-שטיבל. דאָרט האָבן געוווינט הלל רייטשיק און זיין פעטער (שפּעטער אַ מומע) שמחה ווילענבערג צאַלעל ווילענבערגס זון. אַן אַנדרוגינס. שפּעטער אין יאָרן אַרום זיך אָפּערירט און געוואָרן אַ פרוי. ער איז געווען אַ דאַמען-שניידער. שטענדיק אָנגעטאָן זיך „נעט" שיין און געפּאַסט. אין זייער צימער האָבן מיר, איך און הלל רייטשיק, זיך געלערנט פּויליש. איך געדענק: מיר האָבן צוזאַמען געלייענט „גדליה" פון עליזא אָרזשעשקאָ. לאַנגזאַם האָב איך גענומען שפּרעכן אַ ביסל פּויליש און איין מאָל האָט רייזל מאָנדזשאַ-

קאָווסקי געמאַכט ביי זיך אין דער היים אַ לאָטקעס־אָוונט און מיר האָבן געשפּילט פלירט. אין דער צייט האָב איך איבערגעלעבט מיין ערשטע ליבע. איך האָב זיך פאַרליבט אין דער שוואַרצחנודיקער עלקע סעגאַל. די ליבע איז געווען אַ קעגנ־זייטיקע (און וואָלט געקענט זיין אַ גליקלעכע, ווען נישט די אומגליקלעכע וועלט). די ליבע איז געווען ווי אַ שטיל פייער. געגליט אינעווייניק. קיין מאָל נישט אַרויסגעריסן זיך מיט קיין שום תנועה. מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען נאָר מיט די אויגן. געפילט מיטן האַרצן. שעמעוודיק געטראָגן דאָס זיסע פיינלעכע געפיל. איין און איינציק מאָל האָב איך זיך צוגערירט מיט מיינע ליפּן צו איר הענטל. דאָס איז געווען ביי דער שפּיל אין פאַנטן. אין אָוונטן אויף שפּאַצירן אין די וועלדלעך פלעגן גיין אַלע קאָלעגן און קאָלעזשאַנקעס פון אונדזער „קולקע" צוזאַמען. און עס האָט נישט געטראָפן, אַז איך און עלקע זאָלן זיין אויג־אויף־אויג, באַזונדער. איך פלעג אין קאַלטע, הונגעריקע נעכט ביים שיין פון דער לבנה אַרויס פון אונדזער אָרעמען פאַרלאָזענעם שטיבל אין שול־גאַס און שעהען לאַנג שפּאַצירט אויפן ווינקל פון דער פישערגאַס לעבן מאַרק, ווו זי האָט גע־וווינט, אויסגעקוקט די אויגן אין אירע פענצטער, אפשר וועט זי זיך באַווייזן. נאָך היינט שטייט זי מיר פאַר די אויגן די שוואַרצחנעוודיקע עלקע מיט אירע שמייכלענדיקע אויגן. דאָס לעבן האָט אונדז טראַגיש אָפּגעריסן איינעם פון צווייטן און צעריסן די נשמה. אין 1920 יאָר, ווען די רויטע אַרמיי האָט אין אָווגוסט חודש פאַרנומען מאַקאָוו בין איך אַלס אַ טוער פון רעווקאָם און פון פועלי־ציון־יוגנט אַרויסגעטרעטן אויף מיטינגען. דערנאָך אָוועק צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי צו די גרענעצן פון סאָוועט־רוסלאַנד. אַ רגע — און מיר זענען צעשיידט געוואָרן אויף אייביק.

אין 1928 יאָר האָט זי מיר געשריבן קיין מאָסקווע אַלס ענטפער אויף מיין בריוו, אין וועלכן איך האָב זי געבעטן קומען קיין מאָסקווע, האָט זי מיר פאַר־געלייגט זיך טרעפן אין דאַנציג און דאָרט פאַרווירקלעכן אונדזער טרוים.

ס'האָבן זיך אַנגערוקט כמאַרעס, די פועלי־ציון איז געוואָרן פאַרבאָטן און איך אַליין בין אויך געווען אַ פאַרבאָטענער. איך האָב דעמאָלט נישט געקענט פאַרלאָזן חברים און אַנטלויפן. אָדער די פאַרטיי אָדער עלקע. און איך בין גע־בליבן אונטערן אייזערנעם פאַרהאַנג מיט אַ ריס אין האַרצן. איך האָב אין 1930 יאָר געקראָגן פון איר אַ בריוו, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט מיין חבר ישראל גאָלדשטיין און לעבט אין קובאַ.

איך האָב דעמאָלט נישט געקענט האָפן אַז יעקב מאיר סעגאַלס טאָכטער די רייכע טאָכטער זאָל קענען זיין מיט מיר דעם אָרעמען בובעלעס זון, אַ „פּאָר"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צו דער צייט איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק איך זאָל זיך נעמען פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן דער ציוניסטישער יוגנט. איך האָב געהאַלטן, אַז איינס איז נישט סותר דאָס צווייטע. מיט אַ מאָל איז געקומען דער גאַנצער „שטאַב" פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין „פּרחי־ציון" און מ'האָט מיך דערקלערט פאַר אַן „אָפּטריניקן" און „געפּערלעכן" בונדיסטיש געשטימטן און מ'האָט מיך אויסגעשלאָסן פון „פּרחי־ציון". איך האָב אָבער נישט גערוט. איך האָב צוזאַמענגעקליבן עטלעכע יינגלעך, וועלכע זענען נאָך אין „ערגעץ" נישט געווען. דער „בונד" איז פאַר זיי געווען צופיל „פּראָלעטאַריש" די ציוניסטן צופיל „בורזשויִש". מיר זענען געווען „אומפּאַרטייִש", געהאַלטן אַז מיר דאַרפן האָבן בילדונג, קולטור, ווילן מיר זיין נאַציאָנאַלע מענטשן און זיין נוצלעך פאַרן גלות און פאַר ציון. איך האָב אָנגעשריבן אַ סטאַטוט און אין אונדזער אַלטן בית המדרש האָבן מיר צונויפגעקליבן עטלעכע צענדליק בחורימ־לעך, געלייענט דעם סטאַטוס און אויסגעקליבן אַ „קאָמיטעט". מיך האָט מען באַשטימט פאַרן פאָרזיצער. מיין ברודער חיים האָט דאָס דערהערט און נישט לאַנג געטראַכט האָט דער „בונד" אונדז געגעבן אַ לאָקאַל. דער „בונד" האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן קלוב. דאָס איז געווען די גרויסע ציגלנע מויער וועלכע איז אַ מאָל געווען די מאַקאָווער ישיבה. דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ קאָאָפּעראַטיוו פון באַקאַליי און פון נאַפט, אַ זאַל מיט אַ סצענע, דאָרט ווו ס'איז פריער געווען די ערשטע כיתה און ס'איז געשטאַנען אַן אָרון קודש, און מיר האָבן דאָרט געדאַוונט צוזאַמען מיט די בחורים פון די עלטערע כיתות מיט שפּראָצנדיקע בערדלעך איינגעשפּאַנטע אין דער יידישקייט מיט רצועות פון תפילין, איבער דעם זאַל אויפן צווייטן שטאָק ווו ס'איז געווען פריער אונדזער ראַדזימינער שטיבל און איך האָב געכאַפּט אַ הייליקן ציטער נאָך האַלבער נאַכט צו זכור ברית. אָט דאָ איז געווען דאָס לאָקאַל, וואָס דער „בונד" האָט געשאָנקען אונדזער אומפּאַרטייִשער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אין גיכן זענען געקומען פון וואַרשע עפּעס אַ צוויי מאַקאָווער אָנגעטאָן נישט פּראָלעטאַריש, ווי אַמאָליקע גימנאַזיסטלעך מיט נאָך איינעם, נישט קיין מאַקאָווער יונגן בחור און אויף דער פאַרזאַמלונג פון אונדזער יונגער אומפּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע פאָרגעלייגט, אַז מ'זאָל זיך אָנרופן מיט אַ שיינעם נאָמען, וואָס פּאַסט פאַר אַ יוגנט, וואָס דאַרף פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם — „צוקונפט". איך האָב געזאָגט, אַז „צוקונפט" איז טאַקע אַ שיינער נאָמען און פּאַסט זיך צום פאַרווירקלעכןביידע אידעעס, סיי דעם סאָציאַליזם סיי דעם ציוניזם. מיר זענען דאָך אומפּאַרטייִש און די צוקונפט וועט אונדז ברענגען צום אַלגעמיינעם גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט און פון יידישן פאָלק. דער געקומענער פון וואַרשע האָט געזאָגט, אַז ס'זענען דאָ אין וואַרשע אויך אַזעלכע ווי איך, וואָס שטעלן זיך אַרויס ווי אומפּאַרטייִשע, מישן צונויף סאָציאַליזם מיט

ציוניזם און זיי רופן זיך פּועלי־ציון. זיי זענען גאָר, גאָר ווייניק און ס׳איז נישט קלאָר וואָס זיי זענען מער, ציוניסטן צי סאָציאַליסטן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז קיין מאַקאָווע געקומען אַ רעדנער און אין „ליוטנע” געהאַלטן אַ לעקציע. ס׳דוכט זיך, אַז דעם רעדנער האָט מען גערופן פּילץ. ער האָט פאַר דער רעדע און נאָך איר פאַרקויפט ביכעלעך מיטן טיטל: „וואָס ווילן פּועלי־ציון” און „דער פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד”. איך האָב זיך תיכף צוגעשאַרט צום רעדנער. ער האָט מיר געגעבן די צוויי ביכעלעך, צוגעזאָגט מיר שיקן נאָך און איך זאָל זיי פאַרקויפן, איך זאָל צונויפנעמען נאָך חברה צו פאַרקויפן די ביכעלעך און געגעבן מיר אַן אַדרעס וווהין צו שיקן געלט פאַרן „פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד”. אַזוי האָב איך זיך דערוווסט, אַז אין פּאַלעסטינע פאַרן יידישע אַרבעטער צו מאַכן דאָרט אַ יידיש סאָציאַליסטיש לאַנד.

אין גיכן האָב איך געקראָגן די ביכעלעך. זיי האָט געבראַכט קיין מאַקאָוו עפּעס אַ מיידל אַ חברטע פון מיינער אַ חברטע פון „פּרחי־ציון” פון פּראַשניץ. דאָס איז געווען פון פּילצן. איך האָב זיך גענומען די ביכעלעך פאַרשפּרייטן צווישן אונדזער חברה אין דער אומפּאַרטייִשער „צוקונפט”. כ׳האָב אויך געפּרווּט פאַרקויפן מאַרקעס אויף וועלכע ס׳איז געווען אויף העברעיִש „קופּת פּועלים פּלשתנאית”. דאָ האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל: ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז די „צוקונפט” איז גאָרנישט אומפּאַרטייִשע, נאָר בונדיש. האָבן מיר, עטלעכע חברהלייט דערקלערט, אַז מיר זענען נישט קיין בונדיסטן, אַז מיר זענען פאַר קולטור און בילדונג, אַז ביכלעך דאָס איז קולטור און אַז שטיצן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע דאַרף יעדער יידישער אַרבעטער, איז איין מאָל געשען: אַ כאַפּטע פון דער „צוקונפט” האָבן אַרויסגעריסן און צעטרעטן עטלעכע ביכלעך, האָבן מיר זיי נישט געשוויגן. איז געוואָרן אַ געשלעג. מ׳האָט געבראָכן בענקלעך, געהאַקט שויבן. מיר זענען געווען ווייניקער אין צאָל און מיר האָבן געליטן אַ „מפּלה”. מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס „לאָקאַל” „בשן ועין”... איך האָב געהאַט עטלעכע קונים פון דער ליטעראַטור און פון די מאַרקעס. בין איך אַוועק צו זיי און נאָך אייניקע געשפּרעכן האָבן זיך אויסגעבילדעט אַ גרופּע „פּועלי־ציון” און אַ גרופּע „יוגנט”. ביידע צוזאַמען האָבן געציילט, אויך איך האָב נישט קיין טעות, זיבעצן נפשות. אָבער אַ מיטגליד ביי אונדז איז געווען אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט אין שטעטל, שמואלקע פּיאַנקאָ, דער לערער. נאָך איינער, אַן עלטערער, שמואל־יוסף דעם דיינס עלטערער זון, אסתר ראָזענטאַלס עלטערער ברודער, און די אַ ביסל ייִנגערע אַביגדור טשמעל, פּאָמעראַנץ, אַ זייגערמאַכער, ישראל גאָלדשטיין פון אונדזער קולקע, שמחה ווילנעבערג, דער גוטער דאַמען־שניידער, אַלטער קאַציאַק, דעם העברעיִשן לערערס אַ זון, אַ פאַרטראַכטער איבערגעגעבענער חבר, יוסף פּורמאַנסקי, שמחה באַציאַן. ס׳האָט זיך צוגעשמירט עפּעס איינער אַ פאַרדייטשטער

ייִד וואונדהײַלער (מיר האָבן אים חושד געווען, אַז ער איז צוגעשיקט געוואָרן פֿון דער דײַטשישער פּאָליציי).

ס'איז געווען בײַ אונדז מוט און געוואַגטקייט, כאָטש ווייניק אין צאָל, אַרויס־צוטרעטן אויף דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרענע פֿון אונדזער שטעטל, וווּ ס'זענען געווען אַזעלכע גרויסע אָרגאַניזאַציעס פֿון ציוניסטן און בונדיסטן.

דער פּאַרטייען־קאַמף איז דעמאָלט בײַ אונדז אין שטעטל נישט דערגאַנגען צו שאַרפֿע צוזאַמענשטויסן. יעדע איז זיך געגאַנגען מיט איר וועג. מיר זענען געווען איבערצייגט אין דער מעכטיקייט פֿון אונדזער אידעאַל. ס'האָט געקאָכט מיט געזעלשאַפֿטלעכער ענערגיע.

רוסלענדישע רעוואָלוציע און די פּוילישע מלוכה

כאָטש די דײַטשישע אַרמיי איז ווי אַ לעבעדיקע וואַנט געשטאַנען צווישן אונדז און רוסלאַנד — דאָך האָט דאָס געשעענע דאָרט געווירקט אויך אין אונדזער מאַקאָווער פּראָווינץ. צווישן די בונדיסטן האָבן זיך מיט אַ מאָל באַוויזן קאָמוניסטן. צווישן די ראשי־המדברים איז געווען ישראל לייב פֿרענקעל, מײַנער אַ שוועסטערקינד, נאָר וואָס אַרויס פֿון דער ישיבה, אין אַ געהאַקטער קאַפּאָטע, האָט ער אויסגעזען ווי אַ קלויזניק. זיי האָבן אָפּגעדונגען אַ לאָקאַל ערגעץ אויף די גוישע פּיאַסקעס. די ציוניסטן האָבן אָפּגעדונגען די „ליוטניע" אויפֿן אייבערשטן שטאָק פֿונעם גרויסן רויטן מויער אַנטקעגן די יאַטקעס. זייער לאָקאַל בײַ ווייסבערגן אין הויז פֿון זײַן דרוקאַרניע קעגן קלויסטער האָבן פֿאַרנומען מיר, פּועלי־ציון.

מיר זענען געווען עפּעס אַן אַנדערטהאַלבן אָדער צוויי צענדליק. די ציוניסטן האָבן אונדז געלאָזט אַ פּוסטן לאָקאַל. אײנער פֿון אונדזערע יונגע חברהלייט האָט פֿאַרגעלייגט אַ פּלאַן ווי צו מאַכן מעבל. מיר האָבן „געמאַכט אַ קראַץ". געגנבעט ברעטער וואָס זענען געלעגן ערגעץ נישט ווייט פֿון אַ סטאָליאַרנע אויף פּראַגישקאַנער גאַס, אַרײַנגעטראָגן דאָס צום סטאָליאַר און געמאַכט אַ לאַנגן טיש מיט בענק, אויפֿגעהאַנגען בילדער פֿון באָראָכאָוו, זשיטלאָווסקי און מאַרקס און זענען געוואָרן טעטיק, אַרומגעוואַקסן מיט חברים און חברטעס.

די גרינבערגזשאַנקע

זי איז געקומען אין מאַקאָווע פֿון וואַרשע אָדער פֿון אַן אַנדער גרויסער שטאָט און געגעבן לעקציעס אויף פּוילישער שפּראַך. אין גרעסטן טייל איז זי

געווען אַן אַריינגייערין אין רייכע הייזער. מיטאַמאָל האָב איך זיך דערוווּסט פון מיין חבר שלמה אונגער, אַז זי איז אַ קאָמוניסטקע.

שלמה אונגער איז געווען אַ ייִנגל אַ יתום. ער האָט געוווינט נישט ווייט פון אונדז און פלעגט זיין ביי אונדז אַ בן־־ית. ער איז געזעסן מיט אונדז אַרום קלינקע־טיש און נישט איין מאָל געגעסן מיט אונדז אונדזער אָרעמען מיטיק. זיין שוועסטערקינד לייזער וואָלף אונגער, אַ שוסטערס אַ זון, האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער גריינבערזשאַנקע און איז אויך געוואָרן אַ קאָמוניסט.

סוף 1918. דייטשלאַנד האָט געפיבערט מיט רעוואָלוציע. ביים דייטשישן קייזער איז אַראָפּגעפאַלן די קרוין פונעם קאָפּ. אין דער דייטשישער אַרמיי האָבן זיך געשאַפן אַרבעטער־ראַטן. די גענעראַלן האָבן זיך געשראָקן אַז די אַרמיי זאָל זיך נישט אָנשטעקן מיט באָלשעוויזם. דער גרויסער אָנגריף פון פראַנצויזישן גענעראַל פאָש האָט געברעכט די דייטשן אַ מפּלה, און זיי האָבן קאַפּיטולירט. די דייטשן האָבן זיך גענומען עוואַקוּאירן פון די פאַרנומענע „אָסט־געביטן".

צוזאַמען מיט דער קרוין פונעם קייזער ווילהעלם דעם צווייטן, זענען געפאַלן די קרוינען פון די קעפּ ביי די קעניגן פון זאַקסן, בייערן און ס'האָט זיך אַ וואַקל געטאָן דער כסא המלכות ביים פוילישן קעניגלעכן רעגענט ליובאָמירסקי אין בעלוועדער. נאָכן דערמאָרדן קאַרל ליבקנעכטן און ראָזאַ לוקסעמבורג און דעם דורכפאַל פונעם ספּאַרטאַקוס־בונד פון די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד איז זייער פּרוּוו צו פאַרכאַפּן די מאַכט, האָבן די קאָמוניסטן אין פוילן געהאַט אַ האָפענונג, אַז מיט דער הילף פון די באָלשעוויקעס וועלן זיי פאַרכאַפּן די מאַכט. די קאָמוניסטן אין פוילן האָבן אויסגעבילדעט זייער פּאַרטיי פון דער פּ.פּ.ס. (לעוויצאַ), ס.ד.ק.פּ.ל. (די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך, פוילן און ליטע). זיי האָבן ס'רוב נאָכגעפאָלגט ראָזאַ לוקסעמבורג, וועלכע האָט נישט געהאַלטן פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט פון רוסלאַנד. דאַקעגן די פּ.פּ.ס. האָט געפירט אַ קאַמף פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט. מערב־אייראָפּע האָט דעמאָלט קאָקעטירט מיטן סאָציאַליזם פון דער פרייער וועלט קעגן דיקטאַטאָרישן באָלשעוויזם. די ענדעקעס האָבן דעריבער געגעבן די בכורה דער פּ.פּ.ס.

לייזער וואָלף האָט מיר געבראַכט צו דער גרינבערגזשאַנקע אין קליינעם צימערל און איך האָב אים געהאָלפן שרייבן לאָזונגען „ניעך זשיע זשאָנד ראַבאָטניטשי אי וויעשטשאַנסקי". מיט לייזער וואָלף האָב איך זיך דערנאָך באַגעגנט אין מאָסקווע. זעענדיק אַן אָפּיש, אַז „אויף אַ מיטינג וועט אַרויסטרעטן וו. בלום, איז ער געקומען צוזאַמען מיט שלמה אונגער מיך זען. ער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און אַלס פוילישער סאָלדאַט האָט ער איצט געלערנט אין אַ ספּעציעלער מיליטערשול פאַר צוגרייטן פוילישע רויטע טיילן. ווי מ'האָט מיר דערציילט איז ער צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, געזעסן אין תפיסה. נאָך אַ

שווערער קראַנקייט געשטאָרבן. שלמה אונגער איז געבליבן אין רוסלאַנד, חתונה געהאַט, געלעבט אין באָריסאָוו (ווייסרוסלאַנד). וואָס ס'איז געוואָרן מיט דער גרינבערגזשאַנקע איז מיר אומבאַוווּסט.

1918

נישט געקוקט אויף דער רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע האָבן די קאָמוניסטן אין פּוילן נישט געהאַט קיין שאַנסן אויף מאַכט. די קאָמוניסטן אין פּוילן האָבן זיך נישט געקענט אָנשפּאַרן נאָר אויף די רוסישע באָלשעוויקעס. די פּאָליאַקן האָבן נישט געקענט דערלאָזן צו אַ התקרבות מיט די אַמאָליקע רוסישע אונטער־דריקער פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. צו די „רוסישע אונטערדריקער" האָבן זיי אויך צוגערעכנט די באָלשעוויקעס. די פּוילישע ענדעקעס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשישע קאָלאַבאָראַטאָרן. אויפן כסא המלכות האָט זיך געזעצט אַן אַמאָליקער פּ.פּ.ס.ניק. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די לײגיאָנערן און אויף זיין עסטרייכישן לעגיאָן. דאָס איז געווען דער מאַרשאַל פּילסודסקי. די רעגירונג איז געווען אַ פּ.פּ.ס.ישע. איבערן וואַרשעווער מאַגיסטראַט איז געהאַנגען אַ רויטע פאָן. ס'איז געווען אַן אַרבעטער־ראַט פון אַלע פּאַרטייען. עס זענען געווען האָפֿע־נונגען. אויך יידן האָבן געהאַט האָפענונגען— לאָרד באַלפורס דעקלאַראַציע וועגן דעם חוב צו שאַפן די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע. ווייס־בלויע פאָנען האָבן געפלאַטערט איבער יידישע הייזער. קיינער האָט דעמאָלט נישט גע־וווּסט אין וועלכע חבלי־לידה ס'וועט געבוירן ווערן די מדינת ישראל. אוי, ווי דאָס האַרץ טוט ווי צו שרייבן וועגן יענער צייט, יענע טרוימען, יענע מענטשן, יענע לעבנס, וואָס זענען אַזוי אַכזריותדיק אומגעקומען.

אין וואַרשע איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון פּועלי־ציון, אויף וועלכן ס'האָבן זיך פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי די פּועלי־ציון פון פּוילן און גאַליציע. אַלס דעלעגאַט פון מאַקאָוו איז געפאָרן שמואלקע פּיאַנקאַ. ער איז צוריקגעקומען אַ באַגייסטערטער. ער האָט דאָרט זיך לויפּיק באַקענט מיט די הערלעכע גע־שטאַלטן פון דאָקטאָר יצחק שיפּער, א. ש. יוריס און אַנדערע פירער. מיר האָבן מיט אָפענע מיילער און פאַרשפּיצטע אויערן אויסגעהערט זיין באַריכט. אויך אָפּגעמערקט באַראַכאָווס ערשטן יאָרצייט. מיר האָבן זיך דעמאָלט דערפילט אַלס טייל פון אַ מחנה און מיר האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף. צו די וואַלן אין פּוי־לישן מאַגיסטראַט האָבן מיר דורכגעפירט אונדזער ראַטמאַן דעם חבר שמואלקע פּיאַנקאַ. צו די וואַלן אין פּוילישן סיים האָבן מיר שוין געהאַט אַ צענדליק פּאַר־לעך, וועלכע זענען געגאַנגען איבער די הייזער מיט אונדזער אַגיטאַציע־ליטעראַ־טור.

פאַרשטייט זיך, קעגן מעכטיקן „בונד״ האָבן מיר נישט געקענט אַ סך ווירקן. דער „בונד״ האָט געהאַט דעם קאָאָפּעראַטיוו און פאַרקויפט ביליק אייניקע דע־פיציט־סחורות, ווי נאַפט. ער האָט אויך אין זיינע הענט געהאַלטן די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען. דער „בונד״ האָט צוזאַמען מיט זיין פעריפעריע געציילט אַ האַלבן טויזנט מענטשן. מיר, אַ קליין הייפל פּועלי־ציון האָבן געקעמפט מיטן מעכטיקן „בונד״.

איך האָב באַשלאָסן ווערן אַן אַרבעטער, קריגן אַ מלאכה אין האַנט און ווערן אַן אייגענער צווישן די אַרבעטער און אָפּרייסן זיי פון „בונד״. איך בין געגאַנגען זיך לערנען שניידעריי ביי אַברהמל מלאך (אַ בונדיסט). דערווייל גע־טאָן שוואַרצע אַרבעט, ווי פונאַנדערבלאָזן דאָס פּרעסל, צונויפקלייבן פון אונ־טערן טיש אָפּפאַל, אויסקערן, און גענומען לערנען זיך צונייען אַ קנאָפּ, שלייפן אַ לאָך, באַנייען אַ פּאַטשעווקי (אונטערשלאָק) מיט „אונטערנאָדל״. אָבער מיינע אויגן זענען געווען צו שוואַך און מיינע הענט זענען געווען נישט מסוגל אויסצו־לערנען שניידעריי און איך בין געבליבן ביים טאַטן אַ בעקער. פאַר מיין אַרבעט האָט מיר אַברהמל געקירצט די העלע קאַפּאָטע מיטן שפּאַלט, געמאַכט פון דעם אַ קורצן ראָק, איבערגעניצעוועט מיר פון עפּעס אַן אַלטן בגד אַ וואַרעמען פּאַלטאָ.

בעת די וואַלן צום ערשטן פּוילישן סיים האָבן זיך געפירט העפטיקע קאַמפן. מיר, אַ הייפעלע פּועלי־ציון האָבן זיך נישט געשראָקן נישט פאַר די ציוניסטן, און נישט פאַרן „בונד״ און זענען געגאַנגען מיט אַ זעלבשטענדיקער ליסטע. אַרויסגעטרעטן אויף מיטינגען, געגאַנגען איבער די הייזער, אַגיטירט. גאַנץ אָפט זענען געקומען צו אונדז אין שטוב די חברים פון קאָמיטעט און מיר האָבן זיך באַראָטן, ווען איך בין געשטאַנען ביי דער דייזשע און געמישט אַ טייג, אָדער געוויקלט לעבלעך ברויט צום זעצן אין אויוון.

די וואַלן האָבן אונדז דערוואָרבן נישט נאָר שטימען, נאָר אויך געהאָלפן פאַרגרעסערן די שטימען. מיר האָבן צוגעצויגן סימפּאַטיקער. מיר האָבן געשאַפן אַ דראַמאַטישן קרייז, אין וועלכן ס׳איז אַריין אויך באַשקע גאַלאַנט. זי האָט גע־ווווינט אויף בוזשניטשנע. זי איז געווען אַ בונדישע, אַ סימפּאַטיש, דרייסט מיידל, וואָס האָט נישט מורא געהאַט פאַר אַ בחור, פריי געלאַכט, גערעדט שפּילנדיק און געשפּילט רעדנדיק. מיר האָבן געהערט, אַז די קראַסנאָשילצער האָבן מיט דער־פאָלג געשטעלט דעם „בעטלער־מיליאָנער״. איך, אַביגדור טשמעל און נאָך אַ חבר זענען אַוועק צו פוס קיין קראַסנאָשולץ (אַכצן אָדער צוואַנציק וויאָרסט), געטראָפן זיך מיט די קראַסנאָשולצער פּועלי־ציוניסטן, זיי האָבן צוגעזאָגט אונדז העלפן מיט „קרעפטן״ און מיר האָבן מיט מזל געשטעלט אין לוטניע דעם ספּעק־טאַקל און די אָרגאַניזאַציע האָט „איינגעמאַכט״ אַ ביסל זלאָטעס. דאָס ביסל מינץ

איז צו נוץ געקומען. די „יוגנט״ האָט מיך אויסגעקליבן אַלס דעלעגאַט אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „יוגנט״־פאַרבאַנד אין וואַרשע. דאָס איז געשען דעם 1טן יוני 1919.

ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע אויף קאַרמעליצקע 23 אין „אַרבעטער־היים״ און געפרעגט ווו עס קומט פאָר די קאָנפערענץ האָבן זיי נישט געוווּסט״. מ׳האָט מיר אַוועקגעפירט אויף נאַוואַליפּיע 7 אין קאָאָפּעראַטיוו, דאָרט האָב איך געטראָפן גרשון דוא. ער האָט מיך איבערגעגעבן אַ צווייטן חבר, וואָס האָט מיך אַוועקגעפירט אויף דזשיקע־גאַס. דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען אַזוי פיל יוגנטאַוועס, אַזוי פיל הונדערטער יונגע פּעצעקעס און ס׳איז געוואָרן יום־טובדיק אויף דער נשמה. איך האָב געוואַגט אַרויסצוטרעטן מיט אַ „רעדע״ צען מינוט. דערנאָך האָט מען אין „יונגן קעמפער״ געגעבן מיין „רעדע״ אין דריי שורות. חבר זאב פּרח (מיין ערשטער פאַרטיי־פּסעוודאָנים) פון מלאווע (געדאַרפט זיין מאַקאָוו) האָט געזאָגט... און מ׳האָט געשמאַק געזונגען די „יוגנט״־שבועה, „בלאַנדזשע מער נישט אין דער פינצטער״ (פאַרפאַסט פון ל. מלאך, נאָר וואָס פריש פונעם אויוון אַרויס). דער חבר שפּיזמאַן האָט איינגעלאַדן אונדז אַ גרופּע דעלעגאַטן קיין פּראַגע און מיר האָבן געמאַכט אַ זינג־אָוונט מיט די פּראַגער יוגנטאַוועס. מ׳האָט געשפּילט אויף אַ פּיאַנאָ.

אין וואַרשע האָט מען מיר פאַרפּאַקט אין טשעמאָדאַן לידער־ביכלעך, בראָ־שורקעס און רויטע פאַרטיי־בילעטן מיט דער אונטערשריפט „ניר״.

פרייטיק בין איך אָפּגעפאָרן קיין מאַקאָוו און געהאָפט צו זיין דאָרט שבת און אָפּגעבן אַ באַריכט די חברים. אָבער אָפּפאָרנדיק עטלעכע סטאַנציעס האָט איינער אַ ייד מיך אַ פרעג געטאָן וווּהין איך פאָר פרייטיק אויף שבת. אַז ער האָט דערהערט קיין מאַלקין האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט: — דער צוג גייט דאָך קיין שעדלעץ. אויף אַלעמען ציטערט די הויט, די האַלערטשעקעס שלאָגן דאָרט יידן מכות רצח. ער האָט מיך געראָטן אַראָפּגיין אין טלושץ, אויב איך וועל געפינען אַ צוג צוריקצופאָרן קיין וואַרשע. איך בין אין מאַלקין שוין געווען האָט ער דערציילט. די פּאַזשאַנצעס האָבן מיך דעם „זשידעק״ אויף „פּאַטיעכא״ אָנגעקאָרמעט מיט „שפּעק״. בין איך אַראָפּ אין טלושץ. קיין צוג נישט געטראָפן בין איך אַוועק אין שטעטל. ביז וואָס, איז אַ האַלבער פרייטיק אַוועק, באַלד וועט זיין ליכטבענטשן און אַ גאַנצער שבת. כ׳האָב מיין טשעמאָדאַנטשיק געלאָזט אין עפּעס אַ היימישער אַכסניה, אַ שטוב, ווו די טירן זענען שטענדיק געווען אָפן אויפן סאַמע מיטן מאַרק. ווו טוט מען זיך אַהין? איך בין אַוועק אין בית המדרש צו קבלת שבת. דאָרט האָט מיך דערקענט איי־נער אַ פּראַשניצער ייד, וואָס האָט געוווינט ביי אונדז אַ שטיקל צייט, ווען „פּאַ־ניע״ האָט אַרויסגעטריבן די יידן. ער האָט מיך פאַרבעטן אויף שבת. איך האָב

זיך באַקענט מיט זיין שכן, אַ ייד אַ געוועזענער בונדיסט, איצט געאַרבעט ביי שניידעריי „פֿאַר זיך" מיט צוויי געזעלן. ער האָט מיך איבערגעגעבן צו צוויי חברטעס „אַלטע מוידן" שניידערקעס, אפשר וועל איך פֿון זיי מאַכן פּועלי־ציוניסטקעס. ער אַליין איז שוין געווען ווייט פֿון דער באַוועגונג. כ'האָב מיט זיי באַשטימט מאַכן אַ באַגעגעניש מיט אַ גרופּע חברים אין וואַלד. איך בין אַוועק צו זיי אין שטוב. פֿון דאָרט איז מען אַוועק אין וואַלד שוין נאָכן „טשאָלנט". אָבער צו דער באַגעגעניש זענען געקומען בלויז צוויי בחורים און כ'האָב געזען, אַז צווישן די צוויי פֿאַרלעך זענען פֿאַראַן וויכטיקערע „ענינים" ווי מיין פּועלי־ציוניזם. בין איך אַוועק אין דער אָפֿענער אַכסניה, געכאַפּט מיין טשעמאָדאַנטשיקל און געלאָזט זיך צום וואָקזאַל, אָבער גלייך ווי איך האָב זיך באַוויזן מיט מיין טשעמאָדאַנטשיקל האָבן מיר גענומען נאָכלויפֿן יינגלעך מיט לאַנגע פּיאות און קורצן שכל און האָבן מיר נאָכגעוואָרפֿן שטיינער. גרויסע האָבן מיר נאָכגעשריגן, איך האָב זיך קוים געראַטעוועט פֿון זייערע הענט צו די ביידע שניידערקעס. פֿאַרבראַכט ביי זיי שבת צו נאַכטס, געשמועסט וועגן בונדיזם און פּועלי־ציוניזם, אָבער זיי האָט מער אינטערעסירט ווי מען האָט חתונה ביזן סאָציאַליזם. זונטיק בין איך אָפּגעפֿאָרן קיין מאָקאָוו.

נאָך דער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ זענען פֿאָרגעקומען אַ ריי ראַיאָן־קאָנפֿערענצן. איך האָב אָנטייל גענומען אין דער טשעכאָנאָווער ראַיאָן־קאָנפֿערענץ. ס'איז געווען טומלדיק און פֿריילעך. עס זענען נישט וויכטיק געווען רעזאָלוציעס און רעפֿעראַטן. דער עיקר זענען געווען די באַגעגענישן צווישן די „יוגנט"־חברים. דאָ זענען געווען פֿאַרשטייער פֿון פּראַשניץ, רוזשאַן, קראַסנאָשיעלץ, מאָקאָוו און אַנדערע שטעט אַרום. די טשעכאַנאָווער „יוגנט" האָט אונדז געמאַכט אַ פֿיינעם קבלת־פּנים, דערנאָך אַ געזעגענונגס־אָוונט. איך בין דעמאָלט אויסגעקליבן געוואָרן אין טשעכאָנאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט, אונדזער מאָקאָווער אָרגאַניזאַציע איז אַרומגעוואַקסן מיט חברים און חברטעס און דערגרייכט ביז אַכציק אָדער ניינציק. צווישן זיי זענען געווען אי אַרבעטער, אי סוחרישע קינדער.

פּריזיוויקעס הוליען

נישט לאַנג האָט געדויערט אונדזער טעטיקייט. די פּוילישע פּילסודסקי־רעגירונג האָט אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף ראַטן־רוסלאַנד און דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פֿון די ניינצניעריקע. די „פֿרייע יוגנט" האָט אָפּגעדרוקט אַ גרויסן פּראָטעסט־אויפֿרוף און אין אונדזער שטעטל האָבן מיר, ניינצניעריקע, זיך געגרייטן צום פּריזיוו. ווי די אַלטע טראַדיציעס נאָך ביי „פּאַניען" זענען די פּריזיוויקעס נישט געשלאָפֿן די נעכט, מ'האָט געגנבעט דעם שליסל ביים שמש

און אין אַלטן בית המדרש איז געווען אונדזער זאַמל־פּונקט. פון דאַנען האָט מען געמאַכט „מאַרשן״. געגאַנגען אָפּטאָן שפּיצלעך, וועקן עפּעס אַ גבאַי, לעשן אַ שרפה, אַרויסגעלאָזן פון ערגעץ אַ ציג, אַ האָן און נאָך ענלעכע שטיפעריייען.

אין יענע טעג האָבן מיר זיך פאָטאָגראַפירט מיט דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. אין מיטן אַן אויפשריפט: „צום ווידערזען אין קאַמף״. מיר האָבן זיך פאַ־

מאַקאָווער פועלי־ציון „יוגנט״ געזעגנט זיך מיט די 19־יעריקע מאָביליזירטע אין דער פוילישער אַרמיי. אָקטאָבער 1919.

פון רעכטס אויף לינקס. ליגן: די ברידער פיינציייג. זיצן: איצקאָוויטש, (—), ראָזענמאַן, הענדעל, קובאַבאַ, שעבטשע בלום. צווייטע ריי שטייען: פורמאַנסקי, סקאַלע, (— — —), אסתר־רחל מאַקאָווער, (— —). די דריטע ריי, שטייען: (—), פאַטער, שמחה באָציאַן, דוד פאַקטערס טאָכטער, וועלוול בלום, שרה מאַקאָווער, אביגדור טשמעל, קירשנבוים, אהרון וואַרשעווער, ישראל גאָלדשטיין. די לעצטע ריי: אַלטער קאָציאַק, שמחה ליליענטאַל, יוסף פורמאַנסקי, שמעון שטערן, קאַץ, (— — —).

טאָגראַפירט אויף אַ גרופּע חברים און חברעטס פון אונדזער קולקע. ישראל גאָלד־שטיין האָט געמאַכט אָן אויפשריפט 1919.

מיין טאַטע האָט געהאַפט, אַז מיט מיין ראיה וועט מען מיך נישט נעמען. אָבער מ׳האָט מיך יאָ גענומען און דורך פּולטוסק האָט מען אונדז געטריבן קיין מאדלין, אַ פעסטונג נישט ווייט פון נאָווידוואָר. דאָרטן שליסן זיך צונויף די ווייסל מיטן נאַרעוו. אַהינצו האָט מען געבראַכט אויך הלל רייטשיק. מיין ברודער פייוול איז אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. אין בערלין האָבן די דייטשן אים אַרעס־טירט, דערנאָך איבערגעגעבן דער פּוילישער מאַכט. אין גיכן איז פייוול אויך גע־קומען קיין מאָדלין און מיר זענען ביידע געוואָרן סאָלדאַטן פון דער פּוילישער אַרמיי.

פייוול איז געווען צוזאַמען מיט הלל רייטשיק, געשלאָפן זייט ביי זייט אויף דער נאַרע. ער פלעגט צולייגן צו די אויגן הערינג, געמאַכט זיי פייער רויט, כדי נישט גיין אויף די „שווישטשעניעס" און לערנען זיך שיסן.

די פעסטונג האָט געהאַט הויכע דיקע ווענט פון שטיין און פון ציגל. אַרום די ווענט האָט זיך געהויכט אַ באַרג. ס׳האָבן אַרויסגעשטאַרצט בלויז די שפּיצן. אין די ווענט פון אינעווייניק זענען געווען די קאַזאַרמעס. נאָך אַ גע־מאַטערטן זעלנערישן טאָג, ווען מ׳איז געקומען אין קאַזאַרמע האָט מען געמוזט אויסרייניקן און אויסשמירן די ביקסן, שטעלן זיי אויפן אָרט. די באַגנעטן ווי שאַרפע מעסער האָט מען גענדאַרפט אַראָפּנעמען און האַלטן באַזונדער אין אַ שייד. פאַרן שלאָפן האָט מען אין די גאַטקעס געזונגען עפּעס אַ פּויליש פּאַטריאָטיש ליד און מ׳האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע: שלאָפן! מ׳האָט געמוזט „אַלע ווי איינער" זיך פאַרקלייבן אין איין מינוט אויף די נאַרעס. אויב דעם פּלוטאָנאָוואָי איז נישט געפעלן דער טעמפּ האָט מען געמוזט צוריק אַראָפּ נאַקעט און באָרוועס זיך שטעלן אין שערענגע און אָנהייבן זאָגן דאָבראַי נאָך פּאַניע קאַפּיטאַניע, דאָבראַי נאָך פּאַניע קאַפּיטאַניע, פּאַניע פּלוטאָנאָווי, פּאַניע סערזשאַנציע און נאָך און נאָך און ווידער זיך דראַפּען לויט אַ קאָמאַנדע אויף די נאַרעס.

מיין חבר הלל רייטשיק האָט געהאַט אַ „בעסער מזל" פון מיר. ער איז מיט זיין פּויליש אין גיכן געוואָרן אַ פּיסאַרזש און מ׳האָט אָן אים זיך נישט געקענט באַגיין אין דער ראַטע און דערנאָך אין פּאָלק. אַפילו שוין דעמאָלט ווען מ׳האָט אַלע יידן אַרויסגעיאָגט פון די קאַנצעלאַריעס איז ער געבליבן, ווייל צונויפשטעלן אַ ראַפּאָרט, אַ קאַנצעליאַרישן דאָקומענט האָט מען נישט געפונען קיין פּאַליאַק, קיין „קענער". די פּוילישע כלאָפּעס זענען געווען אָפּ־

געשטאַנען, נישט געקענט לייענען און שרייבן און נישט געוווּסט צו וואָס און וווּהין מען טרייבט זיי דאָ אַרום אין „וואָיסקאָ פּאָלסקאָ״ ס׳איז געווען ביי אונדז אין ראָטע אַן אָפיצער, אַ גאַליציאַנער ייִד, חיים יאַנקעל ראָסנער, האָט ער געפירט די „שקאָלע״. אַ שעה נאָכמיטיק געהאַלטן לעקציעס וועגן דעם, וואָס איז אַזוינס די פּוילישע אַרמיי און פאַר וואָס מוזן זיי גיין „שלאָגן די באָלשע־וויקעס״, און ראַטעווען די אמונה״.

שיסן האָב איך זיך אָפּגעזאָגט ווייל מיינע אויגן זעען נישט. האָט מען באַשטימט צוויי מאָל זאָל איך שטיין פאַר קאָמיסיעס. מ׳האָט מיך באַפרייט פון „סטראַי״ און מיך אַ מאָל געזעצט אין עפּעס אַ ביוראָ מיט אַ ביקס, מיט וועל־כער איך האָב נישט געקענט שיסן. דאָרט איז געווען וואַרעם און ליכטיק, האָב איך זיך באַזאָרגט מיט פּאַפּיר און מיט בליישטיפט, געשריבן הייסע רעדעס צו די חברים און חברטעס אין מאָקאָוו. טייל מאָל האָט מען מיך געשיקט שיילן קאַרטאָפל.

די טעג ווען איך האָב געשיילט קאַרטאָפל פלעג איך אַ מאָל זיך פאַרקלייבן אויף די שפּיצן ווענט און קוקן אויף די ברייטע וואַסער־פעלדער פון דער ווייסל און בענקען, בענקען, בענקען אַהין אויף יענער זייט. איין און איינציק מאָל האָב איך געהאַט אַ „פּרזשעפּוסק״ אויף עטלעכע שעה קיין נאָווידוואָר.

ענדלעך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די קאָמיסיעס האָבן באַשטימט מיך אָפּלאָזן אויף „בעסטערמינאָווי אורלויב״. איך האָב זיך געלאָזט קאָסטן עטלעכע זלאָטעס, האָט מען מיר אַרויסגעגעבן דאָקומענטן און מיך אָפּגעלאָזט קיין מאָקאָוו.

אַציגנד, ווען מ׳האָט מיך אָפּגעלאָזט אויף „בעזטערמינאָווי אורלויב״ האָט מען מיר אַרויסגעגעבן אַ פינף צי זעקס פּאַפּירלעך אויפן וועג קיין וואַרשע און אין וואַרשע גופא צו באַקומען שפּייז און באַן־בילעטן. מיר האָבן מיט פּיוווּלען זיך צעטיילט מיט די פּאַפּירלעך. דער פּוילישער „שערענגאָווי״, דער שומר פון דער פעסטונג־טויער האָט אונדזביידן דורכגעלאָזט און מיר זענען ביידע אָנגעקומען קיין וואַרשע. ביים פעטער יצחק מרדכין האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג, אַרויסגעגאַנגען און אַרומגעגאַנגען אין באַזונדערע שעהען אויף איין פּראָפּוסק. פּיוווּל איז אַזוי אַרום ניצל געוואָרן פון מיליטער, זיך באַ־האַלטן פאַר דער פעלדזשאַנדאַרמעריע און איך בין אָנגעקומען אין מיליטערי־שער אוניפאָרם צוריק קיין מאָקאָוו און ווידער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּאַרטיי־אַרבעט און אין דער „יוגנט״.

צום ערשטן מײַ 1920

װידער איז דער מײַ געקומען,
מיט זײַן צױבער, מיט זײַן פּראַכט.
אַלע ביימער, אַלע בלומען,
האָבן װידער אױפגעװאַכט.

מיר האָבן אױסגעפּוצט דאָס לאָקאַל מיט פאַרשידנפאַרביקע שנירלעך פּאַפּי־רענע פענדלעך. ערב ערשטן מײַ אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג. פּלוצעם האָט דאָס לאָקאַל אַרומגערינגלט פּאָליצײַ, קיינעם נישט אַרײַנגעלאָזט, קיינעם נישט אַרױסגעלאָזט. אַן ערך אַ שעה האָט מען אונדז טעראָריזירט. אױף צו מאָרגנס האָבן מיר געדאַרפט זיך צונױפזאַמלען פאַרן לאָקאַל אױף דער אַלעע לעבן קאָשטיאָל, מ׳איז געקומען מיט רױטע בלימלעך אין די לאַצן. איך האָב אַראָפּ־געריסן פון היטל דעם מעטאַלענעם װײַסן אָדלער און אױך אָנגעטאָן אַ רױטע בלום.

אין לאָקאַל איז געקומען צו לױפן אַלטער קאַציאַק אַ פאַרסאָפּעטער: „די רעאַקציע איז אױף די פיס". פּױלישע פּאָליציאַנטן אױף פערד זענען אַרומגעריטן און נישט געלאָזט זיך פאַרזאַמלען. די בונדיסטישע דעמאָנסטראַציע האָט זיך דאָך דורכגעריסן אױפן מאַרקפּלאַץ. מיר זענען נישט געװען צוגעגרייט צו אַ דעמאָנסטראַציע. מיר האָבן זיך אָבער דורוגעריסן צו דער בונדישער דעמאָנ־סטראַציע און אױך אונדזערע שטימען האָבן געקלונגען, „איך זע װי די שטערנד־לעך לעשן זיך אײַנציקװײַז", „װי לאַנג, אָ, װי לאַנג װעט איר בלײַבן נאָך שקלאַפן", „טשערװאָני שטאַנדאַר". פּאָליצײַ האָט אַרױסגעריסן פון די רייען די אָנפירנדיקע, װאָס האָבן געשריגן, געזעדט קורצע רעדעס, געװאָרפן לאָזונגען, און זיי אָפּגעפירט אין פּאָליצײַ־צירקל. אַזױ האָט מען אַרעסטירט מײַן ברודער חיים־דוד הנורא און נאָך בונדיסטן, מיך, אַביגדור טשמעל. די דעמאָנסטראַנטן האָבן נאָך לאַנג געליאַרעמט אױפן מאַרק. אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען אַלעמען באַפרייט און מיך אָװעקגעזעצט אין „קאָזע". ערשט פאַר נאַכט האָט מיך אַרױסגערופן דער מיליטער־קאָמענדאַנט און מיך אױסגעזידלט פאַר װאָס איך האָב אַרױסגעריסן דעם װײַסן אָדלערל פון היטל און אָנגעטאָן אַ רױטן בלימל. „דאָס מיליטער טאָר נישט זײַן פּאַרטײיִש". ער האָט באַפױלן איך זאָל אָנטאָן דאָס אָדלערל און צופּעסטיקן אים. אין קלוב איז געװען באַשטימט אַ יום־טובדיקער באַנקעט, אַ האַרמאָשקע מיט טענץ, בין איך גלײַך אַװעק אין קלוב.

אַהער איז געקומען דער טאַטע און מיך אױסגעפּאַטשט: „סטייטש, פאַר װאָס בין איך נישט געקומען אַ היים. ער איז דאָך געװען אין אײן ציטערניש טאָמער װעט מען מיך שיסן".

דער „ווייסער אָדלער" קעגן „רויטן שטערן"

מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ איז געלעגן דער שוואַרצער צווייקעפּיקער צאַרישער אָדלער. ס'איז אויפגעגאַנגען איבער אַ באַנייטן רוסלאַנד אַ רויטער שטערן. מיט פינף שפּיצן האָט ער זיך אַריינגעשטאָכן אין די פינף ערדטיילן. אין מיטן פון דעם רויטן שטערן — דער סערפּ מיטן האַמער. דער פּויער און דער אַרבעטער — די הערשער פון אַ נייער וועלט. פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגערוקט כמאַרעס צו דערשטיקן דאָס נייע סאָוועטישע רוסלאַנד. יאַפּאַן פון וויַיטן מזרח, ענגלאַנד פון ווייסן ים אין אַרכאַנגעלסק, די פראַנצויזן פון שוואַרצן ים אין אָדעס, און צום סוף האָט זיך דאָס ווייטע פּוילישע אָדלערל אַ הייב געטאָן צו די מזרח־הימלען פון פּוילנס ראַנדגעביטן איבער די גרענעצן קיין בוקאָווינע, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד.

די פראַנצויזישע האַלערטשיקעס, די דייטשישע פּאָזנאַנצעס, די עסטרייכישע פּילסודסיקעס — דער קערן פון דער פּוילישער אַרמיי — האָבן קודם כל אָנגע־הויבן זייער פּוילישן פרייהייטס־מאַרש מיט יידישע פּאָגראָמען אין לעמבערג, אין שעדליעץ און אין אַנדערע פּויליש־גאַליצישע יידן־יישובים. אַ קרייצצוג קעגן יידן און באָלשעוויזם.

אַלע שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע וואָס די פּוילישע אַרמיי האָט פאַרנומען זענען אָפּגעגאַנגען מיט יידיש בלוט. ריזי סמילגאַ דער פּוילישער גענעראַל האָט פאַרשריבן זיין נאָמען צווישן די נעמען פון מאַכנאָ, סאָמאָטאָוו, דעניקין, פּעטליורע און אַנדערע גרעסערע און קלענערע באַנדיטישע „באַטקעס".

רוסלאַנד, דאָס אויסגעפּייניקטע, הונגעריקע, פאַרוויסטע פון זעקס יאָריקע מלחמות קעגן די דייטשן, קעגן די אינטערווענטן, האָט געמאַכט אַן אויסערגע־וויינלעכן אָנשטרענג. טראָצקי האָט געוואָרפן דעם לאָזונג „דאַיאָש וואַרשאַווו" (גיב אַהער וואַרשע). בודיאָני, דער באָלשעוויסטישער „קאָזאַקן־אַטאַמאַן" האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע קאַוואַלעריע־אַרמיי. רוסלאַנד האָט זיך געזעצט אויפן פערד און גענומען טרייבן די פּוילישע אינטערווענטן. אין פּוילן האָט זיך גע־שאַפן אַן אַנטי־באָלשעוויסטישע (פאַקטיש אַנטי־יידישע) ליגע. ס'האָבן זיך אָנ־געהויבן מאַסן־אַרעסטן פון די לינקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אין אונדזערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זענען געבליבן ס'רוב מיידלעך. ס'האָט געטראָפן אַז מ'האָט זיי געשמידט אין קייטן גאַנצע מיידלשע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעסווייז געטריבן זיי גאָט ווייס וווּהין. „די פרייע יוגנט" און די „אַרבעטער צייטונג"" פון יענער צייט זענען געווען פול מיט רשימות פון אַזעלכע און אַנדערע פאַקטן פון פּאָלי־צייִישן טעראָר. אין אונדזער קליינעם שטעטל ווו מ'האָט געקענט הערן בייטאָג

ווי אַ האָן קרייט, האָבן מיר געמוזט פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך. איך האָב שוין נישט געגעכטיקט אין דער היים. כ׳האָב זיך איינגעאָרדנט אין זאַטענ־סקעס סאָד לעבן אַלטן בית־עולם. די בלינדע רייזל, אַברהם גאַוואַרטשיקס מאַמע, פלעגט האַלטן דעם סאָד יעדן זומער. איך בין געווען באַקאַנט מיט זאַ־טענסקין. ער האָט ליב געהאַט צו ריידן מיט מיר וועגן משה רבינו, וועגן דער תורה און שטאַרק געהאַפט אַז ער וועט מיך אָפּשמדן. ער האָט מיך צוגענומען אין סאָד בכבוד גדול, מיך באַקענט מיט זיין גרויסן בייזן קודלאַטן הונט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך גיך באַפריינדעט און איך בין אין זיכערקייט געשלאָפן אין אַ ביידל לעבן זיין בודע. צו מיר זענען געקומען נאָר עטלעכע חברים צוליב אינפאָרמאַציע און פאַרבינדונג. איך געדענק נישט אַקוראַט ווער פון זיי, אָבער איינע געדענק איך, דאָס איז דעם פאַכטערס טאָכטער, די עלטערע פון דער יוגנט. זי האָט אָרגאַניזירט דאָס פונאַנדערטיילן „די פרייע יוגנט" און „אַרבע־טער־צייטונג".

די זשאַנדאַרמען האָבן מיך געזוכט אין דער היים אויף זיעלאַני רינעק, געמאַטערט מיין טאַטן ער זאָל זיי זאָגן ווו זענען זיינע זין פייוול און וועלוול. אָבער דער טאַטע האָט אפשר אַליין נישט געוווּסט ווו זיינע אומלעגאַלע זין באַהאַלטן זיך.

*

אין איינעם פון די לעצטע זומערנעכט, אויגוסט 1920, איז געשען דער נס. די פוילישע אַדמיניסטראַציע האָט אין גרויס בהלה פאַרלאָזט מאַקאָווער מאַ־גיסטראַט, דעם פאַוויאַט, דעם פאָליציי־קאָמיסאַריאַט און איז אַנטלאָפן. קיין מאַ־קאָוו זענען אָנגעקומען ממש באַרוועסע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן אָנגעפילט אַלע הייזער, אומעטום ווו מען האָט געקענט קריגן אַ טרונק וואַסער און אַ שטיקל ברויט. זיי האָבן באַנייט די אַמאָליקע רוסישע סאַמאָוואַרן, געטרונקען טיי, געקויפט אַלץ וואָס מען האָט פאַרקויפט. פאַר אַלץ באַצאָלט מיט מזומנים. אין גיכן האָט מען זיך דערוווּסט אַז דאָס געלט האָט אַ קנאַפּן ווערט. דערווייל האָבן יידן קרעמער און בעלי־מלאכות וואָס האָבן געליטן פון פוילישן באַיקאָט געמיינט אַז ס׳הייבט זיך אָן די אַמאָליקע „גאָלדענע צייט" ווען ס׳האָט דאָ באַלעבאָטעוועט „פאָניע גנב" און יידן האָבן „געמאַכט אַ קערבל"... קיינער האָט נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען די פאָרמולע „סחורה־געלט־סחורה". אין גיכן האָט פאַרפעלט סחורה און דער עיקר שפּייז־אַרטיקלען.

אין מאַקאָוו האָט מען אָנגעהויבן בויען די ראַטנמאַכט. ס׳איז אַרויס פון באַהעלטעניש פייוול. ער איז געקומען פון רוזשאַן און פלוצעם דערשינען צו דער גרויסער פאַרוווּנדערונג ווי אַ קאָמוניסט און ער האָט גענומען מיטאַרבעטן

מיטן געשאָפּענעם רעוווקאָם. די ערשטע זאַך, כדי צו באַזאָרגן די באַדערפעניש פון דער אָרעמער מאַסע, האָט מען גענומען איבערשרייבן אַלע סחורות אין די קראָמען. מיר האָבן אַנדערש נישט געטראַכט ווי נאָר אַז מען וועט די דאָזיקע סחורות דערנאָך צעטיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע.

מיר יוגנטאָווצעס האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטענדיקן מיט די רוסישע קאָמסאָמאָלצעס פון דער רויטער אַרמיי. אַלס אַ דאָלמעטשער האָט אונדז גע־דינט לייבל „קידער". דאַכט זיך, מען האָט אים גערופן בורשטיין, אַ ייד אַ גבר, אַן אויסגעדינטער ביי פּאַניען, האָט ער גערעדט רוסיש, ער האָט אָבער ווייניק פאַרשטאַנען אין אונדזערע פּראָגראַמען. ער האָט בלויז פון אונדזערע ווער־טער איבערגעזעצט וואָס איז דער אונטערשייד צווישן „צוקונפט" (בודושטש־נאָסט") און „יוגנט" (מאָלאָדאָסט"), צווישן „בונד" און פּועלי־ציון. ער האָט עס אויף רוסיש איבערגעזעצט „פּאָלוציון" האַלב ציון און האַלב „בונד".

אין גיכן האָט פּייוול זיך באַקענט מיט אַ וויטעבסקער קאָמסאָמאָלעץ, וואָס האָט פאַרשטאַנען און גערעדט יידיש. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט אים און פאַרנומען פאַר אַ פּועלי־ציוניסטישן קלוב דעם פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אויפן צווייטן שטאָק פון אַ געמויערט הויז. דעם יידישן קאָמסאָמאָליעץ האָט מען גע־רופן מימון. ער האָט מיר מיט פּייוולען געגעבן דעם אַדרעס פון זיין מאַמען אין וויטעבסק. געבעטן אויב מיר וועלן זיין אַ מאָל אין וויטעבסק אַריינגיין צו איר און איבערגעגעבן פון אים אַ לעבעדיקן גרוס. מיר האָבן דעמאָלט נישט געטראַכט, אַז דאָס וועט געשען גאָר אין גיכן. מיר האָבן שפּעטער, אין עטלעכע וואָכן אַרום ווי היימלאָזע אין וויטעבסק, טאַקע אויסגעפילט זיין בקשה. פּונקט ערב יום־כיפור האָבן מיר אויפגעזוכט זיין מאַמעס הויז. מיר זענען אַריין צו איר און מיר זענען דערשיטערט געוואָרן. בשעת אין דרויסן איז עס געווען אין סאַמע שטורעמדיקן ברען פון רעוואָלוציע, האָט אינוויייניק געטליעט אַ האַלב־קינדערשער ימים־נוראים־געפיל. מיר זענען געזעסן ביים ווייסגעדעקטן טיש און געגעסן אַ גרויס יום־כיפורדיקע סעודה ווי אַמאָל. די מאַמע פונעם קאָמסאָמאָ־ליעץ מימון האָט געצונדן אַ גרויס יום־כיפורדיק יאָרצייט־ליכט. זי האָט געזאָגט אַ תחינה מיט היימישע מאַמישע טרערן. זי איז אַ וויסטע אַלמנה. דער פאָטער פון איר זון איז געפאַלן פאַרן צאַר און דער ייִנגסטער זון איז פון די פּוילישע פּאַנעס איצט אַוועק אין קרים קעגן באַראָן וראַנגעל. מיר זענען דעמאָלט אַרויס פון דעם היימישן יום־כיפורדיקן יום־טוב מיט אַ שווער געמיט צו דעם יום־טוב־דיקן אינדערוואָכן פון דער רעוואָלוציע.

פון מאַקאָוו האָבן מיר געבראַכט הונגעריקע טעג, אָבער יום־טובדיקע נשמות.

דער עיקר „טוער" אין רעווקאָם פון מאַקאָוו איז געווען פּייוול. ער האָט איבערגעשריבן דעם „פּריוואַט־קאַפּיטאַל" אין די גרויסע קראָמען פון שטאָט. ער איז אַ סך אומגעלאָפן זוכן שפּייז פאַר דער שטאָט. די מאַסע סאָלדאַטן האָבן ווי הייושעריקן פאַרזשערעט אַלצדינג און אויסגעליידיקט די שטאָט. ס'האָט זיך גלייך דערפילט אַ דוחק אין ברויט, פלייש און קאַרטאָפל. דער „מזומן" מיט וועלכער די רויטאַרמייער האָבן געצאָלט זענען נישט פולווערטיק געווען. איך בין געווען פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די יוגנט. מיר האָבן אויסגעהאָפטן אויף אַ גרויסער רויטער פאָן די ווערטער י.ס.ד. אַרבעטער־יוגנט־פאַרבאַנד „יוגנט". מיר האָבן פאַרנומען אַ לאָקאַל — דעם געוועזענעם פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אין סאַמע מיטן מאַרק. מיר האָבן מאַניפעסטירט צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי און פון דער הויכער טריבונע, וואָס מ'האָט ספּעציעל צוגעגרייט, באַפוצט מיט רויטע פענער, האָב איך אויך געהאַלטן אַ „רעדע". אין נאָמען פון דער פּועלי־ציון־יוגנט האָב איך צוגעזאָגט אַ יידישע סאָציאַליסטישע מדינה אין פּאַלעסטינע, וואָס וועט זיך באַהעפטן צו דער סאָציאַליסטישער אַלוועלטלעכער רעפּובליק. דער מיליטערישער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל און ס'איז געווען יום־טובדיק. משונה־רויטע פענער, „אינטערנאַציאָנאַל" און סאָלדאַטן מיט ביקסן...

אָבער סיי פּייוול, סיי איך, ווי דער גאַנצער דאָרטיקער רעווקאָם, מיט די אַלע רויטע פענער מיט אַלעם איבעריקן, איז געווען אָפּהענגיק פון די דאָרטיקע ביקסן. אונדז האָט זיך בלויז געדאַכט, אַז מיר זענען פריי צו טאָן לויט אונדזער ווילן. די ביקסן האָבן פּאַקטיש קאָמאַנדעוועט. מ'האָט גענומען ערובניקעס פון צווישן די אַנגעזעענסטע פּאָליאַקן און יידן און ס'האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן די קאָנפיסקאַציע פון סחורות און רעקוויזיציע פון שפּייז־פּראָדוקטן און פלורצעם... איז פּיייוול געקומען צו לויפן, געבראַכט אַ ברויט און געזאָגט אַ צערודערטער: „קום!" אין שטאָט איז געווען אַ טומל. לעבן דער אַפּטייק, אין טויער, האָט מיך געכאַפּט אַ פּאָליאַק זאַוואַדאָווסקי, און האָט מיך געבעטן דרינגענדיק זאָגן פּייוולען מען זאָל נישט אָוועקפירן די ערובניקעס.

אַזוי, מיטן ברויט אונטערן אָרעם, האָב איך זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט עלקע סעגאַל. איך ווייס נישט וויפל רגעס דאָס האָט געדויערט, נאָר דער בליק און די רגע זענען ביי מיר פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

פּייוול האָט מיך אַ ריס געטאָן. מיר זענען אַרויף אויף אַ וואָגן מיט צוויי געשפּאַנטע יונגע פערדלעך. ס'איז געזעסן אויך דער טאַטע און מיר זענען אַריבער דעם בריק. אויס מאַקאָוו, אויס דער באַזער, די גזשאַנקע, די גאַס, די

שטוב, אויס אַלצדינג וואָס האָט זיך גערופן היים. מיטן טאַטן זענען מיר דער־פאָרן ביז רוזשאַן. דאָרט האָט צו אונדז זיך צוגעזעצט אין גרויס איילעניש מיין ברודער רפאל־הירש מיט דער משפחה. דערפאָרן ביז אָסטראָוו, אַ שרעקלעכע נאַכט אין אַ שייער. מיר האָבן געהערט אַ רעש און לידיקע פּולעמיאָטן־קעסט־לעך, ס'האָבן זיך געצויגן אָבאָזן מיט איבערגעצויגענע ביידלעך. אַ קרעכ־צעריי, אַ יאָמערגעשריי פון הונדערטער פאַרוווּנדעטע.

אין אָסטראָוו האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן וויינענדיקן טאַטן.

ווי איך האָב זיך דערוווּסט האָבן די פּאָליאַקן געוואָלט זיך נוקם זיין אין טאַטן ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַ היים. די שכנסטע בעלי־בתים פון שטאָט האָבן זיך פאַר אים איינגעשעלט און ער איז אָפּגעקומען מיט אַ לייכטער שטראָף. מען האָט אים געגעבן אַ בעזעם ער זאָל בפני עם ועדה אויסקערן דעם מאַרק.

אַלע וועגן זענען געווען פאַרנומען מיט אָבאָזן. מיט אָפּגייענדיקן מיליטער. רייטער און פוסגייער. מיר האָבן מיט אונדזערע פערדלעך געמוזט איבערוואַרטן אַ גאַנצע נאַכט. זיי זענען געווען נישט־געשמידטע. אָן פּאָדקאָוועס האָבן זיי געקלאַפּט די באָרוועסע פיס אין די שאַרפע שטיינדלעך פונעם שאָסיי. ס'איז נישט געווען ווען און ווו זיי צו שמידן. אַזוי האָבן זיך געצויגן רעגנדיקע טעג און פינצטערע קילע פריאָסיענדיקע נעכט. אויף די פעלדער פייערן ביי אַ שיי־טער האָבן מיר קוים אויסגעבעטן אַ ביסל „קיפּיאַטאָק". דאָס ברויט האָט זיך אויסגעלאָזט, מ'האָט ערגעץ ווו אויסגעגראָבן אַ ביסל קאַרטאָפל, צוגעבראָטן אויפן פייער. אַזוי זענען מיר געקראָכן מיט אונדזערע פערדלעך פון אָסטראָוו דורך זאַמבראָוו, לאָמזשע, סטאַוויסק, רייגראַד, סטוטשען, אַווגוסטאָוו, דאָרט, פון דער דייטשישער גרענעץ האָבן מיר געזען אַ מיליטערישן דייטשישן רויטן טייל, וואָס איז געקומען צו הילף דער רויטער אַרמיי. דאָרט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט מיין ברודער חיים, דעם בונדיסט, וואָס איז געווען אין סאָוועטישן איספּאָלקאָם. מיר האָבן ביי אים עפּעס אָפּגעגעסן, זיך געזעגנט מיט רפאל־הירשן, וועלכער איז אַוועק מיט די פערדלעך קיין ליטע. מיין בורדער חיים האָט זיך עוואַקואירט מיט זיין איספּאָלקאָם און האָט דערנאָך איינער אַליין דורכ־געמאַכט אַ לאַנגן וועג דורכן ווייטן מזרח, יאַפּאַניע, קאַרייע און איז געקומען קיין אַמעריקע. מיר, איך און פּייוול, זענען אַוועק צו פוס קיין רוסלאַנד. דער וועג איז געוואָרן אַלץ פרייער, עלנטער. ערגעץ־ווו קומען פאַר אַריערגאַרד־שלאַכטן. אַנטקעגן אונדז איז איין מאָל אָנגעקומען אַ גרויסע מיליטער־מחנה פון באַוואָפנטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געדאַרפט אָפּהאַלטן די פּוילישע אָפענ־סיווע.

די רויטע אַרמיי וועלכע האָט אָפּגעשטויסן די אָפּענסיווע פֿון די פּאָליאַקן, באַפרייט קיִעוו און מינסק און האָט לויטן רוף פֿון טראָצקי, „דאַיאָש וואַרשאַווו״ געמאַכט אַ בליצמאַרש און דערגרייכט ביז וואַרשע, איז געבליבן אָפּגעריסן פֿון די באַזעס, און די אָבאָזן האָבן נישט געקענט צו דער צייט צושטעלן פֿאַרן פראָנט נישט שפּייז, נישט אַמוניציע. ס׳איז נישט געווען קיין קוילן מיט וואָס צו שיסן און קיין ברויט וואָס צו עסן.

אַ גאַנצער רויטער קאָרפּוס קאַוואַלעריע פֿון גאַיאַ־גײַ, וועלכער איז פֿון דער דייטשישער טעריטאָריע פֿאַרגאַנגען אין טיל פֿון די פּוילישע אולאַנער איז געוואָרן אינטערנירט לויטן באַפעל פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג, אַזוי אַרום איז געשען דער „נס אויף דער ווייסל״...

אויפֿן וועג האָבן מיר באַגעגנט שטעטלעך, ווו מיר האָבן געקראָגן עפּעס אָפּצועסן. זיך גענעצט און געפּרוּווירן אין די נעכט, זיך געטרוקנט אויפֿן ווינט און אויף דער זון, וואָס האָט געוואַרעמט ווי אַ שטיפמאַמע.

ווּוהין ?

מיר זענען צוגעקומען צו אַ פּונקט „על פּרשת הדרכים״: קיין ווילנע אָדער קיין גראָדנע ? מיר זענען אַוועק קיין גראָדנע. אין עטלעכע טעג אַרום זענען די פּאָליאַקן אַריין אין ווילנע. פֿון גראָדנע זענען מיר אויפֿן דאַך פֿון אַן אייזנבאַן־וואַגאָן דערפֿאָרן ביז מינסק. מ׳האָט אונדז „איינקוואַרטירט״ אין „גאַר־בער־קלוב״ אין גרויסן זאַל. דאָרט זענען געווען הונדערטער פּליטים, מ׳האָט געגעבן עפּעס צו עסן. מ׳האָט געבראַכט אין קעסלען הייסע וואָבלע־זופּ און הירזשענע קאַשע און מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ניי לעבן אין אַ נייער „היים״... פֿאַרוואָגלטע אײַנוווינער פֿון דער גאַס, האָבן מיר געלעבט מיט פּלאַקאַטן, מיט לאָזונגען און טראַנספּאַראַנטן מיט דער וועלט־רעוואָלוציע... וואָס מיר וועלן ברענגען אין אונדזער מאַקאָוו.

3. פאַרבאָטענע „פועלי־ציון״

1928. אין דער נאַכט פון 27סטן אויפן 28סטן יוני האָט די ג.פּ.או. גע־מאַכט אונטערזוכונגען ביי אַלע מיטגלידער פון צ.ק. און אָנפירנדיקע פּאַרטיי־חברים. אויף צוזאַמענגנס האָבן מיר, יעדער באַזונדער, אין ג.פּ.או. אויף לוביאַנקע באַקומען אַ שריפטלעכע מעלדונג, אַז די פּאַרטיי פועלי־ציון און דער פאַרבאַנד יוגנט־פועלי־ציון זענען פונאַנדערגעלאָזט און זייער ווייטערדיקע טעטיקייט וועט באַטראַכט ווערן ווי אַן אַנטי־סאָוועטישע. מיר האָבן אונטערגעשריבן „סלושאַלי״.

די צען יאָר לעגאַלע עקזיסטענץ פון פועלי־ציון זענען בכלל אַ רעטעניש. די איינציקע עקסטעריטאָריעלע, נאַציאָנאַלע „אָפּאָזיציאָנעלע״ ציוניסטישע פּאַרטיי, פאַר דער שטרענג־דאָגמאַטישער אויטאָקראַטישער דיקטאַטור מיט אַן אויסגעשפּראָכן אַנטי־ציוניסטישער דאָקטרינע. צי האָט געגאָלטן אין דער צייט דער באַשלוס פון סאָוונאַרקאָם, פּאַרמולירט דורך לענינען, נישט צו שטערן די טעטיקייט פון פועלי־ציון, כדי זי זאָל אין אויסלאַנד דינען ווי אַ באַווייז פון דעמאָקראַטיע?... און אפשר גאָר דערפאַר האָט מען אונדזער פּאַרטיי נישט ליקווידירט, ווייל פועלי־ציון איז אויסגענוצט געוואָרן אין דער צייט ווי אַן אַגענטור פאַר קאָנספּיראַטיווע שליחותן פון קאָמאינטערן, וועגן וואָס ס׳האָבן געוווסט נאָר יחידי סגולה?

פאַרן צ.ק. איז דאָס געקומען נישט אומגעריכט. ווי האָט דען סטאַלין גע־קענט דערלאָזן ביי דער זייט פון ר.ק.פּ. אַ פועלי־ציון פּאַרטיי, ווען ער האָט פאַרטריבן אין אונטערערד די אייגענע קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע?

דער צ.ק. האָט אָנגענומען אייניקע פּרעווענטיווע מיטלען. אין די לעצטע פּאַרטיי־ביולעטינען זענען דערשינען רשימות פון אויסגעשלאָסענע חברים. עס איז געבראַכט געוואָרן אין געהעריקן צושטאַנד דער רעגיסטער און די פּאַר־טיי־בילעטן. מ׳האָט מצמצם געווען דעם טעכנישן אַפּאַראַט; צוגענומען די אי־בעריקע שרייבמאַשינקע, העקטאָגראַף און שאַפּיראָגראַף.

אין דער צייט פון 13טן צוזאַמענפאָר דעצעמבער 1917 אין צוזאַמענהאַנג מיטן 25 יעריקן יובל פון חבר קיווינס פּאַרטיי־טעטיקייט, איז צוזאַמען מיטן חבר באַרו, וועלכער האָט דאַן געוווילט אין מאָסקווע, פאַרגעקומען אין דער

ווינונג פון ח׳ קיווין אַ באַנקעט פון געקליבענע חברים. אין די פייערלעכע רעדעס האָבן מיר געהערט בפירושע אָנדייטונגען וועגן דער מעגלעכקייט און נייטיקייט פאַרצווזעצן די פּאַרטיי־אַרבעט אין די שווערסטע באַדינגונגען אומ־אָפּהענגיק פון דער באַציִונג מצד דער סאָוועטישער מאַכט, דער הערשנדיקער ר.ק.פּ. צו אונדז. אויף דעם צוזאַמענטרעף איז אויך געווען יצחק שיינין. ער איז אין די חדשים אַפּריל—מײַ 1928 געזעסן אין צ.ק. און געמאַכט אָרדענונג אין דעם רעגיסטער פון די פּאַרטיי־בילעטן. שפּעטער, אין 1930, איז ער געווען דער איניציאַטאָר פון אַ גרופּע ליקווידאַטאָרן, וועלכע האָט פאַרעפנטלעכט אַ דעקלאַראַציע וועגן זייער רייסן מיט דער פּאַרטיי.

— פאַר דעם פּשוטן פּועלי־ציוניסט איז דער פאַרבאָט געקומען ווי אַן אומ־געריכטער קלאַפּ. די פּאַרטיי־מאַסע האָט מיט רעכט געהאַלטן די פּאַרטיי פאַר אַ סאָוועטיש־קאָמוניסטישער. עס האָט דאָך פּועלי־ציון מאָביליזירט אירע מיט־גלידער אין די אַרבעטער־מאַסן און אָרגאַניזירט יידישע רויטע טיילן, וועלכע האָבן פאַרגאָסן בלוט פאַר דער יונגער ראַטנמאַכט; אין די שפּערסטע יאָרן פון אינטערווענציע האָט דאָך פּועלי־ציון אויף אַלע קאָנפערענצן אונטערגעשטיצט די גענעראַלע ליניע פון א.ק.פּ.; האָט דאָך לעניִן בשעתו פאָרמולירט אין סאָוו־נאַרקאָם אַ באַשלוס נישט צו שטערן די טעטיקייט פון י.ס.ד.א.פּ. פּועלי־ציון אַלס פּאַרטיי, וועלכע שטייט אויף דער סאָוועטישער פּלאַטפאָרם. די פּאַרטיי־מאַסע האָט געוווּסט, אַז מיר זענען מיט דער ר.ק.פּ. מחולק נאָר אין דער לאָזונג פון דער יידנפראַגע און פּאַלעסטיניזם.

די חברים זענען פּסיכאָלאָגיש נישט געווען צוגעגרייט צו אומלעגאַלער אַרבעט אין סאָוועטישע באַדינגונגען. ווי קען מען שטיין אויף דער סאָוועטי־שער פּלאַטפאָרם און עובר זיין אויפן פאַרבאָט פון דער סאָוועטנמאַכט?

חברים האָבן זיך געטראָפן אויפן לוביאַנסקער ספּוסק און אין אַנדערע באַשטימטע ערטער און געפירט דיסקוסיעס אַרום דער פראַגע: וואָס ווייטער?

דער פּשוטער חבר, וועלכער האָט אַנגנומען דעם פּועלי־ציוניזם נישט ווי דער אינטעליגענט טעאָרעטיש, נאָר מיט האַרץ, איז געבליבן טריי דער באַ־וועגונג; דער מוח — די פּאַרטיי־אָנפירונג, האָט געהאַט אויף וועמען זיך אָנ־צושפּאַרן.

אַ גאַנץ קליינע, אָבער פעסט־געשלאָסענע מחנה האָט פאַרגעזעצט די פּועלי־ציוניסטישע טעטיקייט. ס׳זענען אָרגאַניזירט געוואָרן קרייזן, וועלכע זענען אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט נייע חברים, ס׳רוב פון החלוץ און צ.ס. יעדער קרייז האָט געהאַט זיין פאַרשטייער, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט אַ חבר פון דער צענטראַלער אָנפירונג. די יידסעקציע האָט גיך דערשפּירט אַז מיר לעבן נאָך.

די יעווסעקציע וועלכע האָט געלעבט אין זכות פון „פועלי־ציון", האָט נאָך דער ליקווידאַציע פון פועלי־ציון נישט מאריך ימים געווען. די ר.ק.פּ. האָט גע־האַפּט מיט די יעווסעקישע הענט ליקווידירן די פּועלי־ציון גלייך ווי זי האָט עס געטאָן מיטן „בונד" און מיט די פאַראייניקטע. די האָפענונגען האָבן זיך נישט באַרעכטיקט. אין מאַרט 1930 איז די יעווסעקציע אַליין ליקווידירט געוואָרן.

אין אַ קורצער צייט נאָכן פאַרבאַטן האָט מיר דער ח' רוסין (אַ מיטגליד פון צ.ק.) איבערגעגעבן אַ טשעמאָדאַנטשיקל מיט אַ שרייב־מאַשינקע, וועל־כע איך האָב אָפּגעטראָגן אויף אַ באַשטימטן אָרט. שפּעטער אַ ביסל האָבן די קרייזן דערזען דעם ביולעטין (אָן דעם קעפּל ביולעטין) און אַנדערע פּאַרטיי־מאַטעריאַלן. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַבריקל פון קיל־געטראַנקען צו באַשעפטיקן אַרבעטלאָזע חברים. דער חבר צאַלעל האָט דורך דעם גאַר־פישטשעטאָרג (שטאָטישער שפּייז־האַנדל) געקראָגן אַ בודקע און געשטאַנען דאָרט פון האַלבן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט און פאַרקויפט קיל־געטראַנקען. דאָ איז מעגלעך געווען האַלטן פאַרבינדונג מיט די קרייזן־פאַרשטייערס.

אין לענינגראַד

באַלד ביי די ערשטע טריט האָבן לענינגראַדער חברים געליטן פון אַ פּראָ־וואָקאַציע. אין די ערשטע חדשים נאָכן פאַרבאַטן פלעגט אַ גרופּע חברים זיך צונויפקומען אין דער דירה פון חבר סיאָמין. דאָס מאָל, ווען די חברים האָבן זיך פאַרזאַמלט האָט דער חבר גערשענזאָן געמאָלדן אַז היינט וועט ער נישט האַלטן קיין פאָרטראָג און געהייסן די חברים זאָלן זיך איינציקווייז פונאַנדער־גיין. ווער פון די חברים האָט געפרעגט ווען און ווו מען וועט זיך דעם קומענ־דיקן מאָל טרעפן, האָט דער ח' גערשענזאָן געזאָגט אַז וועגן דעם וועט צו וויסן געבן דער ח' באָרוכאָוויטש (געוועזענער סעקרעטאַר). מ'איז זיך שטיל פונאַנ־דערגעגאַנגען. שפּעטער מיט אַ האַלבער שעה איז אין ח' סיאָמינס דירה מיט רעש אָנגעקומען די נ.ק.וו.ד. (רוסישע ראשי תיבות פון נאַראָדני קאָמיסאַריאַט ווינוטרעניך דיעל — סאָוועטישע פּאָליציי) געמאַכט אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג, יעדע זאַך געשליידערט מיט צאָרן, אַרעסטירט דעם חבר סיאָמין. קענטיק. אַז די נ.ק.וו.ד. איז געווען אינפאָרמירט וועגן דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש און געגרייט זיך צו אַ גרויסן געפאַנג. זי האָט אָבער פאַרשפּעטיקט און איצט געמוזט זיך באַנוגענען מיט איין חבר סיאָמין.

דער חבר גערשענזאָן איז געקומען דער לעצטער. אָן אויסגעפרוווטער נאָך פון צאַרישן אונטערערד האָט ער מיט זיין געניטן אויג דערזען נעבן סיאָמינס דירה עפּעס פאַרדעכטיקס און באַשלאָסן תיכף פונאַנדערלאָזן די פאַרזאַמלטע

חברים. ער האָט שוין פון לאַנג חושד געווען באָרוכאָוויטשן. ווען ער האָט גע־מאָלדן וועגן אָפּשאַפן זיין פּאָרטראַג, האָט ער באַמערקט אַ באַהאַלטענע אומ־רויִקייט ביי באָרוכאָוויטשן, און ווען ער האָט צוגעזאָגט וועגן דער קומענדיקער באַגעגעניש צו וויסן געבן דורך באָרוכאָוויטשן, האָט מען געקענט באַמערקן אויפן פּנים ביי באָרוכאָוויטשן אַן איינגעהאַלטענעם צופרידענעם שמייכל. גער־שענזאָן האָט וועגן דעם איבערגעגעבן רחלען און געזאָגט, אַז בלי שום ספק איז באָרוכאָוויטש אַן אינפאָרמאַטאָר פון נ.ק.וו.ד.



מיין פרוי רחל

וואָלאָדיאַ באָרוכאָוויטש איז אַמאָל געווען דער פּאַראַנטוואָרטלעכער סעק־רעטאַר פון דער לענינגראַדער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען אַ שוואַרצער יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט גערעדט בנעימותדיק, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, דורך וועלכע ער האָט באַוויזן צוויי גאָלדענע פּאָרנטיקע ציין, אַן אויס־געפּוצטער ווי אַ חתן. איך האָב אים איין מאָל געטראָפן אין לאָקאַל פון דער

„חברה מפיצי־השכלה" אויף אַ פּאָרטראַג פון שאול גינזבורג (געוועזענער רע־דאַקטאָר פון פּעטערבורגער „פריינד"). וואַרשיינלעך איז ער אויך דעמאָלט געשיקט געוואָרן מיט אינפאָרמאַציע־צוועקן. משה גערטשיקאָוו האָט איין מאָל אויך געזען באָרוכאָוויטשן אין שול איינגעהילט אין אַ טלית. עס איז צו גלויבן, אַז ער האָט דאָ נישט געדינט גאָט, נאָר עמעצן אַנדערש.

משה גערטשיקאָוו — חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „יוגנט" פּועלי־ציון.

ביי דער געשאַפענער לאַגע איז געוואָרן קלאָר, אַז די אַלטע חברים קען מען נישט איינשליסן אין אַקטיווער טעטיקייט כדי נישט צו ליידן אַ דורכפאַל.

מיר, איך, רחל און משה גערטשיקאָוו האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו רעקאָנסטרויִרן די פּועלי־ציון־טעטיקייט. משה גערטשיקאָוו האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיטן לענינגראַדער „החלוץ". ער האָט זיך דערוווּסט אַז עס געפינען זיך געקומענע נישט לאַנג קיין לענינגראַד, חלוצים, פּועלי־ציוניסטן און זיי זוכן פאַרבינדונג מיט פּועלי־ציון. מיר האָבן באַשלאָסן מיט זיי זיך צו פאַרבינדן.

אונדזער דריילינג איז באַקוועם געוווען זיך צו טרעפן ביי אונדז. מ. ג. האָט נאָר געדאַרפט קומען צו אונדז אויף אַ גלעזל טיי.

צו אונדז איז געקומען אַ חסידישער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ שפּיציק בערדל אויף דער גאָמבע. דאָס איז געוווען דער חבר אַפּינאָווסקי, טאַקע אַ פּועלי־ציוניסט פון טולער „המליץ". ער האָט געהאַט אַ פרוי און אַ קינד, אָבער ער איז גרייט געוווען צו אַקטיווער טעטיקייט. ער האָט געאַרבעט ווי אַ בוכאַהלטער אין אַן אונטערנעמונג. זיין ברודער מלך, אַ סטודענט, אויך אַ באַוויבטער, איז אויך געוווען אַ פּועלי־ציוניסט. זיין ברודערס פרוי ליובאַ אזוי געוווען די אָנפירערין פון טולער החלוץ, אַלע זיינען גרייט געוווען עפּעס צו טאָן. מיר האָבן מיט רחלען באַשלאָסן קלאָר מאַכן וועלכע פון די חלוציאַנים זענען גרייט אַריינצוטרעטן אין אונדזער פּועלי־ציוניסטישן קרייז. דעם 1טן מאַי 1929 האָבן מיר ביי רפאלן אין דער דירה געפּראַוועט דעם יום־טוב מיט די חברים פון נייעם קרייז.

אין די זומערדיקע אָפּרו־טעג פלעגן מיר פון צייט צו צייט איינאָרדענען באַגעגענישן פון אונדזער גרופּע אין די דאַטשע־ערטער אַרום לענינגראַד. מיר האָבן צוויי מאָל אויף אַזעלכע צונויפטרעפענישן צונויפגעשטעלט און „אַרויסגעגעבן" אַ סאַטירישע מינדלעכע צייטשריפט „דער פּיפּערנאָטער", אין וועלכן מ'האָט געביסן די יעווסעקן. דאָרט זענען אויך געוווען קופּלעטלעך צום סדר־היום, מיט צוגעפּאַסטע ניגונים.

די גרופּע פלעגט אָפט אין ווינטער־צייט זיך צונויפקומען ביי אונדזער חבר אַפּינאָווסקען אין דירה אויף טיי־אָוונטן, ווו מיר האָבן באַהאַנדלט אַקטועלע פראַגן, פאַרגעלייענט די באַקומענע פון צ.ק. „בלעטלעך", געדרוקטע אויף אַ שרייבמאַשינקע, און פאַרמערט העקטאָגראַפיש. באַזונדערס פייערלעך, ביי אַ געדעקטן טיש מיט ווייַן, האָבן מיר געפייערט דעם פּאַרטיי־יובל 11טן מערץ. אַזוי האָבן מיר אויך געפייערט דעם 1טן מאַי און 7טן נאָוועמבער, דעם טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָפּגעמערקט דעם 17טן דעצעמבער באָראָכאָווס יאָרצייט. פאַרגעלייענט פון זיינע ווערק.



רפאל אָפּינאָווסקי

די נייע חברים־גרופּע איז געשטאַנען אויף דער געהעריקער מאָראַלישער הויך, מיט אַ באַוווסטזיניקער דיסציפּלין און אַחריות פאַר דער זאַך. רעגולער געצאָלט דעם מיטגליד־אָפּצאָל און אין פּאַלעסטינע־אַרבעטער פאָנד. איך האָב געקויפט פאַר מיין געלט אַ בילעט אויף אַהין און צוריק און אָפּגעפירט דאָס צוזאַמענגענומענע געלט אין מאָסקווע. דאָס האָט געהאַט נישט אַזוי אַ מאַטע־ריעלן ווי מאָראַלישן באַטייט.

איך פאַרצייכן דאָ אייניקע נעמען פון חברים:

די ברידער אָפּינאָווסקי, רפאל און מלך. רפאל איז געווען אַן ענטוזיאַסט. ביי אים אין דירה פלעגן פאָרקומען די „טיי־אָוונטן" און די יובל־צוזאַמענטרע־פונגען. מיט זיין שוואַרץ קמץ־בערדל, מיט אויגן צום הימל פאַרריסענע, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַרברענטער חסיד. ער איז טאַקע געווען בלב ונפש אַ חסיד פון פּועלי־ציון. אַ מאָל האָט ער געזונגען מיט דבקות און אַ מאָל מיט התלהבות, נאָר שטענדיק האָט ער דעמאָלט זיך אויסגעטאָן פון דעם עולם, און... פון זיין בוכהאַלטעריע.

מלך איז געווען אַ פּאָעטישע נאַטור ווי עס פּאַסט פאַר אַ סטודענט. ער האָט אויפגענומען דעם פּועלי־ציוניזם ווי אַ סאָציאַליסטישע ראָמאַנטיק פון שיבת־ציון.



מלך אָפּינאָווסקי

ביידע ברידער האָבן געהאַט פרויען און זענען געווען טאַטעס פון קינדער. מלכס פרוי ליובאַ איז געווען די גרינדערין און אָנפירערין פון טולער „החלוץ". פון אים האָט זיך אויסגעבילדעט די גרופּע פון פּועלי־ציון אין טולאַ.

רפאל און מלך זענען געמשפּט געוואָרן דעם 9טן אָקטאָבער 1937 אויפן פּראָצעס פון פּועלי־ציון און „החלוץ". זיי זענען אָפּגעקומען לאַנגע יאָרן

תפיסות און לאַגערן, גירוש און נע ונד, בײדע זענען געשטאָרבן אין ראַטנפאַר־באַנד. ליובאַ, מלכס פרוי, איז געקומען מיט איר טאָכטער און אײדעם קײן ישראל. זי איז געשטאָרבן מערץ 1975 אין חיפה. איך בין געפאָרן צו אירע שלושים קײן חיפה און בײ איר טאָכטער און אײדעם אויף דער דירה געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו הערן פאַרשריבן אויף אַ לענטע דאָס קול פון רפאלן. ער האָט געזונגען אַ חד גדיא אויף זײער חתונה.

חברטע טעמאַ גלויבערמאַן (שטאַמט פון קאַלינקאָוויטש, געקומען פון קיִעוו). בײ איר אין צימער פלעג איך האָבן באַגעגעניש מיט אײניקע חברים. אַ פשוטע ייִדישע טאָכטער. זי האָט דעם פועלי־ציוניזם געפילט מיטן האַרצן. אין 1934טן יאָר איז זי געוואָרן אַרעסטירט, געמשפּט און אָפּגעקומען שווערע פיר לאַגער־יאָרן. (זי האָט געהאַט אויך אַ שטיקעלע עבר פון יוגנט, צ.ס. און „החלוץ״). טעמע איז ווידער געמשפט געוואָרן אויפן פראָצעס פון פועלי־ציון און „החלוץ״ דעם 9טן אָקטאָבער 1937 און ווידער אָפּגעוואָלגערט זיך לאַנגע יאָרן אין לאַגערן, גירוש און נע ונד.


טעמע גלויבערמאַן
(איצט אין ישראל)

די חלוצים האָבן באַקומען אַ מעגלעכקײט ווי נישט איז אײנצושליסן זיך אין דער קאָמפּאַניע פון „באַ־הערשן די טעכניק״ מיט צוועקן פון הכשרה פאַר ארץ־ישראל. אין לעניג־גראַד האָבן מיר געהאַט פאַרבינדונ־גען מיט אַ סאָלידן הכשרה־קאָלעק־טיוו פון „החלוץ״, וואָס האָט פאַר־מאָגט אַ גרויסן וואַרשטאַט פאַר מעטאַל־באַאַרבעטונג נעבן זאַוואָד „וואָלקאַן״. די פאַרבינדונג האָבן מיר אָנגעהאַלטן דורך אַן אַרבעטער פון דאָזיקן וואַרשטאַט, אונדזערן אַ פער־זענלעכן פרײנד, דעם חבר שמעון ניעזשינסקי. ער פלעגט אונדז אָפט באַזוכן אין אונדזער דירה אויף קראָנווערסקע. מיר פלעגן פון צײט צו צײט מאַכן אויספלוגן אין דרײען. רחל איך און שמעון. מיר האָבן אים באַקענט בכתב ובעל־פה מיט אונדזער שטאַנד־פונקט וועגן די אַקטועלע פראַגן פון ייִדישן עקאָנאָמישן און גײסטיקן לעבן. עס האָט זיך געטראָפן אויף אײנעם פון די אויספלוגן. איך בין געקומען אויפן וואָק־

זאַל מיט אַ געפּאַקטן פּאַרטפעל. רחל און שמעון מיט ליידיקע הענט. איך האָב זיך געזעצט אין צוג וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין פּעטערהאָף, רחל מיט שמעונען אין אַ צוג אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — קיין רודערהאָף. אַזוי אַרום געשטעלט אין פאַרלעגנהייט דעם נאָכקוקער. שפּעטער אַ ביסל האָבן רחל און שמעון זיך אומגעקערט צו מיר אין פּעטערהאָף הונגעריקע. איך האָב געעפנט דעם פּאָרטפעל און פון דאָרט אַרויסגענומען פיש־קאָנסערוון, אייער און ברויט ((נישט אויף דעם האָט דער קוקער אויסגעקוקט) און מיר האָבן אונטערגעלענט דאָס האַרץ.

ווען איך האָב געאַרבעט אויפן זאַוואָד „וולקאַן" אַלס שוואַרץ־אַרבעטער פלעג איך אַזוי אין דער „ספּעצאָווקע", מיטיק־צייט, צושפּרינגען צו שמעונען אין וואַרשטאַט.

נישט לאַנג האָט געדויערט און מ׳האָט אַרייַנגעשיקט אין וואַרשטאַט אַ ביסל נישט־יידן קאָמוניסטן און דער „החלוץ" איז פון וואַרשטאַט באַזייטיקט געוואָרן.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה־קאָלעקטיוון פונעם „החלוץ", בתוכם אויך די קאָמונע תל־חי אין קרים, האָבן זיך אויפגעלייזט נאָך דער ליקווידאַציע פון „החלוץ". די קאָלעקטיוויזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט געמאַכט פאַר אוממעגלעך צו שאַפן אַזעלכע מינים קאָלעקטיוון פון ס׳נייַ. דער „דזשאָינט" וועלכער האָט טיילוויַיז פינאַנסירט די קאָלעקטיוון האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט סמידאָוויטשן וועגן דערלויבן אַרויספאָרן קיין א"י אַ געוויסע צאָל חברים פון די ליקווידירטע קאָלעקטיוון. צוויי אונדזערע חברים באַליאַסני און פּאַלאָוועץ, וועל־כע איך האָב געקענט נאָך פון „תל־חי", ווען איך האָב באַזוכט אונדזער גרופּע דאָרט אין 1925, האָבן אַזוי אַרום באַקומען (דאַכט זיך אין 1930) די מעגלעכ־קייט אַרויספאָרן קיין א"י. איך האָב זיי מיטגעגעבן גרוסן פאַרן חבר אַבראַמאָ־יטש מיט אַן אַדרעס פאַר מיר אין לענינגראַד (דאָס פּאָסטקעסטל פון אוניווער־סיטעט — דעם סטודענט ראַפּאַילאָוו). איך האָב אויף דעם אַדרעס באַקומען צוויי אָדער דריי בריוו. אין אַ יאָר אַרום האָבן זיי זיך אומגעקערט, נישט גע־קענט אויסהאַלטן די אַרבעטלאָזיקייט, נישט געזען קיין פּערספּעקטיוו אַרויסצו־פאָדערן זייערע יונגע ווייבלעך מיט פּיצלעך קינדער און אייַנאָרדענען דאָרט זייער פאַמיליע־לעבן. איך האָב זיך מער נישט געקענט באַנוצן מיט דעם אַד־רעס. אַגב, האָב איך מער קיין בריוו אויף דעם אַדרעס נישט באַקומען. אַ פּנים אַז ווער פון אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן אין א"י האָט געוווסט וועגן זייער ירידה און אונדז מער נישט געשריבן. איך האָב זיך באַגעגנט דערנאָך מיט באַליאַסני און פּאַלאָוויעץ. ערשט אויפן פּראָצעס פון פּועלי־ציון און „החלוץ" דעם 9טן אָקטאָבער 1937 און שפּעטער בעת מיר זענען געווען צוזאַמען מיט זיי אויף איין „פּערעסילקע" (טראַנזיט־טורמע), האָבן זיי פאַר מיר אויפן קול איבערגע־טראַכט און נאָכגעטראַכט וועגן זייער לייכטזיניקער ירידה.

אין זומער פון 1930טן יאָר האָב איך אויסגענוצט מיין אורלויב פון זאַוואָד „וווּלקאַן" און געפאָרן מיט רחלען און איר מוטער צו אירע קרובים אין דובראָוונע. פאַר דעם בין איך פאַרפאָרן אויף אַ טאָג קיין מאָסקווע. דאָרט האָב איך זיך געזען מיטן חבר קיווין און געהאַט מיט אים אַ לענגערן געשפּרעך. געטראָפן זיך אויך מיט צאַלעלן און מיט עטיען ביי זיי אין דער דירה.

גלייך פון דובראָוונע בין איך געפאָרן קיין כאַרקאָוו. געגעבן אַ מעלדונג אין צייטונג וועגן בייטן די דירה, געווען עטלעכע טעג ביים ח׳ לעוויטין, געזען אויך דעם ח׳ נעמיראָווסקי, אַלטע פּאַרטיי־חברים און דעם מינסקער יוגנט־חבר אַהרון ראָזען. דאָ פלעגן זיך צונויפנעמען אויף חברישע שמועסן אַ גרופּע חברים פון דער לעגאַלער צייט. „געזוכט" און „נישט געפונען", אָפּגעפאָרן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק, געהאַט שמועסן מיט די דאָנבאַסער חברים, וועלכע האָבן זיך איצט געפונען אין דניעפּראָפּעטראָווסק. זיי האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געהאַט פאַרבינדונגען מיט דאָנבאַסער פּונקטן. די חברה אין דאָנבאַס זענען געווען צעטומלט און פאַראַליזירט. זיי פלעגן זיך טרעפן, האָבן געהאַט באַגעגענישן, אָבער פּסיכאָלאָגיש זענען זיי נישט געווען צוגעגרייט צו באַגרייפן די אומלעגאַלקייט פון קאָמוניסטישע פּועלי־ציון אין אַ מדינה ווו ס׳הערשן קאָמוניסטן. איך בין געזעסן דאָרט אַ וואָך צייט און אַריינגעקנעלט מיט זיי. אָבער וואָס וועט זיין, ווען איך וועל אַוועקפאָרן? נישט געווען די געהעריקע אינטעלעקטועלע כּוחות. דער דאָנבאַסער פירער ח׳ טוראָווסקי האָט צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים געמוזט פאַרלאָזן דאָנבאַס. פון דניעפּראָפּעטראָווסק בין איך געפאָרן קיין ראָסטאָוו און פון דאָרט צום באַרימטן סאָווכאָז „גיגאַנט", געזען זיך דאָרט מיטן ח׳ הלל טוראָווסקי. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין פעסטע פּאָזיציע. ער האָט געמיינט צו לייזן די פראַגע פאַר זיך זעלבסט. באַקומען לאַנדווירטשאַפטלעכע בילדונג, ער זאָל האָבן מיט עפּעס זיך אַרויסצורייסן קיין ארץ־ישראל. איך האָב איבערגענעכטיקט ביי אים און אַוועקגעפאָרן פון אים מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט נישט לאָזן פאַרוואַרלאָזט זיינע דאָנבאַסער חברים און יונגע דערצויגלינגען — די יונגע באַראַכאָוויסטן.

איך האָב אויף מיין „אורלויב־שפּאַציר" זיך גוט אויסגעהונגערט. אין די געגנטן ווו איך בין אומגעפאָרן איז פאָרגעקומען די „ראַסקולאַטשיוואַניע", די ליקווידאַציע פון דעם בעל־גופנטום אַלס קלאַס. אויפן וועג קיין לענינגראַד זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג אין מאָסקווע, און דערציילט ווי כ׳האָב „פאַרבראַכט" מיין אורלויב.

*

דער פּראָפ. פאַראיין פון מעטאַליסטן האָט מיך געשיקט אויף די העכערע קורסן פון ביבליאָטעק־קענטעניש. נאָך פיר יאָר לערנען האָב איך באַקומען אין

1935טן יאָר די קוואַליפיקאַציע פון אַ ביבליאָגראַף פון וויסנשאַפטלעכע ביב־ליאָטעקן. איך האָב געאַרבעט אין דער צענטראַלער שטאָטישער ביבליאָטעק, ווו ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ ביבליאָגראַף. האָבן די חברים געקענט אָן באַזונ־דערע שוועריקייטן קומען צו מיר אין דער ביבליאָטעק.

צום עדשטן מײַ 1934 האָב איך אָרגאַניזירט לויט מיין איניציאַטיוו דורכן ביבליאָטעק־סעקטאָר פון לענינגראַדער שטאָטראַט צו דער שטאָטישער דעמאָנ־סטראַציע אַ באַוועגלעכע אַגיטפּלאַטפאָרמע אויף אַ לאַסטמאַשין באַפּוצט מיט לאָזונגען פון קולטור, ליטעראַטור און טעכניק, דיאַגראַמען וועגן דער צאָל לעזער און אַרויסגעגעבענער ליטעראַטור לויט אירע אָפּטיילונגען. עס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן פלוגבלעטלעך (ליסטאָווקעס) אין די צענדליקער טויזנטער מיט רעקאָמענדירטער ליטעראַטור, מיט אַדרעסן פון די גרעסטע שטאָטישע ביבליאָטעקן. מיט מיר אויף דער מאַשין זענען געפאָרן עטלעכע שרייבער פון שרייבער־פאַראיין און טוער פון טעכנישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָבן גע־מאַכט קורצע אַרויסטרעטונגען פאַר די דעמאָנסטראַנטן און איך האָב געוואָרפן די פלוגבלעטלעך. דאָס איז געווען אַ נייער אויפטו און מ׳האָט מיך געלויבט, געהויבן ביז אין די הימלען אַריין. און פּלוצעם... פּלוצעם האָט מען מיך אַרעס־טירט. די קאַמער, אַ געפּאַקטע, האָט געראַשט ווי אַ בינשטאָק אַ גאַנצן טאָג, ביי נאַכט אַ שלאָפלאָזע טויטשטילקייט. נאָך עטלעכע טעג פאַרשעניש האָט זיך אָנגעהויבן אָן אַטאַקע. צוויי אויספאָרשער האָבן מיך נישט געלאָזט רוען די נעכט געפאָדערט פון מיר ידיעות וועגן דער אומלעגאַלער ציוניסטישער טעטיקייט. די באַהאַנדלונג איז נאָך דאַן געווען מיט חסד, אַ וואָכן צוויי אין אַן איינצל־קאַמער מיט אַ לאָקריץ־זיסן אונטערגעשיקטן „מענשעוויק‟, דערנאָך אין אַ געדיכט באַזעצטער, אַלגעמיינער קאַמער, נישט צו טאָן קיין טריט און נישט אויסצוציען אַ פוס ביי נאַכט.

איך, ווי אַלע חברים זענען דורך דער פּאַרטיי נישט געווען צוגעגרייט פּסי־כיש, נישט געוווסט ווי זיך אויפצופירן ביי דער אויספאָרשונג ווערנדיק פאַר־וואַנדלט פון אַ פרייען אין אַן אַרעסטאַנט. די שווערע טורמע־באַדינגונגען און דער דרוק פון די אויספאָרשער האָט דאָך נישט געמאַכט פון מיר קיין גייסטיקן קנעכט און כ׳האָב זיך קעגנגעשטעלט דער אויספאָרשונג מיט אינסטינקטיווער אינערלעכער אַנטשלאָסנקייט אָפּצוהיטן אין ריינקייט די אידעע, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון מיין נשמה: די אויספאָרשער האָבן געפּרוווט מיך פּראָוואָצירן. מיין אויספאָרשער מאַנעסקאָ האָט מיר געמאָלדן פייערלעך: אייער חבר משה גער־טשיקאָוו האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז מיט אונדז איז נוצלאָז צו קעמפן און ער האָט אונדז אַלץ דערציילט. איך האָב געפאָדערט, אַז משה גערטשיקאָוו זאָל מיר אַליין זאָגן, וואָס ער ווייסט וועגן אומלעגאַלער אַרבעט. מאַנעסקאָ האָט צו־

געזאָגט מיך צו שטעלן מיט אים אויג אויף אויג („אָטשנאַיאַ סטאַווקאַ"). עס זענען אָוועקעגאַנגען שווערע שלאָפלאָזע נעכט און אומרויִקע טעג. די פראַ־וואָקאַציע האָט זיך נישט איינגעגעבן. מיר האָט גערטשיקאָוו שפּעטער דער־ציילט, אַז מ׳האָט אים אויך דערציילט, אַז מאַכלין־בלום האָט שוין „אַלץ דער־ציילט", אַז ער האָט אויך געוואַרט אויף אַן „אָטשנאַיאַ סטאַווקאַ" מיט מיר.

ענדלעך ביי איינער אַן אויספאָרשונג האָט מאַנעסקי אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ קאָדעקסל, אַריינגערופן נאָך איינעם אַן אויספאָרשער און מיר פאָר־געלייענט פון קאָדעקס, אַז יעדער בירגער איז מחויב מעלדן וועגן אַלע פאַר־ברעכנס, וועלכע עמעצער איז באַגאַנגען קעגן געזעץ, פאַרגעלייגט מיר אונטער־שרייבן אַ פּאַפּירל, אַז איך ווייס נישט וועגן קיין שום אַנטי־סאָוועטישער אומ־לעגאַלער טעטיקייט, אַז אויב איך וועל זיך דערוויסן וועגן אַזאַ טעטיקייט, וועל איך זיי מעלדן. זיי האָבן צונויפגעשטעלט אַן אַקט און האָבן ביידע אונטערגע־שריבן נאָך מיין אונטערשריפט. מאַנעסקי (אַן אונגאַר, אָדער אַן אונגאַרישער ייד) האָט מיר געזאָגט: — „מיר וועלן זען ווי איר וועט אויסהאַלטן דעם נסיון!"

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך באַפרייט און איך האָב צום ערשטן מאָל דערפילט דעם גרויסן תענוג צו אָטעמען מיט פרייער לופט. מ׳האָט מיך אַרויסגעלאָזט אין אָוונט און איך בין אין מיינע זומער־מלבושים געגאַנגען אין אַ קילן, פינצטערן אויגוסט־אָוונט דורכן רחבותדיקן מאַרספּלאַץ דורך דער לאַנ־גער לוסטיקער טראַיצקי־בריק אויף קראָנווערסקע פּראָספּעקט אַהיים. מיט פרייד און טרערן נישט צו באַשרייבן האָבן מיך באַגעגנט רחל און די מאַמע. רחל האָט מיר דערציילט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אויך באַ־פרייט משה גערטשיקאָוו. מיר האָבן באַשלאָסן מער מיט אים דירעקט זיך נישט טרעפן. איך בין צוריק געגאַנגען אויף אַרבעט אין דער שטאָטישער צענטראַלער ביבליאָטעק און באַקומען דעם פולן געהאַלט פאַר די צוויי חדשים. איך האָב געפונען אַ געלעגנהייט און זיך פאַרבונדן מיטן צ.ק., איבערגעבן אַ גרוס און אַז איך וויל זיך זען מיט עמעצן. עס איז געקומען פון מאָסקווע דער חבר צאַ־לעל. אין איינעם פון די לעניגראַדער פאַרקן האָבן מיר זיך געטראָפן. כ׳האָב אים דערציילט וועגן משהקעס און מיין אַרעסט, וועגן דער אונטערשריפט, וואָס איך האָב געגעבן מאַנעסקאַ. מיר האָבן אַרומגערעדט די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין לעניגראַד. ער האָט מיך געראָטן אָוועקצופאָרן פון לעניגראַד. איך האָב אים באַוויזן, אַז עס האָט נישט קיין זין צו אַנטלויפן. באַהאַלטנדיק זיך וועל איך מיר נאָר אַרויסגעבן, אַז איך האָב מורא פאַר עפּעס. ער האָט מסכים געווען מיט מיר און מיך אינפאָרמירט וועגן די אַלגעמיינע פּאַרטיי־פראַגן. מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע שעה געמיטיקט צוזאַמען, אָפּגערעדט וועגן אַ פּאַראָל, זיך האַרציק געזעגנט. איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אויף אייביק. ער

איז אומגעקומען אויף קידוש השם, פאַרמוטשעט אין די טורמעס און אין די קאָנצלאַגערן פון סטאַלינס תלינים אין סוף פון די דרייסיקער יאָר, 1938—1939.

איך האָב פאַרגעזעצט די לימודים אויף די קורסן און די אַרבעט אין ביבליאָטעק. די צייט, אַן ערך סעפּטעמבער אָדער נאָוועמבער, בין איך עולה לגדולה געוואָרן, מ׳האָט מיך באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק ביים קאָמסאָמאָלישן קלוב „סטאַראַיאַ אי מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ״ (משהקע איז געווען געזעצט: עבירה גורמת עבירה). דער קאָמסאָמאָל איז מיר, אַן אַלטן יוגנט־צעקיסט געווען נישט אין גאַנצן פרעמד, און די יונגע חברה האָבן זיך צו מיר גיך צוגעוווינט. ס׳איז געווען די צייט פון „פּיאָטר דעם ערשטן״... ווען סטאַלין איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גרויסער באַנייער און אַ רעפאָרמאַטאָר פון דער גרויסמאַכטיקער רוסלאַנד. אַלעקסיי טאָלסטאָי, אַ גראַף אַ שרייבער, אומגעקערט פון עמיגראַציע, האָט מיט זיין ווערק „פּיאָטר דער ערשטער״ אַרויסגערופן די אַסאָציאַציע מיט סטאַלינען.

אין 1934 האָט די רעגירנדיקע פּאַרטיי „באַוויזן״ איר נצחון איבערן נעפּ. דער סאָציאַלער סעקטאָר האָט פולקאָם איינגעשלונגען דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אָבער דער ווירטשאַפטלעכער עקאָנאָמישער זיג איז איינצייטיק געווען טייל־ווייז אַ גייסטיקער זיג פונעם נעפּ. ס׳זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די שפּייז־קאַרטלעך. צוזאַמען מיטן אָפּשאַפן די שפּייז־נאָרמען זענען אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן געוויסע אַלטע קאָמוניסטישע מאָראַלישע נאָרמען. אויס „קאָמבעדן״ (קאָמיטעטן פון אָרעמקייט אין דאָרף. אַלע דאַרפן זיין רייך). אין די מאַסן האָט מען געלאָזט אין גאַנג דעם „שישו ושמחו בני מעי״. אין די שטעט האָבן זיך געעפנט טאַנץ־קלאַסן, אויף די אונטערנעמונגען און אין די אַנשטאַלטן האָט מען געשאַפן קרייזלעך אויף לערנען מאָדנע טענץ. עס איז פאַרעלטערט געוואָרן דער אַסקעטיש־אידעאַליסטישער, טראָצקיסטישער קאָמסאָמאָל פון בירגערקריג און רעוואָלוציע און די רוסישע „קאָסאָוואָראָטקע״. ס׳איז געוואָרן מאָדנע דער שניפּס, די פאַרהאַסטע קליינבירגערלעכע נעפּישע „גאָורילקע״ אין וועלכער עס האָט זיך איצט געפּוצט דער נייער טאַנגאָ־טאַנצנדיקער סטאַליניסטישער קאָמסאָמאָל פון צווייטן דור, וואָס האָט זיך געלייטערט נישט אין פייער פון רעוואָלוציע, נאָר ביי די ערשטבאַנייטע פאַרשיידנפאַרביק באַלויכטענע „יאָל־קעס״... אַלס יוגנט־טוער פונעם ערשטן אידעישן דור האָב איך מיט שוועריקייטן קוים געקענט דערגיין צו די גייסטיקע באַדערפענישן פונעם נייעם דור, וואָס האָט זיך אַלץ מער אויסגעליידיקט פון קאָמוניסטישער אידעישקייט. דער דער־וואַכטער רוסישער נאַציאָנאַליזם (אַפילו שאָוויניזם) האָט געהויבן ביז אין הימל אַריין אַלעקסיי טאָלסטאָי פאַר זיין „פּיאָטר דער ערשטער״, וועמענס גילגול — האָט מען פאַרשטאַנען, ס׳איז סטאַלין, דער נייער אימפּעראַטאָר פון דער

נייער גרויסמאַכטיקער רוסלאַנד. דער „השיבנו נאַזאַד" פון רוסישן עקסטרעמען באַלשעוויסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם האָט געגעבן אַ הכשר אויך די קאָמוניסטן פון אַנדערע פעלקער. אַזאַ קער האָט מען געפּרוווט מאַכן שפּעטער אויך אין דער יידישער קולטור־טעטיקייט. די יעווסעקציע האָט איצט לייכט געקענט אויפנעמען דעם באַראַכאָוויזם, אָבער איך האָב געוווסט, אַז „מען קוקט מיר אין מויל אַריין" און איך קען כאַפּן אַן „עין הרע", און איך האָב זיך געהיט פון אַזעלכע געשפּרעכן. ס'איז מיר אָבער צופעליק אויסגעקומען צו זיצן אַרום מיין טישל אין בופעט פון קלוב מיט צוויי קאָמסאָמאָלקעס אַדעסיטקעס, וועלכע האָבן גערעדט וועגן באַבעלס יידישער טעמאַטיק און האָבן דיסקוסירט וועגן דעם, וואָס איז נאַציאָנאַלע קולטור. איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און אַרויסגע־לייגט אַ היפּשע פּאַרציע באַראַכאָוויזם וועגן דער נאַציע און איך האָב זיך דערשראָקן פאַר די צוויי צוהערערינס און כ'האָב פאַרשאַלטן מיין „לאַנגע צונג". אָבער צום סוף פון געשפּרעך האָט זיך איינע פאַרגעשטעלט אַלס די טאָכטער פון לעאָניד אוטיאָסאָוו.* מיר זענען איין מאָל געווען אויף זיינעם אַ קאָנצערט, איז זי, אויך אַן עסטראַדע־קינסטלערין, אויפגעטרעטן צוזאַמען מיט איר פאָ־טער. ער האָט זי פאַרגעשטעלט דעם עולם: „כ'האָב דעם כבוד פאַרצושטעלן מיין ווערק!!" — — —

גלייך נאָך דעם האָב איך באַקומען אַן אַרויסרוף פון די „דריי אותיות"** צו קומען אויף זייער קאָנספּיראַטיווער דירה. מיר האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. עס איז געווען אין אַ הויף ערגעץ אויף זשוקאָווסקי. אין דער דירה איז נישט געווען קיין מעבל אַ חוץ אייזערנע בעטן, טישן און בענקלעך. ס'האָט מיך באַ־געגנט דער אויספאָרשער מאַנעסקאַ. ער האָט מיך געבעטן זיצן, אָוועקגעלייגט פאַר זיך אַ בויגן פּאַפּיר, איינגעטונקט די פּען אין טינטער, אַ מורמל געטאָן מיט זיין הייזעריקלעכער שטימע: — וואָס האָט איר געבראַכט עפּעס גוטס? וואָס זאָל איך שרייבן? — גאָרנישט.

— אַזוי, איז טאָקע קיין קאָנטררעוואָלוציע נישטאָ?

— איך ווייס נישט.

— פאַר וואָס האָט איר זיך אויפגעהערט טרעפן מיט משה גערטשיקאָוו און די איבעריקע חברים? פון זיי וואָלט איר זיך עפּעס דערוווּסט. ער האָט מיך אין

*לעאָניד אוטיאָסאָוו — אַ באַרימטער עסטראַדע־אַרטיסט, אַן אַדעסער ייד. אין לענינגראַד איז שטאַרק פּאָפּולער געווען אוטיאָסאָווס דזשאַז. אין יאָרן אַרום האָבן אין לענינגראַד צירקולירט קלאַנגען, אַז לעאָניד אוטיאָסאָוו האָט געמאַכט פּרוּוון צו אַנט־לויפן קיין ארץ־ישראל.

** ג.פּ.או., מ.וו.ד., ק.ג.ב.

משך פון אַ האַלבער שעה געלערנט ווי אַזוי צו דערוווערבן צוטרוי ביי די חברים און „צוריק אַריין אין קורס". דערמיט האָט זיך געענדיקט דער ערשטער וויזיט.

אַז איך בין געקומען אַהיים האָבן די מאַמע און רחל זיך מיט מיר דער־פרייט. מיר איז אָבער געווען אָנגעזאָלצן אויף דער נשמה. זיי ווילן מיך מאַכן פאַר אַן אינפאָרמאַטאָר — דאָס וועט נישט זיין! מיר האָבן באַשלאָסן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. מיר האָבן איבערגעגעבן משה גערטשיקאָוו אַ וואָרענונג נישט צו מאַכן מיט רחלען קיין „צופעליקע" באַגעגענישן. רחל האָט שוין איצט אויך נישט געטראָפן זיך מיט גערשענזאָנען. מ'האָט אים אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט אין געגנטלעכן פּראָפסאָוועט. ער איז איצט געווען אַ רעפערענט ביי טשודנאָוון, דעם פאָרזיצער פון לענינגראַדער אָבלאיספּאָלקאָם און פלעגט קומען צו אונדז בלויז צום סדר. רחלען האָט מען שוין אויך „באַפרייט" פון אָבל־פּראָפסאָוועט און זי האָט געאַרבעט אַלס ביודזשעט־עקאָנאָמיסט אין אינסטיטוט צו פּראָיעקטירן מינעראַלע אויסגראָבונגען.

*

דעם 31טן דעצעמבער האָט מען דאָס ערשטע ניי יאָר 1935 אין ראַטנפאַר־באַנד באַגעגנט פייערלעך און יום־טובדיק. יאָלקעס האָבן פילפאַרביק געשיינט אין די הייזער, אויף די שטאָטישע פלעצער און אין די קלובן, קולטור־פּאַלאַצן, רעסטאָראַנען, רוישיקע בעלער. ביי רייכגעדעקטע טישן מיט פולע כוסות וויין האָט מען אין דער גאַסטפּאַרכטיקער שטילקייט געהערט די מאָסקווער קוראַנטן שלאָגן צוועלף. נאָך דעם האָט מען מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם ווי פון באַרג סיני אויפגענומען די הייליקע ווערטער פון סטאַלינען. ס'איז אָבער געווען אַ צווייטע רוסלאַנד איינגעהילט אין שוואַרצן טרויער נאָך קיראָווס מאָרד. דאָס צווייטע רוסלאַנד — די קרבנות פונעם מאַסן־טעראָר. דאָס זענען געווען די גע־פּאַקטע תפיסות און לאַגערן, וווּ די אַרעסטירטע האָבן אויפן נייעם יאָר גאָרנישט געהאַפט, גאָרנישט געוואַרט...

דעם גאַנצן חודש יאַנואַר האָב איך זיך געפלאָנטערט אין די אָקטן ביים איבערגעבן די ביבליאָטעק און ענדלעך מיט אַ ביכער־דעפיציט געלאָזט די קאָמ־סאָמאָלישע ביבליאָטעק, נישט געמאָנט דעם נישט־באַקומענעם אַרבעטס־לוין און כ'בין אַוועק אין דער מלוכהשער עפנטלעכער ביבליאָטעק א.נ. סאַלטיקאָוו־שטשע־דרין צום שטילן טיש פון דער יודאַיקאַ־אָפּטיילונג. פון מיין פענצטער האָט מען געזען די סטאַטוע פון יעקאַטערינע דער גרויסער וועלכע איז געשטאַנען מיט דער זייט צו קולטור (ביבליאָטעק), מיט דער פּלייצע צו קונסט (אַלעקסאַנדרעווסקער טעאַטער) און מיטן פּאָרנט צו זנות (ניעווסקי פּראָספּעקט). צי שטייען אַזוי אַלע מאַכטהאָבער אין אַלע צייטן?

דאָס ווינקל מיטן טיש אין דער אָפּטיילונג פון יודאַיקאַ האָב איך שוין גע־קענט פון פריער. איך האָב אָנטיילגענומען אין אַ ביבליאָגראַפישן קרייז, וואָס האָט עקזיסטירט אין די יאָרן 1932—1935 אין וועלכן עס זענען געווען בראַמסאָן, אַ ברודער פון געוועזענעם דומאַ־דעפּוטאַט, באַריסאָוו (אַ רוס), אַ טוער פון דער ווירטשאַפט־אַקאַדעמיע און אַנדערע.

איצט האָט מען מיר געגעבן די אָפּטיילונג פון יידישער ליטעראַטור און פון יידישער שפּראַך. ספּעקטאָר, אַ צווייטער מיטאַרבעטער, האָט געהאַט די העברעישע ליטעראַטור. פולנער — אַנדערע שפּראַכן. אַרבעט איז געווען בלויז פינף שעה און אַלע האָבן מיטגעאַרבעט נאָך אין אַנדערע ערטער. אין גיכן האָב איך גע־ענדיקט די העכערע קורסן פון ביבליאָטעק־קענטעניש און געקענט הנאה האָבן פון דעם, וואָס איך טו נישט קיין עבודה־זרה, נאָר עבודת הקודש פון דער יידי־שער ליטעראַטור. איז אָבער דער יצר־הרע גרויס, האָב איך אָנגענומען די איינ־לאַדונג און דריי שעה אין טאָג געאַרבעט אַלס קאָנסולטאַנט אין ביבליאָטעק ביים קולטור־פּאַלאַץ פון דער קוסטאַר־קאָאָפּעראַציע. דאָס איז געווען אַ רייכע אָר־גאַניזאַציע. זי האָט איינגעאָרדנט גאַסטראָלן פון די בעסטע מאָסקווער טעאַטערס. איך מיט רחלען האָבן דאָרט געקענט פריי באַזוכן די קינאָ־סעאַנסן און קונסט־פאָרשטעלונגען.

און פּלוצעם, ווידער אַ מאָל — מאַנעסקא, אַן אַרויסרוף פון די דריי אותיות אין זייער קאָנספּיראַטיווער דירה, דאָס מאָל זענען זיי געווען אין צווייען. זיי האָבן מיר גענומען „באַמבאַרדירן" פאַר וואָס איך טו גאָרנישט פאַר דער רע־וואָלוציע און איך סאַבאָטיר דעם קאַמף מיט דער קאָנטררעוואָלוציע, אַז זיי וועלן מיך קאָמפּראָמיטירן פאַר די מאָסקווער חברים. זיי וועלן שוין געפינען מיטלען דאָס צו טאָן. ווי אַזוי איך קען אויסמיידן אומאַנגענעמלעכקייטן אויב איך וועל אָנשרייבן וועגן עפּעס אַנטיסאָוועטישע עלעמענטן וועגן וועלכע איך ווייס געוויס. איך האָב זיי געזאָגט קאַטעגאָריש, אַז איך ווייס גאָרנישט און אַז מיין פאַנטאַזיע איז נישט אַזאַ רייכע אויף אויסצוטראַכטן. ביי אַ שעה צייט האָבן זיי מיט גוטן און מיט בייזן געפּרוווט מיך צו באַווירקן. איך בין אָבער באַשטאַנען אויף מיי־נעם. זיי האָבן דאַן צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אַז לויט מיינע רייד ווייס איך נישט וועגן קיין שום אַנטיסאָוועטישער טעטיקייט און איך בין גרייט צו טראָגן פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויב ס'וועט באַשטעטיקט ווערן, אַז איך האָב געוווסט און נישט דערציילט. זיי האָבן באַזונדער אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל און מיר גע־הייסן אונטערשרייבן, אַז זיי באַפרייען מיך פון מיין אונטערשריפט און איך האָב זיך געזעגנט מיט זיי נישט „אויף ווידערצוזען".

איך האָב געמיינט אַז איך בין שוין פּטור פון זיי. אָבער, אין עטלעכע וואָכן אַרום באַקום איך אַן אַרויסרוף איך זאָל קומען מיט מיין פּאַספּאָרט ערגעץ אין

אַ זשאַקעט אויף גאַראַכאָווע. בן־ציון רחלס ברודער איז דעמאָלט געווען אין דער היים, איז ער מיט מיר געגאַנגען, כדי צו וויסן וואָס וועט מיט מיר געשען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די שרעק איז געווען אַן „אומזיסטע״. אין אַ צימער פונעם „זשאַקעט״ האָט אונדז אויפגענומען איינער אַ דיקער פּאַרשוין און אונדז אָנגעוויזן אויף די שטולן, געבעטן זיך זעצן און איך האָב דערזען אויפן פינגער פון זיין האַנט אַ רינג. איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז ער זעט עפּעס נישט אויס פון „זייערע״ מענטשן, ער האָט געבעטן מיין פּאַספּאָרט, אַרויסגעשלעפּט פון אַ שווערן געפּאַקטן פּאָרטפעל עפּעס פּאַפּירן — יאָ, עס שטימט. אַלץ שטימט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אונדז. ער איז ווייזט אויס אַן אַדוואָקאַט פון דער היפּאָטעקן־באַנק. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיינער אַ פעטער אָדער עלטער־פעטער אין אַמעריקע האָט געלאָזט נאָך זיך אַ רייכע ירושה אין באַטרעף פון אַ היפּשער סומע דאָלאַרן. ער האָט געבעטן אויסרעכענען מיינע פעטערס אָדער עלטער־פעטערס וועלכע איך ווייס. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז מיין „מיידלשער״ אמתער נאָמען איז „בלום״. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און מיר געזאָגט איך זאָל נישט קיין מורא האָבן, איך זאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון דער ירושה, ווייל איך בין דער איין און איינציקער יורש און די ראַטנמאַכט איז פאַראינטערעסירט די דאָלאַרן זאָלן אָנקומען צו אַ סאָוועטישן בירגער. בן־־ציון האָט באַשטעטיקט, אַז איך בין בלום, נישט מאַכלין און דער אַדוואָקאַט האָט באַדויערט, וואָס מיר נוצן נישט אויס אַזאַ „געלעגנהייט״. ער וואָלט אַלץ איינגעאָרדנט, אַז אַ קאָמאַר וואָלט מיטן נאָז נישט געשליפן... מיר זענען אַוועק און געטראַכט צי איז עס נישט געווען קיין „פּאַסטקע״ מיך פאַרפּלאָנטערן אין אַ „שפּיאָנען־נעץ״, וועלכע די נ.ק.וו.ד. פלעגט פאַבריצירן.

ס׳איז ווידער אַוועק אַ שטיקל „רויִקע״ צייט. די קאָניונקטור איז געווען אַ גינסטיקע פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן געדאַנק. קיינער האָט שוין איצט נישט געזען קיין סתירה צווישן דער אידעע פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג און קאָמוניזם. צווישן די יעווסעקישע יידן האָט מען געמיינט, אַז מען מעג שוין אַרויסווייזן אַ ביסל מער יידישקייט. ס׳איז אויף דער סצענע אַרויף „בר כוכבא״, „שולמית״, אין מאָסקווער בובנאָוו־אינסטיטוט האָט מען אויפן יידישן פּעדאַגאָגישן פאַקולטעט איינגעפירט העברעיִשע לימודים אונטער דער אָנפירונג פון אַלכסנדר כאַשין. אַפילו קאַגאַנאָוויטש, „סטאַלינס ייד״ האָט פאַרנדיק אויפן ווייטן מזרח זיך דערמאָנט אין בירא־בידזשאַן און ס׳האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך „געפילטע פיש״ און אַ „שבתדיקן קוגל״. געקומען אַהין האָט ער געטראָפן אַ „שטשי״ וכדומה נאָך רוסישע מאכלים, געפונען גרייזן אויף די שילדן פון די אַנשטאַלטן, אויסגעמוסרט דאָרט די יעווסעקישע יידן, וואָס פאַרשטייען נישט די וויכטיקע באַדייטונג פון די יידישע מאכלים און יידישע שילדן פאַר דער צוקונפט פון יידישן

לאַנד. מען האָט אויף גיך מאָביליזירט אַלטע יידישע ווייבער־באַלעבאָסטעס, מ׳האָט אָרגאַניזירט קרייזן פאַר דער יידישער קיך און געגרייט זיך צו אַ יידי־שער שפּראַך־קאָנפערענץ. איך האָב אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צונויפגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפיע פון יידיש לויט דער יידיש־סאָוועטישער פּרעסע, וואָס איז אָפּ־געדרוקט געוואָרן אין ביולעטין פון דער יידישער אָפּטיילונג. איז דען אַ וווּנדער, וואָס דאָס וואַכנדיקע אויג האָט שטרענג נאָכגעקוקט עס זאָלן זיך נישט צורירן אָהער די ציוניסטן?

מיט אַ מאָל, אומדערוואַרט קומט פון מאָסקווע גלייך צו מיר אין ביבליאָטעק דער חבר ראַשאַל. דעם באַשטימטן פּאַראָל האָט ער נישט געוווּסט. איך בין גע־ווען אין פאַרלעגנהייט, דאָך האָב איך אים איינגעלאַדן אויף מיטיק. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע אַרבעט וועגן דער יידישער פּראָגע, געשריבן אויף אַ מאַשינקע און ער האָט מיר דערקלערט אַז דאָס איז אַן אַרבעט פאַרן זשור־נאַל „זשיזן נאַציאָנאַלנאָסטיי". מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ פּראָיעקט־פּראָגראַם פאַר אונדזער יידישער טעטיקייט. ראַשאַל האָט פאַר אונדז פאַרגע־לייענט, געגעבן אונדז דעם דאָקומענט און מיר האָבן געגעבן אונדזערע באַמער־קונגען. ראַשאַל האָט פאַרצייכנט אונדזערע באַמערקונגען אויף די ראַנדן. איך האָב אים נישט פונאַנדערגעפרעגט וועגן דער אַרבעט אין מאָסקווע אַליין, האָט ער מיר גאָרנישט דערציילט און אין דעם זעלביקן טאָג האָט ער זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. מיר מיט רחלען האָבן איבערגעטראַכט צי ס׳איז אפשר נישט גע־ווען לייכטזיניק אַן אַ פּאַראָל אויפצונעמען ראַשאַלן. איך האָב אָבער געקענט ראַ־שאַלן און געגלייבט זיין ערלעכקייט. בעבע ראַשאַל איז געווען פון פּאָטשערץ, געשטאַמט פון פאַרמעגלעכע עלטערן. צו אַכצן יאָר אָרגאַניזירט אַ ציוניסטישן אי־דעיִשן קרייז „להב". פון דעם להב איז ער געקומען צו יוגנט־פּועלי־ציון. פּרטים וועגן ראַשאַלן האָט דערציילט דער פאַרשטאָרבענער חבר יואל בוקאָוויצקי, אַ געוועזענער אַקטיווער פּועלי־ציוניסט (איצט אין ישראל), פאַרנומען אַן אַנגעזעע־נעם אָרט אין דער יוגנט־באַוועגונג. געווען אַ צייט אַ פּראָפעסיאָנאַל פון דער יוגנט און פון דער פּאַרטיי. דאָך... האָבן די אויספאָרשער שפּעטער אין לעניִנ־גראַד מיך און רחלען פונאַנדערגעפרעגט וועגן ראַשאַלס פּלאַטפאָרם, וועגן וועל־כער ס׳איז אויך אַריינגעשריבן אין פּסק דין. פון דעם האָבן מיר געקענט מאַכן דעם אויספיר, אַז ס׳איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע, אָבער די פּלאַטפאָרם אַליין האָבן זיי נישט געהאַט, נאָר עפּעס אַ מאַטעריאַל, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן „פּלאַטפאָרם", דאָס הייסט, אַז ראַשאַל האָט זי צו דער צייט אויפגערוימט. אין די זעכציקער יאָרן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ראַשאַל האָט זיך בעת דער אויספאָרשונג געהאַלטן העלדיש, איבערגעטראָגן עינויים קשים, און איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך סטאַלינס תליונים. דאָס האָט אונדז דערציילט דער ח׳ פּאָלקאָוויטש.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערב 1טן מײַ 1937 האָט מען אין סמאָלני אַרעסטירט גערשענזאָנען בײַ דער אַרבעט אין איספּאָלקאָם. אים האָט זיך אײַנגעגעבן איבערצוגעבן דורכן טעלעפאָן צו זיך אַהיים, אַז ער זיצט און שרײַבט (ווו און וואָס ?) און ווען ער וועט קומען אַהיים ווייסט ער נישט. ער האָט זיך אַהיים מער נישט אומגעקערט.

איך האָב דעם 1טן מײַ ווי אַלע נאָך מאַרשירט, דאָס מאָל אונטער דער פאָן פון פובליטשנע ביבליאָטעק. כ׳האָב אין זיך אײַנגעזאַפּט דאָס לעצטע מאָל די פרייע לופט פון לענינגראַדער פּרעכטיקער רחבות, וואָס לאָזט זיך נישט צוימען אין מאַרמאָר, גראַניט, אײַזן און בעטאָן.

מיר האָבן מיט רחלען באַגלייט אונדזער יוגנט — פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך געעפנט אַ פינצטערער תהום...

(דאָס ווייטערדיקע האָט מיר געשריבן מיכל גבריאל אָסטראָווסקי, אָנטייל־נעמער אין דער אומלעגאַלער טעטיקייט אין מאָסקווע. געווען מזכיר כללי של עובדי המדינה, געשטאָרבן אין תל־אָביב דעם 4טן מײַ 1977).

„מאָסקווע 1928. די סאָוועטנמאַכט פאַרווערט די עקזיסטענץ פון החלוץ און אַ פּאָר חדשים שפּעטער אויך די עקזיסטענץ פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי. די גזירות האָבן שטאַרק געטראָפן ביידע מחנות”.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן גרופּן חלוצים פאַר אומלעגאַלער אַרבעט הן אין החלוץ, הן אין דער פּאַרטיי פועלי־ציון. בראש פון דער טעטיקייט פון די פועלי־ציון איז געשטאַנען איינער פון די אַקטיוויסטן אין החלוץ, דער חבר עוזאי.

די אַרבעט האָט זיך אויסגעדריקט בעיקר אין ענגע קרייזן — אָפּגעזונדערטע איינע פון די אַנדערע — אויף וועלכע מ׳פלעגט באַטראַכטן אַלגעמיינע און ספּעציעל יידישע פּראָבלעמען פון זייער לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד און ארץ־ישראל־פּראָבלעמען. אויף וויפל מ׳האָט באַקומען אינפאָרמאַציע דורך אומבאַוווּסטע פאַר אונדז קוועלן.

בראש פון אונדזער קרייז איז געשטאַנען דער חבר בצלאל פינקלשטיין. אַ הויכער און פעסטגעבויטער, אַ וואַרעמער חבר, אויסערגעוויינלעך איבערצייגטער אין זײַן וועלטאָנשויונג — האָט ער אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די חברים פון קרייז. זײַן פּרנסה האָט ער געצויגן פון זײַן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ רעגירונגס־קיאָסק, אין וועלכן ער איז געווען באַשעפטיקט ביז 1 אַ זייגער בײַ נאַכט. ערשט נאָך דעם פלעגן מיר זיך באַגעגענען אין פאַרשידענע פלעצער: אין אַ פּאַרק, ביים טייך „מאָסקווע” אָדער בײַ אים אין דער וווינונג — אַ

קליין און ענגער צימער. דאָרט האָבן מיר זיך אויך באַקאַנט מיט זיין ליבער פרוי, די חברטע עטי.

אויסער די קרייזן־באַגעגענישן, פלעגן מיר פון צייט צו צייט אויך באַ־שטימט ווערן אויפטרעטן עפנטלעך אויף פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגן פאָר־קומען אין יידישן קלוב „קאָמוניסט״.

אַזוי איז איין מאָל אויפגעטראָטן בצלאל אין דיסקוסיע מיט אַ יעווסעקישן רעפערענט און גערופן צו דערלויבן די יידישע מאַסן עמיגרירן ווייל זיי האָבן אָנגעוווירן יעדן באָדן פאַר פיזישער און מאָראַלישער עקזיסטענץ. מ׳האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן און פאַרשריגן אַלס אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער. אַן אויפגערעגטן און צעקאָכטן האָבן מיר אים קוים אַרויסגעראַטעוועט פון די אַרומיקע און פאָליציילייט, וועלכע האָבן אים אָנגעהויבן אַרומרינגלען בכדי צו פאַרהאַלטן.

איין מאָל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַז ס׳וועט רעפערירן זיאַמע אַסטראָוו־סקי (אַ געוועזענער פועלי־ציוניסט) אויף דער טעמע „ראַטנבוי אין דער יידי־שער סביבה״. בצלאל האָט פאָרגעשלאָגן אַז איך זאָל אים אָפּענירן. דאָס איז געווען פונקט נאָך מיין אומקערן זיך פון אורלויב. די אורלויבצייט האָב איך אויסגענוצט אין באַזוכן חברים אין וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניעס. דאָרט האָב איך זיך אָנגעזען און אָנגעהערט פון דער שרעקלעכער לאַגע אין וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען די יידישע מאַסן אין די שטעט און שטעטלעך: אָן באַשעפ־טיקונג, אָן פרנסה, אָן אַן אויסזיכט פאַר וועלכער ס׳איז פאַרבעסערונג. אין שלוס פון זיאַמעס רעפעראַט האָב איך גענומען אַ וואָרט און דערציילט די פאַרזאַמלטע די איינדרוקן פון מיינע באַזוכן און גערופן נישט באַגרענעצן זיך מיט פּראָדוק־טיוויזאַציע פון די יינגערע, נאָר אויך דערלויבן די יידן צו עמיגרירן. פאַר־שטייט זיך, אַז איך האָב געהאַט דעם זעלבן סוף: מ׳האָט מיך נישט געלאָזט פאַרענדיקן. אַ גרופּע חברים מיט בצלאלן בראש האָבן מיך אַרויסגעראַטעוועט פון די הענט פון דער מיליציע. בצלאל האָט געבראַכט אַ באַפעל, אַז איך מוז פאַרלאָזן מאָסקווע, כדי נישט אַרעסטירט ווערן. באַזאָרגט מיך מיט אַ בריוו צו חברים אין אָדעס האָט ער מיך פערזענלעך באַגלייט ביז מיין אָפּפאָר.

נאָך פיל באַמיִונגען האָב איך באַקומען אַ סערטיפיקאַט. ווי שטאַרק האָט ער מיך מקנא געווען וואָס איך האָב באַקומען די מעגלעכקייטן רעאַליזירן אונד־זער ווונטש און אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. „בכלל בין איך נישט מקנא, אָבער דאָ בין איך בפירוש שטאַרק מקנא״, האָט ער געזאָגט ביי אַ קליינעם געזעגע־נונגס־אָוונט וואָס די חברים האָבן מיר איינגעאָרדנט.

ביילאַגע

מיר ברענגען דאָ אויסצוגן פון בריוו, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם מצב פון די פאַרבאָטענע פּועלי־ציון און די באַציִונגען מיט ארץ־ישראל און מיט דער וועלטבאַוועגונג אין דער ערשטער צייט נאָכן פאַרבאָט.

די בריוו זענען געשריבן פון ז. אַברמוביץ' צו באָרו.

תל־אביב, 12/5 1929

טייערע חברים!

1) מיט פיר טעג צוריק איז אָנגעקומען אַ שיף פון רוסלאַנד, מיט וועלכן עס זענען אָנגעקומען עטלעכע פון די אַרויסגעשיקטע. שניאורסון האָט געזען איינעם פון זיי און יענער האָט אים איבערגעגעבן גאַנץ אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע. איך האָב אַליין זיך מיט זיי ליידער נישט געטראָפן.

די אינפאָרמאַציע איז פאָלגנדע: פאַר דער לעצטער צייט, אַ דאַנק דער פאַרשטאַרקונג פון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, פאַרשטאַרקט זיך פון איין זייט די נאַציאָנאַליסטישע און אַפילו קלעריקאַלע שטימונג צווישן די ידישע מאַסן, פון דער אַנדערער זייט, קומט צו די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע און דער דורכפאַל פון בירא־בידזשאַן.

אַ דאַנק דעם אַלעם איז די יעווסעקציע לעצטנס שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, זי פאַרלירט יעדע השפעה. זי האַלט נאָך איין אַ באַשטימטע קראַפט בלויז אין די גרויסע צענטרען (דער עיקר טאַקע אין מאָסקווע), ווו עס איז קאָנצענטרירט די יידישע יוגנט, וואָס לערנט זיך אין די הויכשולן אָדער פאַרנעמט סאָוועטישע פּאָסטנס. דאָס איז איצט כמעט דער איינציקער יסוד, אויף וועלכן ס'שטיצט זיך די יעווסעקציע.

די געשיכטע מיט בירא־בידזשאַן האָט אָבער אונטערגעגראָבן דעם דאָזיקן פונדאַמענט. צוליב דער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן האָט מען דאָך דער עיקר מאָבילי־זירט די יעווסעקישע יוגנט פון די לעראַנשטאַלטן. ס'זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן פון זיי עטלעכע הונדערט מאַן אַלס פּיאָנערן. דערביי האָט מען ספּעציעל אָפּגעקליבן אויף ווייפל מעגלעך די בעסטע, די אַקטיווסטע און די באַוווסטזיניקסטע. צום סוף איז דער ענין דורכגעפאַלן. אין בירא־בידזשאַן זענען היינט צו טאָג געבליבן פון אַלע אַוועקגעשיקטע סך הכל 150 מאַן. פון די איבעריקע איז דער גרעסטער טייל געקומען צוריק, און — אַנטוישטע — גייען זיי מער נישט אין דער יעווסעקציע. אַ סך האָבן זיך באַ־

זעצט אין די שטעט פון ווייטן מזרח — אין טשיטאַ, וולאַדיוואָסטאָק א״אַנד. און פאַר־נעמען זיך דאָרט מיט עסקים, וואָס זענען זייער ווייט פון לאַנדווירטשאַפט. אַ געוויסע צאָל האָט זיך גאָר אַריבערגעפעקלט אין כינע. דערווייל האָט די יעווסעקציע פאַרלאָרן אַ פּאָר הונדערט פון אירע אַקטיווסטע יוגנט־חברים.

פּאַראַלעל צו דער אָפּשוואַכונג פון דער יעווסעקציע, דערציילט דער זעלבער חלוץ — גייט די פאַרשטאַרקונג פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. ער אַליין איז נישט אונדזערער אַ חבר, ער האָט זיך אָבער אין מאָסקווע געדרייט אַ ביסל אין אונדזערע קרייזן. לכתחילה, זאָגט ער, ביים איבערגאַנג צו דער אומלעגאַלער לאַגע האָט די צאָל חברים געמוזט זיך באַדייטנד פאַרקלענערן, ווייל מ׳האָט געמוזט זייער שטאַרק היטן. איצט וואַקסט די צאָל מיטגלידער אין דער פּאַרטיי. אין מאָסקווע זענען דאָ עטלעכע אומ־לעגאַלע קרייזן, ס׳זענען דאָ פּאַרטייִשע אומלעגאַלע קרייזן אויך אין דער פּראָווינץ. זיי וואַקסן שטאַרק פאַר דער לעצטער צייט. ער דערציילט אויך, אַז אונדזער פּאַרטיי האָט זיך לעצטנס געעומען צו אָרגאַניזירן דעם ליגקן „החלוץ״. לויט זיינע ווערטער אויך, האַלט אונטער אונדזער פּאַרטיי זייער אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער קאָמוניסטי־שער אָפּאָזיציע (ער האָט נישט געזאָגט, מיט וועלכער. נאָר אויב ס׳איז ריכטיק — מוז דאָס זיין מסתמא די טראָצקיסטישע ?),

2) איינער פון אונדזערע חברים אין חדרה האָט באַקומען אַ בריוו פון זיינעם אַ פריינד פון וויטעבסק. יענער שרייבט, אַז לעצטנס האָבן זיך כלומרשט פאַרשטאַרקט רדיפות אויף פּועלי־ציון, און אַז קיווין איז כלומרשט אַרעסטירט. צי האָט איר וועלכע נישט איז באַשטעטיקונג פון אַזאַ ידיעה ?

3) איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון ווייסבורדן. ער שרייבט נאָר וועגן איין פראַגע — און דאָס איז, הלמאי מיר האָבן נישט אויסגעמיטן די שפּאַלטונג. צום סוף, שרייבט ער, אַז ער און בלום וואָלטן געוואָלט קומען אין א״י. ער בעט איינאָרדענען די וויזעס. היות ווי זיי זענען אַלט 28 און 32 יאָר, איז לויטן עלטער קענען זיי באַקו־מען סערטיפיקאַטן. איך בין געווען אין מרכז עליה און האָב איבערגעגעבן זייערע נעמען און אַדרעסן. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז באַלד ווי ס׳וועלן זיין די סערטיפי־קאַטן, און אויב מען וועט פון זיי געבן אַ טייל אויף פאַר רוסלאַנד, וועלן אויך ווייס־בורד און בלום אַריינגיין אין דער רשימה. „אויב״, באַטייט פאָלגנדעס: ביי דער פאַרטיילונג פון די 600 סערטיפיקאַטן, וואָס מען האָט נאָך אין סעפּטעמבער באַקומען פאַר דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָר, האָט מען אויסגעטיילט פאַר רוסלאַנד 80 סערטי־פיקאַטן (אויסער די וויזעס פאַר די אַרויסגעשיקטע, וואָס דאָס געהערט צום אַנדערן חשבון). פון די דאָזיקע 80 סערטיפיקאַטן איז אָבער ביז איצט כמעט קיינער נישט געקומען, און די סערטיפיקאַטן פאַרלירן שוין זייער קראַפט. די סיבה פון נישט קו־מען איז דאָס, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אין פאַרבינדונג מיט די וואַלוטע־שוועריקייטן אין גאַנצן אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן אויסלענדישע פּעסער. זיי האָבן

אַפילו געפּרוּווט אין געוויסע פאַלן צו שיקן פון דאַנען צוזאַמען מיט דעם סערטיפי־קאַט אויך די שיפסקאַרטע, אָבער אויך אין אַזוינע פאַלן איז געבליבן אוממעגלעך צו באַקומען דעם פּאַספּאָרט.

דערפאַר איז דאָ אַ ספק צי מען וועט איבערהויפּט אַרויסגעבן איצט סערטיפיקאַטן פאַר רוסלאַנד. יעדנפאַלס, אויב זיי וועלן באַקומען די אויסלענדישע פּעסער, דאַן וועלן זיי (אַזוי האָט מען מיר יעדנפאַלס צוגעזאָגט) קריגן אויך די וויזעס. איך האָב זיי וועגן דעם געשריבן.

בריוו פון ז. אַבראַמאָוויטש צו נ. באַרו

23 מײַ 1929.

אייערנעכטן איז אָנגעקומען דער ה׳ פּ. פון רוסלאַנד. דערווייל גייט ער „אינפאָרמירן זיך" אי צו אונדז אי צו וועסערן. די שטעלונג פון דער רוסישער פּאַרטיי איז אייך בערך באַקאַנט פון דעם בריוו, וואָס איר האָט באַקומען. פּ., וועלכער האָט געהאָט פאַרן אַוועקפאָרן אַ ספּעציעלן שמועס און אינסטרואירט געוואָרן פון דעם צ.ק. גיט די שטעלונג איבער אויף אַ פאָלגנדן אופן: די רוסישע פּאַרטיי איז נישט אינפאָרמירט אין דער גאַנצער זאַך. פון אייך האָט זי געהאַט בלויז עטלעכע פּאָסטקאַרטן, וועלכע זענען אָבער געשריבן אַזוי, אַז זיי גיבן נישט קיין שום פאַרשטעלונג וועגן דער גאַנ־צער געשיכטע. זייער צוטרוי צו אונדז בלייבט נישט געמינערט, זיי קענען אָבער בשום אופן נישט פאַרשטיין ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיך אַנטשליסן אויף אַזאַ שריט ווי צו שפּאַלטן די פּאַרטיי. אייער שטעלונג איז זיי איבערהויפּט נישט קלאָר. עפּעס קומט אויס, אַז איר זייט נאָך נישט פולשטענדיק מיט אונדז, אָבער אין דער זעלבער צייט שטיצט איר אונדז און זייט צעקריגט מיט די פּוילישע. גענוי איז אייער שטעלונג פאַר זיי נישט קלאָר. זיי גלויבן, אַז מיר זענען גערעכט אין תוך, אָבער דאָך האָט מען אויך נישט געטאָרט שפּאַלטן. פאָרמעל איז די פּאַרטיי — וועשער־ניר.

פּ. האָט מיר איין מאָל אַפילו געזאָגט, אַז אייגנטלעך לויט די אינסטרוקציעס קומט אויס, אַז קומענדיק אַהערצו וואָלט ער געדאַרפט אויסשליסלעך אויס ריין פאָרמעלע טעמים, גיין זיך רעגיסטרירן ביי וועשערן, און ערשט דערנאָך אָנהויבן צו „קעמפן" פאַר דער אָנערקענונג פון אונדזערע פאָדערונגען. יעדנפאַלס איז זיין ערשטע אויפ־גאַבע — צו אינפאָרמירן זיך גענוי און אויספירלעך, צו באַקענען זיך מיט די דאָקו־מענטשן א.אַז״וו. און דערנאָך אויספירלעך אינפאָרמירן דעם רוסישן צ.ק. אַלזאָ, דערווייל קלייבט ער אינפאָרמאַציעס. דערווייל האָב איך שוין געהערט, אַז אין אַ געשפּרעך מיט אַ פּאָר חברה האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז „די רוסישע פּאַרטיי געטרויט דעם ח׳ אַבראַמאָוויטש, זי איז אָבער מיט וועשער־ניר". איך האָב, זעלבסטפאַרשטענדלעך, גע־מאַכט אים וועגן דעם אַ באַמערקונג. ער האָט געזאָגט, אַז אויף וויפל ער געדענקט,

האָט ער אַזוי נישט גערעדט און אויב יעדנפאַלס ער האָט עפּעס געזאָגט פאַרן עולם, וואָס האָט געקאָנט אַזוי אויסגעטייטשט ווערן — דאַן אַנערקענט ער, אַז ס׳איז געווען אַ נאַרישקייט און ער באַדויערט דאָס. ער וועט זיך היטן אויף ווייטער און זיין פאַר־זיכטיק ביי געשפּרעכן.

זיין אינפאָרמאַציע פון רוסלאַנד איז פאָלגנדע: די צוויי פּאַרטרעטער פון „מאַלאַט", וואָס זענען אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן אין לענינגראַד, זענען שוין לאַנג באַפרייט גע־וואָרן און דער גאַנצער ענין „מאַלאַט" איז שוין, ווייזט זיך אַרויס, אַראָפּ פון סדר. אויסער אים, איז דאָ נאָך איין פאַרשיקטער, וואָס איז לעצטנס פאַרשיקט געוואָרן אין סווערדלאָווסק (סיביריען). קיווע איז נישט אַרעסטירט געוואָרן; דער קלאַנג איז אַ פאַלשער. וואָס איז נוגע צו די חברים קיווע — איז ער די גאַנצע צייט געווען קראַנק און ערשט איצט הייבט ער אָן אַרויסצוגיין. זעליק איז אויף אַ שטעלע, מאַכט אַרבעט ווי פריער אין ראַבפאַק. אויך די איבעריקע חברים אַרבעטן מערסטנטייל. זיי זענען כמעט אַלע געבליבן אין דער פּאַרטיי, ווער אַקטיווער און ווער ווייניקער. גערשנ־זאָן, אייזנשטאַט און אַנדערע זענען אויך געבליבן אין דער פּאַרטיי, זיי זענען אָבער מער פּאַסיוו. די עיקרדיקע אַרבעט ווערט אָנגעפירט — די פּאָליטישע דורך זעליק און שלמה, די אָרגאַניזאַציאָנעלע — דורך זיטאָ און פאַלק. די אַרבעט אַנטוויקלט זיך זייער גוט. ער שטרייכט אונטער, אַז דער באַשטאַנד פון דער פּאַרטיי איז איצט כמעט אַ ריינער אַרבעטער־באַשטאַנד. אינטעליגענץ איז דאָ זייער ווייניק, דערפאַר אָבער גרופּירן זיך אין דער פּאַרטיי און אַרום דער פּאַרטיי אַלץ מער אַרבעטער. די סימפּאַ־טיעס צו אונדז וואַקסן. אַ ראָלע אין דעם שפּילט דער וווקס פון אַנטיסעמיטיזם אין דער דורכפאַל פון ביראָ־בידזשאַן. דער אַנטיסעמיטיזם בלייבט זייער ברייט פאַרשפּרייט ווי פריער, אָבער דערביי דריקט ער זיך אויס אין אַלץ שאַרפערע און מער אָפענע פאָרמען. וואָס איז נוגע צו ביראָ־בידזשאַן, איז נאָך אַלע מאָביליזאַציעס און די אָפּ־געקליבענע עלעמענטן פון דער יעווסעקישער יוגנט זענען צום סוף געבליבן אין ביראָ־בידזשאַן אַפילו נישט קיין 200 נפשות, און אויך פון די באַשעפטיקטע זייער אַ גרויסער טייל מיט אַזאַ „הויך פּראָדוקטיוויזירטער" אַרבעט ווי קאָנטראַבאַנדע־האַנדל מיט האָבער מיט מאַנדזשוריע. דאָס ברענגט איבערהויפּט צו דער פאַרשטאַרקונג פון די נאַציאָנאַלע און אויך פון די רעליגיעזע שטימונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אייגנטלעך וואָלט מען געדאַרפט דערוואַרטן אַז פון דעם וועלן דער עיקר געניסן די בורזשואַזע ציוניסטן און די צ.ס.־ניקעס. לויט פּ־ס׳ ווערטער, באַמערקט זיך אָבער, פאַרקערט, די נטיה פון צ.ס. און לינקן החלוץ צו אונדז. ס׳איז דאָ אַ באַשטימטער צושטראָם, און נישט קיין קליינע צאָל נייע חברים — באַזונדערס פון דעם געוועזענעם החלוץ — וואָס זענען אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי שוין אין דעם אומלעגאַלן פּעריאָד. וואָס איז נוגע צו דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע, האָט איר דאָך זיכער אַ פיל בעסערע און גענויערע אינפאָרמאַציע ווי די, וואָס האָט אונדז געבראַכט פּ.

ער האָט אונדז אויך דערציילט, אַז מיר האָבן איצט אַ גוטע אָרגאַניזאַציע אין מינסק. אַז אין מאָסקווע זענען ביי אונדז אָרגאַניזירט אין די קרייזן 40 אַרבעטער. אין אָדעס איז דאָקעגן דאָ בלויז אַ גרופּע פון אַ 7—8 מאַן. ס'זענען דאָ אָרגאַניזאַציעס אין דאָנבאַס.

אַגב, פּערזענלעך האָט פּ. געמאַכט נישט קיין גאָר גלענצנדן איינדרוק. דאָס אַליין וואָס דער מענטש דערציילט, אַז ער איז „אַ מיטגליד פון רוסישן צ.ק." שילדערט אים שוין אין אַ ביסל אַ קאָמישן ליכט. דערצו, דיפּלאָמאַטעוועט ער שוין צו פיל, און — ווי איר זעט פון דעם אויבן דערמאָנטן, נישט שטענדיק געלונגען. ער האָט מיר אַפילו דערקלערט, אַז ער איז אין גאַנצן מסכים מיט אונדז, נאָר איידער זיך אַנצושליסן דאַרף ער וואַרטן אויף דעם ענטפער פון רוסישן צ.ק. (ווידער טאַקע — „וועמענס מיטגליד ער איז") אויף זיין אינפאָרמאַציע־בריוו.

איך בין זייער צופרידן, וואָס לובאַוו יאַסיפאָוונאַ איז אָוועקגעפאָרן אַהיים. דאָס איז באמת זייער וויכטיק. איך רעכן, אַז איר האָט זי גענוג אינסטרוקטירט און גענוג באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע מאַטעריאַלן, כדי זי זאָל קענען פון איר זייט געניי און אויספירלעך אינפאָרמירן קיווען מיט זעליקן.

פאַרגעסן צוצוגעבן איין זאַך: פּ. גיט איבער, אַז פון אונדזערע אַדרעסן טויג נישט קודם כל דער אַדרעס פון שיינין, ווייל שיינין איז שוין נישט מיט אונדז. פון דער אַנדערער זייט, אויך אויף דעם אייגענעם אַדרעס פון זעליקן און פון קיוועון קריגט מען בדרך כלל גאָרנישט נישט.

מיט גרעסטן גרוס, ז. אַבראַמאָוויטש

תל־אביב, 16/6 1929

2) אייער בריוו צו פישערן האָב איך נישט געדאַרפט אויסנוצן, ווייל פישער איז שוין פאַר דעם אָפיציעל אַריינגעטרעטן צו אונדז. פונקט פאַרקערט, ס'איז נאָך אויסגע־קומען זייער געלונגען. די אינסטרוקציעס, וואָס ער האָט באַקומען (צו גיין צו וועשערן) זענען אייך באַקאַנט. אין מיין בריוו פון 23סטן מיי האָב איך אייך שוין אויספירלעך געשריבן וועגן זיין האַלטונג במשך די ערשטע טעג. קורץ געזאָגט — ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט אונדז. אָבער נישט געקוקט אויף מיין עצה, האָט ער דאָך אין די טרעפונגען מיט וועשער־ניר דאָך זיי געמאָלדן, אַז דער רוסישער צ.ק., כאָטש ער איז נאָך נישט גענוג אינפאָרמירט און האָט נאָך נישט דעם ענדגילטיקן באַשלוס, אָבער דערווייל, אויס ריין פאָרמעלע טעמים, אַנערקענט ער זיי אַלס פאַרטיי. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן דאָס באַלד צעקלאַפּט צווישן אַלע זייערע חברים איבערן גאַנצן לאַנד. נאַטירלעך, האָבן זיי דערביי אינפאָרמירט נישט פונקט אין דעם טאָן ווי פישער האָט אָפּגעגעבן זיין מעלדונג, נאָר פיל אייַנפאַכער און שאַרפער: עס

איז אָנגעקומען אַ חבר פון רוסלאַנד, ער האָט מיט זיך געבראַכט דעם באַשלוס פון דער רוסישער פּאַרטיי, אַז נאָר זיי, די וועשער־גרופּע, ווערן אָנערקענט פון דער רוסישער פּאַרטיי אַלס איינציקע פּועלי־ציון פּאַרטיי דאָ אין לאַנד; און אַז בהסכם מיט דעם באַשלוס איז דער ח׳ פּ. שוב געקומען טאַקע צו זיי און האָט ביי זיי זיך רעגיסטרירט אַלס חבר.

קלאָר, אַז עס האָט ביי זיי געמאַכט אַ באַשטימטן איינדרוק און די חברה האָט זיך מיט דעם שטאַרק געקוויקט. ביי אונדז האָט דאָס קיין גאָר גרויסן איינדרוק נישט געמאַכט, אָבער דאָך אַרויסגערופן אַ באַשטימטע פאַרוווּנדערונג. דער איינדרוק איז געווען אָפּגעשוואַכט דורך צוויי מאָמענטן: ערשטנס ווייסן אונדזערע חברים בכלל, אַז די אינפאָרמאַציע פונעם וועשעראָווסקן צ.ק. זענען בדרך כלל בלאָפעריש. פון דער אַנדערער זייט, האָב איך, פּאַרויסזעענדיק אַזאַ מעגלעכקייט, שוין פריער פּאַרזיכטיק געגרייט די חברים צו דעם, אַז ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן אַזאַ שטעלונג פון דער רוסישער פּאַרטיי. פון אונדזער זייט האָבן מיר, נאָך פּ־רס אָנקומען, גאַנץ איינגעהאַלטן אינפאָרמירט די חברים, אַז, לויט ווי ער גיט איבער, איז די רוסישע פּאַרטיי נישט אינפאָרמירט פון דער לאַגע, האָט נאָך איבערהויפּט נישט קיין ענדגילטיקן באַשלוס, און דער צ.ק. האָט געבעטן פּ־רן קודם־כל קלייבן אינפאָרמאַציע און אָנשרייבן זיי. ווי איר זעט, עס איז געווען פולשטענדיק אמת, אָבער נישט דער גאַנצער אמת.

די וועשעראָווצעס האָבן געפּרוווט צו קוועטשן אונדזערע חברים מיט דער ידיעה פון פּ־רס אַריינטריט צו זיי, אונדזערע האָבן געטענהט, אַז דערווייל האָבן זיי פון זייער צ.ק. נישט אַזאַ אינפאָרמאַציע. עס גייען אָבער אַדורך נישט קיין פולע צוויי וואָכן, און דער בחור איז שוין אָפיציעל ביי אונדז, קומט אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען, פאָרט פון אונדז מיט באַריכטן אין אַ פּאָר אונדזערע פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס, איר פאַרשטייט דאָך, אַז נישט דאָס איז דאָ וויכטיק, אַז נאָך איין חבר איז צו אונדז אַריינגעטראָטן, נאָר דאָס, וואָס ערשטנס, בלייבט שוין ביי אַלעמען די פראַגע, ווי זשע האַלט עס פאָרט מיט דער רוסישער פּאַרטיי; און דער עיקר, נאָך אַלע דערקלערונגען בלייבט ביי די מאַסאָווע חברים פון דער וועשער־גרופּע דער איינדרוק, אַז דער צ.ק., זייער אייגענער צ.ק., האָט זיי געבלאָפט אויף אַ גאַנץ אומפאַרשעמטן אופן. און דאָס איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי פאַלן אַזוי אַריין. ווען איך בין געקומען, און איך האָב זיי דערקלערט, אַז פאַר מיר איז די פראַגע נאָך נישט קלאָר, כאָטש ריין פאָרמעל וואָלט דאָס באַדייט אַז זיי זענען די אָפיציעלע פּאַרטיי, האָבן זיי פון זייער זייט תיכף אויף מאָרגן אָנגעהויבן צו קלאַפּן, אַז איך האָב זיך רעגיסטרירט ביי זיי אין דער פּאַרטיי, דערקלערט, אַז איך וואַרף זיך אונטער דער דיסציפּלין פון זייער צ.ק. א.אַז״וו און ווען צום סוף האָט זיך די זאַך במשך פון אַ קורצער צייט אויסגעדרייט אַנדערש, איז נישט נאָר די עצם זאַך פאַר זיי געווען אומאָנגענעם, נאָר דערצו האָט זיך אויך געשטעלט ביי אַ סך חברים די פראַגע, אַז מיר קענען זיך

נישט פאַרלאָזן אויף דער אינפאָרמאַציע פון זייער צ.ק. דערנאָך איז געקומען די מעשה וואלן. דער צ.ק. האָט אזוי פיל געקלאַפּט וועגן דער נישטיקער גרופּע אויסגעשלאָסענע, אַז די חברים האָבן שוין באמת אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז מיר קענען מיט זיי גאָר אין קיין פאַרגלייך נישט קומען. קומען די וואלן און באַשטעטיקן, אַז מיר זענען גאָר שטאַרקער פאַר זיי. ווידער אַ ביטערע אַנטוישונג. איצט קומט מעשה פּ״ר און ביי אַ סך זייערע חברים שאַפט זיך אַ פולשטענדיקער אומצוטרוי צום צ.ק., דערפאַר זאָג איך, אַז די גאַנצע מעשה האָט זיך אויסגעדרייט דווקא זייער גינסטיק פאַר אונדז.

תל־אביב, 18/10 1929

7) ווי איר זעט פון דעם באַריכט פון דער קאָנפערענץ, האָבן מיר אויסגעשלאָסן פישערן פון דער פאַרטיי. צו דעם בחור האָבן מיר געהאַט טענות שוין לאַנג, אָבער דאָך געליטן ביז צו אַ באַשטימטער גרענעץ. די ערשטע זאַך, ער האָט זיך דערקלערט אַלס אַ „באַפולמעכטיקטער פון דער רוסישער פאַרטיי" און... אַ מיטגליד פון אַ רוסישן צ.ק. שפּעטער איז ער מפרש געווען, אַז ער מיינט דעם יוגנט־צ.ק. (אין דעם יוגנט־צ.ק. איז ער טאַקע אַ מאָל געווען). מיר האָבן אים אויסגעלאַכט און געראָטן נישט צו בלאָפן. דאָס האָט אים נישט געשטערט, אַז דערנאָך זאָל ער אויך קומען מיט אַ טענה, אַז אַלס מיטגליד פון רוסישן צ.ק. מוז ער קאָאָפּטירט ווערן אין אונדזער צ.ק. מיר האָבן אים, נאַטירלעך, געגעבן די עצה אַרויסצורוקן זיך מיט זיין אַקטיוויטעט אין דער פאַרטיי אַזוי, אַז די חברים זאָלן אים אויסקלייבן אויף דער נעכסטער קאָנפערענץ. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן טענות, אַז דער צ.ק. פירט אַ קאַמף קעגן אים, פישערן, כדי אים צו איזאָלירן פון דער פאַרטיי. דערווייל האָט ער געגעבן צוויי בעלעטריסטישע דערציילונגען אין דער היגער ליבעראַלער צייטונג „הארץ". ער האָט וועגן דעם פריער דערציילט די חברים פון צ.ק., ער האָט אָבער נישט דערציילט, אַז די „בעלעטריסטישע דערציילונגען" וועלן זיך פאַרנעמען ספּעציעל מיט דער באַשרייבונג פון די „קרבנות" פון ג.פּ.או." לויט אונדזער פאָדערונג האָט ער אָפּגעשטעלט יעטוועדע ווייטערע מיטאַרבעטערשאַפט אין „הארץ", אָבער מיט אַ קורצער צייט שפּעטער ווידער געגעבן אַ דערציילונג אין דעם היגן ליטעראַרישן זשורנאַל „כתובים". און די צרה איז, אַז דער כאַראַקטער פון דער דערציילונג אין דעם היגן ליטעראַרישן זשורנאַל איז ווידער געווען אַזאַ ווי אין די פריערדיקע דערציילונגען. לויט אונדזער פאָדערונג, האָט ער איבערהויפּט אָפּגעשטעלט דאַן זיינע „ליטעראַרישע עקספּערימענטן". אָבער דערווייל האָבן מיר געהאַט צוליב דעם געגנוג אויסצושטיין סיי אין דער פאַרטיי אַליין, סיי אויך אין דרויסן. דערנאָך איז ער אַרויסגעטראָטן, אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרשטייענדער פאַרטיי־קאָנפערענץ, מיט דעם פּלאַן פון אַ גאַנצער „רע־

וויזיע פון דעם פּראָגראַם״. דער ערשטער פּונקט, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט, איז געווען: מען דאַרף גיין אין ציוניסטישן קאָנגרעס. דערווייל זענען אָנגעקומען די געשעענישן, און דאַן האָט ער אַרויסגערוקט ווידער נייע מאָמענטן: די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין א״י איז אָביעקטיוו נישט נאָר קעגן די הערשנדע קלאַסן, נאָר אויך קעגן די אַראַבישע אַרבעטער. דערפאַר מוז מען מוותר זיין אויף דער ייִדישער עליה ביז נאָך דער פּאַרווירקלעכונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. ביז צו דעם מאָמענט דאַרפן מיר אויפגעבן אַלע „ספּעציפישע״ אויפגאַבן און דורך דעם געווינען אויף אונדזער זייט די אַראַבישע אַרבעטער א.אז.וו. האָבן מיר אים דערקלערט, אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט קען אַפילו נישט דיסקוטירט ווערן אין דער פּאַרטיי, ווייל ער איז אַנטי פּועלי־ציוניסטיש, האָט ער אונדז געגעבן אַ וואָרט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון אַזוינע אויספירן, און נאָך דעם איז ער ווידער אַרויסגעטראָטן אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען מיט די זעלבע שטעלונגען. קלאָר, אַז מיר האָבן אים אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי.

8) דערווייל איז אָנגעקומען נאָך אַ חברטע פון רוסלאַנד. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָב איך אייך שוין וועגן דעם געשריבן, אויך זי איז געקומען מיט דער אינסטרוקציע, אַז די „אָפיציעלע פּאַרטיי״ זענען וועשער־ניר, אָבער איבעריקנס דאַרף די אַליין אויפן אָרט זיך באַקאַנען מיט דער לאַגע און באַשליסן צו וועמען זיך אָנצושליסן. זי האָט געוואָרט אַ פּאָר וואָכן, און איצט איז זי אַריינגעטראָטן אין אונדזער פּאַרטיי. מיר האָפן, אַז מיט איר וועלן מיר מער נחת האָבן, ווי מיט פישערן. אַגב, האָט זי געבראַכט מיט זיך אַ ידיעה פון רוסישן צ.ק. אַז פישער איז בכלל נישט שטאַרק פאַרלעסלעך, און אַז ער האָט זיך לעצטנס זייער נישט שיין אויפגעפירט אין רוסלאַנד גופא.

מיט חבר גרוס. אַבראַמאָוויטש

תל־אביב, 17/2 1930

ליבער חבר יורין!!

דערהאַלטן די אינפאָרמאַציע פון ערעמען, וואָס איר גיט איבער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צו איר דאַרף מען זיך באַציען פאָרזיכטיק. איך בין פולשטענדיק זיכער, אַז זיי קריגן בריוו פון רוסלאַנד, זיכער אָבער אויך אין דעם, אַז די דאָזיקע בריוו זענען פּונקט אַזוי זעלטן, קורץ און כמעט אָן אינהאַלט, ווי די צעטעלעך, וואָס מיר קריגן פון צייט צו צייט. וועגן קיווינען האָבן מיר אויך אַזאַ אינפאָרמאַציע: ביי אונדז שטאַמט זי פון חלוצים, וואָס קומען אָן פון רוסלאַנד. איינער פון זיי האָט דערציילט, אַז קיווין כאילו האָט שוין באַקומען דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד. איך האָב אַליין נישט געזען דעם בחור, וועלכער האָט דאָס דערציילט, און דערפאַר קען איך נישט איבערגעבן קיין שום ווייטערע דעטאַלן.

נחום פישער (אַ מינסקער) איז געוואָרן אויסגעקליבן אין צ.ק. פון יוגנט פּועלי־ציון אויף דער דריטער אַלפאַרבאַנדישער קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אין 1926. ער איז אַריינגעטראָטן אין דער מינסקער יוגנט־פּועלי־ציון אָנהייב 1925. נאָך אין זעלבן יאָר האָט מען אים אַרעסטירט. ווי ער האָט מיר דערציילט אויף אַ „זעעכץ", וואָס מ'האָט מיר דערלויבט אין דער מאָסקווער ליפאָרטאָווער טורמע, האָט מען אים אַרעסטירט איבער דער פּראָוואָקאַציע פון ליימע ראָזענהויז, וועלכער האָט אים, אַן אוונט פאַר דעם, געגעבן לייענען „סאָציאַליסטיטשעסקי וועסטניק" וועלכן מען האָט געפונען ביי אים. ער איז דערנאָך באַפרייט געוואָרן און געפונען זיך אין באַרדיטשעוו אַלס פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַל. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אין יוגנט־צ.ק. אונטער די אויגן ווייל ער האָט נישט געטאָרט קומען אין מאָסקווע. אין 1929 איז ער אַלס אַן „אַרויסגעשיקטער" געקומען קיין ארץ־ישראל.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז ער געווען נישט קיין אַרויסגעשיקטער, נאָר אַן אונטערגעשיקטער.

ער איז דערנאָך געקומען קיין מינסק און געמאַכט אַרויסטרעטונגען און געשאָלטן פּעך און שוועבל אויף פּועלי־ציון און אויף ארץ־ישראל.

קיין באַזונדער פאַרבינדונג מיטן רוסישן צ.ק. האָט ער נישט געהאַט. די „ביי־אינסטרוקציעס אויף וועלכע פישער האָט אָנגעוויזן האָט ער געדאַרפט קריגן פון אַ מאָסקווער אַגענט אין ארץ־ישראל.

*

די געקומענע חברטע — דאָס איז געווען סימע רייכלין. אַן אַקטיווע טוערקע פון דער פּאַרטיי. איר מאַן ישעיה רייכלין איז געווען אַ טוער אין „החלוץ". זי האָט געוווינט אין מאָסקווע אין אַ צימער וואָס ס'האָט איר אויסגעטיילט די פּאַרטיי אין פּאַרטיי־לאָקאַל. זי איז געווען אַ קרענקלעכע. זי איז געשטאָרבן אין די זיבעציקער יאָרן אין חיפה.

*

וועגן דער באַשטימונג צו קאָמאַנדירן מיך אין אויסלאַנד (קיין בעלגיען) האָט מיר געזאָגט חבר בארו אויף אַ באַגעגעניש מיט אים שוין נאָכן פאַרבאָט פון דער פּאַרטיי.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט בארו אויג אויף אויג אין צענטראַסאָיוז אין מאָסקווע. דערוויל דאַרף איך נישט זיצן ליידיק און וואַרטן, „מען דאַרף אַרבעטן". דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער פון חבר בארו. מער האָב איך אים שוין נישט געזען.

*

וועגן די פאַרבינדונגען פון די פּועלי־ציון מיט דער אָפּאָזיציע האָב איך נישט געהאַט קיין אָנונג. ס'איז קיין מאָל נישט געגאַנגען קיין רייד וועגן דעם, נישט פאַרן און נישט נאָכן פאַרבאָט.

4. דער פּראָצעס פון „פּועלי־ציון" און „החלוץ" אין לענינגראַד

אַן אַלט־נייע געשיכטע

„אוי, איר קייטן, קייטן מיינע,
וועכטער אייזן, וועכטער שטאָל, —
נישט צערייסן וועט אייך קיינער,
קיינער נישט און נישט קיין מאָל..."

(א. מ. גאָרקי „אויפן דנאָ")

...לאַנגע יאָרן אין תּפיסות פאַרשפּאַרטע, געטריבענע אויף וועגן און אומ־וועגן צווישן די סאָפּקעס פון קאָלימאַ און זומפּן פון קאַרעליע און אַרכאַנגעלסק. דאָס איז נישט קיין משל ווי ביים אַלטן איוב. דאָס זענען פיזישע און גייסטיקע יסורים, שווערע נסיונות פון אַ גאַנצן איוב־דור.

אַ גראָבער, אָנגעפּאַשעטער נפש, דער באַפולמעכטיקטער פון מ.ג.ב. אין באַלשאַיאַ מורשא (קראַסנאָיאַרסקער געגנט). זאָגט ער האָט אונדז (מיר מיט מיין פרוי רחל) געזאָגט: „איר מיינט, אַז איר וועט זיך ווען עס איז פון אונדז באַפרייען ? ביזן סוף פון אייער לעבן וועט איר פילן אויף זיך אונדזער האַנט".

דאָס איז געווען שוין נאָך די אָפּגעקומענע צען יאָר תּפיסות אין קאַטאָרגע־לאַגערן, דאָס איז געווען אין אָפּגעגעבן לאַגער פון פאַרשיקטע אין סיביר. מ'האָט אונדז געמוטשעט מיט דער אויספאָרשונג וועגן אַברהם רובאַשאָוו* פון לענינגראַ־דער פּועלי־ציון.

אויף צו להכעיס זלאָבינס בייזע נבואות, לעבט אַן אויפגעריכטער איוב אויף די פרייע ברעגן פונעם יידישן ים און עס לעבט מיט מיט אים נאָך אַלץ אין זכרון יענער דור. עס טוען נאָך וויי די אָרויסגעריסענע לעבעדיקע שטיקער פון די פריי־צייטיק אומגעקומענע, די געהרגעטע געדאַנקען און שיינע יוגנט־טרוימען. זיי

---

* אַברהם רובאַשאָוו, דער ברודער פון שז"ר, אַ דאָקטער. ער איז עולה געווען קיין ישראל און דאָ געשטאָרבן.

באַגלייטן אונדז די טעג, זיי קומען צו אונדז אין קאָשמאַרן פון די נעכט. זיי פאָדערן. זיי מאָנען.

פיל האָט שוין די צייט אויסעמעקט פון זכרון. שילדערן דאָס דורכגעלעבטע, זיך דערמאָנען, דורכלעבן נאָך אַ מאָל פסיכיש דאָס, וואָס מ׳האָט אַ מאָל דורכ־געלעבט פ י ז י ש — נאָך אַ מאָל פּייַן! אָבער אויפשרייבן הייסט אַראָפּנעמען פונעם האַרצן דעם שטיין און אויפשטעלן פון אים אַ זכר לדורות.

כ׳האָב נישט געהאַט כוח אויף צו באַזינגען אין לידער דעם עבר און וועגן אים צו דערציילן לעגענדעס. פאַרן נייעם דור איז די אַלטעווירקלעכקייט אויך אַ לעגענדע. פאַר אונדז איז דאָס „„אַן אַלטע געשיכטע, וועלכע בלייבט אימער ניי״ (היינע).

*

דעם 5טן דעצעמבער 1936 האָט סטאַלין באַגליקט דאָס פאָלק מיט אַ קאָנ־סטיטוציע, וואָס מ׳האָט אָנגערופן די סאַמע דעמאָקראַטישסטע אין דער וועלט. דעם 12טן דעצעמבער 1937 זענען לויט דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע פאָרגע־קומען „פרייע״ וואַלן צום „ווערכאָוני סאָוועט״ (סאָוועטישער פּאַרלאַמענט). סטאַלין האָט פאַר אויסלענדישע זשורנאַליסטן „פאַרגעזאָגט״ אַ העפטיקן וואַל־קאַמף. בעריאַ האָט דאָס „באַשטעטיקט״.

אין יאָר 1937 איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמפּאַניע פון זעלבסט־קריטיק. דאָס איז געווען אַ נעץ אויף צו כאַפּן אומצופרידענע פון אויבן ביז אַראָפּ. אויף די פאַבריקן, אין די אַנשטאַלטן, אין די פּראָפּאַראַיינען און אין די פּאַרטיי־אָרגאַני־זאַציעס האָט מען געגעבן די „קעפּלעך״ (די אָנפירונג). די תפיסות זענען געוואָרן אָנגעפּילט מיט „פירער״ און „פּאַרפּירטע״ (דער דירעקטאָר, זיין מאַשיניסטקע און זיין „אובאָרשטשיצע״ (אויפראַמערין), דער ערשטער סעקרעטאַר מיט זיינע „אַפּאַראַטשיקעס״. אין די תפיסות זענען אַריינגעפאַלן סתם פּלאַפּלער („באָל־טוני״), אַהער צו זענען אַריין פיל פּראָסטע גאַסנקערער, וואָס מ׳האָט גענומען „זאַ יאַזיק״. דאָס זענען געווען אויך קרבנות פון דער „זעלבסט־קריטיק״.

באַזונדערס שאַרף האָט זיך געפירט דער דאָזיקער „וואַל־קאַמף״ אין לעניג־גראַד, ווו ס׳איז שטאַרק געווען די השפעה פון זינאָוויעווס און טראָצקיס אָנהענ־גער. פאַר איין יאָר צייט האָט מען עטלעכע מאָל געביטן די אָנפירונג, בתוכם אויך די, וואָס מ׳האָט אָנגערופן „המהדרין מן המהדרין״ (די בעסטע פון בעסטע).

אין דעם דאָזיקן סטאַלינישן „קאָנסטיטוציאָנעלן״ יאָר האָט לעאָן פויכטוואַנ־גער באַזוכט רוסלאַנד און אָנגעשריבן אַ לויבווערק סטאַלינען, „מאָסקווע — 1937״.

שוואַרצע ראָבן אין ווייסע נעכט

אין לענינגראַד איז דעמאָלט געווען די שענסטע צייט פון יאָר. ס׳זענען גע־גאַנגען די באַרימטע און אַזוי פיל באַזונגענע ווייסע נעכט. אין אַזאַ נאַכט קען די רוישיקע שטאָט נישט אַנטשלאָפן ווערן. זי וויגט זיך איין אין אַ לייכטן דרימל און חלומט אונטער בלוילעך־זילבערנע הימלען.

די ביירטע ניעוואַ — אַ שטראָמיקער שפּיגל איינגעדרעמלט אין ראָזלעכן גראַניט און אויף אים זיצן און שפּיגלען זיך אין דער ניעוואַ פאַרליבטע יונג און אַלט.

אויף די שמאָלע און ברייטע וואַסער־אַרבל פון דער ניעוואַ, אויף אַלע טייכ־לעך, וואָס פליסן אין איר אַריין, וויגן זיך איינזאַמע שיפלעך. די ווייטע אינדזלען־פּאַרקן אַרום לענינגראַד לעבן אין אַזעלכע נעכט מיט שטומע און יונגע סודות.

נישט איין לענינגראַדער האַרץ האָט אויפגעציטערט ווען דעם שטילן חלום פון אַ ווייסער נאַכט האָט איבערגעריסן דאָס בייזע קראַקעריי פון דער „שוואַר־צער ראָב״.

אין יענע ווייסע נעכט פון 1937 האָבן זיך איבער לענינגראַדער גאַסן גע־טראָגן מיט ווילדן אימפּעט שוואַרצע טורמע־קאַרעטעס.

אין איינער פון די דאָזיקע כישוף־נעכט, דעם 13טן מײַ, איז צו אונדז אויף קראַנווערקסקע געקומען „דער״, אויף וועלכן מיר האָבן מיט שרעק געוואַרט. נאָך אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג (אָביסק), ווען אַלץ אין שטוב איז געווען צע־וואָרפן און איבערגעדרייט, האָב איך אונטערן ביקס אַ באַוואַכטער, זיך געזעגנט מיט רחלען און מיט אונדזער גוטער מאַמען, אַ לעצטן קוק געטאָן אויף אונדזער צימער און אַוועק אין אַ באַוווּסטער אומבאַוווּסטקייט.

אַ „שוואַרצע ראָב״ האָט מיך איינגעשלונגען צוזאַמען מיט דער ווייסער נאַכט און מיך אויסגעשפּיגן אויף דער „שפּאַלערקע״.

די „שפּאַלערקע״ און אירע איינוווינער

די טורמע אויף שפּאַלערנע גאַס האָט נאָך דאָס אַלטע פּעטערבורג גוט געקענט. דאָס איז געווען אַ „פּרעדוואַרילקאַ״ (פאַרפאַרשונג־טורמע). אַהערצו האָט מען געבראַכט פּאָליטישע אַרעסטירטע און געהאַלטן זיי אויף דער אויס־פאָרשונג ביזן געריכט.

דאָ זענען געזעסן אַ סך אַלטע רעוואָלוציאָנערן, אויך לענין. די שפּאַלערנע גאַס האָט מען משנה שם געווען אויף קאַליאַיעוו־גאַס. אָבער די אַלטע שפּאַלערקע האָט נישט אַנטשפּראָכן די פאָדערונגען פון דער נייער סאָוועטישער צייט.

די סאָוועטישע אַרעסטאַנטן זענען טאַקע געזעסן אין די אַלטע צאַרישע קאַ־מערן, אָבער פאַרן אַפּאַראַט, פאַר די פאַרש־אָרגאַנען, האָט מען אויסגעבויט אַ נייעם בנין.

צו דער אַלטער טורמע האָט מען צוגעבויט אַ נייעם אַכט־שטאָקיקן בנין מיט אַ שווערן מאַסיוון יסוד פון רויטן גראַניט. מ׳האָט עס גערופן דאָס גרויסע הויז". „כשמו כן תהלתו". ס׳האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון אַלע הייזער אַרום. מ׳האָט עס אָנגעקוקט מיט שרעק פון אַ סך גאַסן אין וויבאָרגער און פעטראָגראַד־דער ראַיאָן לענג אויס דער רחבותדיקער ניעוואַ. ס׳איז געווען העכער לויט זיין געבוי און גרעסער לויט זיין באַטייט פון סמאָלני.

פון דער נייער אין דער אַלטער טורמע האָבן געפירט לאַנגע אונטערערדישע טונעלן, אַזוי אַז דער, וואָס איז אַריינגעפאַלן צום ערשטן מאָל אַהין, האָט דערזען פאַר זיך דעם שאול התחתיה.

אין וואַרט־צימער האָב איך זיך געטראָפן (אַ פּנים לויט אַ מיספּאַרשטייעניש) מיטן חבר ירחמיאל אַפּינאָווסקי. מיר האָבן געהאַט געציילטע מינוטן אויף אַ קורצן שמועס. אָפּגערעדט: „מיר קענען זיך נאָך פון אַמאָל, פון דער אַלטער צייט אין דער יונגער „יוגנט". מ׳האָט אונדז באַלד „געכאַפּט" און „פונאַנדערגעפירט". איך בין אויף אַ שעה־צוויי איינגעמויערט געווען אין אַ טיפן וואַנט־שפּאַלט, ווו מ׳האָט נישט געקענט נישט זיצן און נישט שטיין, דערנאָך האָט מען מיך אויס־געטאָן, צוגענומען אַלץ מיט וואָס אַ מענטש קען אונטערהאַלטן זיין אָנשטענדי־קייט; דעם רימען פון די הויזן, די בענדלעך פון די שיך וכדומה. אונטערהאַלטנ־דיק די הויזן האָב איך קוים געשלעפּט די פיס מיט די שיך, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַראָפּפאַלן פון די פיס. אַזוי האָט מען מיך אַריינגעשטופּט אין היילקן אָרט, וואָס איז קיין מאָל נישט פּוסט. אין קאַמער איז געווען ענג און ס׳האָט געשמעקט מיט פוילער טורמע־לופט, מיט שלעכטן טאַבאַק און מיט בית הכסא.

אַ פרייש געקומענער פון דער „פריי" האָט מען מיר געמאַכט אַן אַרסטאָנ־טישן קבלת־פּנים.

— ברוך הבא! איינער נאָכן אַנדערן האָט מען זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט: „אַ שפּיאָן", „אַ טעראָריסט", „אַ טראָצקיסט", „אַ שעדיקער", „אַ דיווערסאַנט", „אַן עסערישער באַנדיט", „אַ מענשעוויסטישער קאָנטראַ", „אַ רעכטער", „אַ לינקער", „אַ רעכטער אויסגעלינקטער", „אַ לינקער אָפּנייגער", „אַ צעשנאַקישער באַנדיט", אַ קאַדעטישער „נאַציאָנאַליסט", אַ צוגעשמירטער („פּרימאַזאָני"), אַן אויסגעשמירטער, איבערגעשמירטער, אַלע וואָס דאַרפן שמירה.

געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן נאָך נישט געוווּסט ווער זיי זענען, נעבעך, נאָך נישט געהאַט קיין טיטל, געוואַרט ווי איך, דער „סלעדאָוואַטעל", זאָל זיי אַרויסרופן און אָנהענגען אויף זיי אַ שילדל. דערווייל זיך אָפּגעזונדערט און זיך געהאַלטן פון ווייטנס פון דער דאָזיקער „פּובליקע" און זיך געטראַכט יעדער „פאַר זיך": ווי קום איך, אַזאַ סאָוועטישע „צאַצע", צו אַזאַ מין „ערב־רב".

5. אין דער „נעץ"

די „פּועלי־ציון" זענען נישט געווען גרייט, נישט אָרגאַניזאַציאָנעל־טעכניש און נישט פּסיכאָלאָגיש־מאָראַליש צו מעגלעכקייטן פון אומלעגאַלער טעטיקייט און טורמעס. די חברים האָבן נישט געהאַט קיין שום אָנווייזונגען ווי מען זאָל זיך פירן ביי אַן אויספאָרשונג („סלעדסטוויע"). יעדער איז געבליבן אייגער אַליין, קעגן אַ גוט־אויסגעאַרבעטער סיסטעם פון פאַנגען און פאַרפּלאָנטערן אין די נעצן.

די גאַנצע סאָוועטישע אויספאָרשונג („סלעדסטוויע"), הגם זי האָט געהאַט ענלעכעס מיט דער צאַרישער, איז דאָך געווען „עפּעס" אָריגינעל. אַ סאָוועטישע טורמע פאַר אַ סאָוועטישן פּאָליטישן אַרעסטאַנט איז געווען אַזאַ מין אויסטערלישע אומגעלומפּערטע „נייעס", וואָס קיינער פון די אַלטע קאָמוניסטן האָט נישט געזען ביים צאַריזם און מ'האָט וועגן דעם „נייעם" נישט געקענט אין ערגעץ לייענען.

די סאָוועטישע טורמע איז ווירקלעך געווען אַ מאָדנע „באַשעפעניש". ביים צאַריזם זענען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָן אונטערשייד פון ריכטונג, געווען צווישן זיך אייניק קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא, דעם צאַריזם. אין טורמע איז די טורמע־אַדמיניסטראַציע געווען אידענטיש מיטן צאַריזם. קיין שום אידעיִשע געמיינזאַמקייט האָבן די אַרעסטירטע סאָוועטישע בירגער צווישן זיך נישט געהאַט. די ראַטנמאַכט האָט ביי קיינעם נישט אויסגעזען קיין שונא. אַלנפאַלס, מען האָט דאָס נישט אַרויסגעוויזן.

דער „סלעדאָוואַטעל" (אויספאָרשער) האָט אומפאַרשעמט עקספּלואַטירט די סאָוועטישע געפילן פון די בירגער, כדי זיי צו פאַרוואַנדלען אין אַנטיסאָוועטישע פאַרברעכער. אומפאַרשעמט האָט מען געפאָדערט אונטערשרייבן פּראָטאָקאָלן „נישט געשטויגן נישט געפלויגן", ווייל אַזוי דאַרפן מיר, „אַזוי דאַרף" די סאָוועטישע „סלעדסטוויע" (אויספאָרשונג).

טעג און נעכט זענען געגאַנגען אומרויִקע, אין דערוואַרטונג. אַן אַרעסטאַנט וואַרט אויף עפּעס. אין איינער אַ ווייסער נאַכט האָט מען מיך אַרויסגערופן און אַרויסגעפירט אויפן פינפטן, צי אויפן זעקסטן שטאָק, באַזעצט אויף אַ ווייכן שטול. דער סלעדאָוואַטעל פייגעלשטיין האָט מיר צוגערוקט אַ קליין פּאָלירט טישעלע און געזאָגט: „מיר ווייסן אַלץ וועגן אייך, נעמט און שרייבט אַליין אָן, כדי מיר זאָלן זיין זיכער, אַז אַלץ וואָס מ'האָט אונדז דערציילט וועגן אייך איז ריכטיק. שרייבט אָן וועגן אייער ציוניסטישער קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעטי־

קייט. דער אָפּנהאַרציקער אמת וועט אונדז באַווייזן, אַז איר זענט אונדזערער אַ סאָוועטישער בירגער. געדענקט, אייער פּרוי וואַרט אויף אייך!" איך האָב אים געזאָגט, אַז קיין שום קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז נישט געווען ביי פּועלי־ציון. ער האָט מיט אַ בייזן שמייכל געזאָגט: „גוט, שרייבט אָן אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן די אויפרופן פון אייער צ.ק. צו קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַרויס־טרעטונגען, וועגן די אינסטרוקציעס, וואָס איר האָט באַקומען פון אייער אויס־לענדישן צענטער, און וועגן"... און ער האָט אויסגערעכנט אַ גאַנץ פּעקל מיט שרעקלעכע מעשים, פאַר וועלכע ס׳קומט סקילה, שריפה, הרג וחנק. „געדענקט, די פרייהייט פון אייער פּרוי איז אין אייערע הענט". איך האָב זיך גענומען פאַר דער פּען מיט ציטערדיקע הענט. כ׳האָב זיך דערמאָנט וועגן גערשנזאָנס קלונג, אַז ער זיצט און שרייבט. איך האָבן ביים אויספאַרשער געבעטן אַ דערלויבעניש אָנצוקלינגען אין טעלעפאָן אַהיים און זאָגן כאָטש איין וואָרט. דאָס שוואַרצע קעסטל מיטן גרינעם שנור האָט געלאָקט. איך האָב ממש געפּרעסן דאָס מיט די אויגן... דער סלעדאָוואַטעל האָט געזאָגט: „שרייבט און דערנאָך וועלן מיר זען!" איך האָב זיך גענומען שרייבן וועגן מיין אָרעמער היים, וועגן מיין אַרבעט אין רעווקאָם (אין יאָר 1920), ווי איך בין געגאַנגען, געלאָפן אין לאַנד פון אָקטאָ־בער, ווי צו אַ וועלט פון כולו טוב... אַז נאָכן ליקווידירן די פּאַרטיי האָט קיי־נער נישט געטראַכט וועגן אומלעגאַלער טעטיקייט. אין מאָסקווע, ווען מ׳האָט זיך צוזאַמענגעקליבן, האָט מען גערעדט וועגן אַרויסגעבן אַ ביולעטין פאַרן פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק, געענדיקט דערמיט, אַז קיין ביולעטין האָט מען נישט אַרויס־געגעבן, ווייל פאַר אַלעם איז געווען קלאָר, אַז אין די באַדינגונגען פון דער ראַטנמאַכט איז קיין שום אומלעגאַלע אַרבעט נישט מעגלעך. אָט איבער דעם ביסל שרייבעכץ האָט דער סלעדאָוואַטעל געפאָדערט, איך זאָל אָנשרייבן אַ קעפּל „מיין קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייט" און צום סוף זאָל איך צוגיבן, אַז „מיט מיין אַרעסט בין איך געראַטעוועט געוואָרן פון דער קאָנטררעוואָלוציע". איך האָב אים דאָס צוליב געטאָן, ווייל אין אינהאַלט איז דאָך קיין „טעטיקייט" בכלל נישטאָ און דער סוף לייקנט אָפּ דעם אָנהייב. אויב איך בין געראַטעוועט געוואָרן פון... טרינקען זיך, בין איך דאָך נישט געווען אַ „דערטרונקענער". ס׳איז די מעשה מיט שלום־עליכמס „טעפּל". נאָך דעם האָט מען מיר געבראַכט אַ גלאָז טיי מיט ציטרין און עטלעכע פּענעצלעך בוטער־בראָדן. קיין קלונג אין טעלעפאָן האָט ער מיר נישט דערלויבט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז רחל איז שוין אויך ערגעץ דאָ אין דער נעץ. און ס׳איז געוואָרן שרעקלעך. כ׳האָב דערזען מיט אַ מאָל דאָס אמתע פּנים פון מיין פאַלשן פריינד, וואָס וויל כלומרשט מיך אַרויסראַטעווען. מער קיין טיי האָב איך מיט אים נישט געטרונקען. ס׳איז אָנגעגאַנגען צווישן אונדז נישט קיין גלייכער גראַנגל העכער צוויי יאָר. מיינע געשריבענע באַווייזן זענען אין

ערגעץ נישט געבראַכט און אין ערגעץ נישט דערמאָנט אין די פּראָטאָקאָלן (נישט געוועז וואָס!).

וועד פון די היסטאָריקער וועט אין צענדליקער יאָרן אַרום, אין אַ דעמאָקראַטישן רוסלאַנד זיך וועלן באַנוצן מיט די מאַטעריאַלן פון דער סטאַליניסטישער געהיימער אַגענטור, מיט די מאַטעריאַלן פון דער אויספאָרשונג (סלעדסטוויע) און פון געריכט אין יענער צייט, וועט זיך און אַנדערע אָפּנאַרן, ווייל דער גרעסטער טייל איז טאַלאַנטלאָזע שאַפונג פון די אויספאָרשער און געריכט־טוער: אַלעס איבעריקע איז אַ קרומער שפּיגל, אין וועלכן דער היסטאָריקער מיט אַ גוטן חוש הראיה וועט דערזען דעם סטאַלינישן קריפּל.

קיין שום מאַטעריאַלן האָט מיר דער „סלעדאָוואַטעל״ נישט געקענט פאַרשטעלן אַלס באַווייז פון אומלעגאַלער טעטיקייט. ס'האָט פיגורירט איין „פאַקטישער״ באַווייז — דער מאַטעריאַל, וואָס ראַשאַל האָט מיר געבראַכט, וועלכן ער האָט געלייענט פאַר אונדז, ווען ער איז געוועזן פאַרבעטן צו אונדז אויף מיטיק. דער סלעדאָוואַטעל האָט פאָרמולירט: „אויף אַ זיצונג צוזאַמען מיט ראַשאַלן האָבן בנימין מאַכלין־בלום און רחל מאַכלינאַ אין זייער קוואַרטיר באַטראַכט די פּלאַטפאָרם פאַר אומלעגאַלער טעטיקייט״. ווען מען זאָל נעמען די פּראָטאָקאָלן פון מיין אויספאָרשונג (סליעדסטוויע) און פון די איבעריקע פון מיין גרופּע, וועט מען זען, ווי ווידערשפּרעכלעך עס זענען די „אָפּנהאַרציקע״ באַווייזן. נאָך יעדן אונטערגעשריבענעם פּראָטאָקאָל האָב איך זיך געגעסן: „נישט אַזוי פאַרשריבן״, „נישט אַזוי געזאָגט״, „צופיל גערעדט״, „צופיל געזאָגט״, „נישט אויסגעהאַלטן״ (אַ סך שפּעטער האָב איך ערשט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געוועזן אַ גאַנץ פאָרמעלער ענין און דאָס האָט נישט באַשטימט דעם גורל פון מענטשן). מיט מיינע „גריזאַטעס״ פלעג איך זיך טיילן מיט אייבעם אַ געוועזענעם רוסישן שיפס־קאַפּיטאַן פעטראָוו מיט וועלכן איך האָב געשפּילט אין שאַכמאַט. פעטראָוו האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיושבדיקן אָרנטלעכן מענטשן. ער האָט געהאַלטן, אַז פירן פּאָליטישע געשפּרעכן אין טורמע, דאָרט ווו דער מענטש איז נישט פריי, קענען נאָר פּראָוואָקאַטאָרן אָדער פּאָליטישע פּראָסטיטוטקעס. נאָך יעדן פּראָטאָקאָל פלעג איך אים דערציילן. ער האָט געהאַלטן, אַז דער געראַנגל צווישן דעם אויספאָרשער (סליעדאָוואַטעל) מיטן אויסגעפאָרשטן („פּאָדסלעדסטוועני״) גייט אין דעם ווער וועט וועמען צווינגען ריידן ווער וועט ריידן מער?

בכלל האָבן עקזיסטירט פאַרשיידענע „שיטות״ פון די אַרעסטאַנטנס אויפפירונג מיטן „סליעדאָוואַטעל״. ערשטנס: אַלץ לייקענען און אויף אַלץ ענטפערן: „איני יודע״, „האַקט מיך און בראָקט מיך״. צווייטנס שאַפן וואָס מער פאַנטאַזיעס דערפירן אַפילו ביזן „אַבסורד״ ווייל אַלץ איינס איז שוין אַלץ באַשטימט

פּאַרויס און קיין שום „גוטע״ אָדער „שלעכטע״ פּראָטאָקאָלן האָבן דאָ נישט קיין באַדייטונג.

איך בין געווען צו שוואַך צו גיין אויפן ערשטן וועג. איך האָב אויך נישט געגלייבט אין דעם פּאָטוס פון דער צווייטער שיטה. איך בין געגאַנגען אויף עפּעס אַ מיטעלן וועג אָבער אָפט זיך אָפּגעניגט אין דער אָדער יענער ריכטונג און נאָך יעדער פּעטראַווס באַמערקונג איז דער אונטערגעשריבענער פּראָטאָקאָל אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך מיר: פּעטראַוו האָט מיר געזאָגט, אַז ווען עס פירט זיך די אויספאָרשונג ביזן געריכט האָט מען די רעכט ענדערן די באַווייזן, ווען מען וויל: אָבער אַ חוץ דעם אָרנטלעכן מיושבדיקן פּעטראַוו האָבן זיך אויך גע־פונען אַנדערע...: איין מאָל האָב איך אין קאַמער זיך פאַרטרויט איינעם און יע־נער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אונטערגעשיקטער. איך האָב אים געזאָגט אַז די וועלט־באַוועגונג וועט זיך איינשטעלן פאַר אונדז און נישט דערלאָזן מען זאָל אונדז האַלטן פאַרשפּאַרט. אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן האָט מען אים אַרויסגערופן און ער האָט נאָכן „אַרויסרוף״ דערציילט, אַז זיין אַרעסט איז געווען אַ „מיס־פאַרשטייעניש״ און אַז איצט ווערט ער באַפרייט אין גיכן. איך האָב אים איבער־געגעבן אַ גרוס אַ היים און געגעבן אַ געוויסן סימן, כדי מען זאָל אים גלייבן. דורך דעם סימן האָב איך זיך געקענט דערוויסן, צי רחל איז אויף דער פריי. ווייל מיט רחלען האָבן מיר שוין לאַנג אָפּגעמאַכט אַ סימן וועגן אַ געלט־זענ־דונג אויף אַ געוויסער סומע. מען האָט אים טאַקע אין גיכן צוגענומען מיט די זאַכן. אַנשטאָט די געלט־זענדונג האָט מען מיך אַרויסגערופן און געשטעלט מיט אים „אויג אויף אויג״ און ער האָט האַלטנדיק אַ גוט פּאַפּיראָסל אין מויל עדות געזאָגט קעגן מיר, אַז איך האָב ידיעות וועגן דער קאָמפּאַניע וואָס אין דער וועלט פירט מען פאַר אונדז און געזאָגט וועגן דעם סימן אַ היים: דער „סליעדאָוואַטעל״ האָט זיך געקאָכט — פון וואַנען און ווי אַזוי באַקום איך אין טורמע אַריין ידיעות פון דער וועלט ? !

דער פּראָטאָקאָל, אונטערגעשריבן פון אים אַליין (פונעם אונטערגעשיקטן), האָט עקזיסטירט אין מיין ענין. די פאַמיליע פון דעם עדות איז געווען קעניגסאָן, געשטאַמט פון קינגיסעפּ.

ווי ס׳איז צו זען, איז נאָך מיינע „אָפּנהאַרציקע״ באַווייזן, נאָך אַלע אונ־טערגעשריבענע פּראָטאָקאָלן פאַרן סלעדאָוואַטיעל נישט געווען גרינג צונויפצו־שטעלן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אויסזען ווי אַ מין באַשולדיקונגס אַקט, און ער האָט געמוזט אַנקומען צו דער אַגענטור צווישן די אַרעסטאַנטן...

פון טאָג צו טאָג איז די אויספאָרשונג געוואָרן אַלץ גרעבער: מ׳האָט מיך גענומען אויף גאַנצע נעכט, געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט, הינטער מיר דער סלעדאָוואַטיעל, וועלכער האָט אין מיין קעגנוואָרט אַרויסגענומען דעם פּיס־

טאָלעט פון קאָבורע און אַרייַנגעלייגט אין קעסטל פון טיש. ער איז געוואָרן מיט מיר אויף „דו", צוגענומען ביי מיר די ברילן, געמאַכט מיך פאַר כמעט אַ בלינדן (מיין ראיה איז שטענדיק געווען אַ שוואַכע, איך זע בלויז אויף איין אויג), געזידלט ווי אַ גאַסן־יונג מיט דריי־גאָרנדיקע מיאוסע עפּיטעטן. משהקע גערטשיקאָוו האָט דעם סלעדאָוואַטעלס קאַבינעט פאָרטרעפלעך גערופן „פּאַלאַץ פון קולטור". אין קאַמער פלעגט מען שפּעט ביינאַכט הערן ווייטע געשרייען. מ'האָט דערציילט וועגן פיזישע פייניקונגען. צו מיר איז עס נאָך נישט דערגאַנגען.

מען פלעגט מיך נאָר אַוועקשטעלן אויף די פיס גאַנצע נעכט. (ביי מיר איז „פּלאַט־פוס", דאָס שטייִן פאַרשאַפט מיר גרויסע שמערצן), ווען דער קאָפּ דרייט זיך, ס'ווילט זיך שלאָפן און מען „פאַלט", ד.ה: מען וואַקלט זיך צום פאַלן. אויספרעגן פלעגן צוויי לייט לויט אַ געוויסן פּלאַן, קעגן וועלכן איך בין געווען אין גאַנצן אָפּהענטיק. כ'האָב זיך נישט געקענט באַשיצן פון דעם האָגל זידלערייען און דראָונגען. איבערהויפּט פלעגן זיי אומפאַרשעמט עקספּלואַטירן רחלס נאָמען. ער האָט צוגעזאָגט פון אונדז צו מאַכן אַש און בלאָטע. אַלע צוויי שעה האָבן זיי זיך געביטן, און יעדער האָט געמאָנט: „זאָג, זאָג, זאָג"; איך האָב נישט געוווּסט וואָס איך זאָל זאָגן, און דאָס האָט זיך געצויגן אומענדלעך. ווי מיר האָט זיך געדאַכט וועט זיך עס קיין מאָל נישט ענדיקן.

אין קאַמער איז געווען אַ „רויטער קרייַץ". דער סטאַראָסטע פלעגט צונויפנעמען פון אַלע וואָס באַקומען „פּעקלעך" לויט אַ „וויפּיסקע" פון טורמע־מאַגאַזין, אַ טייל פון די פּראָדוקטן און צעטיילן צווישן די וואָס באַקומען נישט. די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט זיך געפּרוּווט שטערן און מ'האָט געדראָט דעם „סטאַראָסטע" אַז מען וועט אים צושרייבן אַ „סטאַטיאַ" (אַן אַרטיקל פון קאָדעקס). אין קאַמער זענען געווען אונטערגעשיקטע אָדער פרייוויליקע „אינפאָרמאַטאָרס". נאָך דער מעשה מיט קעניגסאָנען האָב איך זיך געהיט ריידן אַ וואָרט אין קאַמער, אָבער איך בין דאָך געשטרויכלט געוואָרן. ביי עפּעס אַן אויספאָרשונג, וואָס ס'האָט געפירט איינער אַליין דער „סלעדאָוואַטעל" פייגלשטיין און ווי געוויינלעך געפאָדערט פון מיר „קאָנטררעוואָלוציאָנערע מעשים" (ווייל דאָס איז בייטיק דער ראַטנמאַכט), האָב איך אים געזאָגט, אַז יידן האָבן נישט געקענט טאָן קיין קאָנטררעוואָלוציע, ווייל דאָס איז געווען פּאָגראָמען און דאָס איז קעגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יידישן פאָלק. ער האָט געזאָגט: „יאָ, דאָס איז אמת, אָבער ס'קענען זיין אַזעלכע יחידים, וועלכע זאָלן מאַכן קאָנטררעוואָלוציע". איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קען נישט קיין קאָנטררעוואָלוציאָנער, ווייל איך בין אַ פּועלי־ציוניסט. אָט וועגן דעם געשפּרעך האָב איך דערציילט אין קאַמער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך אַרויסגערופן און אַרויפגעפירט אויפן פערטן שטאָק פונעם גרויסן הויז. דאָרטן זענען געווען „פּרעכטיקע קאַבינעטן", ווו

מ׳פלעגט פירן „וויכטיקע״ און „שווערע״ ענינים. אין די לאַנגע קאָרידאָרן פלעגן שטיין אויף אַ מרחק פון 3—4 מעטער איינער פונעם אַנדערן, אָפּגעזונדערט, מענטשן מיטן פנים צו דער וואַנט און אומזיניק ביז חלשות קוקן אויף איין פינטל.

אַז מ׳האָט מיך אַריינגעפירט אין קאַבינעט, האָב איך ביי די טישן דאָס מאָל געזען נישט קיין צוויי, נאָר פיר אויספאָרשער. צווישן זיי אין אַ זייט איז געזעסן פייגלשטיין. ווי תמיד, זענען זיי געזעסן אויסגעדרייט מיט די פנימער פון פענצ־טער און איך מיטן פנים קעגן פענצטער, זיי זאָלן קענען מיר אַריינקוקן אין די אויגן און איך זאָל נישט זען גאָרנישט אין זייערע אויגן. דעם ערשטן „ברוך הבא״ האָט מיר געגעבן פייגלשטיין: „אָט איז דער פּראָוואָקאַטאָר!״ איינער פון די פיר האָט מיר געוויזן אויף אַ פרייען שטול, געהייסן זיך זעצן (עפּעס אַ חסד!) און געזאָגט, אַז ער איז אַ פּראָקוראָר און געפאָדערט איך זאָל געבן באַ־ווייזן וועגן מיינע קאָנטררעוואָלוציאָנערע מעשים. איך האָב געזאָגט דעם פּראָ־קוראָר דאָס זעלביקע וואָס כ׳האָב געזאָגט פייגלשטיינען. דער פּראָקוראָר האָט דע־מאָלט מיך געפרעגט וואָס איך האָב געזאָגט דעם סלעדאָוואַטעל פייגלשטיין, ווען איך בין געווען ביי אים דאָס לעצטע מאָל. איך האָב איבערגעחזרט: דער פּראָקוראָר האָט אַ קוק געטאָן אויף פייגלשטיינען און מיך ווייטער געפרעגט, וואָס האָט פייגלשטיין געזאָגט אויף מיינע רייד, צי האָט פייגלשטיין מיט מיר מסכים גע־ווען, אַז יידן קענען נישט זיין קיין קאָנטררעוואָלוציאָנערן. איך האָב איבערגעחזרט פייגלשטיינס ווערטער. פייגלשטיין איז אויפגעשפּרונגען, געגעבן צו מיר אַ גע־שריי: „פּראָוואָקאַטאָר!״ דער פּראָקוראָר האָט אַ זאָג געטאָן צי אַ פרעג געטאָן: „הייסט עס, אַז אין קאַמער פאַרשפּרייט איר פאַלשע אינפאָרמאַציע וועגן דער סאָוועטישער „סלעדסטוויע״?! מ׳האָט מיך אַרויסגעפירט און „אָוועקגעשטעלט״, ווי אַ ייד צו „שמונה עשרה״. ערשט איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס מאָל האָט מען מיך אַרויסגעפירט אַלס עדות קעגן פייגלשטיינען, וועלכער איז גע־שטרויכלט געוואָרן מיט „נאַציאָנאַליזם״. דעריבער בין איך געזעסן אויף דער שטול און מ׳האָט מיך געאירצט און דעריבער בין איך יענע נאַכט נישט געשטאַ־נען ביז פרישטיק. איך בין געשלאָפן נאָך עטלעכע שעה.

אַ לאַנגע צייט האָט מען מיך נישט אַרויסגערופן. אין קאַמער איז געגאַנגען דאָס געוויינלעכע „לעבן״, „פּאָדיאָם״, „פּראָווערקע״, „פּראָגולקע״ (איין מאָל אין צוויי טעג).

מ׳איז שוין אַ ביסל „אָפּגעגאַנגען״ און מ׳האָט זיך גענומען צו קולטור־אינ־זשעבערן, פּראָפעסאָרן האָבן געלייענט לעקציעס איבער געאָלאָגיע, אַרכעאָלאָגיע, עטנאָגראַפיע, איינשטיינס טעאָריע. איינער אַ מאָלער האָט דערציילט וועגן קלאַסישער און מאָדערנער מאָלעריי. איך האָב געלייענט צוויי לעקציעס וועגן

דער געשיכטע פון בוך און ביבליאָטעק־וועזן, פעטראָוו האָט דערציילט וועגן דער געשיכטע און עפּיזאָדן פון ים־שלאַכטן. איינער, עפּעס אַ טעאַטראַלער „קאָנטריק" האָט „אָרגאַניזירט" צווישן אונדז אַ מין „סאַמאָדעיאַטעלנאָסט" (זעלבסטעטיקייט) און מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל קאָנצערט (איך האָב באַוויזן אַ שניידער־געזעלן). דער נאַדזיראַטעל האָט געוואָרנט נישט צו שטאַרק רוישן, מען זאָל נישט הערן אין קאָנצעלאַריע, און אויפהערן, ווען ער וועט געבן אַ סיגנאַל. ער איז געשטאַנען ביי די גראַטעס, זיך צוגעהערט, פאַרטרייבן אַ ביסל זיין אומעט ביי זיין פאַסקודנער אַרבעט.

געווען ביי אונדז אין קאַמער עפּעס אַן אַלטער גענעראַל, שוין אַ חסר־דעה. ער פלעגט אין די נעכט זיך פאַרגעסן און אויסשרייען: „מאַרוסיע, גיב מיר די כלי!" ער פלעגט זיך אָפט באַנעצן.

דער אַרטיסטישער „קאָנטריק" האָט „איינגעלאַדן" דעם דאָזיקן „גענעראַל" ער זאָל דערציילן פּינקטלעך וואָס ער האָט געזאָגט דעם „סלעדאָוואַטעל" און וואָס האָט דער סלעדאָוואַטעל אים געזאָגט.

דער אַלטער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און דערציילט מיט אַלע פּיש־טשעווקעס פּינקטלעך, ווי דער סלעדאָוואַטעל האָט אים פאַרשריבן אין „שטאַב" אויף אָנצופירן מיט אַן אַרמיי, וואָס מען דאַרף אין פאַל פון אַ מלחמה, כדי אַראָפּצוואַרפן די „וולאַסט"... דאָס איז געווען דער שענסטער נומער, איבער־הויפּט ווען ער האָט באַוויזן ווי ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן פאַרן „סליעדאָ־וואַטעל": „מיט פרייד זיך צו סטאַרען". דערנאָך ווי דער „סליעדאָוואַטעל" האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע: „מאָלאָדיעץ" און אויסגעלאָזט מיט אַ פּאָר־דריסלעכן שמייכל: „אַ צוציק ווייסט נישט קיין סטראַי".

געווען ביי אונדז אויך „ראָזע קאַפּלאַן". „זי" האָט דערציילט אויפן קאָנ־צערט, ווי מען האָט איר נאָכגעשפּירט צענדליקער יאָרן ביז ענדלעך מ'האָט זי „דערקענט" איבערגעטאָן אין מענערישע קליידער. מ'האָט זי געפּאַקט און אָפּגע־פירט אין אַ ווייבערישער קאַמער, און וואָס איז דערפון אַרויס. איינער אַ היסטאָ־ריקער האָט „דערציילט" אָדער אימפּראָוויזירט, ווי דער „סלעדאָוואַטעל" האָט געפאָדערט ער זאָל דערציילן אָפּנהאַרציק אַלץ: ווען, ווי אַזוי און ביי וועלכע אומשטענדן האָט ער זיך באַקענט מיט דער פראַנצויזישער „גילאָטינע" און וואָס האָט זי אים פאַרגעלייגט פאַר זיין שפּיאָנישער אַרבעט: איינער אַ טראָצ־קיסט יודין האָט דערציילט, ווי דער סלעדאָוואַטעל האָט זיך געוואָלט דערשלאָגן ביי אים, ער זאָל זיך מודה זיין, אַז ער האָט משפּחה־קרובהשאַפט מיט יודושקאָ־טראָצקי ווי ער האָט צוגעזאָגט צושטעלן אַ דאָקומענט, אַז ער שטאַמט פון אַן עכט רוסישער משפּחה, פון דעם אומפּאַרטייִישן יודושקאַ גאָלאָוולִיאָוו, און גע־בעטן וועגן דעם אָנשרייבן אויף דער פריי און דער „סלעדאָוואַטעל" האָט אים

מיט שמחה באַלד דערלאַנגט טינט און פעדער, געגעבן פּאַפּיר און ער האָט אונ־טערגעשריבן, דערלאַנגט דעם „סלעדאָוואַטעל״. דער סלעדוואַטעל האָט איבער־געלייענט. אַהאַ, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, אין גיכן וועל איך אייך אײַנאָרדענען אַ „אָטשנאַיאַ סטאַווקאַ״ (אויג אויף אויג שטעלן). דער אַרטיסט האָט אויסגעפּירט גאַנצע קאָמעדיעס פון שעקספּיר, וואָס ער האָט געדענקט אויף אויסנווייניק. הכלל, ס׳איז געווען ביטער און פריילעך, אַ מין „כלה מאַך דיר הארץ!״

די זידלערייען, דאָס שטייעכץ, די פּויסטן אין פּנים, דאָס שנעלן אין נאָז, דאָס איז אַ טייל פון אַ גאַנצער סיסטעם וואָס האָט דעם צוועק צו מאַכן פון פרייען מענטש אַ קנעכט, אונטערדריקן דעם ווילן און באַוווּסטזיין פון מענטש, מאַכן אים פיזיש און פּסיכיש אומפעיִק זיך צו באַשיצן. איך וויל דאָ מודה זיין, אַז ביז אַ געוויסן גראַד און אַ געוויסער גרענעץ האָב איך זיך אונטערגעגעבן, אָבער גאָר טיף, ערגעץ איז געווען אַ מאָראַלישער פּינטל, צו וועלכן ס׳איז קיי־נעם נישט געלונגען צוצוקומען איך האָב אַליין נישט געוווּסט, איך וואָלט קיין מאָל קיינעם נישט געקענט דערקלערן און באַזיניקן, אָבער אַן אָפּגעשוואַכטער האָב איך דאָך געשטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. געפּערלעך איז געווען ווען ס׳איז געקומען אַ „גוטער״ סלעדאָוואַטעל און אָפּעלירט צו מיינע סאָוועטישע געפילן אַלס „געוויסנעם״ יידישן רעוואָלוציאָנער. פאַרקערט איז געווען שפּע־טער אין אַ יאָר אַרום, ווען איך בין געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע און פיס האָבן מיך געטרעטן און מיט די שפּיצן געהאַקט אין פּנים אַריין. דאָ האָט זיך ביי מיר פאַרשטאַרקט מיין ווידערשטאַנדס־געפיל. פיר, צי פינף חדשים ביזן געריכט האָט מען מיך געהאַלטן אין אַן אַלגעמיינער קאַמער, דערנאָך אין אַן „אָדינאָטשקע״, ווו ס׳איז געזעסן נאָך איינער, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס:

אַן אַלטער אַרעסטאַנט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ מענשעוויק, אַז ער איז געווען טעטיק אין דאָנבאַס און ער האָט געהאַלטן אין אַגיטירן מיך, אַז ס׳איז נייטיק צו פאַראייניקן אַלע דעמאָקראַטישע כוחות אין לאַנד קעגן די באָלשעוויקעס: איין מאָל האָט ער מיר פאַרגעלייגט זיין הילף מיך צו פאַרבינדן מיט דער פרוי, אויב ס׳וועט נייטיק זיין. מ׳האָט אים נאָך עטלעכע וואָכן צוגענו־מען.. אפשר דערפאַר, ווייל איך האָב אים נישט געענטפערט מיט „אָפּנהאַרצי־קייט״ פאַר „אָפּנהאַרציקייט״: דער סלעדאָוואַטעל האָט מיך אַ מאָל אַזוי כלאחר־יד געפרעגט וועגן אים. איך האָב אים דערציילט אַלץ וואָס יענער האָט מיר דערציילט וועגן זיך קיין פראַגן זענען מער נישט געווען. קיין פּראָטאָקאָלן נישט געשריבן. דאָס איז געווען נאָך איינע פון די פּרוּוון מיך צו כאַפּן אויף דער וועדנטקע. דערנאָך האָט מען אין קאַמער געבראַכט מיליטער־לייט, זיי זענען גע־זעסן צו צוויי־דריי טעג, דערנאָך האָט מען זיי אַרויסגערופן און באַלד האָט מען געבראַכט אַנדערע, אַזוי האָבן זיך געביטן די מענטשן. ווער איז געווען צווישן

זיי דער „איינער" מיטן אָפּענעם אויער איז שווער געווען צו וויסן, ווייל די מי־ליטער־לייט זענען געווען דרייסטער און אַנטשלאָסענער גערעדט „וואָס אין דער קאָרט". נאָר איין קאָרט האָבן זיי נישט אויסגערעדט, דעם מלך מיט די דיקע וואָנצעס, נאָר דאָס איז דאָך געווען נישט קיין „קאָרטן־מלך". איין מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופן און אָוועקגעשטעלט „אויג אויף אויג" מיטן חבר אָפּי־נאָווסקי. דאָס איז געווען אַ חבר וועלכער איז אַריבערגעפאָרן פון טולע קיין לענינגראַד שוין נאָך דער ליקווידאַציע פון דער פּאַרטיי. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ שוואַרץ קײַלעכדיק בערדל, מיט אַ זעלטן גוטן שמייכל צעגאָסן איבערן גאַנצן פּנים. מיט אים איז געווען היימיש און ליבלעך ביי אַ חברישער „ליאַמע". ער פלעגט זינגען מיט געפיל אַ חסידישן ניגון. מיט אים האָבן מיר געהאַט, ווי איך האָב שוין דערציילט, די ערשטע באַגעגעניש גלייך ווי מ׳האָט אונדז געבראַכט אין „גרויסן הויז". ביים סלעדאָוואַטעל אין קאַבי־נעט האָב איך געהאַט דאָס גליק צו האָבן פון אים אַ שמייכל. דער סלעדאָוואַטעל האָט געפרעגט ביי אים, צי ער קען מיך אַלס אָנפירער פון צ.ק. ער האָט גע־זאָגט, אַז ער קען מיך אַלס סעקרעטאַר פון צ.ק. יוגנט פּועלי־־ציון נאָך פון יאָר 1926. איך האָב אים אויך דערקענט ווי אַן אַלטן חבר. דער גאַנצער „אויג אויף אויג" האָט געדויערט אפשר אַ האַלבע שעה. דער סלעדאָוואַטעל האָט זיך גע־פּרוווט צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל, נאָר קיינער פון אונדז האָט נישט אונטער־געשריבן און דער סלעדאָוואַטעל האָט אונדז פונאַנדערגעטריבן אין די קאַמערן. אויפן האַרצן איז געווען טרויעריק־זיס. אַ גוטער געטרייער חבר (געווען צי איז ?). איך האָב אים מער נישט געזען.

אין דערוואַרטונג...

די ווייסע נעכט זענען שוין אַוועק אויסגעפּייניקטע. אין דעם קליינעם פּאַר־גראַטעוועטן פענצטערל איז דער טאָג טונקל געווען ווי בין השמשות, און די נאַכט האָט מען נישט געזען. אין די טעג האָט אויפן קעגנאיבערדיקן דאַך מיט מיר זיך געריצט אַ שטראַל: אין די נעכט האָבן געפלאָגט חלומות. רחל האָט אָפט געוויינט, גערופן, געשמייכלט. אין די טעג ווען אין קאַמער זענען געווען צוויי מענטשן, האָבן מיר יעדער אין זיין ריכטונג געמאַכט צו טויזנט מאָל צוויי צי דריי טריט פון בעט צו דער טיר. מיר האָבן געהערט אויבן איבער אונדז אויך שפּרינגענדיקע טריט. אַזוי געשפּרייזט און געשפּרייזט ביז דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט און דער טאָג איז געוואָרן חושך ווי נאַכט. שלאָפן האָט מען ביי־טאָג נישט געטאָרט, האָבן מיר בגנבה געמאַכט שאַכמאַט־פיגורן פון ווייכן ברויט. אויפן אייזערנעם טישל איז געווען אויסגעמאָלן אַ שאָך־ברעט (אויך געמאַכט

פון אונדז), האָבן מיר געשפּילט שאַך און דורכגעשטופּט אַ ביסל אַרעסטאַנטישע שעהען. ביז ס'איז געקומען אַן אונטערזוכונג (אַן אַביסק), האָט מען ביי אונדז צוגענומען די שפּיל, האָבן מיר געמוזט נאָך אַ מאָל קנעטן ווייך ברויט און ווידער געשפּילט. ווידער צוגענומען, ווידער אויס שפּיל. לייענען האָט מען געגעבן נאָר לויט אַ דערלויבעניש פון „סלעדאָוואַטעל". נאָכן ענדיקן די אויספאָרשונג האָב איך אויף אַ קורצער צייט געקראָגן אַ דערלויבעניש זיך באַנוצן מיט דער טורמע־ביבליאָטעק.

...טעג ווי נעכט און נעכט ווי טעג — די תוכחה: „והיו חייך תלואים לך מנגד, ופחדת לילה ויומם לא תאמין בחייך. בבוקר תאמר: 'מי יתן ערב' ובערב תאמר: 'מי יתן בוקר'. אין תפיסה איז אויפגעשווומען אין זכרון „גירסא דינקותא" פון דעם פּסוק אין דער תוכחה. דאָס איז דאָך די פּרשה פון דער תורה, צו וועל־כער אַן אָרעמאַן האָט געהאַט די זכיה אויפגערופן צו ווערן צו אַן 'עליה...

ענדלעך האָט מען מיך אַרויסגערופן, געגעבן מיר אַ דיקן באַנד מיט מיין „דעלאָ". דאָ זענען געווען צונויפגענומען אַלע פּראָטאָקאָלן פון דרייצן באַ־שולדיקטע און איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען, אַז רחל איז מיט אונדז אין דער צרה. מ'האָט מיר געהייסן אונטערשרייבן, אַז איך האָב געלייענט, ענדערן עפּעס קען איך נישט. איך האָב געמישט די בלעטער, געזען שורות, געזען ווער־טער און עפּעס איז עס נישט געקראָכן אין מוח: כ'האָב גאָרנישט תופס געווען. אַזוי האָב איך אונטערגעשריבן „געלייענט"... איך האָב געמיינט שוין, פּטור. אָבער דאָ האָט מען מיט מיר אָפּגעשפּילט אַ „קאָמעדיע" מיך אָפּצושרעקן ביזן טויט. צוויי סלעדאָוואַטעלעס, פייגלשטיין און מאַנעסקא (וואָס האָבן מיך געקענט פון 1934 יאָר), האָבן מיך אַריינגערופן אין אַן אַנדער קאַבינעט („געמיינט, אַז עס וועט אים דורכגיין גלאַט"). זיי האָבן צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אַז איך בין געוואָרן ביי זיי אַן „אינפאָרמאַטאָר" כדי צו פאַרפירן די מ.ג.ב. און איך האָב ביי זיי געאַרבעט לטובת „פּועלי־ציון", אַז איך בין אַ פאַררעטער. איך האָב דעם פּראָטאָקאָל נישט אונטערגעשריבן און זיי האָבן געזאָגט „מיר דאַרפן דיך נישט. כאַפּט דיך דער טייוול. עס וועט באַשטעטיקן דער שעף פונעם אָפּ־טייל און מ'וועט דיך דערשיסן ווי אַ הונט!

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געבראַכט אַ קאָפּיע פון באַשולדיקונגס־אַקט. איך האָב אים עלטעכע מאָל איבערגעלייענט. דאָרט איז נישט געווען געזאָגט, אַז איך בין אַ מיטגליד פון דער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון". דאָרט איז געווען פּשוט געזאָגט, אַז איך בין אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, אַ ציוניסט און געפירט אַנטיסאָוועטישע טעטיקייט, געשאַפן אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פּועלי־ציון.

דאָס מיט וואָס עס האָבן מיר געדראָט די סלעדאָוואַטעלעס פייגלשטיין (דער ייד) און מאַנסעקא (דער געלער אונגאַר), איז אין באַשולדיקונגס־אַקט נישט געוועזן איינגעשלאָסן. אָבער דאָס וואָס עס איז געווען, איז אויך געווען גענוג פאַר „יענער צייט" צו קריגן אַ קויל אין קאָפּ. אַזוי האָב איך געטראַכט, ווייל איך בין געווען אָנגעשראָקן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אין אַזאַ קלעם.

דאָס געריכט...

דעם 9טן אָקטאָבער 1937, אין אַ זוניקן אָסיען־טאָג האָט מען מיך אַרויס־געפירט פון טורמע־הויף. כ'האָב נאָך איין רגע געכאַפּט אַ בליק אויפן הימל און גלייך האָט מען מיך אַריינגעשטופּט אין אַ טורמע־קאַרעטע. דאָרט זענען שוין געווען די איבעריקע חברים, מיט וועלכע איך האָב אָנגעפירט די „קאָנטר־רעוואָלוציע". מיר האָבן זיך באַגעגנט ברידערלעך מיט פרייד. נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין פאַרלויף פון אַ האַלב יאָר האָבן מיר מיט דער הילף פון די „סלע־דאָוואַטעלעס" „אָנגערעדט" איינער אויפן צווייטן... די קאַרעטע איז פון „שפּאַ־לערקע" צוגעפאָרן צו „קרעסטי". דאָס איז אַ טורמע אויף וויבאָרגער זייט. אַלע קאָרפּוסן געבויט פון רויטע ציגל, אויפגעשטעלט זיי ווי צלמים (קרעסטי האָבן זיי געהייסן טאָקע דערפאַר). פון דאָרט האָט מען צו אונדז צוגעזעצט אונדזערע חברטעס אידאַ מאַזיאַ, אַ קליינע, אַ שוואַרצע, מיט טרויעריקע אויגן (זי האָט געלאָזט אַ קינד פון אָנדערהאַלבן יאָר), טעמע גלויבערמאַן (שוין אַ פאַרמאַטער־טע פון לאַגער נאָך אין 1935 יאָר. מ'האָט זי גענומען אין קיעוו), און מיין פרוי רחל מאַכלינע. ס'איז געווען ענג און זי איז געזעסן אויף מיינע קני. זיך צוגע־טוליעט צו מיר, אַ גליקלעך־אומגליקלעכע. זי האָט געציטערט. איך האָב געפילט, ווי זי ציטערט פון שרעק, אַז מיך וועט מען אוודאי שיסן. אין יענע יאָרן פון מאַסן־טעראָר האָט מען אַלץ געקענט דערוואַרטן.

נעבן געריכט, אויף „פאָנטאַנקע", האָבן געוואַרט די אומגליקלעכע קרובים „אַ קוק צו טאָן". די מאַמע איז געשטאַנען נעבן די טרעפּ פון קאָרידאָר, געווישט די אויגן און דאָך... געשמייכלט. וויפל נעכט נישט געשלאָפן, וויפל טרערן פאַרגאָסן און... בלויז איין בליק.

די קרובים אונדזערע און פון אַלע איבעריקע באַשולדיקטע האָבן געאַרבעט מעשים, געגאַנגען צו אַדוואָקאַטן, געשריבן, געקלאַפּט אין אַלע טירן, נאָר מ'האָט קיין שום אַדוואָקאַטן נישט צוגעלאָזט. מ'האָט אונדז געמשפּט ביי שטרענג פאַרמאַכטע טירן. קיין קרוב, קיין גואל, מיין מליץ־יושר, אָן געזעץ — „לית דין ולית דיין".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם 9טן אָקטאָבער 1937 האָבן מיר צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט, וואָס האָט זיך געדאַכט גאָר גאָר לאַנג, דערזען דורך געוויינלעכע גרויסע פענצטער מיט גרויסע שויבן דעם לעגינראַדער הימל. ס'איז געווען אַ שיינער זוניקער אָקטאָבער־טאָג, ווי ס'גיט זיך אויס אין לענינגראַד. איך האָב געקוקט אויף דער „פּאַנטאַנקע" ווי אויף עפּעס נייעס. מ'האָט געגומען אַ לעבעדיקן פליסנדיקן טייך און מ'האָט אים איינגעצוימט אין שטיינערנע ווענט, צוגערויבט פון אים די פרייהייט, דאָך האָט מען פאַר אים נישט געקענט פאַרשליסן די טויערן פון פרייהייט, ציט זיך די פּאַנטאַנקע אַ ברוגזע מיט אירע שווערע מוטנע וואַסערן צו דער ברייטער רחבותדיקער ניעוואַ. אָפּגעקערט דאָס פּנים פון פענצ־טער האָב איך דערזען בענק. אויף זיי זיצן מענטשן, וואָס מען וויל מאַכן אויס מענטשן. היבטער זייערע פּלייצעס און ביי די טירן מלאכי חבלה אין שוואַרצע מונדירן. פאַר די בענק אויף אַ מין בעלעמער זיצן אויך מענטשן, וואָס מ'האָט פון זיי אַרויסגעריסן דאָס ביסל מענטשלעכקייט. דאָס זענען די ריכטער, וואָס היטן אָפּ דאָס געזעץ, עס זאָל דאָס קיינער נישט נוצן. עס זאָל גלאַנצן און נישט וואַרעמען — אַ מין לבנה... אין דער זייט נידעריקער פון געריכט איז געזעסן עפּעס איינע אַ דיקע פּרוי פון אַ גאַנצן היפּשן קאַליבר. דאָס איז אַ פּנים געווען דאָס „עין רואה" פון „גרויסן הויז", אַכטונג צו טאָן אויף די ריכטער, זיי זאָלן זיך נישט אויסגליטשן. דער פאָרזיצער פון געריכט, זימין, אַ גאַנץ פּולינקער, מיט אַ שטיקל בייכל, זיין ביי־זיצער קאַלנין, אַ הויכער, אַ דאַרער, נאָר אַ ברייט־פּלייציקער. כ'האָב זיך מיט אים געטראָפן דערנאָך אין קאַלימאַ, אין לאַגער. ער אַליין איז דערנאָך אויך געווען „אַ פיינד פון פאָלק"... די ריכטער, די סלע־דאָוואַטעלעס, די פּראָקוראָרן, וועלכע האָבן צופיל געוווסט און אָפּגעטאָן זייער שטיקל אַרבעט, פלעגט מען פאַרשיקן ווייט, ווייט „ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט"...

צווישן די באַשולדיקטע האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען מענטשן, וועל־כע איך האָב קיין מאָל נישט געזען. צום ערשטן מאָל האָב איך אין געריכט דערהערט די פאַמיליע חפץ, יערוכאָוויטש און הימלשטויב. ער האָט לויטן באַ־שולדיקונגס־אַקט מיר געגעבן די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דעם „אומלעגאַלן צ.ק. פון פּועלי־ציון".

דאָס צוזאַמענבינדן „פּועלי־ציון" מיט „החלוץ" איז נייטיק געווען דער באַשולדיקונג כדי צו קענען עפּעס האָבן פאַר וואָס צו משפּטן. דער „החלוץ" האָט שטענדיק געהיט זיך פון פּאָליטישקייט און געוויזן זיך ווי אַן אומפּאַר־טייאישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט נישט קיין שייכות צום פּאָליטישן קאַמף דאָ, נאָר גרייט זיך צו אַרבעטן דאָרט. פּראַקטיש אויף דער פּראָדוקציע און אויף דער ערד אין פּאַלעסטינע. „פּועלי־ציון" האָט זיך נישט פאַרנומען מיט צוגרייטן די

אַרבעטס־קראַפט פאַר פּאַלעסטינע, האָט געפירט אַ פּאָליטישן קאַמף פאַר פּאַ־לעסטיניזם און אין דעם קאַמף זיך פאַרבונדן מיטן אַלגעמיין־פּאָליטישן קאַמף.

„החלוץ" האָט מען נישט געקענט משפטן פאַר „דאָ" און פאַר אומשולדיקער „פּראַקטישקייט". „פּועלי־ציון" איז אין זיין „פּאָליטישקייט" געווען הונדערט פּראָצענט „כשר וישר". האָט מען, ווי יענער גערטנער, דעם הינקענדיקן געזעצט אויפן בלינדן, האָט מען צונויפגעפּאָרט „החלוץ" מיט „פּועלי־ציון", האָט מען דעם „החלוץ" געמאַכט פּאָליטיש און די „פּועלי־ציון" געמאַכט פּאָליטיש־פּראַק־טיש.

איך האָב פּראָטעסטירט קעגן דעם וואָס מ'האָט דאָס צונויפגעפּאָרט און גע־מאַכט מיך פאַר אַן אָנפירער פון מענטשן, וועלכע איך האָב קיין מאָל נישט געקענט, וואָס מען שפּילעט צו אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, צו וועלכער זי האָט קיין שייכות נישט און האָט נישט געקענט מיר געבן אַן אויפגאַבע צו שאַפן אַן אומלעגאַלן צ.ק. פון „פּועלי־ציון". הימלשטויב איז קיין מאָל נישט געווען אין פּועלי־ציון און אידאַ מאַזיאַ איז מיט צען יאָר יינגער פון מיר. זיי האָבן דאָך נישט געקענט געבן מיר קיין אויפגאַבן. איך האָב דערציילט, אַז איך בין אַ פּראָלעטאַריער, אַז איך האָב אַלס פּועלי־ציוניסט גע־אַרבעט אין רעווקאָם נאָך אין 1920 יאָר ווען די רויטע אַרמיי איז געקומען אין אונדזער שטאָט, אַז פּועלי־ציוניזם איז געווען און געבליבן אַ רעוואָלוציאָנערע אידעע.

איך מוז דאָ זאָגן דעם אמת, אַז צו מיין אַרויסטרעטונג האָט מיך דערמו־טיקט משה גערטשיקאָוו, וועלכער איז דער ערשטער אַרויסגעטרעטן און אין אַ שיין־געשניצטן רוסיש (דאָס וואָס ס'האָט מיר געפעלט) אויסגעמאָלן דעם שיינעם רעוואָלוציאָנערן עבר פון פּועלי־ציון — די באָראָכאָוו־באַטאַליאָנען, די רויטע טיילן פון פּועלי־ציון, וואָס האָבן געשטרעקט זייער לעבן פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ער האָט גערעדט וועגן דער פּראָגראַם פון פּועלי־ציון, וואָס די האָמעלער שוסטער און שניידער האָבן דערקענט נישט פון ביכער, נאָר אין די קעלערס־וואַרשטאַטן ביי אַ חלבען ליכטל. דאָס איז געווען דער געצײַנדענער פּאַקל פון אונדזער ברענענדיקער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. משהקע האָט דער־קלערט: „איך בין געקומען צו דער פּאַרטיי פּועלי־ציון און געשטעלט זיך אונ־טער איר פאָן, ווייל אויף איר איז געווען אויפגעשריבן די סאָציאַליסטישע פּאַ־לעסטינע און די וועלט־רעוואָלוציע.

דער חבר גערשענזאָן האָט אייגנטלעך נישט געהאַלטן קיין פּאַרטיידיקונגס־רעדע. ער האָט געלייענט אַ לעקציע וועגן דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון. ווען ער איז צוגעקומען צום יאָר 1915, האָט דער פּאָרזיצער געפּרוווט אים איבעררייסן, אַז ער רעדט נישט צו דער זאַך. גערשנזאָן האָט זיך נישט גע־

לאָזט איבערשלאָגן. „דאָס איז מיין רעכט און דאָס איז מיין פליכט". ער האָט ווייטער אויפגעוויקלט די מגילה פון פועלי־ציון און געגעבן אין אַ געפּרעסטער פאָרם די געשיכטע פון דער פינפטער קאָנפערענץ אין 1915. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן פועלי־ציון געפונען זייער אַנטי־מלחמה שטעל־לונג, וועלכע איז געווען צימערוואַלדיש נאָך פאַר דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. ער האָט ציטירט לויטן זכרון רעזאָלוציעס פון פלענומס, קאָנפערענצן, פון וועלכע עס איז געווען צו זען די רעוואָלוציאָנערישקייט פון פועלי־ציון. דער פאָרזיצער האָט עטלעכע מאָל אים איבערגעריסן מיט דער באַמערקונג: „צו דער זאַך!" אָבער גערשנזאָן האָט גאַנץ קאַלטבלוטיק פאָרגעזעצט זיין לעקציע איבער דער געשיכטע פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי.

נאָך די „לעצטע ווערטער" האָט מען געמאָלדן, אַז דאָס געריכט גייט אַוועק אויף אַ באַראַטונג.

מיר, די פועלי־ציון חברים האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום גערשנזאָנען. יעדער האָט געפילט עפּעס אַ פאַרלייכטערונג. אין הארצן איז געווען אַן אומרויִקייט. אפשר האָט מען צופיל געררעדט אויף דער „סלעדסטוויִע". גערשנזאָן האָט אַלע־מען באַרויִקט: „איצט איז אַלץ אויסגעגלעטיקט, אַלץ אויפן אָרט. אַלץ ווי עס געהערט צו זיין"... דאָס האָט ער געמיינט, אַז מיר האָבן באַשיצט דעם כבוד פון דער פּאַרטיי.

דער פסק־דין

די ריכטער האָבן זיך „באַראַטן" אַזוי פיל צייט, וויפל עס דאַרף געדויערן אויפעסן אַ מיטיק פון דריי געריכטן און פאַרגיסן מיטן ביטערן טראָפּן.

ווען מ'האָט אונדז געמאָלדן אַז מ'האָט אונדז פאַרמשפּט צו צען יאָר פאַר־לירן די פרייהייט, איז ווי אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן. מיר האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעהערט אין קאַמער וועגן אַכזריות און אומשולדיק־אומגעבראַכטע, אַז ס'וואָלט נישט געווען קיין ווונדער ווען מ'ליקווידירט פיזיש אַזאַ מין ציוניסטישע נעסט.

נאָכן פסק־דין האָט מען דערלויבט די קרובים איבערגעבן אונדז פּאַקעטן מיט פּראָדוקטן. איך האָב זיך גענומען צוזאַמען מיט רחלען צו צעטיילן דאָס פּעקל מיט פּראָדוקטן, וואָס די מאַמע האָט אונדז געשיקט. הינטער אונדזערע פּלייצעס זענען שוין געשטאַנען אונדזערע היטערס מיט רויטע דענקעס אויף די היטלען און אומגעדולדיק אונדז צוגעאיילט. מיר האָבן בכיוון כדי צו פאַר־לענגערן דאָס צוזאַמען זיין, לאַנגזאַם געטיילט זיך מיט די צוגעשיקטע פון דער פריי צעשניטענע פּענעצלעך וווּרשט, קעז, ווייס ברויט, עפּל, פּאַמידאָרן, אוגער־קעס אַ קוק געטאָן איינער אויפן צווייטן. מיר האָבן זיך צעקושט אָבער אין

קעגנוואַרט פון אַזעלכע באַוואָפנטע עדות האָבן די ליפּן געציטערט ווי פון קעלט און די הערצער האָבן געברענט פון ווייטיק און פּאַרדראָס.

אָפּגעריסן זיך איינער פון אַנדערן אויף גאַנצע צען יאָר, און ווער ווייסט וואָס וועט ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג? איך פיל נאָך היינט, ווי מיט דריי און דרייסיק יאָר צוריק, דעם ווייטיק און דעם צער, נישט אַזוי מיינעם, ווי רחלס. ווי וועט דאָס ריינע צאַרטע אײדל־פּאַפּיר צעקנייטשט ווערן אין די גראָבע מגושמדיקע הענט פון די „וואַכראָווצעס"...

עס האָט אַ גאַליקע ביטערניש זיך צעקראָכן אינעווייניק אין די געדערעם ווען איך האָב זיך צוגערירט צום שפּייז. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט די עלנטע מאַמע דאָרט, ווי זי שטייט און וואַרט אַ גאַנצן טאָג, כאָטש אַ רגע אַ קוק צו טאָן מיט אַ געזעגענונגעם שמייכל אויף די ווייַנענדיקע ליפּן. איך האָב מיט אַ מאָל באַקומען מוט און אָנגעשריבן מיין רחלען אַ קורצן צעטל אויף רוסיש: „רחלע! צען יאָר איז גאָרנישט אַזוי פיל. זיי וועלן דורך און מיר וועלן זיך ווידער זען".

מאָדנע. נאָר נאָך דעם ווי איך האָב אָנגעשריבן די ווערטער אויפן פּאַפּיר, האָט זיך ביי מיר אָנגעצונדן אַ פונק פון האָפענונג, וואָס האָט געגליט גאַנצע צען יאָר.

פון געריכט האָט מען אונדז אַרויסגעפירט דורך אַ הינטערגאַנג אין עפעס אַ געסל. דאָס איז געווען דאָס לעצטע טעמפּע ווינקל פונעם שיינעם לענינגראַד, מיט וועלכן מיר האָבן זיך צעשיידט אויף צענדליקער יאָרן.

6. דאָס דערציילט רחל מאַכלין

„אין יענער וועלט"

נאָך דעם ווי מ'האָט צוגענומען וועלוולען (דעם 13טן מאַי 1937) האָב איך יעדע נאַכט געוואַרט אויף „זיי". איך פלעג נישט גיין שלאָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב נישט געוואָלט זיי זאָלן מיך איבערראַשן. איך האָב געוואָלט זיין גרייט, זיי זאָלן מיך נישט טרעפן שלאָפנדיק. ענדלעך דעם 2טן יוני ביי־נאַכט איז עס געשען. נאָך האַלבער נאַכט. אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר. איך מיט דער מאַמען האָבן זיך שטום איבערגעקוקט. מיר האָבן ביידע גלייך פאַרשטאַנען — דאָס זענען „זיי". זיי זענען געקומען נאָך דער נשמה. דער „אָביסק" (די אונטערזוכונג) איז געווען אָן אויבערפלעכלעכע, ווייל זיי האָבן שוין געניש־טערט, ווען מ'האָט צוגענומען וועלוולען. אַרום צוויי ביינאַכט האָט מען מיר באַפוילן: מאַך זיך גרייט אין וועג אַריין! נאָך היינט הער איך און עס רייסט אין האַרצן דאָס שטילע געוויין פון מיין מאַמען, וואָס איז געבליבן עלנט, צעבראָכן, איינע אַליין. מיין ברודער, איר איינציקער זון בן־ציון, איז געווען אויפן ווייטן מזרח אין דער סאָוועטישער אַרמיי.

מיר זענען געפאָרן אין אַ יוני נאַכט דורך לענינגראַדער גאַסן אונטער דעם גרינלעך־בלוילעכן שיין פון דער ווייסער נאַכט. קיין מאָל האָט מיר לענינגראַד נישט אויסגעזען אַזוי ליב און שיין. ענדלעך זענען מיר געקומען צום גרויסן הויז אויף „שפּאַליערקע". מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן, און ווי מיר האָט זיך געדאַכט, האָט מען מיך גאָר לאַנג געפירט דורך אַ לאַבירינט פון קאָרידאָרן מיט פאַרמאַכטע טירן פון ביידע זייטן. מיר האָט זיך געדאַכט אַז באַלד וועט מען מיך אַריינשטופּן אין אַזאַ טיר און איבערלאָזן אין אַ נאַסן פינצטערן קעלער מיט אַ בינטל שטרוי אין ווינקל, ווי עס שרייבט זיך אין די אַלטע ראָמאַנען, נאָר דאָס איז געווען נישט קיין אַלטער ראָמאַן, נאָר אַ נייע סאָוועטישע טורמע. אָט האָט מען זיך אויפגעהויבן און ענדלעך אַריין אין אַ גרויסן צימער מיט בעטלעך. ס'איז געווען ליכטיק, ריין. עס זענען דאָרט געווען צען אַרעסטאַנטקעס, איך בין געווען די עלפטע. מיר האָבן זיך באַקענט. קיינער האָט נישט געקענט זאָגן געענוי, פאַר וואָס איז מען גענומען געוואָרן. די ערשטע וואָכן זענען דורכגעגאַנ־

געז תפיסהדיק „רויִק”. כדי זיך אַ ביסל צו פאַרגעסן און נישט צו ווערן פאַר־ גליווערט אין דער פוסטער צייט, האָבן מיר געשאַפן צוויי קרייזלעך אויף לערנען ענגליש; פון דער תפיסה־ביבליאָטעק האָט מען אַרויסגעגעבן לערן־ביכער. די „אידיליע” האָט נישט לאַנג געדויערט. ביסלעכווייז האָט זיך די קאַ־ מער אָנגעהויבן צו פאַרפולן מיט אַלץ פרישינקע אַרעסטאַנטקעס. ס'האָט שוין נישט געקלעקט אַלעמען קיין בעטלעך, איז מען געשלאָפן אויפן דיל. דערנאָך אויך צו צוויי אויפן שמאָלן אייזערנעם בעטל. דערנאָך האָט מען געמאַכט נאַ־ רעס און מ'איז געשלאָפן אויף די נאַרעס און אונטער די נאַרעס. צו אויגוסט־ סעפטעמבער 1937 איז מען געזעסן און געשלאָפן צונויפגעדריקט ווי הערינג אין אַ פעסל. דאָך האָבן מיר די לימודים אין די קרייזלעך פאָרגעזעצט. איין קרייזל איז געווען פאַר אָנפאַנגער, דאָס צווייטע פאַר די, וואָס האָבן שוין עפּעס געקענט. די קרייזלעך זענען נישט אָפיציעל געווען דערלויבט. די „סלע־ דאָוואַטעלעס” האָבן געווּסט (פון דער קאַמער־אַגענטור), ווער עס לערנט זיך אין די קרייזלעך און אויף די אויספאָרשונגען פלעגן זיי „ליבנסווירדיק” אויספרעגן, ווי גייט עס מיט אונדזערע ענגלישע לימודים. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַן אומפאַרשטענדלעכער ליבעראַליזם. אויף דער פריי פלעגט מען קוקן מיט חשד אויף די, וואָס לערנען אויסלענדישע שפּראַכן. מ'האָט זיך געהיט אין טראַמוויי, אין אויטאָבוס לייענען אַ בוך אויף אַ פרעמדער שפּראַך. מיר האָבן אַפילו צונויפגעשטעלט אַ רוסיש־ענגלישן ווערטערבוך. יעדער פון אונדז האָט געהאַט רעכט איינצוקויפן דורך דער אַדמיניסטראַציע פון טורמע־געוועלב פּראָדוקטן, און די גאַנצע קאַמער האָט אונדז אָפּגעגעבן דאָס גראָבע טונקעלע פּאַפּיר, מיט וועלכן ס'זענען געווען איינגעוויקלט די פּראָדוקטן. פון כשרע פע־ דערן, וואָס כשרע טויבן פלעגן פאַרלירן אויף אונדזערע פענצטער, האָבן מיר געמאַכט פעדערן צו שרייבן און טינט האָבן מיר צוגעגרייט פון קאַרבאָן (קוילן), וואָס עס פלעגט אונדז צוטיילן דער טורמע־דאָקטער. ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, די סופרים ביי זייער מלאכת הקודש, האָבן מיר דאָ אויף אונדזער פאַר־ מעט מיט טויבן־פעדערס צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנץ היפּשן ווערטערבוך פון עטלעכע הונדערט ווערטער, אַזוי אַז ס'איז געוואָרן שווער אים אויסצובאַהאַלטן. יעדן באָדטאָג פלעגט מען מאַכן ביי אונדז אָביסקן (אונטערזוכונגען). שפּעטער, אַז ס'זענען געוואָרן מער מענטשן, האָבן מיר מורא געהאַט, אַז אונדזער אומ־ שולדיקער ווערטערבוך זאָל נישט אונטערגעטראָגן ווערן דער „סלעדסטוויע” אַלס עפּעס אַ מין „קאָד”, און מ'וועט זיך אָנכאַפּן אָן דעם, האָבן מיר דעם ווערטערבוך פאַרניכטעט. מיר פלעגן אויך לערנען היפּש אויף אויסנווייניק פון דער רוסישער ליטעראַטור. מיר האָבן אויסגעלערנט דאָס ערשטע קאַפּיטל פון פּושקינס „יעווגעני אָניעגין”. איך פלעג זיך דערמיט פלייסיק פאַרנעמען, חזרן

פּושקינען, ווען איך פּלעג שטיין ביי די סלעטאָוואַטעלעס אין קאַבינעט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

אויף שפּאַלערקע איז געווען נישט קיין שלעכטע ביבליאָטעק. די ערשטע צייט האָט מען געגעבן ביכער אַלעמען. דערנאָך האָט מען געגעבן נאָר יענע, וועמען דער „סלעדאָוואַטעל" האָט דערלויבט. (דאָס איז אויך געווען אַ רעפּרע־סיוו מיטל).

ווער זענען עס געווען די „שונאים פון פאָלק", מיט וועלכע מ'האָט מיך פאַרשפּאַרט אין תפיסה? שווער מיט איין וואָרט צו דעפינירן. אַ גאַנצע מאַסע מענטשן, פאַרשיידן לויט זייער עלטער, פּראָפעסיע, רייפקייט, קולטור, פּאָליטישע איבערצייגונגען אָדער גאָר אָן איבערצייגונגען. ס'רוב איז עס געווען אינטע־ליגענץ, אַזוי גערופענע „פרייע פּראָפעסיעס", אָנגעשטעלטע, העכערע אָדער מיטעלע באַאַמטע, ווייניקער אַרבעטערינס. אַלעמען האָט פאַראייניקט איין באַוווסטזיין — דער באַוווסטזיין פון אומשולדיקייט און אַ האָפענונג, אַז דאָס איז אַ מיספאַרשטייעניש, וואָס וועט אין גיכן אויפגעקלערט ווערן און ס'וועלן זיך עפענען די טירן צו דער פריי, מ'וועט לאָזן צוריק זיין מיט קינדער, מיט דער אַרבעט, מיטן דרויסן און מיט דער אייגענער שטוב. יענע, וועלכע זענען שוין געזעסן לענגער, האָבן שוין געוווּסט, אַז פון דאַנען גייט קיינער נישט אַרויס.

צווישן די אָנגעקומענע זענען געווען אַ סך „ווייבער" פון „מענער", וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן. דאָס זענען געווען ווייבער פון אָנגעזעענע רעגירונגס־באַאַמטע און פּאַרטיי־טוער. דאָ זענען אויך ווייבער פון מיליטער־לייט מיט העכערע ראַנגען. די ווייבער האָט מען גענומען גלייך נאָך זייערע מענער, ווייל זיי, די ווייבער, האָבן געזאָלט וויסן וועגן די פאַרברעכנס פון זייערע מענער און האָבן נישט געגעבן צו וויסן וועגן דעם וווהין מ'דאַרף.

די „פּאַראַנטוואָרטלעכע" ווייבער האָבן זיך ס'רוב געהאַלטן פון אונדז אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ. זיי האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף יענע, וואָס קענען זיך נישט באַרימען מיט אַ הויכן ייחוס, ווי אַ גלאַוונער, אַ זאַמעסטיטעל, אַ פּרעדסעדאַטעל, אַ פּערזענלעכער סעקרעטאַר און אַפילו אַ... גענעראַל. די שיין פון די געוועזענע שיינענדע פּערזענלעכקייטן איז דאָ געפאַלן פאַרשטייט זיך אויף זייערע ווייבער און זיי האָבן נישט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן צו אונדז, פּראָסטע זינדיקע נפשות, וואָס קענען נישט באַרימען זיך מיט אַזאַ הויכגע־שטעלטן ייחוס. זיי האָבן ליב געהאַט צו שיטן מיט הויכגעשטעלטע נעמען, דער־ציילן וועגן זייערע רייכע דירות, שיינע טואַלעטן, זומער־טורנעען אין לאַנד און אין אויסלאַנד מיט די מאכלים און געטראַנקען, וואָס מ'האָט דאָרט פאַר־זוכט. מ'האָט זיך דערמאָנט פּיקאַנטע געשיכטעס אָדער אַ ביסל פאַנטאַזיעס, עס

זאָל זיין אינטערעסאַנטער. פרויען פלעגן זיי אויסהערן פּאַרגאַפטע, ווער מיט נאַיִוועער אַנטציקונג, ווער מיט פאַרדראָס און קנאה. דער טשאַד פון די אַלע געשיכטעס וועגן דעם געוועזענעם,שיינעם לעבן האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. מ׳האָט זיך באַלד דערמאָנט אין דער גרויער ווירקלעכקייט, אין דער חרוב־געוואָרענער היים. מ׳האָט זיך דערמאָנט אין די קינדער. אַז מ׳האָט צוגענומען מאַן און ווייב, פלעגט מען קליינע קינדער אַוועקשיקן אין ספּעציעלע קינדער־היימען. דער גורל פון די אַכצן־יעריקע איז געווען אַן אומבאַשטימטער און אַ שווערער. די וואָס האָבן זיך געלערנט אין הויכשולגן, פלעגט מען אויסשליסן, מען פלעגט זיי שיקן אויף שוואַרץ־אַרבעט, אָדער זעלטן לערנען עפּעס אַ פאַך (סטאַלין האָט דאָך געוואָרפן זיין באַרימט וואָרט: „אַ זון איז נישט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר זיין טאַטן!). מיט אונדז אין קאַמער איז געזעסן אַ מיידל פון 17 יאָר נאָר דערפאַר, ווייל איר פאָטער איז געווען אַרעסטירט. אַזוי פלעגט מען נישט זעלטן אויך פון קינדער מאַכן לאַגערניקעס.

די „פאַראַנטוואָרטלעכע ווייבער" האָב איך דערנאָך געזען אין לאַגער. זיי האָט מען ס׳רוב געהאַלטן באַזונדער אין אַן אָפּגעצוימטן טייל פון לאַגער, נאָר געאַרבעט האָט מען צוזאַמען. פיל פון זיי זענען געוואָרן אין גאַנצן דע־מאָראַליזירט. צוגעוווינט צו אַ לייכטן פּאַרזיכערטן לעבן אויף דער פריי, זענען זיי געגאַנגען אויף אַלץ, כדי לייכטער צו מאַכן זיך דאָס שווערע לעבן און אויסדויערן, אויסדויערן פאַר יעדן פּרייז.

די מענער פלעגן בעטן זייערע פרויען, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זיי, כדי מען זאָל זיי לאָזן ביי די קינדער. אַזעלכע ווייבער האָבן מיר דערנאָך באַגעגנט מיט זייערע „אָפּגעזאָגטע" מענער אין פאַרשיקונג. אָבער דאָס זענען געווען זייער ווייניק און די גליקלעכסטע.

דאָס רוב פרויען, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון די לאַגערן אָן די מענער, האָבן שוין געטראָפן די היים אַ חרובע, די קינדער — פאַרפרעמדטע. וועגן די מענער האָט קיינער נישט געוווּסט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

וואָס האָבן געטראָפן די מאַמעס אין יאָרן אַרום, די, וואָס מ׳האָט זיי אָפּ־געריסן פון גאָר קליינינקע קינדער? אָט שטייט זי פאַר מיינע אויגן, אונדזער חברטע מאַזיאַ, וועלכע איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף פיר יאָר לאַגער. אַ קליי־נינקע, אַ דאַרינקע מיט גרויסע שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן האָט זי געקענט טראַכטן און ריידן נאָר וועגן איר קינד. זי האָט נישט געוויינט, נאָר דער גאַנ־צער צער אירער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע שיינע שוואַרצע אויגן. אין „פּערעסילקע" פלעגן די באָבע און דער זיידע ברענגען איר צו דער „סווידאַניע" אין טורמע איר פּיצל קינד — אַן אָנדערטהאַלבן־יעריק לעבעדיק יתומהלע...

דאָ אין קאַמער האָבן מיר דורכגעלעבט אַ שווערע נאַכט. די קאַמער אונד־זערע און אַלע שכנותדיקע זענען פלוצעם אויפגעריסן געוואָרן פון שלאָף. דאָס האָט געשריגן אַן אויפגעבראַכטע איינע אַ „בייענקע", וואָס מ׳האָט נאָר וואָס געבראַכט. דאָס איז געווען אַ יונגע פרוי, אַ שלאַנקע, אַ קרעפּטיקע מיט צוויי לאַנגע דיקע צעפּ. זי האָט הויך אויפן קול מיט האַרץ פּראָטעסטירט. דאָס איז געווען אַ מאַמע, וועמען מ׳האָט אָפּגעריסן פון אַ זויגקינד. די מילך האָט איר געשפּאָרט פון דער ברוסט. ביי אַלעמען האָט זיך געריסן פון האַרצן אַן אויפ־ברויז פון פּראָטעסט. אָבער די תפיסה־ווענט זענען שטיינערנע, און פאַר־שטיינערט זענען די הערצער פון סטאַלינס משרתים.

פאַר די אַנדערטהאַלבן יאָר תפיסה האָב איך אין קאַמער געזען און גע־רעדט מיט פיל פרויען. אַ סך פון זיי זענען געווען סאָלידע קאָמוניסטקעס מיט היפּשן פּאַרטיי־סטאַזש. זיי האָבן אַ ביסל געעפּנט פאַר מיר דעם פאָרהאַנג און געוויזן עפּעס מאחורי־הפּרגוד. דער „עפּעס" האָט מיך איבערראַשט.

אָט האָט למשל אַן עלטערע פרוי, אַ לאַנגיאָריקע באַלשעוויטשקע, וועלכע האָט פאַרנומען אין לענינגראַד אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן, פאַר מיר אַנטדעקט אַ שרעקלעכע נייס, אַז קיראָוון האָט מען דערהרגעט מיט סטאַלינס וויסן און טאַקע פון אים שטאַמט די פּראָוואָקאַציע. סטאַלין האָט אָפּגערוימט קיראָוון, וואָס איז געווען צו פּאָפּולער און באַליבט ביי די אַרבעטער און געקענט פּרע־טענדירן אויף סטאַלינס אָרט. אַלס כלומרשט שולדיקע אין קיראָווס טויט, האָט ער אָפּגערוימט פיל קאָמוניסטן, וואָס האָבן געקענט שטערן זיין הערשאַפט. „מעשה קיראָוו" איז געווען ביי סטאַלינען אַן אויסרייד פאַרן מאַסן־טעראָר אין דער פּאַרטיי. אַזאַ פאַרטרוילעכן שמועס האָט מען שוין געקענט פירן נאָר נאָך דעם, וואָס מ׳איז דורכגעגאַנגען „די סלעדסטוויע". דאָס איז געווען אין פּערע־סילקע, שוין נאָכן געריכט. אַ פּנים אַז די „סלעדסטוויע" האָט געווירקט אויף דער אַלטער פּאַרטיי־טוערין, און זי האָט זיך געוואָגט אַרויסריידן פאַר אַן „אומ־פּאַרטייישער" דאָס וואָס איז געווען פאַרבאָרגן מיט זיבן שלעסער.

אין קאַמער האָב איך זיך געטראָפן מיט אַן עלטערער פרוי, וועלכע האָט געלעבט צוואַנציק יאָר אין דער משפחה פון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ. געהייסן האָט זי אָלגאַ לעאָפּאָלדאָוונאַ. מ׳האָט זי געבראַכט אין קאַמער אויף אַ טראָג־בעטל. זי האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ. נאָך זייער אַ שיינע, מיט אַ מאַיעסטעט־טישער פיגור, האָט זי צו זיך צוגעצויגן מיט איר האַרציקער וואַרעמער באַציונג צו מענטשן. זי האָט זיך געהאַלטן מיט זעלבסטווירדע אָבער נישט מיט גאווה. מיר האָבן זיך אינסטינקטיוו געצויגן צו איר. מיר פלעגן אויסמיידן ריידן פאַר איר וועגן דער היים, וועגן פרייהייט, כדי נישט פאַרשאַפן זיך און איר ווייטיק־לעכע איבערלעבענישן. מיר האָבן מיט אַלע כוחות זיך פאַרהאַרטעוועט, פאַר־

שטיינערט, אָבער זי האָט געאָטעמט מיט איין לופט מיט וואָלאָדימיר קאָראָלענקאָ, דעם גרויסן מענטשן־פריינד. אין איר איז געווען אַ שטיק פון זיין נשמה און פאַר איר האָבן זיך הערצער צעעפנט. איין מאָל זיצנדיק לעבן איר, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער היים. דערזען פאַר זיך מיינע אייגענע, לייבלעכע און איך האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין איבער דער דאָזיקער שוואַכקייט מיינער. אַלגאַ לעאָפּאָלדאָוונאַ האָט מיך כמעט ווי אויסגעמוסרט: „מען דאַרף זיך נישט שעמען מיט נאַטירלעכע מענטשלעכע געפילן. מען דאַרף זיך אַ מאָל אויסוויינען. דערפון ווערט לייכטער!"

זי האָט אונדז געזאָגט, אַז זי איז אַ מענשעוויטשקע לויט איבערציגונג. מ'האָט זי גאַנץ אָפט גערופן צום „סלעדאָוואַטעל". איין מאָל נאָך אַזאַ מין אַרויסרוף, ווען זי האָט זיך אומגעקערט אין קאַמער, האָבן מיר דערזען אויף איר לייב בלויע צייכנס. מיר האָבן ביי איר געפרעגט, וואָס דאָס באַטייט. זי האָט מודה געווען אַז מ'האָט זי געשלאָגן. זי האָט זיך נישט באַקלאָגט און נישט געוואָלט אַרויסווייזן שוואַכקייט. זי האָט אונדז וועגן דעם דערציילט אויסער־לעך רויִק אין געציילטע קאַרגע ווערטער. מיר זענען געווען איבערראַשט און נידערגעשלאָגן ווי האָט עס געקענט זיך אויפהייבן אַ האַנט אויף אַן אַלטער קראַנקער פרוי? אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מען זי צוגענומען. אַ סך שפּע־טער זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז זי האָט באַקומען פינף יאָר לאַ־גער. איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן... אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך צופעליק דערהערט אין לאַגער איר פאַמיליע־נאָמען און ווער־ליק מ'האָט מיר דערציילט, האָט זי אויסגעהאַלטן די פינף יאָר, אַרויס אויף דער פריי און איז אַפילו געווען אַ פאַרוואַלטערין פון קאָראָלענקאָ־מוזיי אין פּאָלטאַווע.

אַז מ'שלאָגט אַרויס „באַווייזן", אַז מען באַנוצט זיך אין דער „סלעדסטוויע" מיט פיזישע צוואַנגס־מיטלען, כדי אַרויסצובאַקומען ביי די אַרעסטירטע אונ־טערשריפטן אויף צוגעטראַכטע באַווייזן איז געווען אומגלויבלעך. אָבער דאָס וואָס מיר האָבן געהערט פון אַלגאַ לעאָפּאָלדאָוונע, האָט באַשטעטיקט אַ יונגע מיידל, וואָס איז געקומען פון דער „סלעדסטוויע" און דערציילט, אַז מ'האָט זי געשלאָגן זייער פיינלעך איבער די שפּיצן פינגער פון די פיס. אַלעמען איז באַפאַלן אַ שרעק. ווען די ווייסע נעכט זענען אַוועק, האָט מען אין אַנטקעגנ־דיקע באַלויכטענע פענצטער פון דעם מענער־קאָרפּוס, אויף איין שטאָק נידעריקער פון אונדזערן, געזען ווי אויף אַן עקראַן פאַרשיידענע סצענעס פון שלאָגן מענטשן... מענטשן מיט אַ גוטער ראיה האָבן דאָס געזען דייטלעכער און איבערגעגעבן אין קאַמער גענוי דאָס וואָס זיי האָבן געזען. מיר האָבן אויך גע־הערט געשרייען שפּעט אין דער שטילער נאַכט. אין דער קאַמער מיט מענטשן

אונטערן שלאָס, וואָס וואַרטן מיט גרויל אויפן גיהנום, האָב איך זיך דערפילט ווי אין גאָר אַן אַנדער וועלט, אין עפּעס אַ מין יענער וועלט.

ביי די ריטער פון „ריינעם אמת"

ווען מ'האָט מיך צום ערשטן מאָל אַרויסגערופן צום סלעדאָוואַטעל, האָב איך נישט געוווּסט, ווי דאַרף מען זיך האַלטן מיט אים. אין קיין שום פּאַרטיי־קרייזל האָט מען אונדז קיין מאָל נישט געלערנט, ווי אַזוי מען דאַרף ריידן און ווי אַזוי מען דאַרף שווייגן ביי אַ „סלעדאָוואַטעל". דאָס האָב איך געמוזט באַשליסן אַליין.

אָט פרעגט ער וועגן דער אומלעגאַלער טעטיקייט פון אונדז פּועלי־ציוניסטן נאָך דער ליקווידאַציע פון דער פּאַרטיי, וועגן באַגעגענישן, וועגן זעעכצן, ווּהין געפאָרן ווּהין געגאַנגען, וואָס געטאָן, וואָס, ווער ס'האָט געזאָגט, הכלל הונדערטער פּרטים פון זאַכן און פאַקטן, וואָס איך האָב שוין אפילו געהאַט פאַרגעסן. איך בין דאָך געווען אַן דערפאַרונג, ווי ענטפערט מען אַזוי, אַז ס'זאָל נישט זיין קיין סתירה צו דעם, וואָס אַן אַנדערער האָט שוין געזאָגט וועגן דעם פּרט, וואָס מ'פרעגט מיך. ביי יעדן וואָרט האָב איך מורא געהאַט, טאָמער נישט אַזוי. איך האָב זיך אַלץ נישט געקענט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז איך שטיי פאַר אַ „סאָוועטישן סלעדאָוואַטעל". איך האָב נישט געלייקנט, אַז מיר חברים פלעגן זיך אַ מאָל באַגעגענען ביי אַ גלעזל טיי, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרברעכן? מ'האָט דאָך דאָס נישט פאַרבאָטן? וועגן וואָס מ'האָט גערעדט, געשמועסט? מיר זענען דאָך פּערזענלעך געווען נאָענטע חברים, האָבן מיר געהאַט וועגן וואָס צו דערמאָנען. מיר האָבן געגוג טעמעס וועגן געשיכטע, פילאָסאָפיע, ליטעראַטור, קונסט און פאַר וואָס נישט יידישע געשיכטע, יידישע ליטעראַטור? מיר האָבן דאָך אונדזער נאַציאָנאַלע קולטור. קיינער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון זיינע איבערצייגונגען. איך האָב דערביי פאַרגעסן, אַז סטאַלין האָט געגעבן אַ דעפיניציע, אַז אַן „אַנדערש טראַכטנדיקער", דער, וואָס טראַכט אַנדערש ווי די „פּאַרטיי" זאָגט, איז שוין אַ פאַרברעכער און מען קען אים אפילו שיסן. און סטאַלין האָט געהאַלטן, ווי לודאָוויק דער XIV, „די פּאַרטיי דאָס בין איך!" איך בין גאָט, דיין גאָט, קיין אַנדערע געטער טאָרסטו נישט האָבן. אַלע האָבן געמוזט מעלה־גירה־זיין דאָס וואָס סטאַלין האָט געקייט.

די „דאָפּראָסן" ביזן געריכט זענען ביי מיר דורכגעגאַנגען נישט מיט שאַרפע פיזישע אויפצווינגונגס־מיטלען. ס'האָבן נאָר געפייניקט די לאַנגע שעהען אין די נעכט, וואָס מ'האָט געהאַלטן אָן שלאָף. די כסדרדיקע שפּאַנונג. איך האָב זיך געפילט ווי עס פילט זיך מסתמא אַ מויז, ווען מיט איר שפּילט זיך די קאַץ.

אויף יעדן וואָרט וויל מען מיך כאַפּן. אך פלעג נאָך אַזעלכע נעכט ליידן פון שאַרפן קאָפּווייטיק. אַן ערך אַ וואָך אָנדערטהאַלבן ביזן פּראָצעס האָט מען מיך אַרויסגערופן. ס'האָט אויף מיר געוואַרט אַ יוריסט און מיט מיר זיך דורכגעשמועסט וועגן אונדזער דיעלאָ, דאַכט זיך גענומען פון מיר אַן אונטערשריפט, אַז איך וויל ער זאָל מיך פאַרטיידיקן. דאָס האָט די מאַמע אים געשיקט צו אונדז, צו מיר און צו וועלוולען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס גרייט זיך אַ געריכט. (אַ סך פלעגט מען משפּטן דורך דער „טראָיקע"). ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרוס פון דער מאַמען און צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן פאַר אונדזערט וועגן. שוין נאָכן געריכט איז ער געקומען צו אונדז אין „פּערעסילקע" און דערציילט, אַז מ'האָט אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אין געריכט אונדז צו פאַרטיידיקן און ער האָט פאַר אונדז געשריבן אַן אַפּעלאַציע.

דריי טעג פאַרן פּראָצעס האָט מען געבראַכט דעם באַשולדיקונגס־אַקט. די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער. דאָ זענען געווען אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן, ווי ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען און פאַרבינדונג מיטן אויסלענדישן צענטער. איך האָב געמיינט, אַז דאָס מיינט מען שפּיאָנאַזש, אָדער מען קען דאָס מאַכן פאַר שפּיאָנאַזש. יענע צייט איז געווען מסוכן און דאָס האָט געקענט באַשטראָפט ווערן מיט טויט. וועגן זיך האָב איך עפּעס נישט געטראַכט; מיסתּם איז אין אונטערבאַוווסטזיין ביי מיר געווען דאָס, אַז איך אַלס פרוי בין פאַר זיי נישט אַזאַ געפערלעכער פאַרטיי־טוער אויף צו שיסן, אָבער די אַנדערע? וועלוול משהקע (געראַשיקאָוו) און עליע (גערשנזאָן)? און די איבעריקע? איך בין דריי נעכט נישט געשלאָפן. געווען אין דער טורמע־קאַרעטע שוין צוזאַמען מיט וועלוולען, אויפן געריכטס־באַנק דעם גאַנצן טאָג ווי אַ פאַרטשאַדעטע. ענדלעך... ווען מ'האָט אַרויסגעלייענט דעם פּסק־דין, האָט מיך פאַרפלייצט אַזאַ גליק — אַלע בלייבן לעבן. צען יאָר אין לאַגער. ערשט שפּעטער איז געקומען צו מיר דאָס געפיל פון דער שוידערלעכער פרייד, פון דעם גרויזאַמען גליק, וואָס איז אין די צען יאָר פון שענדלעכער קנעכטשאַפט... מיר, די פרויען, איך, טעמע און מאַזיאַ האָבן זיך געזעגנט מיט די חברים. קיינער איז נישט געווען אונטערדריקט, פאַראומערט. ס'האָט געהערשט אַ קעמפערישע שטימונג. אַלע זענען געווען אין אַן אויפגערעגטער פּראָטעסטירנדיקער שטימונג. אויף דער געריכט־קאָמעדיע האָט קיינער נישט אַרויסגעוויזן קיין הכנעה, זיך נישט געקלאַפּט על חטא. מיר האָבן זיך צעקושט מיט וועלוולען און ער האָט מיר געזאָגט אָן פּאַטאָס, נאָר אויסערגעוויינלעך פּשוט: מיר געזעגענען זיך צייטווייליק. מיר וועלן זיך נאָך זען. אויף מאָרגן האָב איך באַקומען אַ צעטעלע פון וועלוולען, אַז צען יאָר איז גאָרנישט אַזוי פיל צייט. איך זאָל זיך נישט זאָרגן. מיר וועלן דאָס אַלץ איבערקומען און מיר וועלן אָנהייבן אַ לעבן פון דאָס ניי.

איך האָב נישט געוווּסט, צי זאָל איך וויינען צי לאַכן. מיר זענען איבערגעקו־מען. אָבער דעמאָלט האָבן מיר נאָך געדאַרפט איבערקומען צען יאָר לאַגער, דער־צו האָט מען דאָך געדאַרפט אַ סך אָפּקומען יסורים און פּיין.

נאָך פּאַר דער „פּערעסילקע" בין איך איבערגעפירט געוואָרן אין אַ קליינער האַלב־פינצטערער קאַמער. דאָ זענען געווען דריי עלטערע פרויען — „ביטאָ־וויטשקעס", דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס מ׳האָט גענומען נישט פאַר קיין פּאָליטישע, נאָר פאַר שטייגערישע פאַרברעכנס. אין וואָס זיי האָבן געזינדיקט, געדענק איך נישט. זיי האָבן נאָך געוואַרט אויפן געריכט. דאָס זענען געווען שטילע רויִקע פרויען. מער פּויערישע איידער שטאָטישע. איז געקומען די קאָמאַנדע „שלאָפן", האָט מען נישט געקענט שלאָפן לויט דער קאָמאַנדע, פלעג איך זיי דערציילן דעם אינהאַלט פון ביכער, וועלכע איך האָב זיך דערמאָנט. זיי האָבן זייער ליב געהאַט צו הערן. פאַרשטייט זיך, וואָס מער געשעעניש, וואָס פאַרוויקלטער דער סיזשעט, איז אַלץ געווען אינטערעסאַנטער. באַזונדערס האָט ביי זיי אויסגענומען „גראַף מאָנטע קריסטאָ". בייטאָג פלעג איך זיך דערמאָנען וואָס מער עפּיזאָדן און פּרטים, און זיי פלעגן וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער קאָמאַנדע „שלאָפן", כדי זיך צו טרעפן ווידער מיט די העלדן פונעם ראָמאַן.

אין „פּערעסילקע" אין דער ענגשאַפט איז געווען שווער צו דערציילן ראָמאַ־נען און צונויפנעמען די געדאַנקען. דערפאַר איז געווען גוט צוזאַמען מיט די חברטעס טעמע גלויבערמאַן און אידאַ מאַזיאַ. אידען האָט נאָך די תפיסה נישט אַזוי פיל אויסגעמוטשעט. אָבער איר איבערלאָזן דאָס פיצל קינד איז געווען דער שרעקלעכסטער פּיין... טעמע גלויבערמאַן האָט שוין פאַרזוכט דריי יאָר לאַגער אין קאַטלאַס. ווען מיר האָבן פון דעם גיהנום געוואָלט פּטור ווערן, כאָטש אין לאַגער, וואָס האָט קענען דער „פּערעסילקע" אונדז זיך אויסגעמאָלן ווי אַ גן־עדן, האָט טעמע אַ ברייטן שמייכל געטאָן און אונדז „באַרויִקט", מיר זאָלן האָבן געדולד, „מע לעקט דאָרט נישט קיין האָניק".

כ׳האָב אין גיכן געהאַט אַ גרוס פון וועלוולען דורכן אַדוואָקאַט, וואָס האָט אונדז געשריבן אַפּעלאַציעס. כ׳האָב אויך געהאַט עטלעכע „פּערעדאַטשעס" פון דער מאַמען און... פּלוצעם האָט מען אונדז אַלעמען צוריקגענומען אויף „שפּאַ־לערקע" און די שפּיל פון „קאַץ און מויז" האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז די אויספאָרשונג האָט נאָך נישט אַלץ „אויסגעפאָרשט" און אַז מיר האָבן נאָך נישט אַלץ „אָפנהאַרציק" דערציילט וועגן... וועגן אונדזער „שפּיאָנאַזש"־טעטיקייט. מיר מוזן דאָ אויפקלערן און דערציילן וועגן אַלע „פאַר־בינדונגען", וואָס מיר האָבן געהאַט מיט די אויסלענדישע „רעזידענטן" מיט וועלכע און ווי אַזוי אַלץ געגנוי גלאַט ווי אויפן טעלער". דאָ איז עס זיי געגאַנגען אין לעבן צו קריגן פון מיר דאָס, וואָס עס דאַרף די „סאָוועטישע סלעדסטוויע".

מ׳איז שוין מיט מיר געוואָרן חוצפּהדיק־גראָב, אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע פון „סאָוועטישע ריטער״, מ׳האָט געשטעלט מיטן פּנים צום וואַנט און גענומען שאַנטאַזשירן מיט פאַרשיידענע דראָונגען און פּשוטן שווינדל. איין מאָל האָט פייגלשטיין מיט אַ כיטרען שמייכל אַרויסגענומען פון טיש־קעסטל אַ פּאַפּירל און דערמיט אַ פּאָכע געטאָן אין דער לופט, „אומזיסט שווייגט איר און לייקנט, איר ווייסט געוויס און איר ווילט נישט דערציילן דאָס, וואָס אייער מאַן האָט שוין דערציילט דער סלעדסטוויע. אָט וואָס ער שרייבט״. — ער האָט מיר געלייענט אַ כלומרשטן „ווידוי״ פון ווענלולען וועגן זיין שיפּאַנאַזש־טעטיקייט. נאָר פייגלשטיין איז געווען אַ שלעכטער פאַרפאַסער פון פאַנטאַסטישע ראָמאַנען... ער האָט מיר איבערגעלייענט אַזעלכע פאָרמולירונגען און אַזעלכע אומגעלומפּערטע אויסטערלישע אויסדרוקן, אַז איך האָב גלייך דערקענט ווער ס׳איז דער פאַרפאַסער פון דעם כלומרשטן ווידוי.

קיין ראַפינירטע פּסיכאָלאָגן זענען די סלעדאָוואַטעלעס נישט געווען. פייגלשטיין האָט נישט געפילט די מגושמדיקייט פון זיין „ווערק״, וואָס האָט בשום אופן נישט געקענט אַפילו ענלעך זיין צו ווענלולס סטיל. איך האָב אים געבעטן באַווייזן מיר ווענלולס כתב, אָדער כאָטש זיין אונטערשריפט, אָבער ער האָט עס גיך צונויפגעלייגט און אַ פּאַטש געטאָן איבער דעם מיט דער האַנט — „ס׳וועט קומען די צייט וועט איר זען!״ די צייט איז נישט געקומען און איך האָב דאָס נישט געזען. ער האָט נאָך זיין שאַנטאַזש געפּרוווט באַווייזן גבורות מיט „סטאָיקעס״. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז איך האָב שוין פאַרשטאַנען זיין כלומרשטע גוטהאַרציקייט. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין סאָוועטישער מזוזה וועט ער דעם שד נישט פאַרטרייבן. ער וועט זיך מער נישט דערשלאָגן פון מיר מיט זיין לאַקריץ־זיסער פאַלשער סאָוועטישער פראַזע, האָט ער מיך געהאַלטן לאַנג אויף די פיס מיטן פּנים צו דער וואַנט, און איך האָב געחזרט פּושקינס „יעווגעני אָנעגין״. איך בין דאַנקבאַר דעם גרויסן פּאָעט, וואָס האָט מיר געגעבן זיין אומשטערבלעך ווערק, איך זאָל זיך קענען האַלטן אויף די פיס אין אַזאַ עת צרה.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע לאַגער־עפּאָפּעע — אַ נייער „טשיילד־העראָלד״...

„מיסט פון דער געשיכטע״

וועגן אונדז וועט מען קיין לידער נישט זינגען,
קיין לעגענדעס נישט דערציילן... (לויט גאָרקי)

מ׳האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין אַ קאָלאָסאַלער שטייג, אָנגעפילט מיט אַ לעבעדיקער, פאַרגליווערטער מאַסע, וואָס האָט זיך אַמאָל געטיילט אויף באַזונדערע מענטשן. דריי צי פיר־שטאָקיקע נאַרעס. די ברייטע פאַרגראַטעוועטע פענצ־

טער, דער צעמענטירטער דיל, אַלץ איז געווען באַקלעפּט מיט דער דאַזיקער מאַסע. שטיקלעך פון דער דאַזיקער מאַסע האָבן אויך אַראָפּגעהאָנגען פונעם סופיט אויף ברעטלעך , צוגעפעסטיקטע מיט צוויפגעפלאָכטענע האָנטעכער צו האַקנס פון די באַלקנס. די וואָס זענען געשלאָפן ווי אַ בויגן אויפן פענצטער, און אַרונטערגעהאָנגען פונעם סופיט זענען געווען די גליקלעכסטע. קיינער האָט אויף זיי נישט געטרעטן, אויף זיי נישט געשפיגן, נישט פאַרוואָרפן מיט מיסט. אָני הקטן האָב זיך קוים אַריינגעקוועטשט און זיך צוגעקלעפּט צו דער דאַזיקער מענטשן־מאַסע, געוואָרן אַ שטויבעלע אין דעם דאַזיקן אָנגעוואַלגערטן באַרג מיטן „מיסט פון דער געשיכטע״.

שווער איבערצוגעבן דעם צושטאַנד. דאָס האַרץ איז שווער באַלאָדן און אין מוח איז פוסט. אַלץ איז ווי אָפּגערוקט געוואָרן ווייט, ווייט, דער געדאַנק איז ווי בלינד, זעט גאָרנישט, קען גאָרנישט אָנטאַפּן, אַלץ איז נאָר געווען און איז מער נישטאָ. איך בין אויך נישטאָ. די שרעקלעכסטע מאָמענטן פון פאַרגעסן זיך אַליין... אַ גליק איז געווען, וואָס אַ שטיקעלע „עפּעס״ פון מיר האָט זיך דאָך אומגעקערט צו מיר. לענגער און אָפטער האָט אַזאַ „פאַרגעסונג״ מיך געפייניקט און געווען נאָענט צו „שטילער משוגעת״ שפּעטער, ווען איך האָב דערזען דעם „טרערן־אינדזל״ „קאָלימאַ״ (נאָר וועגן דעם שפּעטער!).

צי בין איך געשלאָפן די נאַכט צי נישט, געדענק איך נישט. צום „פּאָדיאָם״ האָב איך לעבן זיך דערזען דעם חבר ראובן פּאַלאָוויעץ. דאָס איז געווען אַ פּשוטער חבר, אַ שוסטער. איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין 1925טן יאָר אין דער קרימער חלוצים־קאָמונע תל־חי. איינער פון די פּועלי־ציון־גרופּע אין דער קאָמונע (מיט אים אין דער תל־חיער פּועלי־ציון־גרופּע איז אויך געווען דער חבר פעסין, וועלכער איז איצט אין באר־שבע). אין 1930 האָבן מיר אים מיטן חבר באַליאַסנע באַגלייט קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך אין אַ קורצער צייט אַרום צוריקגעקערט קיין לענינגראַד און איצט צוזאַמען מיט אונדז געמשפּט געוואָרן. מיט ראובן פּאַלאָוויעץ האָבן מיר זיך געהאַלטן צוזאַמען אין דעם דאַזיקן געזעמל. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געהאָלפן איבערטראָגן די שווערי־קייטן, זיך דאַרטן צו באַוועגן. ער האָט מיר געהאָלפן זיך אַרויסצוציען פון דער „פאַרגעסונג״. ער האָט מיר דערציילט פון דעם לעבן זיינעם אין ארץ־ישראל. ס׳איז דעמאָלט געווען אַ שווערע צייט, און ער מיט באַליאַסנע האָבן נישט אויס־געהאַלטן. מיר האָבן איינער דעם אַנדערן געהיט די זאַכן, ווען עמעצער פון אונדז האָט זיך דורכגעריסן צו נאָענטע חברים. איך פלעג זיך דורכרייסן צו עליען (גערשנזאָנען) צו משהקען (גערטשיקאָוון). צו די ברידער אַפּינאָווסקי (רפאל און מיכאל). מיר האָבן איינער דעם אַנדערן געוואָלט עפּעס זאָגן. ס׳איז אַלץ געווען פריש דער עבר. דער עתיד איז געווען אונטער אַ שוואַרצער פינצטערער

כמאַרע. פאַר אונדז איז געקומען אַ שווערע צייט. „לאַנג וועט דויערן דער ווינ־טער, צו זומער איז נאָך ווייט" (אַברהם רייזען).

הימלשטויב, דער חבר פון „החלוץ", האָט גיך צוריק באַקומען לשון, זיך פאַרקליבן אויף דער אויבערשטער נאַרע און געהאַלטן לעקציעס אויף פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע טעמעס. דאָס איז געווען זיין פּראָפעסיע און דאָס האָט אים גע־געבן אַ פּיצעלע אילוזיע, אַ זכר פון דער פאַרלוירענער פרייער וועלט. די לעק־ציעס האָט ער געלייענט, פאַרשטייט זיך, אין אַ הויך פּאַטריאָטישן גייסט; ווען עמעצער אַ זייטיקער מענטש זאָל זיך צוהערן צו אַזעלכע פּאַטריאָטישע לעקציעס, וואָלט ער נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס האַלט מען אונטערן שלאָס אַזעלכע סאָ־וועטישע מענטשן?

אויב מיך נאַרט נישט דער זכרון, האָט אויך משהקע גערטשיקאָוו געלייענט עפּעס אַ לעקציע וועגן דער צוקונפט פון דער בייעסטער כעמיע. ס'זענען געווען ביי אים וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויף דעם געביט.

אין דעם אַלגעמיינעם גערויש האָבן די לעקציעס געקענט הערן נאָר עטלעכע צענדליק מענטשן. סיי ביי די צוהערער, סיי ביי די לעקטאָרן איז עס געווען אַ פאַרצווייפלטער פּרווו אַוועקצוגיין אין עפּעס אַן אַנדער וועלט, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך כאָטש במחשבה און כאָטש אויף אַ ווײַלע די פינצטערע תּפיסה.

אין פאַרלויף פון טאָג פלעגט מען אַרויסרופן לויט רשימות פיל מענטשן אויפן עטאַפּ אין די לאַגערן. פיל מאָל אין טאָג האָבן זיך אויפגעעפנט די ברייטע פאַרגראַטעוועטע טויערן און אַריינגעוואָרפן פריש אַרעסטאַנטן־פלייש, באַפּעקלטע מענטשן. דער טויער־היטער פלעגט דערביי שטענדיק אַ זאָג טאָן מיטן געוויינ־לעכן נוסח: „סטאַראָסטע, נעם אויף די געסט!"

אויפן דריטן צי פערטן טאָג האָט מען מיך פלוצעם אַרויסגערופן און מען האָט מיך אַריינגעפירט אין עפּעס אַ צימערל. דאָרט האָט אויף מיר געוואַרט אַן אַדוואָקאַט, אַ מיטגליד פון דער קאָלעגיע פאַרטיידיקער טשודנאָווסקי, אַ געלער צי אַ בלאָנדער, פון העכסטן וווקס, אַ ברייטפּלייציקער, מיט רויִקע, שמייכלענ־דיקע אויגן. ער האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פון דער מאַמען און פון רחלען. ער איז געווען ביי איר אין טורמע און פון איר געקומען צו מיר, געזאָגט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיין ביי איר. געשיקט צו אונדז האָט אים די מאַמע. ער האָט אונדז פאַרגעלייגט אָנשרייבן אַן אַפּעלאַציע צום העכערן געריכט. איך האָב מורא געהאַט, טאָמער וועל איך מאַכן ערגער. ער האָט מיך באַרויִקט, אַז דאָס געזעץ דערלאָזט נישט אַזאַ מעגלעכקייט. אַזאַ מעגלעכקייט קען נאָר זיין, ווען דער פּראָקוראָר אַפּעלירט.

ער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז ער האָט זיך באַקענט מיטן באַשולדיקונגס־אַקט און מיטן פּסק־דין, און ער געפינט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום גרונד אין

דער גאַנצער באַשולדיקונג, אַז לויטן געזעץ האָט מען אונדז אויפן סמך פון דער באַשולדיקונג נישט געקענט משפּטן. ער האָט מיר אַנגעוויזן אויף דער שטעלע פונעם פּסק־דין אַז „די פּראַקטישע טעטיקייט פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער ציוניסטישער טעטיקייט איז באַשטאַנען דער עיקר אויפצוהיטן די קאַדרען", דאָס הייסט אַז די באַשולדיקונג האָט נאָך אַלע פּראָטאָקאָלן מיט די „אָפּנהאַרציקע" באַווייזן נישט באַקומען גאַרנישט וועגן קאָנקרעטע מעשים, פאַר וועלכע מ'זאָל קענען באַשטראָפן. אויסער דעם איז פאַראַן אַ סתירה, וואָס איך האָב אַ סך שפּע־טער דערזען. אויב ס'איז טאַקע אמת, אַז מאַזיאַ און הימלשטויב האָבן געגעבן מאַכלין־בלום אַן אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלן צ.ק. פון „פּועלי־ציון", פאַר וואָס איז אין דער באַשולדיקונג קעגן זיי נישט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם קיין איין וואָרט. דערמיט פאַלט דאָך במילא אָפּ די גאַנצע באַשולדיקונג. מיר איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. דאָס הייסט, אַז קיינער פון די חברים, מיר אַלע, האָבן נישט געגעבן קיין שום ממשותדיקעס וועגן וועלכער נישט איז טע־טיקייט. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַפּעלאַציע צום העכסטן געריכט, איך האָב אונטערגעשריבן. נאַיִווקייט! געזעץ, פּאַראַגראַפן, פּונקטן, פּראָטאָקאָלן, פאָרמו־לירונגען וכדומה — דאָס אַלץ האָט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג. ס'האָט נישט געשפּילט קיין ראָל וואָס מ'האָט געזאָגט, ווי אַזוי מ'האָט פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, ווי ס'איז פאָרמולירט און וואָס עס זאָגט דאָס געזעץ... דער „סלע־דאָוואַטעל" האָט אַלעמען געמאָלדן גלייך, באַלד פון אָנהייב, אַז קיין אומשולדיקע אַרעסטירט מען נישט. אויב מ'האָט שוין געבראַכט אַהער, וועט מען שוין געפינען פאַר וואָס. ס'זענען געווען פאַרשפּרייט די רוסישע שפּריכווערטער: „זאָל זיין נאָר אַ האַלדז אַ קאַמעט וועט מען געפינען". „דאָס געזעץ איז ווי אַ דישעל, ער גייט וווהין מען דרייט אים".

די „סלעדאָוואַטעלעס" האָבן פאַבריצירט ענינים לויט אַ באַשטעלונג. די געריכטן האָבן אַרויסגעטראָגן אורטיילן לויטן שאַבלאָן... מיר האָבן דאָס פאַר־שטאַנען, אָבער זיך אַליין איינגערעדט, אַז „עפּעס" איז דאָ „העכערס", וואָס קען העלפן. דער אַדוואָקאַט האָט מיך אויסגעלערנט שרייבן אַנקלאַגעס און איך האָב געשריבן גאַנצע צוואַנציק יאָר, ביז אונדזער רעהאַביליטאַציע בימי כרוש־טשאָוו...

פון אַדוואָקאַט בין איך געקומען צוריק אין דער שטיקנדיקער קאַמער, ווו די לופט האָט מען געקענט האַקן מיט אַ האַק. איך האָב זיך געמאַטערט אָן לופט ווי דער שפּיגל־קאַרפּ, וואָס איך פלעג לאָזן אַ לעבעדיקן אויסגיין אָן וואַסער — אַ רציחה מיט „צער בעלי־חיים". ערשט אין אַזעלכע ענגע תפיסות אָן לופט צו אָטעמען פילט מען ווי טייער ס'איז די פרייע לופט. די פרייהייט שעצט מען

ערשט, ווען מען פאַרלירט זי. דאָ אין דער שטייג האָט מען מיט אַ ביטערן שמייכל געזונגען:

איך ווייס נישט נאָך אַזאַ מין לאַנד,
וווּ דער מענטש אָטעמט אַזוי פריי.

דאָס איז געווען דער נישט אָפיציעלער הימן פון ראַטנפאַרבאַנד, פאַרפאַסט פון איסאַקאָווסקי (ווערטער) פון דעם יידן דונאַיעווסקי (די מוזיק), וואָס מ׳זינגט ביז היינט. אָבער אַ צווייטער ייד, אוֹוערבאַך. האָט זיי אויסגעכאַפּט און פאַרפאַסט דעם „הימן" פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס מ׳שעמט זיך זינגען מיט ווערטער. אין טורמע האָט איסאַקאָווסקיס „הימן" באַקומען זיין „תיקון" אַלס סאַטירע.

אין דער סאָוועטישער טורמע זענען נישט אָפיציעל געווען פאַרבאָטן פיל לידער פון פושקין, נעקראַסאָוו און פון אַנדערע אַלטע רעוואָלוציאָנער־דעמאָ־קראַטישע פּאָעטן. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויסגעלאַכט פונעם „פאַרבאָט" און גענומען זיי מיט זיך אין תפיסות, געלאַכט און געשטאָכן. „ויחד יתרו"...

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער 7טער נאָוועמבער — דער צוואַנציקסטער יאָר־טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין די תפיסות־וועגנט האָט אַרומשפּאַצירט אַ לעגענדע, וואָס האָט ביי אַ סך געוועקט האָפענונג (אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין דער שאַרף פון אַ שווערד), אַז סטאַלין האָט כלומרשט געמאָלדן אַז... „די ראַטנמאַכט וועט געבן אַזאַ אַמנעסטיע, וואָס די וועלט האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען". אַרעסטאַנטן וואַרטן שטענדיק, אַרעסטאַנטן האָפן שטענדיק. אַליין אומבאַהאָלפענע, קוקט מען אַרויס אויף הילף פון דרויסן. אפשר? שמועסט מען. אין שמועס האָט מען זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיצן פון וועלט־פּאָליטיק, אַראָפּגעלאָזט זיך צו די פונקטן און פּאַראַגראַפן פון קאָ־דעקס מיט וועלכע מ׳איז באַטיילט, מיט וועלכן פונקט מען קען און מיט וועלכן פונקט מען קען נישט באַפרייען. די פּאָליטישע „פּאָליטיקער" האָבן נישט געהאַלטן פאַר רעאַל אַ וועלכע נישט איז אַמנעסטיע פאַר די „פיינד פון פאָלק" (פּאָלי־טישע), אפשר וועט מען עפּעס וואָס צוואַרפן די „פריינד פון פאָלק" (קרימי־נעלע). אין דער פּרעסע האָט מען די קרימינעלע פאַרברעכער באַצייכנט אַלס „קלאַסן־נאָענט צו דער ראַטנמאַכט. דאָס איז געווען אַ „גלעט איבערן קעפּל". די פאַרברעכערישע עלעמענטן זענען עולה־לגדולה געוואָרן, אַלס הערשער איבער די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די תפיסות און אין די לאַגערן, און געוואָרן אַ מין צוגאָב צו דער אַדמיניסטראַציע, נישט־אָפיציעלע געהילפן.

דער דאָזיקער אָקטאָבער יום־טוב איז אין דער „פּערעסילקע" אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט אַ „דעמאָנסטראַציע" אין באָד אַריין. דאָס איז געווען דאָס גרעסטע פּלאָג. מיט פּעקלעך, זעקלעך, טשעמאָדאַנעס, מיט אַלע „בעבעכעס" זיך גע־

וויקט אין דרויסן אונטער קאַלטן רעגן געמישט מיט שניי, געשטאַנען כמעט אַ גאַנצן טאָג ביז ס'איז געקומען צו אונדז די רייע. אויפן וועג אין באָד אַריין זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען רויטע ריזיקע ציגלנע באַראַקן, וואָס זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט די קרימינעלע פאַרברעכער. פון די פאַרגראַטעוועטע אָפענע פענצטער האָט געשפּאַרט אַ פּאַרע. אויף די פענצטער זענען געשטאַנען די „פריינד" און געשריגן זידלווערטער: „טראָצקיסטי!, קאָנטריקי!" „זשידי"... טייל האָבן פון גרויס „פּאַטריאָטישן" התלהבות אַראָפּגעלאָזט די מכנסים און געוויזן זייער אויסגעזעסענעם טייל... פון אונדזער „באָד מאַניפעסטאַציע" האָט מען זיי געוויזן פייגן, „נאַט אייך אַמנעסטיע, נאַ־קאַ וויקוסי"...

ווי אין דער אַלטער צאַרישער צייט, האָט מען אָנגערייצט די קרימינעלע קעגן די פּאָליטישע. מ'האָט זיי „דערקלערט", אַז כלומרשט איבער די „קאָנטרי־קעס" האָבן זיי נישט געקריגן קיין אַמנעסטיע.

אַזוי זענען געגאַנגען טעג ווי נעכט און נעכט ווי טעג מיט „פּערעדאַטשעס", מיט צעטעלעך, אין וועלכע מ'האָט געזוכט רמזים אויף „עפּעס". איך האָב אויך געקריגן עפּעס אַ צוויי „פּערעדאַטשעס" מיט צעשניטענער בולקע, ווורשט, קעז, צוקער, קנאָבל, ציבעלע, וועלכע מיר האָבן געגעסן מיט מעל־צוקער. מ'האָט מיר אויך געשיקט וואַרעם וועש, געגרייט מיך פאַר סיביר.

נאָך דער אַמנעסטיע־לעגענדע, צי פאַר איר איז געגאַנגען די רייד וועגן איבערמאַכן דעם קאָדעקס און פאַרקלענערן אויף אַ העלפט די שטראָפן. דאָס האָט מען צוזאַמענגעבונדן מיט דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט גע־דאַרפט באַשטעטיקט ווערן דורך דעם אויבער־ראַט.

דער דאָזיקער אויבער־ראַט (דער ערשטער סאָוועטישער פּאַרלאַמענט), איז געוואָרן געווײלט דורך געהיימע וואַלן, באַגלייטע מיט מאַסן־רעפּרעסיעס. נאָך פאַר די וואַלן האָט סטאַלין דערקלערט פאַר אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, אַז ער זעט פאַר „אַ העפטיקן וואַל־קאַמף". כדי צו באַשטעטיקן זיין „פּראָגנאָז", האָט ער אָנגעפּאַקט די טורמעס. מ'האָט טאַקע געענדערט דעם קאָדעקס — די העכסטע שטראָף האָט מען פון צען געמאַכט פינף און צוואַנציק יאָר אָדער אַ שטיקל שפּי־ציק בליי... אין דער שטיל האָבן דרייסטע מענטשן וועגן סטאַלינען און זיין קאָנ־סטיטוציע געזונגען מיטן אַמאָליקן נוסח:

דערשרעקט זיך דער קייסער, גיט ער אַ מאַניפעסט
פרייהייט פאַר די מתים וואָס לעבן אין אַרעסט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דערווייל האָבן זיך געלאַנגווייליקט די טעג מיט שטיקעניש, מיט ביטערניש, מיט וואַרטעניש. זאָל שוין קומען דער לאַגער, אַבי אַ הימל מיט לופט. אַבי עפּעס אַנדערש. אייניקע וואָס האָבן שוין געפילט דעם טעם פון „לאַגערניקעס", האָבן אונדז געוואָרנט: „איר וועט נאָך בענטשן די „פּערעסילקע" ווען איר וועט פאַר־זוכן דעם לאַגער"... זיי האָבן דערציילט און מיר האָבן נישט געגלייבט. ס'קען דאָך נישט זיין, אַז סאָוועטישע מענטשן אין מונדירן פון וואַכראָווצעס זאָלן מסוגל זיין צו פּייניקן אייגענע סאָוועטישע מענטשן?... זיי האָבן דערציילט און מיר האָבן נישט געגלייבט, אַז „וואַכראָווצעס" דאָס זענען צוגעקליבענע טעמפּע, נישט דערגאַנגענע, „נישט דערבאַקענע" הוילע אַוטאָמאַטן, וואָס פּילן אויס אַלץ וואָס מ'באַפעלט". אין אַ קאַרצער אויף אַ צעמענטענער פּאָדלאָגע אין אַ ברענענדיקן פראָסט אַ נאַקעט־אויסגעטועטעם מענטשן צו פאַרפרירן?... מיר האָבן נישט גע־גלייבט. מיר האָבן נישט געגלייבט אין קאַטאָרזשנע אַרבעט אָן רו, אָן שלאָף, אָן ברויט... מיר האָבן נישט געגלייבט און באַשולדיקט די „לאַגערניקעס" אין רכילות, נאָר מיר האָבן זיך פאַרגעסן. „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו"... מיר האָבן געבויט פּלענער פון עפּעס אַ שעפערישקייט אויף צען יאָר אויף אַ ווייטן אינדזל.

פאַרן נייעם 1938טן יאָר, פּינקטלעך דעם 31סטן דעצעמבער האָט מען ווידער געטריבן אין באָד אַריין מיט האַק און פּאַק, אונדז אויסגעהונגערט, אויסגעפרוירן אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן, אומגעקערט זיך מידע כלומרשט אויסגעוואַשענע, זענען מיר געגאַנגען איין חבר צום צווייטן צו די נאַרעס מיט אַ קווערטל הייס וואַסער זיך ווינטשן צום נייעם יאָר... וואָס? אפשר? טאָמער? ווער ווייסט? אַלץ קען זיין... זאָל מען נאָר לעבן... האָפענונג? זי צעגייט זיך אין קווערטל „קיפּיאַטאָק" (הייס געקאָכט וואַסער).

נאָך האַלבער נאַכט האָט יעדער אויף זיין אָרט געטראַכט פאַר זיך זיין טראַכטעניש. מ'איז דאָך געלעגן נישט אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ. יעדער האָט ביי זיך געהאַט אַ פּאָר פּיס פון אַ צווייטן אונטערן נאָז (וואַליעטאָם). ערגעץ־ווו, ביי ליכטיקע, יום־טובדיקע, געדעקטע טישן האָט מען מיט אָנגעגאָסענע כוסות אויס־געהערט פייערלעך אָווערבאַכס „הימן" נאָך דעם קלינגען צוועלף פון די מאָסק־ווער קוראַנטן, מיט אומגעדולד געוואַרט ביז מען וועט קענען די כוסות איבער־קערן אין האַלדז. איצט גייט שוין דאָרט אַ רויך. וויפל זענען דאָרט פאַרלאָזענע מאַמעס, איינזאַמע זקנים און זקנות און פּיצלעך קינדער, געלאָזענע אויף גאָטס באַראָט?... וועגן דעם האָבן נישט געקלונגען די קוראַנטן מיטן רויטן שטערן, אָן אָנגעצונדענעם איבערן אַלטן קרעמל — סטאַלינס באַסטיליע.

נאָך האַלבער נאַכט האָט מען פּלוצעם געגומען אַרויסרופן „אונדזערע". צו ערשט גערשנזאָנען אין אַ ווײַלע אַרום גערטשיקאָוון, אַפּינאָווסקען... פון איין

אַרויסרוף ביזן צווייטן האָט מען געוואָרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש, דאַכט זיך ס׳געדויערט מי יודע ווי לאַנג. איך האָב געוואַרט און זיך דערוואָרט. אויף די עטאַפּן פלעגט מען אַרויסרופן ביי טאָג וואָס עפּעס אין מיטן דער נאַכט? נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן, מען דאַרף זיך גיך פאַרנעמען מיט די זאַכן. קוים אַרויס, האָבן מיר די שוואַרצע מונדירן „איבערגעגעבן" צו די שומרים מיט „רויטע דענ־קעס" און איך בין ווידער אין דעם „טשאַרני וואָראָן", וווהין און צו וואָס?

די נאַכט בין איך שוין געלעגן אויף אַן אייזערנעם בעטל אין אַן איינצל־קאַמער, ווידער אַ מאָל אויף שפּאַלערקע. די גאַנצע צייט האָט געשניטן אין די אויגן דאָס בליאַסקענדיקע עלעקטרישע לעמפּל איבערן „וואָלטשאָק". אַלע מאָל פלעגט אַ שטילע באַוועגונג ברענגען אַן אויג פון דעם היטער, וואָס היט אָפּ מיין לעבן, מען זאָל דאָס קענען לענגער פּייניקן. כ׳האָב געפּרוּווט טראַכטן, אויס־טראַכטן, איבערטראַכטן, באַטראַכטן און זיך נישט געקענט דערטראַכטן. זיך גע־קערט פון איין זייט אויף דער צווייטער. דאָס פאַרגעניגן האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט. אין דער פּערעסילקע, דאָרט האָט מען געדאַרפט וואַרטן אויף אַ „קאָמאַנדע". דאָס בעטל האָט אונטער מיר אַ סקריפּע געטאָן און מיין שכן אויפן צווייטן בעטל האָט אַ וואָרטשע געטאָן: „ספּי" (שלאָף!).

כ׳בין ווידער אַריינגעפאַלן אין טראַכטעניש... ס׳איז גאָרנישט געקראָכן אין געדאַנק. צי בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן צי כ׳האָב זיך פאַרטראַכט אַן געדאַנקען?

„ווער בין איך?"

ווען מ׳האָט מיך געבראַכט איז געווען שפּעט ביי נאַכט און איך האָב נישט געקענט ריידן מיט מיין שותּף אין דער איינצל־קאַמער. אין דער פרי האָב איך אים דערזען. דאָס איז געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מיט פעסטע ידיים. ער האָט זיך אויפגעהויבן צום „פּאַדיאָם" אַן ווערטער, אויף מיר נאָר געקוקט, זיך צוגעקוקט און אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן, אַ פייף געטאָן און געגעבן מיר אַ ברייטן שלום־עליכם מיט אַ פעסטער דלאָניע, אַ דריק געטאָן די פינגער ביז זיי האָבן אַ קנאַק געטאָן. דערנאָך אָפּגעלאָזן. אַ שטעל געטאָן זיך פאַר מיר און זיך פאַרגעשטעלט:

— מיך רופט מען צאַדיקאָוו — איך בין אַ טעראָריסט! און דו ווער ביסטו?

— איך ווייס אַליין ניט.

ער — מען וועט דיר שוין זאָגן, אויב מ׳האָט דיר נאָך נישט געזאָגט.

איך — אָבער מ׳האָט מיך שוין געמשפּט אויף צען יאָר...

ער — אינטערעסאַנט, פאַר וועלכע „מעשים טובים" אַזאַ קינדערישן טערמין?

איך — איך בין אַמאָל געווען אַ פּועלי־ציוניסט.

ער — אַהאַ, אַ ציוניסט! אַן ענגלישער שפּיאָן, הייסט עס. טאַקע ווייניקלעך אַ ביסל צען יאָר.

איך — אָבער איך בין דאָך אַ קאָמוניסטישער פּועלי־ציוניסט.

ער — קאָמוניסטישע ציוניסטן זענען אויך ציוניסטן. שפּיאָנען זענען איצט אין דער מאָדע. דאָס איז אַ מאכל וואָס מען גרייט אים צו מיט יעדן סאָוס, דאָס איז אַ קיך ערשטער קלאַס. מייסטערס פון העכסטן סאָרט. זיי מאַכן די מאכלים אָפּצולעקן די פינגערלעך. פון צימעס — צואה און פון צואה — צימעס.

מ'האָט דורכן פענצטערל אַריינגעשטופּט די פּייקעס ברויט, אָנגעגאָסן טיי, אַריינגערוקט נאָך אַן אַליומין־שיסל מיט אַ הילצערנעם לעפל. די שיסלען אויך אָנגעגאָסן, ס'זאָל זיין מיט וואָס זיך אָפּצופרישן. אָפּגעטרונקען טיי, האָט מען דערלאַנגט דורכן פענצטערל אַ בערשטל אָנגעשמירט מיט וואַקס. צאַדיקאָוו האָט אָנגעריבן ביז איבלדיקן שטאָלענעם גלאַנץ די גלאַטיקע צעמענטענע פּאָדלאָגע. נאָך דעם ווי ער האָט אומגעקערט דעם היטער דאָס בערשטל, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר און איך האָב דערזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער מענטש. אַן ערנסט פאַרטראַכט פּנים מיט אַ פּאָר יידישע טרויער־פינטעלעך אין די פאַרבענקטע אויגן.

דאָס איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן פון מאָהילעוו, וואָס איז געזעסן פאַרמישט אין דעם טשאַפּלין־פּראָצעס. וועגן דער דאָזיקער „דיעלאָ" האָט ער מיר דערציילט שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך בעסער דערקענט.

דער דאָזיקער מאָהילעווער יידישער יונגערמאַן האָט זיך דערצויגן אין קאָמיוג, פון דער יעווסעקציע געווען ווייט און דעריבער האָט ער זיך גיך צוגעווינט צו מיין פּועלי־ציוניזם און געהאַלטן מיך פאַרן זעלביקן „איבערגעוואַקסענעם קאָמ־יוגיסט". פּונקט ווי איך, האָט ער נאָך אין די דרייסיקער יאָרן געלעבט מיט דער יוגנט פון די צוואַנציקער יאָרן. מיט אַ יום־טוב אין דער נשמה, מיט אַן אידעע. דאָ אין קלעם, האָבן פון איר זיך אויסגעקוועטשט די זאַפטן. פאַרדאַרט און זיך געבראָכן, זיך צעריבן ווי טרוקענע שטרוי. איך בין געווען „גליקלעכער" פון אים. ער האָט פאַרלוירן זיין גאָט, סטאַלינען, וואָס ער איז קיין מאָל נישט געווען ביי מיר קיין גאָט... ביי מיר האָט נאָך געלעבט און געבלוטיקט די אידעע. אין די שווערסטע צייטן איז זי געווען מיין באַרעמהאַרציקע שוועסטער.

ער איז געווען איינער פון אַ גאַנצער גרופּע קאָמיוגיסטן מיט טשאַפּלינען בראָש, וועלכע מ'האָט באַשולדיקט אין דעם, אַז זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרופּע טראָצקיסטן צו הרגענער סטאַלינען און אַנדערע פון סטאַלינס נאָכפּאָל־גער. טשאַפּלין איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַלפאַרבאַנדישן קאָמיוג.

כידוע איז דער קאָמיוג געווען „געכאַפּט אין דער מעשה". ער האָט געגלייבט אין טראָצקין, געוואָלט אָפּטיילן די „יונגע גוואַרדיע" פון דער „אַלטער גוואַר־

דיע״, מאַכן פאַר זיך שבת.... דערנאָך זיך צוגעטוליעט צו סטאַלינען... געפּרווט גלויבן אין אים. מען מוז דאָך אין עמעצן גלייבן! טשאַפּלין האָט שוין מער נישט קאָמאַנדעוועט מיטן קאָמיוג. ער האָט געאַרבעט ערגעץ אויף קאַווקאַז אויף אַן אַנפירנדיקן פּאָסטן צוזאַמען מיט סירצאָוו און לאָמינאַדזע (פּאַרדעכטיקע אין טראָצקיזם). סטאַלין האָט אַרויסגערופן צו זיך טשאַפּלינען. דאָרט איז אויך געווען בעריאַ. אין טשאַפּלינס קעגנוואַרט האָט סטאַלין האַלב־פרעגנדיק געזאָגט בעריאַן, צי ער האָט עפּעס מאַטעריאַלן קעגן טשאַפּלינען. בעריאַ האָט געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ געגנוג מאַטעריאַלן, כדי טשאַפּלין זאָל נישט זיצן ביי סטאַלינען אין קאַבינעט, נאָר ערגעץ אַנדערש... סטאַלין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: ס׳איז דאָ מאַטעריאַל? רעכן, אַז ס׳איז נישטאָ גאָרנישט. סטאַלין האָט פאָטערלעך אַרומגענומען טשאַפּלינען און אים אַ קוש געטאָן... פון מאָסקווע איז טשאַפּלין אַפּגעפאָרן מיט סטאַלינס אַ באַשטימונג, אַלס שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג ביי דער אייזנבאַן־ליניע לענינגראַד—מורמאַנסק. ער איז אָבער נישט דערפאָרן. אויפן וועג האָבן אים, דעם „נייעם שעף״, געכאַפּט די שליחים פון סטאַלין—בעריאַ און האָבן אים מער נישט באַזעצט ביי סטאַלינען אין קאַבינעט, נאָר געזעצט ערגעץ אַנדערש. ווי אַ שטיין, אַז מען וואַרפט אין וואַסער, מאַכט אַרום זיך אַ קרייז, אַזוי פלעג דער געוואָרפענער אין תּפיסה שלעפּן נאָך זיך אַנדערע וואָס אַרום. מיט טשאַפּלינען האָט מען אַריינגעוואָרפן אין תּפיסה אַלע זיינע מקורבים, די אַמאָליקע און איצטיקע קאָמיוגישע סביבה. צווישן אַלע נאָענטע פון טשאַפּלינס קאָמסאָמאָלישן צ.ק. איז אויך געווען צאַדיקאָוו. צאַדיקאָוו האָט געהאַט פיזישן און מאָראַלישן כּוח און מוט בייצושטיין גרויסע נסיונות, וואַרטנדיק אויף זיין שפּיציקן שטיקל בליי...

איין מאָל האָט מען צו אונדז אַריינגעשיקט עפּעס אַ פאַרשוין, וואָס האָט זיך „פאַרגעשטעלט״ אַלס אַן אַלטער ס.ר. וואָס גלייבט אין אינדיווידועלן טעראָר ווי אַ מיטל פון פּאָליטישן קאַמף. ווי ער האָט דערציילט, האָט ער אויף דעם געביט אייניקע „פאַרדינסטן״.ביים ריידן האָט ער געשיקט און אַ ביסל אונטערגעפייפט. ס׳האָבן געפעלט ביי אים עטלעכע פאָדערשטע ציינער. מיר האָבן גלייך דערקענט דעם פויגל. צאַדיקאָוו האָט מיט אים נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און באַפוילן: קריך אונטערן בעט און זאָלסט דאָרט ליגן ווי אַ פּגר. אויב דו וועסט נאָר אַ פּישטשע טאָן וועסטו זיין מיטן קאָפּ אין „פּאַראַשע״. קיין פּאַראַשע איז ביי אונדז נישט געווען, נאָר צאַדיקאָוו האָט אים אַ נעם געטאָן פאַרן גאַרגל מיט זיינע אייזערנע הענט, אַפּגעלאָזט און אויסגעווישט די הענט פון דער סליונע, וואָס יענער האָט אַרויסגעלאָזט, און איבערגעחזרט: האָסט געהערט? איך זאָל נישט דאַרפן מיט דיר פּאַטשקען די הענט... דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַ קרימינעלן רעצידיוויסט, אַ פּחדן. ער האָט זיך געטרייסלט ווי אַ

בלאָט. ס'האָט אים געוואָרפן ווי אין קדחת... זיך פאַרקליבן ביי נאַכט אונטערן בעט און גאַנצע טעג מער נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט פון מויל. אויפן פערטן טאָג האָט מען דעם דאָזיקן כלומרשטדיקן ס.ר. צוגענומען. מסתמא אים געשיקט אין אַ מער מזלדיקער קאַמער. מיר האָבן פון ווייך ברויט אויסגעקנעטן און אויסגעפּאַרעמט שאַכמאַט־פיגורן, און זיך „פאַרווײַלט"...

אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיך ענדלעך אַרויסגערופן אויפן פערטן שטאָק צו מיינע „אַלטע באַקאַנטע" סלעדאָוואַטעלעס. פייגלשטיין האָט מיר דער־קלערט, אַז אייגנטלעך דאַרפן זיי מיך שוין נישט האָבן, ווייל זיי האָבן שוין אין האַנט אַלע באַווייזן. מיינע חברים זענען שוין געקומען צום שכל און זיך ענדלעך „אַנטוואָפנט". זיי האָבן באַשטעטיקט אַז אייער גרופּע האָט זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. פון מיר פאָדערט זיך נאָר, אַז איך זאָל אָנווייזן אויף די פאַרבינדונגען, וואָס איך האָב פערזענלעך געהאַט צו דעם צוועק... אַלס אַ סאָוועטישער מענטש דאַרף איך העלפן ליקווידירן די שפּיאָנישע נעסטן... מען האָט מיט מיר געשמועסט זיסלעך, מיט אַ ריח פון צימערינג... און מיך אָפּגעשיקט צוריק אין קאַמער, איך זאָל זיצן און טראַכטן און אַז מען וועט מיך אַרויסרופן דאָס קומענדיקע מאָל, זאָל איך שוין האָבן וואָס צו דערציילן פון דעם וואָס איך האָב זיך „דערמאָנט".

צאַדיקאָוו האָט מיך באַגעגנט: נו, מען קען שוין זאָגן מזל־טוב? מען קען שוין באַגריסן? איך האָב אים געזאָגט: יאָ, מיט מזל, אַ שפּיאָן! ער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— זאָל זיין מיט מזל!... מיר האָבן געהאַט וויכוחים, וואָס איז מער כבוד, „שפּיאָנאַזש" אָדער „טעראָר"? צאַדיקאָוו האָט אַ פייף געטאָן, געהאַלטן אַז ביידע האָבן זיי איין ווערט — „אַ שטיקל שפּיציק בליי" און אַ סוף.

ווידער זענען געגאַנגען טעג ווי נעכט און נעכט ווי טעג, ווי אין דער „תוכחה"... געקוקט גאַנצע נעכט אויפן איינגעשרויפטן עלעקטרישן לעמפּל, וואָס האָט שוואַך באַשיינט אונדזערע קעפּ פאַרן שומרס אויג. די דאָזיקע שיין האָט אין מיר אונטערגעהאַלטן דעם באַוווּסטזיין, אַז איך לעב און אַז איך בין באַ־גראָבן לעבעדיקערהייט אין דעם שטיינערנעם קבר. אַ ווייטע, זייער אַ ווייטע האָט צו מיר שטומערהייט גערעדט רחל... געשטאַלטן, סילועטן פון טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער, חברים און פריינד פון דער קינדהייט און יוגנט זענען געקומען צו מיר צו גאַסט ווען איך בין געשלאָפן מיט אָפענע אויגן און וואַך געווען מיט האַלוצינאַציעס און חלומות.

איין מאָל האָט מען געבראַכט צו אונדז אַ „גאַסט", אַ פרישינקן, אַ הויכ־געשטעלטן, עלעגאַנט געקליידט. דער קאָסטיום איז נאָך געווען אַ געפּרעסטער, די הויזן מיטן „קנייטש", דאָס פּנים רונדיק נאָך פון היימישע מיטיקן. מיט אַ צוגעפּוצט קיילעכדיק בערדל. ער האָט זיך אָנגערופן סמירנאָוו, געזאָגט, אַז ער

איז עס דער סמירנאָוו, וואָס איז געווען אַ מאָל דער נאַרקאָמסוויאַז (דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר פאַרבינדונג), אַז ער איז נאָענטע קרובים מיט מאַלאָטאָוון, מיט וועלכן ער פלעגט אָפט מאַכן שפּאַצירן צו פוס אין מאָסקווע און הינטער מאָסקווע. ער איז ביז איצט געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מיטגליד פון צ.ק. ווען ער וועט זיך אַ ביסל באַרויִקן וועט ער אונדז דערציילן וועגן לעצטן פּלענום, וועגן וואָס מען האָט דאָרט גערעדט...

פון מיין פּועלי־ציוניזם האָט ער זיך נישט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. ער האָט מיך באַטראַכט ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטן קאָמוניסט, „והא ראיה!" „אָט זיצן מיר דאָך צוזאַמען אין דער איינצל־קאַמער... דאָס איז וויכטיקער ווי זיצן אין קאָמ־אינטערן"...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אונדז דערציילט וועגן פּלענום. (איך גע־דענק נישט וועלכן, צי פון דעקאַבער 1937 צי פון פעוורואַל 1938). איך גע־דענק נישט די פראַגן וואָס ער האָט באַהאַנדלט. נאָר איין זאַך איז אונדז קלאָר געוואָרן: קיין מאָנאָליטע איינִיקייט איז אין צ.ק. און אין פּאַרטיי נישטאָ, אַז מען ווייסט שוין נישט ווו איז „רעכטס" און ווו איז „לינקס" (ווער עסט גיין אויף רעכטס, ווער עסטו קומען לינקס). די באַגריפן זענען שוין מטושטש. נישטאָ קיין פּלאַטפאָרמען, קיין באַזונדערע פּראָגראַמען, די פּראָגראַם פון וו.ק.פּ.(ב) איז שוין פאַרעלטערט. פאַקטיש ווייסט נישט דער צ.ק. היינט וואָס ער וועט טאָן מאָרגן. סטאַלין האָט קיין מאָל קיין אייגענע ליניע נישט געהאַט. ער האָט גענומען דאָס גרייטע פון דער אָפּאָזיציע און, קעמפנדיק קעגן דער אָפּאָזיציע, אָנגענומען איר ליניע און זי פאַרקריפּלט. אַזוי איז געווען מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע און מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע. סטאַלין פלעגט אויף דעם האָבן זיין „תירוץ", ווען זיי האָבן געזאָגט (דאָס הייסט טראָצקי און זינאָוויעוו) וועגן דער אינדוסטריאַלי־זאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע, איז געווען צו פרי און איצט (דאָס הייסט נאָכן אָפּרוימען די אָפּאָזיציע) איז פּונקט די צייט... וועגן די מאַסן־רעפּרעסיעס קעגן די קאָמוניסטן האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס איז געווען אַ פאַטאַלער טעות. די פּאַרטיי האָט געהאַט אַ טעות. ער איז נישט מסכים מיט דער פראַזע פון טראָצקי, „אַז די פּאַרטיי מאַכט קיין מאָל נישט קיין טעות". די פּאַרטיי האָט געמאַכט דעם טעות אין 1923, זייענדיק אָביעקטיוו דערצו געצוווּנגען. זי האָט נאָך לענינען געהאַלטן סטאַלינען וויניקער געפערלעך פון טראָצקין און ער וועט נישט זיין אַזאַ דיקטאַטאָר ווי טראָצקי, אַז ער וועט זיין נאָכגיביק ביי אַ קאָלעגיאַלער אָנ־פירונג. דער טעות פון 1923 האָט געפירט צו 1937.

מיר האָבן ווי פאַרגאַפטע אויסגעהערט די מעשה מיט טוכאַטשעווסקין, וואָס סמירנאָוו האָט אונדז דערציילט אין 1938 מיט אַן אַנדער נוסח ווי ס'האָט עס דערציילט דערנאָך כרושטשאָוו אויפן 22סטן צוזאַמענפאָר פון ק.פּ.ס.ס. סמירנאָוו

האָט דערציילט: סיעדאָוו, דער זון פון טראָצקי אין בערלין, האָט געפירט אונ־טערהאַנדלונגען מיט גערינגן וועגן דעם, אַז דייטשלאַנד זאָל אין דער קינפטי־קער אומפאַרמיידלעכער מלחמה מיטן ראַטנפאַרבאַנד אַראָפּזעצן סטאַלינען און אַרויפזעצן טראָצקין. גערינג האָט געצווייפלט אין דעם כוח און אין דער השפעה, וואָס טראָצקי האָט אין ראַטנפאַרבאַנד. סיעדאָוו האָט צוגעזאָגט געבן דעם באַ־ווייז... די געלעגנהייט דאָס צו באַווייזן האָט סיעדאָוו באַקומען. אין 1936 האָט מען געקרוינט (נישט אויף לאַנגע יאָרן) עדוארדן פאַר אַ קעניג. צו דער קרוינונג איז אין שפּיץ פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע געפאָרן קיין לאָנדאָן דער מאַר־שאַל טוכאַטשעווסקי. סיעדאָוו האָט גערינגן איבערראַשט. ער האָט אים פאָרגע־שטעלט דעם מאַרשאַל טוכאַטשעווסקי, אַלס פאַרשטייער פון לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי. גערינג האָט געהאַט מיט טוכאַטשעווסקין אַ געהיימע בליצשנעלע באַ־געגעניש אויף עפּעס אַ קליינער סטאַנציע אין דייטשלאַנד, דורך וואַנען טוכאַ־טשעווסקי האָט זיך אומגעקערט קיין ראַטנפאַרבאַנד. טוכאַטשעווסקי האָט צוגע־זאָגט, אַז ביים אָנגריף פון דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד וועט ער אָפּהאַלטן די פאַקטישע מאָביליזאַציע אויף איין מעת לעת. דאָס וועט געבן די מעגלעכקייט מיט איין קלאַפּ פאַרנעמען אוקראַינע... די פראַנצויזישע רעגירונג האָט באַקומען פון איר געהיימער אויסשפּיר־אַגענטור אַ ידיעה וועגן דעם צונויפטרעף פון גע־רינג־טוכאַטשעווסקי און האָט אָנגעפרעגט ביי סטאַלינען וואָס דאָס באַטייט? אַזוי אַרום האָט סטאַלין „אַנטדעקט" די פאַרשווערונג קעגן אים, וואָס עס פּלאַנירט די מיליטערישע אָנפירונג און באַצייטנס אָנגענומען מיטלען צו „ליקווידירן" טוכאַטשעווסקין, יאַקירן, בליוכערן, פרימאַקאָוון און אַנדערע קאָמאַנדאַרמען...

כרושטשאָוו האָט אויפן 22סטן צוזאַמענפאָר פון ק.פּ.ס.ס. צוגעגעבן איין שטריך וואָס קערט איבער די גאַנצע געשיכטע פון קאָפּ אויף די פיס... ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס האָט בענעש, דער פּרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַקיען, בשוגג געטאָן אַ ברערישע טובה סטאַלינען. ער האָט איבערגעגעבן דאָס רכילות־פּאַפּירל, וואָס עס האָט אים קונציק אונטערגעוואָרפן די היטלעריסטישע „ראַזוועדקע" (אויספּיר־אַגענטור) מיטן ציל צו דעמאָראַליזירן און אָפּשוואַכן די רוסישע אַרמיי. די פאַשיסטישע קאָנטער־שפּיאָנאַזש האָט געוווּסט, אַז סטאַלין מיט זיין שיזאָפרעניע וועט גלייבן דעם פּאַפּירל מער ווי זייגע געטרייע קאָמאַנדירן, און ער וועט זיי „זאָפּאָרט פאַרניכטן"...

אַגב, צווישן די מיליטער־לייט אין טורמע האָב איך געהערט די ווערסיע, אַז נישט אַנדערש ווי אין קרעמל זיצט עפּעס אַ פאַשיסטישער שפּיאָן, וואָס נאַרט אָפּ סטאַלינען אַליין...

סמירנאָוו איז מיט אונדז געזעסן נישט לאַנג. מען האָט אים אַרויסגערופן און מער האָב איך אים נישט געזען.

אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן מיין „צייט"... אַלע נאַכט „דאָפּראָסן" (אויס־פאַרשונגען), „סטאָיקעס" (שטיין אויף די פיס). דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער פּיין.פייגלשטיין האָט געפרעגט אויף העברעיש: עד מתי? ער האָט מיר געוויזן כלומרשט רחלס אַ פּראָטאָקאָל וועגן „דעם", וואָס איך וויל נישט דער־ציילן.אַלץ איינס „ווייסט" ער דאָך שוין פון „דעם". וואָס איז „דאָס", וואָס רחל האָט שוין דערציילט, האָט ער נישט געזאָגט. דאָס וויל ער הערן פון מיר אַליין, וועט ער האָבן אַ באַוויז פון מיין אויפריכטיקייט און גרייטקייט צו העלפן דער „סלעדסטוויע". איך האָב שוין איצט בעסער געקענט דעם „גוט־האַרציקן" פייגל־שטיין און די „סאָוועטישקייט" פון די סאָוועטישע סלעדאָוואַטעלעס. ביי מיר איז שוין געווען אַ ספק, צי פעלשן זיי נישט אין לעגינס אידעע צוזאַמען מיטן גרעסטן פעלשער סטאַלין בראש?...

איין מאָל אין אָוונט איז אין קאַבינעט צו פייגלשטיינען אַריין דער הויפּט פון לענינגראַדער מ.וו.ד., ליטווין (אַ ייד). פייגלשטיין האָט זיך אויפגעשטעלט (איך בין נאָך פריער „געשטאַנען") און ראַפּאָרטירט: „דאָ ווערט אויסגעפאַרשט מאַכלין בלום, וועלכער וויל נישט געבן קיין באַווייזן וועגן זיין שפּיאָנישער טע־טיקייט. ליטווין — אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, האָט אַ שמייכל געטאָן זיס־זויער און געזאָגט כהאי לישנא: „נישט ער וויל נישט געבן קיין באַווייזן, נאָר ער ווייסט נישט וואָס געהער זיך דאָס אָן צו אים". ער האָט זיך געווענדט צו מיר און מיט אַ פינגער געפירט אונטער מיין נאָז: „מען דאַרף העלפן דער סאָוועטי־שער סלעדסטוויע!" זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען. די נאַכט האָט מען מיך אָפּגעלאָזט פריער ווי געוויינלעך. איין מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופן ווי שטענדיק אין מיטן שלאָף און צוגעאיילט, איך זאָל זיך גיכער אָנטאָן. צאַדי־קאָוו האָט שטיל געוואָרטשעט: „ער וועט באַווייזן". מען האָט מיך געפירט ערגעץ אין אַן אונטערשטן שטאָק און אַריינגעפירט אין נישט קיין גרויסן צימער, געהייסן מיר שטיין גלייך. קיינער איז דאָרט נישט געווען. קיין שטול און קיין טיש האָט מען אויך דאָרט נישט געזען. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס צאַדיקאָוו האָט מיר איין מאָל אין אַ געשפּרעך געזאָגט, אַז ס'איז מעגלעך, אַז מען וועט זיך פּרווון פון מיר אַרויסשלאָגן באַווייזן. דאָס הייסט: מיט קלעפּ. זאָל איך גלייך זיך וואַרפן אויף דער פּאָדלאָגע און נעמען שרייען. דער עיקר זאָל איך צו־האַלטן מיט די הענט דעם קאָפּ און שיצן אים פון שווערע קלעפּ... שרייען. אומ־באַדינגט שרייען ביים קלענסטן ריר.

ס'איז אַריין פייגלשטיין און אויף דער גיך, מיט האַסטיקייט אַ געשריי גע־טאָן: — מיר וועלן זיך נאָך לאַנג מיט דיר צאַצקען „תנא־ברי"; דו וועסט אונטערשרייבן? איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב נישט וואָס אונטערצו־שרייבן. ער האָט פאַרקריצט די ציינער און אַראָפּגעלאָזט מיר אַ שטאַרקן פּאַטש

אין פנים אַריין, אַזוי אַז איך האָב מיך אַ וואַקל געטאָן און אַ זעץ געטאָן דעם קאָפּ אין דער שטיינערנער וואַנט דאָס איז געווען אַ סיגנאַל. עס זענען אַריינגעשפּרונגען צוויי „דילדעס" און האָבן זיך געוואָרפן אויף מיר. איך האָב זיך געוואָרפן אויפן דיל און גענומען שרייען. זיי האָבן מיט די פיס מיר געקלאַפּט אין פּנים אַריין. האָב איך אָפּגעקערט דאָס פּנים, האָבן זיי מיט די פיס געשטויסן אין די זייטן, אין בויך און אומעטום, ווו נאָר ס'האָט מער ווײ געטאָן, און צום סוף אַרויפגעטאַנצט אויף מיר און געטרעטן מיך, געקאָפּעט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז קיין סוף וועט נישט נעמען.

מ'האָט מיך געבראַכט צוריק אין קאַמער אַ צעשלאָגענעם, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און מיט געשוואָלענע ליפּן, מיט פאַרטריקנט בלוט. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן צו דערקלערן אַ הונגער־שטרייק. ווען צאַדיקאָוו האָט דאָס דערהערט, האָט ער מיר געוויזן אַ פויסט: „איך וועל דיר מיט דעם אויסהאַקן אַלע ציינער אויב דו וועסט זיך דערוועגן...". אין דער פרי האָט מען פּונקט געבראַכט די „וויפּיסקע" (פּראָדוקטן אויסגעשריבן פון טורמע־מאַגאַזין אויפן חשבון פון די אַרעסטאַנטן) וואָס באַקומען געלט פון דער פריי). צאַדיקאָוו האָט מיר אָנגעשמירט בולקע מיט אַ סך פּוטער, אַרויפגעלייגט קעז און ווורשט. איך האָב זיך נישט געקענט צורירן מיט די געשוואָלענע ליפּן צו דעם אַלעם. אָבער צאַדיקאָוו איז געשטאַנען איבער מיר. איינגענעצט אַ האַנטעך, מיר צוגעלייגט דעם נאַסן האַנטעך, מיך געצוווּנגען אויפצועסן דאָס אַלץ. אָנגעלייגט אין קווערטל אַ סך צוקער אין טיי און מיר אַריינגעגאָסן מיטן הילצערנעם לעפל, עס זאָל נישט בריען. נאָך דעם אַלעם האָט זיך צאַדיקאָוו גענומען מיט מיר שמועסן: וואָס וואָלסטו אויפגעטאָן מיט דיין הונגער־שטרייק? דו דאַרפסט דאָך זיך ראַנגלען מיט זיי און ווער ווייסט ווי לאַנג! וועסטו אויסהאַלטן? דו מיינסט אַז זיי וועלן זיין אומגליקלעך אויב דו וועסט פּגרן? אַ מענטש האָט ביי זיי נישט די ווערט פון אַ גראָשן. דו האָסט נאָך אַ לאַנגן וועג, דאַרפסט האָבן כוחות. דער עיקר איז אויסהאַלטן כדי צו דערוואַרטן בעסערע צייטן. טו זיי נישט צוליב און קריך נישט אַליין מיטן האַלדז אין דעם שלייף.

ער איז צו צום פענצטערל און אָנגעקלאַפּט דעם נאַדזיראַטעל, געפאָדערט מען זאָל ברענגען אַ דאָקטער. דער דאָקטער איז געקומען, באַקוקט, אַרומגעקוקט און געהייסן דעם נאַדזיראַטעל מיך ברענגען צו אים אין קאַבינעט. דער דאָקטער האָט מיך אויסגעקלאַפּט, פּאַר יוצא־וועגן אַ טאָפּ געטאָן דעם דופק, מיר געגעבן צו טרינקען פּילעכלעך, אַרומגעבונדן מיר דעם שטערן און געהייסן דעם נאַדזיראַטעל ער זאָל מיר דערלויבן זיך צו לייגן ביי טאָג. דערביי האָט ער מיט אַ גנבישער צורה געפרעגט און געענטפערט:

„ווו האָט איר זיך עס אַזוי צעקלאַפּט. מ'דאַרף גיין פאָרזיכטיק אויף טרעפּ".

אַ לענגערע צייט האָט מען מיך געלאָזט צורו.

אין אַ צייט אַרום האָט מען מיך ווידער אַרויסגערופן. פייגלשטיין האָט דאָס מאָל אויסגעפרווט זיינע פעיִקייטן ווי אַ היפּנאָטיזאָר און אפשר גאָר ווי אַ פאַר־פאַסער פון קרימינעלער פאַנטאַסטישער בעלעטריסטיק. ער האָט זיך גענומען מיך איבערצייגן, אַז איך ווייס אַליין, אַז איך בין נישט „איד". איך בין נישט קיין זון פון מיין טאַטן משה. איך שטאַם פון דער פּוילישער שליאַכטע, און משה האָט מיך צוגענומען אַלס אַ בנימין, כדי מיך צו מאַסקירן און צוגרייטן פון מיר אַ ציוניסט, אַ שפּיאָן, און עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעחזרט: איבערלויפער! איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געוועזן עוואַקואירט פון פוילן אַלס טוער פון רעווקאָם, צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. ער האָט עס גוט געוווּסט, ווייל וועגן דעם איז געווען ביי אים אין מיין ענין אַ דאָקומענט, אַרויסגעגעבן פון דער אַרמיי נאָך אין 1920טן יאָר.

דאָ מאָל האָט ער פּלוצעם מיך אַ פרעג געטאָן, וואָס ווייס איך וועגן ישראל צינבערג. איך האָב צינבערגן געקענט פון ווייטנס, נישט געווען מיט אים פּער־זענלעך באַענט, געווען ביי אים וועגן ליטעראַרישע און ביבליאָטעקישע ענינים עפּעס אַ צוויי מאָל און אויף זיינעם אַ „פּרייטיק", ווען ס'פלעגן זיין ביי אים אייניקע זיינע מקורבים פון דער אַלטער יידישער אינטעליגענץ. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געווען ביי אים וועגן זיין ווערק „די געשיכטע פון ליטעראַ־טור ביי יידן", וואָס ליטוואַקאָוו האָט געוואָלט אַרויסגעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, אַז איך ווייס נישט קיין שום אַנטיסאָוועטישקייט ביי צינבערג. מ'האָט דאָרט גע־שמועסט בלויז וועגן יידישער ליטעראַטור. צו אים פלעגן קומען אויך קאָמוניסטן.

ווערדליק איך האָב פאַרשטאַנען, איז ליטוואַקאָוו (דער געוועזענער ס.ס.) נישט געווען ביים סלעדאָוואַטעל מער יחסן ווי איך דער פּועלי־ציון. סיי ווי סיי זענען מיר ביידע געווען ביי אים בורזשואַזע אָדער קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַ־ליסטן. פון זיינע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען פלעגט נאָכשפּירן אַלעמען, ווער עס פלעגט קומען צו צינבערגן.

פייגלשטיין האָט מיך יענע נאַכט נאָך אַלע געשפּרעכן געלאָזט מיט אַן אַנ־דערן, „זאָל ער שטיין, אפשר וועט ער זיך דערמאָנען". ווען פייגלשטיין איז אוועק האָט דער „אַנדערער" אויפגעעפנט די טיר ברייט, זיך אַרומגעקוקט, גע־הייסן מיר זיצן און אַליין שפּאַצירט איבערן קאָרידאָר. צום סוף פון מיין „אָפּ־זיצעכץ" האָט ער מיר געזאָגט אויסדריקלעך:

„מען וועט זיך מיט אייך שוין לאַנג נישט עסקן. אַזוי זאָלט איר וויסן".

אין גיכן האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער. מיט צאַדיקאָוון האָב איך זיך נישט געזעגנט, ווייל מען האָט אים אַרויסגערופן אויף „עפּעס" פון קאַמער. אפשר טאַקע כדי מיר זאָלן זיך צעשיידן אומגעריכט.

זאָלן די אויבן־פאַרשריבענע שורות אָפּצייכענען זיין ערלעך גוט געשטאַלט צווישן די רייען אין דער מחנה יידן־קעמפער פאַר אַ גערעכטער אָרדענונג.

די „נייע" קאַמער איז געווען נישט נייער פון דער אַלטער, און די „אַלטע" קאַמער איז נישט געווען עלטער פון דער נייער.ביידע „אויסגעשטאַט" מיטן זעלבן געשמאַק, ביידע פּינקטלעך אויסגעמאָסטן די זעלביקע צאָל טריט ביז מיטיק און ביזן שלאָף. דאָ בין איך געווען איינער אַליין און כ'האָב געמיינט, אַז דאָס האָט מען מיך צוגענומען פון צאַדיקאָוון, ער זאָל מיך נישט „דעמאָ־ראַליזירן". נאָר דאָס אַריבערפירן פון קאַמער אין קאַמער איז די געוויינלעכע סיסטעם, וואָס איז געווען אָנגענומען, און דעם סוד דערפון ווייסן נאָר די קוואַר־טיר־מייסטערס פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע.

איך האָב איבערגעזעכטיקט איין נאַכט אַליין און געפּרווּוט ברענגען אין אַ סדר מיינע צעמישטע געדאַנקען, נאָר אָט האָט זיך געעפנט די טיר און דער נאַד־זיראַטעל האָט געפרעגט: „איר פאַרשטייט דייטש?" יאָ, האָב איך געענטפערט. דער נאַדזיראַטעל האָט אַריינגעשטופט אין קאַמער צו מיר אַ רויט־האָריקן פעסט־געבויטן יונגן דייטש, פאַרקלאַפּט נאָך זיך די טיר און אונדז געלאָזן אַליין. אַ ווײַלע האָבן מיר ביידע פאַרלוירן דאָס לשון; איך — מיין „יידיש", ער — זיין „דייטש". מיר האָבן ביידע געטראַכט איינס און דאָס זעלביקע. איך האָב געטראַכט — אפשר וויל מען מיך דורך אים מאַכן פאַר אַ שפּיאָן, און ער האָט געטראַכט (ווי ער האָט עס מיר שפּעטער דערציילט), אַז איך בין אַ „שפּיצל"... נאָר וואָס וועט אונדז העלפן דאָס שווייגן. אַ מענטש איז דאָך אַ ריידנדיקע חיה! ער האָט זיך פאָרגעשטעלט: ערווין קליין. ס'איז נאָך דעמאָלט געווען פאַר די גאַז־קאַמערן, אָבער שוין נאָך דער „קרישטאַל־נאַכט". איך מוז אָבער זאָגן, אַז דער דייטש האָט ביי מיר נישט אַרויסגערופן קיין „ווידערגעפיל". עפּעס האָט זיך אין אים געפילט פון ליבקנעכטן. ער האָט מיר דערציילט (פאַרשטייט זיך נישט מיט איין מאָל, נאָר צו ביסלעך), אַז ער איז פון שטוטגאַרט, אַן אַרבעטער אויף אַ טעקסטיל־פאַבריק, געווען אין ספּאַרטאַקוס־בונד ((אַזוי האָט זיך צו ערשט גערופן די קאָמוניסטישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד), געווען אַ פריי־וויליקער פונקציאָנער פון ק.פּ.ד. (קאָמוניסטישע פּאַרטיי דויטשלאַנדס). צו די וואַלן אין רייכסטאַג האָט ער אין זיין פאַבריק אַרויסגעגעבעט רויטן שטאָף אויף טראַנספּאַראַנטן קעגן די היטלעריסטן. די שטורמיסטן האָבן אים געוואָלט אָפּרוימען, און ער האָט זיך געראַטעוועט אין דער שווייץ. אָבער די שווייץ איז געצוווּנגען געווען אים אַרויסצוגעבן, ווייל מ'האָט אים פאַרגעשטעלט ווי אַ קרימינעלן פאַרברעכער (אַ גנב!). ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף דריי יאָר קאָנצלאַגער. נאָך דעם ווי ער איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן, האָט ער בלויז אַ קורצע צייט געקענט זיין פאַרבונדן מיט זיינע אַמאַליקע „גייסט־גענאָסן". די שטורמיסטן

האָבן נאָכגעפּאָלגט זיין יעדן שריט „אום זיין לייכע". אַ פּאַראַנטוואָרטלעכער גענאָסע האָט אים איינגעשאָפּט אַן אויסלענדישן פּאַס אויף אַ פרעמדן נאָמען מיט אַ פראַנצויזישער וויזע. ער איז אַריבערגעפאָרן אין פראַנקרייך. קיין ארבעט האָבן די דייטשע פּאָליטעמיגראַנטן נישט געקריגן, און ער האָט זיך פאַרבונדן מיט זיינעם אַ נאָענטן „פּערוואַנדטעטן", וואָס האָט געאַרבעט אַלס „אויסלענדישער ספּעציאַליסט" אין לענינגראַד, באַקומען פון אים אַן אַרויסרוף און געקומען קיין לענינגראַד אויף זיין פרעמדן פּאַספּאָרט. דאָ האָט ער „לפי תומו" באַשלאָסן זיך צוריק מעלדן אַלס אַקטיווער פונקציאָנער פון דער ק.פּ.ד — ערווין קליין. ער האָט געמיינט, אַז דאָ וועט מען אים צונעמען ווי אַן אייגענעם חבר „בסבר פנים יפות". מען וועט אים גלייך אויפשטעלן אין אַלע זיינע רעכט און מען וועט אים געבן אַרבעט, אָבער ווען ער איז געקומען אין מ.וו.ד. (אינערן מיניסטעריום) און געמאָלדן, אַז ער איז אַן אַנדערער, ווי זיין פּאַספּאָרט, האָט מען אים גלייך אויסגעכאַפּט ווי אַ כשרע מציאה. אַ לעבעדיקער שפּיאָן, אַן אמתער דייטש מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, און איצט איז פאַרבליבן נאָר צו אַנטדעקן זיינע פאַרבינדונגען"... ביי מיר האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק, אפשר האָט מען אים געבראַכט צו מיר אויף צו באַקומען פאַרבינדונגען... אָבער ביסלעכווייז האָט זיך דער דייטש פונאַנדערגערעדט, און איך האָב דערזען דאָס געשטאַלט פון אַ יונגן קאָמוניסט מיט רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק. ער האָט גאַנץ געטרוי געשילדערט די יוגנט־סביבה, די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין דער פּאַרטיי, די אָפּאָזיציע פון שלום, מאַסלאָוו און רוט פישער, די פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון פּרינציפּיעלן קאַמף אַרום די באַשלוסן פון קאָמאינטערן. ער האָט אַזוי לעבעדיק געשילדערט ווי ווייטיקלעך און שמערצלעך עס האָט „שטאָטפינדעט די ענטפערונג פון גענאָססען". ער האָט געשילדערט די ביר־אָוונטן, ווען יונגע בחורים און מיידלעך האָבן אַרום די טישן זיצנדיק זיך געוומען פאַר די הענט און זיך וויגנדיק געזונגען לידער. ער האָט מיך אויסגעלערנט זינגען „דאָס בורשען־ליד" און „די לאָרעליי".

איך האָב אים געגלייבט. ער איז געווען ערלעך, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער קאָמאינטערן קען אין מאָסקווע נישט באַשליסן יעדע זאַך פאַר שטוטגאַרט, אַז מען קען נישט פון מאָסקווע מאַכן „יונקער צו בעפעל"... איך האָב אים געגלייבט, ווען ער האָט שטאָלצירט מיט „אונדזער ראָזע" (לוקסעמבורג) און ווען ער האָט וועגן די יידן־פאַרפאָלגונגען געזאָגט, אַז „דאָס איסט דאָס ציוויליזירטע שווינעריי"..

ער האָט שרעקלעך געבענקט אַהיים. ער האָט מיך פאַרבעטן קומען קיין שטוטגאַרט צו זיין פאָטער, וועלכער האָט אַ וויינגאָרטן אין דער גאַס, וואָס שפּאַרט אָן אין אַ הערלעכן באַרג. צי לעבט ער? צי לעבט זיין וויינגאָרטן?

אפשר האָט דער פּאַשיזם אויסגעריסן דעם ווייגאַרטן צוזאַמען מיט זיינע יונגע טרוימען?

ער האָט געצווייפלט אין זיין צוריקקער קיין דייטשלאַנד. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין דייטשלאַנד איז אָנגענומען אַלס פּאַרפאַלענער יעדער דייטש, וואָס פאָרט אין רוסלאַנד, ס'איז גרויס און ברייט און מען פאַרלירט זיך. אָבער דאָך האָט געטליעט ביי אים אַ האָפענונג. דאָס האָט אים געגעבן זיין אידעע וועגן שאַפן פאַר מענטשן אַ כוח פון "perpetuum mobile". ער האָט מיר דערצוולט, אין וואָס באַשטייט די שוועריקייט דאָס צו שאַפן און ווי אַזוי ער דענקט זי צו באַזייטיקן. ער האָט געהאָפט, אַז מעלדנדיק וועגן זיין אידעע דער ראַטנמאַכט, וועט מען אים באַפרייען און ער וועט „דערוועררבן רום" אויף דער גאַנצער וועלט...

צי איז ער געווען משוגע צי געניאַל? צי איז דאָס געווען דער „עפּעס" וואָס האַלט אין יעדן מענטשן אונטער דעם ווילן צו לעבן? אַ באַטירלעך באַזונדער געפיל פון אַ געזונטן מענטשן: אַ מענטש לעבט נישט, נאָר ווייל בעל כרחך אתה חי. אין גוטע צייטן ווערט דער „הכרח" אַ רצון, אַ תענוג צו לעבן. אין שלעכטע צייטן קומט דער הכרח אין סתירה מיטן רצון און אין באַוווּסט־זיין קריכט אַריין אַ וואָרעם פון ספיקות: למה? צו וואָס די יסורי החיים? די היינטיקע איובס זענען ווי ליימענע, צוזאַמען מיט די צעבראָכענע געטער און מיט די אָפּגעטער ווערט פון זיי שברי כלים.

עדואַרד בערנשטיין האָט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג גופא געפונען דעם עיקר, דעם תמצית: „דער ציל איז גאָרנישט; די באַוועגונג איז אַלץ".

וועלכע באַוועגונג קען זיין אין די ד'אמות פון אַן איינצל־קאַמער? מ'האָט מיך איבערגעפירט אין אַן אַלגעמיינער קאַמער. איך בין געקומען פּונקט ווען די קאַמער איז געווען „מיליטאַריזירט". נאָך די קאָמאַנדאַרמען זענען גענומען געוואָרן נידעריקערע ראַנגען. אַלע מיליטער לייט, פּאַרדעכטיקטע אין סימפּאַ־טיעס צו טוכאַטשעווסקין, יאַקירן און פרימאַקאָוון און די איבעריקע קאָמאַנ־דאַרמען, האָט מען אין גרויס איילעניש אַריינגעשפּאַרט אין די תפיסות.

אין קאַמער איז געווען מער אָרדענונג, מער קולטור און מער אָפענע אַפּיקורסות... מ'האָט גערעדט על ה' ועל משיחו און... על נבתקו"... ס'האָט געשמעקט מיט מרידה.

אין עטלעכע חדשים אַרום האָט זיך אָנגעהויבן מיין "perpetuum mobile".

אַ נייער געמאַטערטער נע־ונד אויף די אַלט־נייע קאַטאָרגע־וועגן פון סיביר און וויטן מזרח, פון באַלטישן ים ביזן שטילן אָקעאַן אַרום אַכאַטישן ים און ווייסן ים פון דער ניעוואַ צום אַמור, צו דער מאַגאַדאַנקע און אַרמאַן, צו דער צפון־דווינאַ און וואָלגאַ, צו דעם לאַנגן שטורמישן יעניסיי.

ביילאַגע

ענין נומ. 101565/23599

קאָפּיע

פסק־דין

אין נאָמען פון דער רוסלענדישער סאָוועטישער פעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער רעפּובליק.

9 אָקטאָבער 1937.

ספּעציעלע קאָלעגיע פונעם לענינגראַדער געגנט־געריכט אין דער שטאָט לענינגראַד,

אין באַשטאַנד: פאַרזיצנדיקער — זימין

מיטגלידער פון דער קאָלעגיע — קאָלנין און װענגריס

סעקרעטאַר — טשאַשטשינאַ

באַטראַכטנדיק אויף אַ פאַרמאַכטער געריכט־זיצונג דעם ענין פון די באַשולדיקטע:

1. מאַבלין־בלום בנימין מאַיסייעװיטש, געב. 1900 יאָר אין פּוילן, שטאָט מאַקאָװ, אַ ייִד, אַ זון פון אַ קוסטאַר, אַן אַנגעשטעלטער: ביזן אַרעסט אַ ביבליאָטעקאַר פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין דער שטאָט לענינגראַד; אַ באַװײַבטער, אָן קינדער נישט געמשפּטער, אומפּאַרטײַיִשער בילדונג נידעריקע. [אַ טעות. דאַרף זײַן העכערע].

2. גלייבערמאַן טעמאַ שליאָמאָװנאַ, געב. 1905 יאָר אין װססר שטעטל קאַלינקאָ־װיטשי; לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייִדישקע, אַ טאָכטער פון אַ שמש, האָט געדינט ביזן אַרעסט אַלס לאַבאָראַנט־כעמיק פונעם זאַװאָד „קראַסני רעזינשטשיק", אין דער שטאָט קיעװ. בילדונג: נישט־געענדיקטע הויכע, אָן אַ מאַן, אומפּאַרטײַיִטע; אין 1933 לויטן פּאַראַגראַף 58, פּונקט 11 פונעם קרימינעלן קאָדעקס, פאַרמשפּט געוואָרן אויף 3 יאָר קאָנצלאַגער — די שטראָף אָפּגעקומען אין 1935.

3. פּאַלאָװעץ ראובן ניסאָנאָװיטש. געב. 1904 פון װססר. שטאָט ביכאָװ. אַ ייִד אַ קוסטאַרס אַ זון. אַן אַרבעטער. ביזן אַרעסט — אַן אינסטרוקטאָר אין אויסהאַקער־צעך פון דער פאַבריק „סקאָראָכאָד". אומפּאַרטײַיִשער, בילדונג נידעריקע. אַ באַװײַבטער, 1 קינד פון 4 יאָר, נישט געמשפּטער.

4. באַליאַסני אהרון גריגאָריעװיטש, געב. 1904 יאָר, פון קיעװער גובערניע, ראַדאָ־מיסלער ראַיאָן, קאָלאָניע ראָזשעװ; לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייִד, אַ זון פון אַ

פויער; ביזן אַרעסט אַ צונעמער אויף קיראָוסקי זאַוואָד אין שטאָט לענינגראַד. אַן אומפּאַרטייִישער, בילדונג נידעריקע, אַ קינד פון 7 יאָר, נישט געמשפּטער.

5. מאַכלינאַ רחל איליניטשנאַ, געב. 1892 פון ווסער, שטאָט ביכאָוו, לויט נאַציאָנאַליטעט אַ יידישקע, אַ טאָכטער פון אַן אַנגעשטעלטן לערער, ביזן אַרעסט — אַן עקאָנאָמיסט אין אינסטיטוט פון גיפּראָרודאַ אין שטאָט לענינגראַד, בילדונג מיטעלע, האָט אַ מאַן, האָט נישט קיין קינדער, אומפּאַרטייִישע, נישט־געמשפּטעטע.

6. אַפּינאָווסקי רפאל סאָלאָמאָנאָוויטש, געב. 1904 יאָר אין ווסער, וויטעבסקער גוב., שטעטל סיראָטינאָ, אַ ייד, אַ זון פון אַן אַנגעשטעלטן, ביזן אַרעסט עלטערער בוכהאַלטער פון זאַוואָד אַרדזשאָניקידזע, אומפּאַרטייִיש, אַ באַווייבטער, האָט אַ קינד פון 11 יאָר. הויכע בילדונג, נישט געמשפּטער.

7. גערשענזאָן עליע כיימאָוויטש, געב. 1882 יאָר אין פּוילן, שטאָט פּינסק, לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייד. אַ זון פון אַן אַנגעשטעלטן. ביזן אַרעסט — רעפערענט ביים פּרעזידיום פון לענסאָוועט. אומפּאַרטייִישער, בילדונג, נישט פאַרענדיקט הויכע. אַ באַווייבטער — 2 קינדער 1 און אַ האַלב יאָר, און 10 יאָר, נישט געמשפּטער.

8. גערטשיקאָוו מאָיסיי גריגאָריעוויטש. געב. 1904 אין וווסער, אין האָמעל, זון פון אַן אַנגעשטעלטן. ביזן אַרעסט — וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט „פּלאַסטמאַסן", הויכע בילדונג. אומפּאַרטייִישער, באַווייבטער, 1 קינד פון 2 יאָר. אין 1925 געמשפּט געוואָרן לויטן אַרטיקל 77 פון קרימינעלן קאָדעקס אויף איין יאָר צוואַנגס־אַרבעט בתנאי. אָראָפּגענומען דעם אורטייל.

9. גימעלשטיין יהושע כיימאַליטש, געב. 1900 יאָר אין רמני אוסער, זון פון אַן אַנגעשטעלטן לערער. ביזן אַרעסט אַן אַנגעשטעלטער אינספּעקטאָר־מעטאָדיסט פון לעקטאָרן־ביוראָ פון טעכנישער פּראָפּאַגאַנדע ביים „דוטר" אויפן נאָמען פון מאַלאָטאָוו. אומפּאַרטייִישער, בילדונג הויכע. אַ באַווייבטער, איין טאָכטער פון 10 יאָר, נישט־געמשפּטער.

10. חפץ אהרון ראַכמילאָוויטש, געב. 1902 יאָר אין ווסער, מינסקער גוב, באָבּרויסקער אויעזד, שטעטל גלוכאָוו, אַ זון פון אַ הענדלער, אַנגעשטעלטער. ביזן אַרעסט אַ טעכנישער אָנפירער פון סעליוואַנאָווער טאָרף־באַאַרבעטונג פון וואָלכאָווער ראַיאָן. אומפּאַרטייִישער. בילדונג מיטעלע, באַווייבטער, 1 קינד פון 9 חדשים, נישט געמשפּטער.

11. יערוכימאָוויטש כאַצקל מענדעלעוויטש. געב. 1908 אָר אוסער, אין ראָמני, אַ זון פון אַ הענדלער. אַן אַרבעטער. ביזן אַרעסט אַ סטודענט פון 5טן קורס אין אינסטיטוט פאַר אינזשענערן־עקאָנאָמיסטן בילדונג, נישט פאַרענדיקטע הויכע.

12 אַפּינאָווסקי מיכאל סאָלאָמאָנאָוויטש, געב. 1905 אין ווסער, שטעטל סיראָטינאָ, וויטעבסקער גוב., זון פון אַן אַנגעשטעלטן. ביזן אַרעסט אַ סטודענט פון לענינגראַדער

עלעקטראָטעכנישן אינסטיטוט אויפֿן 5טן קורס. אומפּאַרטייִשער, בילדונג, נישט גע־ענדיקטע, הויכע. באַווייבט. 1 קינד 1 יאָר מיט 8 חדשים.

13. **מאַזיאַ אידאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ**, געב. 1909 יאָר, אין ווסער, שטעטל טיכיניטשי, אַ טאָכטער פֿון אַן אָנגעשטעלטן. ביזן אַרעסט אַ סטודענטין פֿון לערן־קאָמבינאַט אויפֿן נאָמען פֿון מאָלאָטאָוו, אויפֿן 5טן קורס. ביזן לערנען געאַרבעט אין אַ טריקאָטאַזש־פֿאַבריק אַלס אַרבעטערין, אומפּאַרטייִשע. האָט אַ מאַן, 1 קינד 1 יאָר מיט 3 חדשים. נישט געמשפּטע.

אין פֿאַרברעכנס, וואָס זענען פֿאַרגעזען אין פּאַראַגראַף 58, פּונקטן 10 און 11 פֿונעם קרימינעלן קאָדעקס פֿון רפֿספֿר

אויסהערנדיק די באַווייזן פֿון די באַשולדיקטע און באַטראַכטנדיק אַלע מאַטעריאַלן פֿון דעם ענין, האָט די ספּעצקאָלעגיע איינגעפֿונען אַלס באַוויזן די שולד פֿון די באַשולדיקטע: מאָכלין־בלום, גערטשיקאָוו, אַפּינאָווסקי ר. ס., גימעלשטיין, מאָכלינאַ ר. י., גערשענזאָן, חפֿץ, פּאַלאָוועץ, באַליאַסני, אַפּינאָווסקי מ., יערוכימאָוויטש, גליי־בערמאַן און מאַזיאַ אין דעם, אַז אַלע זיי, נאָך דעם פֿונאַנדערלאָזן אין 1928 לויטן באַשלוס פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג די דעמאָלט לעגאַל עקזיסטירנדיקע ייִדישע אָר־גאַניזאַציעס „פּועלי־ציון" און „החלוץ", אין וועלכע זיי זענען אַ לענגערע צייט געווען אַקטיווע אָנטיילנעמער, האָבן אין 1928 זיך געשטעלט אויפֿן וועג פֿון אומלע־גאַלער טעטיקייט און קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט און ווקפּ(ב).

די באַשולדיקטע מאָכלין־בלום, גערטשיקאָוו, מאָכלינאַ, גימעלשטיין, אַפּינאָווסקי ר. ס., וועלכע האָבן פֿאַרנומען אַן אָנפֿירנדיקע לאַגע אין דער אָרגאַניזאַציע „פּועלי־ציון" און „החלוץ", זענען אידעיִש און אָרגאַניזאַציאָנעל געשטאַנען בראש פֿון דער אומלעגאַלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און האָבן אין תוך גענומען מיט איר אָנגע־פֿירט ביז דער ליקווידאַציע. די אומלעגאַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לענינגראַד אין וועלכער ס'זענען אַריינגעגאַנגען אַלע אויבן־אויסגערעכנטע באַשולדיקטע, האָט דורך די באַשולדיקטע מאָכלין־בלום, מאָכלינאַ, פּאַלאָוויץ, אַפּינאָווסקי ר. ס. איינ־געשטעלט פֿאַרבינדונג מיט אַנאַלאָגישע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין דער שטאָט מאָסקווע און אין אַנדערע שטעט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און אַזוי אויך מיטן אָנפֿירנדיקן צענטער, וועלכער געפֿינט זיך אויף דער טעריטאָריע פֿון אַן אַנדער מלוכה. די פּראַקטישע טעטיקייט פֿון דער קאָנטררעוואָלו־ציאָנערער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפֿירט דערהויפּט איינצוהאַלטן די קאַדרען פֿון די ליקווידירטע אָרגאַניזאַציעס און צו דערציִען די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע אין גייסט פֿון אַ פֿיינטלעכער באַציִונג צו דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון ווקפּ(ב) און פֿון דער סאָוועטישער מאַכט.

קאָנקרעט איז די שולד פֿון יעדן פֿון די באַשולדיקטע פֿעסטגעשטעלט אין פֿאָלגנדן:

1. **מאָלין־בלום** — אין דעם, אַז ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַנפירער פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געשאַפן לויט דער אויפגאַבע פון די מיטגלידער פון צ. ק. „פועלי־ציון״. **מאַזיא** און **גימעלשטיין**; ער האָט אָרגאַניזירט און דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען פון די אַנטיילנעמער אין דער אומלעגאַלער אָרגאַני־זאַציע, איינגעאָרדנטע אין די דירות פון די באַשולדיקטע **אַפּינאַוסקי**, **גלייבערמאַן** און אין דאַטשע־ערטער אונטער דער שטאָט פון לענינגראַד; דורך די באַשולדיקטע **פּאַלאָוועץ** און **באַליאַסנע** איינגעשטעלט באַציִונגען מיטן אַנפירנדיקן צענטער אין אויסלאַנד, ער האָט איינגעשטעלט פאַרבינדונג מיט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט מאָסקווע און אַנדערע שטעט פון ססס״ר, און אין 1936 יאָר האָט ער אויפגענומען דעם פאַרשטייער פון מאָסקווער אָרגאַניזאַציע ראַשאַל, מיט וועלכן ער האָט געהאַט געשפּרעכן איבער פראַגן פון ווייטערדיקער אַרבעט און וועגן פּראָגראַם־טאַקטישע אויפגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע.

2. **גערטשיקאָוו** — אין דעם, אַז ער, פאַרבלייבנדיק ביזן מאָמענט פון ליקווידירן די אָרגאַניזאַציע, אַ מער פון אַלעמען איבערצייגטער און אַקטיווער אַנטיילנעמער אירער — האָט גענומען אַן אַנטייל אין די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון דער אָרגאַ־ניזאַציע. אַנטייל גענומען ביים באַטראַכטן אין דער דירה פון **מאַכלין־בלום**. מיט וועלכן ער איז פּערזענלעך געווען פאַרבונדן; די קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּלאַטפאָרם פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צום באַטראַכטן דורכן מיט־גליד פון צ.ק. (?) „פועלי־ציון **ראַשאַל**, וועלכן ער האָט אויך פּערזענלעך געקענט.

3. **אַפּינאַווסקי רפאל** — אין דעם, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אומ־לעגאַלער אָרגאַניזאַציע. ער האָט פאַרגעשטעלט זיין דירה פאַר קאָנטררעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען פון דער אָרגאַניזאַציע; לויט דער אויפגאַבע פון **מאַכלין** (בלום) אין 1933 יאָר האָט ער זיך באַגעגנט אין דער שטאָט מאָסקווע מיט פאַרשטייער פון מאָסקווער אָרגאַניזאַציע, געהיט ביי זיך אין דער דירה קאָנטררעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. אין 1936 יאָר האָט ער צוזאַמען מיט ראַשאַלן באַטראַכט די פּראָגראַם פון טעטיקייט פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

4. **גימעלשטיין** — אין דעם, אַז ער איז נאָך דער ליקווידאַציע, אין 1928, פון „החלוץ״ אַריינגעגאַנגען אין אומלעגאַלן באַשטאַנד פון צ.ק. פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין נאָמען פון דעם אַנגעוויזענעם צ.ק. אין 1929 דורכגעפירט אין לע־נינגראַד אַן אומלעגאַלע קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכער ס׳זענען געווען אַנוועזנד די פאַרשטייער פון די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע שטעט. ער האָט ווערבירט און אָרגאַניזירט דאָס שיקן קיין אויסלאַנד מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיי באַזאָרגט מיט געלט און דאָקומענטן.

5. **מאַכלינאַ רחל** — אין דעם, אַז זי איז ביזן מאָמענט פון אַרעסט צוזאַמען מיטן מאַן **מאַכלין־בלום** געווען אַן אַקטיווע אַנטיילנעמרין אין דער אָרגאַניזאַציע, זי איז

געוועז אנוועזנד ביים באטראכטן דורך מאכלין־ראשאל, די קאנטררעוואלוציאנערע פראגראם, גענומען אן אנטייל אין אומלעגאלע פארזאמלונגען, וועלכע זענען פארגעקומען אין זייער דירה, אויף דער דירה פון עמעצן א רעפרעסירטן סיאמין; האט אויסגעפירט שליחותן פון דער ארגאניזאציע אין דער פארבינדונג מיטן אנפירנדיקן צענטער פון דער אונטערערדישער ארגאניזאציע אין מאסקווע; צוגעשטעלט פון מאסקווע פאר די באדערפענישן פון דער ארגאניזאציע קאנטררעוואלוציאנערע ליטעראטור.

6. חפיץ — אין דעם, אז ער האט נאך דער ליקווידאציע פון דער לעגאלער ארגאניזאציע „החלוץ" אין דער שטאט לענינגראד, געשאפן אן אונטערערדישן קאמיטעט און ער האט אנגעפירט מיט דער אומלעגאלער ארגאניזאציע; ער האט ארגאניזירט און דורכגעפירט אומלעגאלע פארזאמלונגען, באקומען פון גימעלשטיינען, מיט וועלכן ער איז געווען פערזענלעך פארבונדן, געלט, וואס ער האט אויסגעגעבן אויף צו געבן מאטעריעלע הילף די פערזאנען, וועלכע ווערן געשיקט קיין אויסלאנד.

7—8. פאלאוועץ און באליאסני — אין דעם, אז זיי ביידע זענען אריינגעגאנגען אין באשטאנד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האבן גענומען אנטייל אין אומלעגאלע פארזאמלונגען. לויט דער אויפגאבע פון מאכלין־בלום אין 1930 יאר, ארויסגעפארן קיין אויסלאנד, ווו זיי האבן זיך פארבונדן מיט טוער פון דער ציוניסטישער באוועגונג, איבערגעגעבן דארט פאר דער פרעסע אינפארמאציע וועגן דער לאגע פון די ארבעטנדיקע אין ראטנפארבאנד, מיט קאנטררעוואלוציאנערן, רכילותדיקן אינהאלט. א חוץ דעם איז פאלאוועץ אין שליחות פון מאכלין־בלום ארויסגעפארן אין מאסקווע, כדי צו באקומען קאנטררעוואלוציאנערע ליטעראטור.

9. גערשענזאן — אין דעם, אז ער האט, ווי אנדערע באשולדיקטע, נאך דער ליקווידאציע פון די לעגאלע ארגאניזאציעס — זיך געשטעלט אויפן וועג פון אומלעגאלער טעטיקייט; גענומען אנטייל אין די אומלעגאלע פארזאמלונגען, וועלכע זענען פארגעקומען אין דער דירה ביי סיאמינען און צוזאמען מיט דער באשולדיקטער מאכלינא גענומען אנטייל אין ארגאנייזירן הילף פאר די רעפרעסירטע אנטיילנעמער פון דער ארגאניזאציע, און א חוץ דעם פארגעזעצט ביזן ארעסט אונטערצוהאלטן די פערזענלעכע פארבינדונג מיטן אנפירער פון דער ארגאניזאציע מאכלין־בלום.

10—13. אפינאווסקי מיכאיל, יערוכימאוויטש, גלייבערמאן און מאזיא — אין דעם, אז זיי האבן גענומען אנטייל אין דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער קאנטררעוואלוציאנערער ארגאניזאציע, האבן באזוכט אומלעגאלע פארזאמלונגען. דערביי זענען אייניקע פון זיי פארגעקומען אין די דירות פון אפינאווסקין און גלייבערמאן. יערוכימאוויטש האט א חוץ דעם לויט דער אויפגאבע פונעם באשולדיקטן גימעלשטיין — אנטיילגענומען אין ארויסגעבן אומלעגאלע קאנטררעוואלוציאנערע ביולעטינען.

די טעטיקייט פון די אלע באשולדיקטע קוואליפיצירט די ספעציעלע קאלעגיע לויט דעם פאראגראף 58, פונקט 10 און 11 פון קרימינעלן קאדעקס.

אויפן סמך פון די פּאַראַגראַפן 313, 320 פון קרימינעלן פּראָצעסועלן קאָדעקס האָט די ספּעצקאָלעגיע

צוגעמשפּט :

צונעמען די פרייהייט לויט די פּאַראַגראַפן 58—10, טייל 1 און 58—11 פון קרימינעלן קאָדעקס באַזונדער און צוזאַמענגענומען, מיט דער סאַנקציע פון פּאַראַגראַף 58—10 פון קרימינעלן קאָדעקס :

1. מאַזיאַ אידאַ סאַלאַמאַנאַוונאַ אויף אַ טערמין פון פיר יאָר, נאָך דעם פּאַרלירן די רעכט לויט די פּונקטן „א" ("a") און „ב" ("b") פּאַראַגראַף 31 פון קרימינעלן קאָדעקס אויף צוויי יאָר.

2—4. אַפּינאָווסקי מיכאַיל סאַלאַמאַנאַוויטש, יערוכאַמאָוויטש כאַצקל מענדעלעוויטש און גלייבערמאַן, טעמאַ שליאַמאַוונאַ אויף אַ טערמין פון זעקס יאָר יעדן, נאָך דעם פּאַרלירן די רעכט לויט די פּונקטן „א" און „ב" פון פּאַראַגדאַף 31 קרימינעלן קאָדעקס אויף דריי יאָר יעדן.

5—7. פּאַלאָוועץ ראובן ניסאַנאַוויטש, גערשענזאָן עליאַ כיימאָוויטש און באַליאַסני אהרן גריגאָריעוויטש אויף אַ טערמין פון אַכט יאָר יעדן און דערנאָך פּאַרלירן די רעכט לויט די פּונקטן „א" און „ב" פון פּאַראַגראַף 31 פון קרימינעלן קאָדעקס אויף פינף יאָר יעדן.

8—13. חפץ אהרן ראַכמיליעוויטש, אַפּינאָווסקי רפאל סאַלאַמאַנאַוויטש, גערטשוי־קאָו מאַיסיי גריגאָירעוויטש, גימעלשטיין יהושע כיימאָוויטש, מאַכלינאַ רחל איליניטשנאַ און מאַכלין־בלום בנימין מאַיסעיעוויטש — אויף אַ טערמין פון צען יאָר יעדן, דערנאָך פּאַרלירן די רעכט לויט די פּונקטן „א" און „ב" פון פּאַראַגראַף 31 פון קרימינעלן קאָדעקס אויף פינף יאָר יעדן.

פּאַררעכענען די תפיסה ביזן געריכט פּאַר מאַכלין־בלום, אַפּינאָווסקי ר. ס., גערשענזאָן פון 5/5 1937 ; מאַזיאַ, גלייבערמאַן, אַפּינאָווסקי מ. ס. און מאַכלינאַ פון 2טן יוני 1937 יאָר ; פּאַלאָוועץ און באַליאַסני פון 22טן מאַי 1937 ; יערוכימאָוויטש פון 15טן יולי און הימעלשטיין פון 16טן יולי 1937 יאָר פּאַרמיידונגס־מיטלען פון אַלע פאַרמשפּטע איבערלאָזן, האַלטן אונטער אַ וואַך.

דעם פּסק־דין קען מען אַפּעלירן אין דער ספּעצקאָלעגיע פון העכסטן געריכט פון רססער אין משך פון 2 שעה פון דעם מאָמענט ווי די קאָפּיע פון פּסק־דין ווערט איבערגעגעבן די פאַרמשפּטע.

אין אָריגינאַל לויט די געהעריקע אונטערשריפטן ריכטיק :

דער פאָרזיצער (זימין)

סעקרעטאַר — (טשאַסטשינאַ)

7. אויס מענטש

מען צעטיילט אַ קישן

טורמע־ווענט האָבן אויערן, שטענדיק זאָגט מען עפּעס, שטענדיק הערט מען עפּעס. שטענדיק וואַרט מען אויף עפּעס. אַלע זענען דאָ אויסגעמאַטערטע, פאַרמשפּטע, ווער אויף צען און ווער אויף דער גאַנצער „קאַטושקע" — פינף און צוואַנציק.

אַזאַ מין קנײַלעכל פּאַדעם פון צײַט האָט געדאַרפט פונאַנדערוויקלען מײַן שכן דער אינזשענער ספּאַסקי, מיט וועלכן מיר זענען געשלאָפן אויף איין קישן אין דער זיבצנטער קאַמער אויף „שפּאַלערקע". ער איז געווען אַ קריטיש־געשטימטער רוסישער אינטעליגענט. מ'האָט אים געמאַכט פּאַר אַ שעדיקער, געגעבן „אויסצובייטן אַ פינף און צוואַנציקער". ער איז געווען איינגעהאַלטן, איראָניש, אויסערלעך ווייניק דערשיטערט פון דעם. ער האָט אויסגערעכנט וויפל מעת־לעתן, שעהען, מינוטן ער וועט זיך געפינען „דאָרט"...

בײַ אונדז בײדן צוזאַמען איז געווען פינף און דרײַסיק יאָר. מיר האָבן באַ־רעכנט וויפל יאָרן, שעהען, מינוטן וועט מען דאַרפן אָפּגעבן די גאַנצע קאַ־מער, אַלע קאַמערן פון אונדזער טורמע און אַלע טורמעס פון ראַטנפאַרבאַנד. איך בין אין מאַטעמאַטיק שטענדיק געווען שטומפּיק. ער איז געווען אין מאַ־טעמאַטיק אַ גוטער שווימער, דאָך האָט ער נישט אויסגעהאַלטן די גרויסע טרי־ליאָנען־כוואַליעס און שיער נישט דערטרונקען געוואָרן אינעם ים פון ציפערן. מיליאָנען פרייע לעבנס זענען פאַרשקלאַפט געוואָרן. דאָס נײַע רוסלאַנד האָט זיך געבויט ווי די אוראַלטע פּתום און רעמסס און ווי דאָס אַנטיקע רוים מיט דער אומזיסטער, אָבער ווייניק־פּראָדוקטיווער, שקלאַפן־אַרבעט.

מיר האָבן געוואַרט אַ ליאַדע־טאָג אויף דער „פּערעסילקע". בײַ מיר איז געווען אַ גרויס קישן, וואָס מײַן ברודער פּייזול האָט מיר געבראַכט אין 1923טן יאָר פון מײַן מאַקאָווער פּוילישער היים. מיר האָבן באַשלאָסן דאָס קישן צו צע־טיילן, און „אומר־ועושה". ספּאַסקי האָט געקריגן מאָדל־פּאָדעם און אין סאַמע קישן געמאַכט צוויי נעט און מיט אַן אומלעגאַלן ראַזיר־מעסערל צעשניטן, און מיר האָבן געמאַכט אַ חברישן „יחלוקו".

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים גענומען אין „פּערעסילקע". ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט מיט געמאַכטער רויִקייט און מיך איינגעלאַדן אויף אַ גלעזל טיי אין זיין היים־שטאָט סאַראַפּאָל 5 אַ זייגער פאַר נאַכט נאָכן לאַגער... צוגע־זאָגט האַלטן דאָס קישן בכבוד.

איך בין אָבער געקומען צו אים אַ סך פריער, נישט אין סאַראַפּאָל נאָר אין וולאַדיוואָסטאָק. אין טורמע איז געוואָרן אַלץ שיטערער. די „אַלטע קאַדרען" (מיליטער־לייט, פּאַרטיי־באַאַמטע און ווירטשאַפטס־טוער) האָבן שוין באַקומען דאָס, וואָס זיי איז געווען באַשטימט פון „אויבן" און ביסלעכווייז אַריבערגעפירט געוואָרן אין „פּערעסילקע". „נייענקע" זענען אָנגעקומען ווייניק. דאָס זענען געווען, ווי זיי אַליין האָבן כאַראַקטעריזירט זיך, על פּי טעות געלאָזענע, פאַרגע־סענע, נישט דערשלאָגענע.

איך בין געבליבן אין קאַמער כמעט דער „לעצטער מאָהיקאַנער" פון די אַלטע אַרעסטאַנטן. ענדלעך האָט מען מיך אַרויסגערופן און מ'האָט מיך אַריבערגעפירט אין פּערעסילקע, דאָס מאָל נישט אויף ניזשעגאָראַדסקע, נאָר אין „קרעסטי". דאָ איז געווען אַ „גן־עדן". מ'איז געשלאָפן אויף אייזערנע בעטן, די קאַמערן זענען געווען אָפן און מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט באַזוכן פרעמדע קאַמערן פונעם אַלגעמיינעם קאָרידאָר, שפּילן שאַכמאַט, לייענען ביכער און באַקומען „פּערעדאַטשעס" און „סווידאַניעס". אַהערצו האָט אונדזער אַלטע ליבע מאַמע, עליה השלום, מיר געבראַכט וואַרעם וועש, אַ רויטע וואָלענע קאָלדרע און אַ... לאָגל טרערן אויפן וועג צו דעם אומבאַוווסטן. דאָ האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט ראובן פּאַלאָוועץ, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט מען אונדז גע־האַלטן לענגער פון אַלעמען אויף „שפּאַלערקע". כמעט אַלע אונדזערע חברים זענען שוין געווען אין לאַגערן און האָבן שוין געוווּסט „„דעם מקח פון אַזאַ לעקעך".

סוף אויגוסט 1939 האָט מען אונדז „געפּאַקט" אין „טעפּלושקעס", אין די אַלטע באַקאַנטע וואַגאָנעס „פאַר אַכט פערד און פערציק מענטשן". אַלץ איז גע־מאַכט געוואָרן אין אַ „טעמפּן ווינקל" פון עפּעס אַ „סאָרטיראָוואַטשנע" אין מיטן דער נאַכט. מיטן געפּעק אין דעם געדרענג, מיט מיינע „האַלב בלינדע" אויגן בין איך נישט איין מאָל געשטרויכלט געוואָרן איבער די שפּאַלן אויף די רעלסן, זיך צעשלאָגן און געכאַפּט אַ חוץ דעם קלעפּ פון די וואַכראָווצעס".* איך האָב דעמאָלט דערפילט, וואָס דאָס הייסט אַז מ'טאָר נישט פילן... איך בין אַפילו נישט קיין בהמה, נישט קיין פערד, וואָס מען דאַרף שאַנעווען, איך בין אַ „זעקאַ", אַ זאַך, וואָס „מען נעמט צו און מען גיט איבער" לויט דער רשימה.

* „וואַכראָווצעס" פון רוסישן וואָרט וואָאָרוזשאָנאַיאַ אָכראַנאַ — באַוואָפנטע וואַך.

אין די וואַגאָנעס איז געווען חושך ואפילה. מ׳האָט זיך ווי ס׳איז איינגע־אָרדנט אויף די פּעקלעך און אין לייכטן דרימל מיט שווערע קאָשמאַרן דער־וואַרט דעם טאָג.

אין דער פרי האָבן מיר דערזען טאָפּלטע גאַרעס און מיר האָבן זיך אויף זיי פונאַנדערגעלייגט, ווי „ביים טאַטן אין ווייגאַרטן״ — די „גליקלעכע״ אויף די אייבערשטע גאַרעס האָבן געקענט דורך די פענצטערלעך (כאָטש מיט אַ געדיכטער נעץ באַשלאָגענע), זען דעם הימל און טרעפן די סטאַנציעס און דעם וועג אויף וועלכן מיר פאָרן.

ענדלעך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס אַ סטאַנציע. ס׳האָבן אַ רויש געטאָן שלעסער און ריגלען, די טיר האָט זיך אויפגערוקט און ס׳איז אַריין דער קאָמענדאַנט פון עשאַלאָן און דערקלערט אונדז אַלץ, וואָס איז פאַרבאָטן: קוקן אין די פענצטער, ווען דער צוג שטייט, נישט זינגען, נישט רוישן. מ׳וועט קריגן דריי מאָל אין טאָג הייס וואַסער, דעם פּאַיאָק ברויט, צוקער (פיר שטיק־לעך), פּוטער (פּופצן גראַם), הערינג אָדער וואָבלע (געטריקנטע פיש). ווער ס׳האָט געלט, מוז דאָס אָפּגעבן דעם קאָמענדאַנט לויט אַ קוויטאַנציע און ער וועט קענען אויסשרייבן פּראָדוקטן און רויכער־מאַטעריאַל. אויף ספּעציעל באַשטימטע ערטער וועט מען אונדז פירן אין באָד און געבן געקעכץ. מען דאַרף געדענקען, אַז די וואָך האָט אַ באַפעל אָפּהיטן שטרענג די אָרדענונג און קענען יעדן עובר־זיין די איינגעשטעלטע אָרדענונג האָט די וואָך אַ רעכט אָנ־צווענדן געווער אָן אַ וואָרענונג. ער האָט באַשטימט איינעם פאַר אַ „סטאַ־ראָסטע״ אויף אָפּהיטן די ריינקייט און אָרדענונג אין וואַגאָן, אויך צו באַקומען הייס וואַסער און שפּייז.

מיטן סטאַראָסטע זענען געגאַנגען נאָך צוויי אין דער באַגלייטונג פון „וואַכ־ראָוצעס״, האָבן געבראַכט עמערס מיט וואַסער און פונאַנדערגעטיילט דעם פּאַיאָק.

פון דעם קאָמענדאַנטס דרשה איז אונדז קלאָר געוואָרן אַז עס שטייט פאַר אַ לאַנגע נסיעה, אַז אַ לאַנגע צייט וועלן מיר זיך געפינען אין אַ תפיסה אויף רעדער.

מיר האָבן זיך צו ביסלעך צוגעוווינט צו די „פאַרבאָטן״. אויף די גרויסע סטאַנציעס האָבן מיר געקדקט אין די פענצטער פון די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס. גע־ווינלעכע פּאַסאַזשירן, פרייע מענטשן, הייסט עס: דאָס לעבן גייט אָן אונדז אַזוי ווי מיט אונדז. אמת, פון די פרייע פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס האָבן דורך די פענצטער געקוקט צו אונדזערע פענצטערלעך הונדערטער צעשראָקענע אויגן. אַ סך האָבן מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. אַ סך האָבן קרובים און פריינד פאַרלוירן אויף די זעלביקע וועגן, אויף וועלכע מיר הייבן ערשט אָן אונדזער עטאַפּ. אפשר זוכט אַ פרויען־אויג דעם טאַטן פון אירע קינדער, און אַ יונג מיידל איר פאַר־

שווינדלענעם חלום? מיר איז עפעס איינגעפאַלן אַ משונהדיקער געדאַנק אין קאָפּ, אַז אין איינעם פון די פענצטערלעך אין די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס זע איך די גרינבערגזשאַנקע, די לערערקע פון פּויליש, ביי וועלכער איך, הלל רייטשיק און ישראל פרענקעל האָבן געלערנט אין 1916—1917 און אין 1918 האָט זי זיך אַרויסגעוויזן אַלס קאָמוניסטקע. פון וואַנען זאָל זי קומען אַהער? עפּעס קומען צו מיר געשטאַלטן פונעם עבר און פרעגן נישט ביי מיר.

עפּעס שטייען מיר לאַנג אויף דער סטאַנציע. נישט אומזיסט. ווידער קלאַפּן ריגלען. ס׳עפנט זיך אונדזער טיר און עס קומט אַ באַפעל: „פאַרנעמט זיך מיט די זאַכן". ווידער שטאַק־פינצטער, וואַכראַוצעס, גרויסע הינט ווי די וועלף רייסן זיך פון זייערע הענט, סאָלדאַטן מיט ביקסן, פיר אין אַ רייע — אַ טריט רעכטס, אַ טריט לינקס רעכנט זיך אַ פּרווו צו אַנטלויפן, און עס „ווערט אָנגעווענדט געווער אָן אַ וואָרענונג"... ביי וועמעס האַנט זיך האַלטן? ווער וועט מיר געבן אַ פינגער? מיינע אויגן זוכן. — נישטאָ קיין צייט. מען פירט שוין, און מענטשן, ווי אַ סטאַדע צונויפגעדריקטע, ווערן געטריבן אין דער נאַכט אַריין.

אין באָד. איך באַהאַלט אין האַנט צונויפגעדריקט אין פויסט אַ פּופּציק־רובל שטיק. מאָדנע, אַפילו פריקרע, פרויען באַדינען אונדז אין באָד. דאָס זענען „ביי־טאָוויטשקעס". זיי זידלען זיך נישט ערגער פון מאַנצבילן. מען וואַשט זיך פון איין שייקע אין צווייען, דערנאָך צו פינף אונטער איין „דוש". די וואַסער איז אַ ביסל רויטלעך זאַמדיק, דאָס פּיצל זייף קוים מען האַלט עס אין האַנט. מען דאַרף זיך איילן. באַלד וועט מען ברענגען דאָס אָנטאָן און דאָס געפּעק פון „פּאַרילקע", און מען וועט דאַרפן כאַפּן, געפינען און אַ באַפעל „וויכאָדי סטראָי־סיאַ". מיט דער הילף פון עפּעס עטלעכע אַרעסטאַנטן האָט מען מיך צוגעקליבן, און איך בין בשלום אַרויס מיט די שיך, קוים זיי האַלטן זיך, נישט פאַרבונדענע. פון דאָרטן האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין עפּעס אַ גרויסן בנין, דאָרט אַהין האָט מען געבראַכט הייס געקאָכט וואַסער און מען האָט געפּרישטיקט. מיר זענען לאַנג, לאַנג געזעסן דאָרטן. מען זאָגט אַז די ליניע איז פאַרנומען. מען מאַכט דעזינפעקציע. ס׳גייען מיליטער־עשאַלאָנען. מען זאָגט און מען זאָגט. מען פירט אונדז אַרויס פּאַרטיעסווייז אין „סטאָלאָווע". מיטיק אויף לאַנגע טישן. גרויסע צינקענע וואַש־שיסלען מיט זופּ. הילצערנע לעפלען אָנגעוואָרפענע אויפן טיש. צו פינף אַרום יעדער שיסל. שטייענדיק שעפּט מען בחיפזון. געענדיקט דאָס „שי־טערע", פּילט מען עס אָן מיט קאַשע... מען לייגט אָן אַ סך, אַרעסטאַנטן זאָלן זיך אָנעסן פאַר אַ וואָך פאָרויס. ווידער דער זעלביקער „פּאַראַד" מיט „וואַכראָוצעס". מיט הינט, מיט ביקסן מיט „פּריקלאַדן". ביי יעדן פּאַראַד האָב איך זיי פאַזוכט, ווייל איך בין נישט געווען אַזוי „געשיקט" און גיך... אויף אַ רגע פאַרטראַכט זיך, נישט דערהערט עפּעס אַ באַפעל.

וויפל שטייען נאָך פאַר „בעדער" מיט „פאַראַדן"?... צי וועל איך באַקומען די נייטיקע פּראַקטיק פון אַ פּראָפעסיאָנעלן לאַגערניק?

מיר זענען שוין צוריק אין וואַגאָן, וואָס שמעקט מיט „קאַרבאָלקע", מיט נאַפט, מיט פּאַראַשע, מיט, מיט נאָך עפּעס, — מיט תפיסה. די רעדער אין באַוועגונג, מען פאָרט. מען פירט. דער „סטאַראָסטע" האָט אַרויסגעשלעפּט פון שטיוול אַ קליינע אָרטיקע צייטונג! חברה, שטיל זאָל זיין. ער לייענט. דייטשלאַנד מאַרשירט אין פּוילן, אונדזער רויטע אַרמיי פאַרנעמט אויך שטיקער ווייסרוסלאַנד און פּוילן. ווייל די מיטינגען פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין גראָדנע, קאָוונע, ווילנע באַשליסן און פאָדערן, עס זאָלן קומען צו זיי אונדזערע רויטע טיילן. די סאָוועטנמאַכט. ענגלאַנד מיט פראַנקרייך האָבן דערקלערט מלחמה דייטשלאַנד. די סאָוועטנמאַכט שטעלט איין פרידלעכע גרענעצן מיט היטלער־דייטשלאַנד. אַ וועלט איז משוגע געוואָרן!...

אַ כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט אויף מערב און מיר באַוועגן זיך קיין מזרח. וואָס וועט זיין? ווער ווייסט? עפּעס רירט זיך. אפשר וועט עפּעס קומען אויך פאַר אונדז? אין קאָפּ איז אַן ערבוביה פון געדאַנקען.

וולאַדיוואָסטאָק

מער ווי וויטע קומענס האָבן מיר פון וולאַדיוואָסטאָק נישט געזען. פאַר אונדז האָבן זיך געעפנט קרעכצנדיקע גרויגעוואָרענע טויערן און לויט אַ רשימה האָט מען אונדז איבערגעגעבן דעם „סעוו־וואָסט־לאַג" — „צפון־מזרח־לאַגער־צענטער". פון דאַנען ווערן מיר איבערגעגעבן ווייטער.

כמעט אַ גאַנצן חודש האָט זיך אונדזער אייזערנער קאַראַוואַן געשלעפּט פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד צום אַזיאַטישן. סוף סעפּטעמבער. דאָ איז הייס. דער שטח פון לאַגער איז אַרומגעצאַמט מיט שטעכיקן דראָט, אויף הילצערנע טורעמס אונדזערע וועכטער. קיין אָרט אין די באַראַקן איז נישטאָ, שלאָפט מען אין דרויסן. גייט דורך אַ רעגן, ווערט מען נאַס, טרוקנט מען זיך אויס אויף דער זון ביזן נעכסטן רעגן. אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך ווידער געטראָפן צווישן המון מענטשן מיט ראובן פּאַלאָוועץ. ער איז אַרייגעפאַלן אין אַ צווייטער פּאַרטיע. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ ווינקל אויף דער „שלאָף־גאַס". אויף מיין האַלבן קישן האָבן זיך איצט צוגעשפּאַרט צוויי קעפּ און „איינגעשלאָפן" אין אים דעם צעבראָכענעם טאָג. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך דערוווּסט פון ראובן פּאַלאָוועץ אַז דאָ אויף דער טעריטאָריע פון לאַגער געפינען זיך אַ רייע וואַרשטאַטן. די, וועלכע אַרבעטן דאָרט, וווינען אין באַזונדערע באַראַקן אין רייג־

קייט, אין נאָרמאַלע באַדינגונגען און ווערן דערנערט בעסער. איך האָב דאָך אָבער נישט קיין פאַך. ער קען שוסטעריי, אָבער דאָ זענען שוין שוסטערס אַן איבערפלוס, גייט מען אין סטאָלעריי, שיקט מען אונדז צום נאַטשאַלניק פון אַלע וואַרשטאַטן.

ביים נאַטשאַלניק האָבן מיר געטראָפן אַן „עם רב" פון אַזעלכע „ספּעציאַ־ליסטן" ווי מיר. אַט איז אַרויס דער נאַטשאַלניק און האָט מיך דערזען. ס'האָט נישט געדויערט קיין מינוט, האָט ער מיך אַ ריס געטאָן אין קאַבינעט אַריין. — „אַ שאָד וואָס נישט אין סאַראַפּאָל", ער לאַכט — דאָס איז ספּאַסקי. ער איז פאַר מיר דורכגעהינקען (ער איז געווען אַ בעל מום) אין קאַבינעט. נו, מילא, אַבי דאָ, וועלן מיר שוין זען. כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך בין דאָ מיט מיינעם אַ חבר, וואָס וויל זיך אויך „פּראָלעטאַריזירן". ער האָט אָנגעשריבן אַ צעטל אין „סטאָ־ליאַרסקע". דאָרט האָט מען מיר מיט ראובנען געגעבן אַ מאַשין צו דרייען. מיר האָבן מיט די פיס געדריקט אויף פּעדאַלן, ווי ביי אַ בויער־מאַשין דאַנטיסטן, און מיר האָבן באַקומען אַ נאָרמאַלן דאַך איבערן קאָפּ און אָנגעפילט דעם מאָגן. אין וואַרשטאַט אין אַ באַזונדער ווינקל, ביי אַ באַזונדערן טיש איז געזעסן אָפּגעזונ־דערט אַ הויכער, אַ שוואַרצער יונגערמאַן און געשניצט פערדלעך. דאָ האָט מען אויסגעאַרבעט שאַכמאַט־פיגורן. ער איז געווען אַ קינסטלער אין שניצעריי. מיר האָבן זיך מיט אים גוט באַקענט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז זאַווילעוויטש. ער איז געווען אין מאָסקווע אַ פאָרשטייער פון בירא־בידזשאַן אין ציק ססר (צענטראַל אויספיר־קאָמיטעט אין ראַט פון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן). ער האָט מיר דערציילט וועגן חורבן, וואָס מ'האָט אָנגעמאַכט אין בירא־בידזשאַן און וועגן זיין ענין"... ליבערבערג, דער געוועזענער אָנפירער פון קיע־ווער יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, איז די לעצטע צייט געווען דער פאָרזי־צער פון בירא־בידזשאַנער געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט. דאָרט זענען געווען לע־וויטאַן (מיכל) מאַץ, געוועזענער הויפּט־אינספּעקטאָר פאַר יידישער בילדונג אויף אוקראַינע, הענעך קאַזאַקעוויטש, און נאָך אַ סך טוער פון דער יעווסעקציע ר.ק.פּ. און פון העכערע יידישע וויסנשאַפטלעכע און בילדונגס־אַנשטאַלטן. דאָס גאַנצע „קעפּל", אַלע טוער האָט מען אַרעסטירט און געמשפּט. די בירא־בידזשאַנער טוער זענען באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, אַז זיי האָבן געשאַפן אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע מיטן ציל אָראָפּצוואַרפן דאָרטן אין בירא־בידזשאַן די סאָוועטנ־מאַכט, אַרויסגיין פון ראַטנפאַרבאַנד און צואייניקן די בירא־בידזשאַנער געגנט צום יאַפּאַנישן מאַנדזשאָ־גאָ; אויסער דעם האָבן זיי „אָרגאַניזירט" אַן אַגיטאַציע צווישן די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, זיי זאָלן „אַרויסגיין" פון ראַטנפאַרבאַנד. מיט דעם „צענטער" האָט כלומרשט אָנגעפירט זאַוויעלעוויטש. אַ סך פון בירא־בידזשאַנער טוער האָט מען פיזיש ליקווידירט.

— דאָס וואָס עס איז נישט געלונגען דער צאַרישער מאַכט און דער בייליסיאַדע פון 1913 יאָר, איז געלונגען סטאַלינס סאַטראַפּן אין 25 יאָר אַרום.

— ווער קען דען איצט צווייפלען אין דעם, אַז אַלע אַנטיפאַשיסטישע כוחות האָט סטאַלין אָפּגערוימט פאַר זיין אָפּמאַך מיט היטלערן. ווער קען דען איצט צווייפלען אין דעם פאַשיסטישן כאַראַקטער פון דעם סטאַלין־רעזשים? גוטע, אַלטע קאָמוניסטן האָבן „אים מיט די וואָנסן" צוגעגליכן צו מאַלינאָווסקין, דעם באַרימטן באָלשעוויסטישן דומע־דעפּוטאַט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פּראָוואָקאַטאָר.

איך מוז זאָגן דעם אמת: דער פאַרגלייך האָט מיר ווי געטאָן. איך האָב געזוכט מיט עפּעס צו פאַרענטפערן, דן זיין לכף זכות. אָבער דער אמת האָט געשטאָכן די אויגן. אין איינעם אַ באַראַק האָב איך געטראָפן אויף די נאַרעס מאַצן. ער איז געזעסן און געשריבן אויף יידיש אין פערזן „אַ בריוו צום טאַטן"... סטאַלין דער טאַטע איז געוויס גערעכט אין אַלץ, וואָס ער טוט, נאָר ער קען צערייסן זיין האַרץ ביז בלוט. ער קען אַרויסלאָזן זיין לעצטן אָטעם, סטאַלין איז זיין טאַטע, סטאַלין איז זיין פאָטער. איך בין נישט גערירט געוואָרן פון זיינע פערזן. איך האָב געקוקט אויף מאַצן, צי איז ער נישט „גערירט" פונעם זינען?

כ'האָב אויך געטראָפן מיכל לעוויטאַן שפּעטער אויף קאָלימאַ. ער האָט מיר געזאָגט פּשוט און פּראָסט: מיר זענען אַלע געווען אידיאָטן. וואָס האָבן מיר זיך געאַמפּערט, דיסקוטירט? צוליב וואָס און צוליב וועמען האָבן מיר איינגעריסן וועלטן?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זאָווילעוויטש איז געווען אָפּגעריסן אַ לאַנגע צייט פון זיין פאַמיליע. געווען באַקעט און הויל. פאַרן עטאַפּ האָט ער מיט אַ ביטערן שמייכל אָנגעטאָן מיינס אַ שוואַרץ רוסיש אויבערהעמדל (אַ קאָסאָוואָראָטקע). מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. דאָס איז געווען אַ זעלטן גוטער חבר, אַ הויך־קולטורעלער מענטש מיט אַ גרויסן ווילן און טאַלאַנט צו שניצערייַ און צו מאָלן. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אים אין צען יאָר אַרום אין פרידיוועוסקי סודאָווערף (נעבן דעם יעניסיי). ווו מיר זענען געווען פאַרשיקט. זיין הויז איז געווען מיט אַ צוגעבויטער אַטעליע, ווו ער האָט געשאַפן קונסטווערק (שניצערייַ און מאָלערייַ). ער און זיין פרוי זענען ביידע געשטאָרבן נאָך דער רעהאַביליטאַציע אין מאָסקווע בימי־כרושטשאָוו.

„דאַלסטראָי"

אין אַ פינצטערן ווינקל אונטער אַ נאַרע. מ'האָט געקענט ליגן. מ'האָט געקענט זיצן. דריי מאָל אין טאָג אַ קווערטל לעבלעך וואַסער, די „הייליקע פּייקע"

ברויט און לאָקשן מיט פיש. דריי טעג און דריי נעכט. אייגנטלעך ווייסן מיר נישט ווען ס'איז טאָג, ווען ס'איז נאַכט. מיר זענען „פּאַרפּאַקט" אין אַן אונטער־שטן טייל פון דער שיף. אפשר איז עס געווען אַ „טרוים". פון ערגעץ איז גע־פאַלן אַ טונקעלע שיין. דער טאָג הייבט זיך אָן מיט דער פּייקע. אַזוי אַרום האָבן מיר אָפּגעצייילט דריי טעג. מיר זענען אין אַ ים־תפיסה. צו מיר האָט זיך צו־געקלעפּט עפּעס אַ פּיפּיק יידיש בחורל, ער רעדט מיט אַ לאָדזשער יידישער אויס־שפּראַך. איך עס נישט, גיב אים אָפּ מיין פּאַיאָק.

דעם פערטן טאָג האָט עס געטומען וויגן. דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, איך האָב געפּיבערט. צו באַפרידיקן די נאַטירלעכע באַדערפעגישן האָט מען גע־מוזט זיך אויפהייבן אויף שמאָלע לייטערס אַרויף אויפן „דעק". היינט איז אַ רייסנדיקער שטורעמווינט. קוים איך האַלט זיך אויף די פיס. אויפן דעק שטייען שטאָלענע מאַשינען הינטער ברעזענט, וואַרפט עס מיך צווישן זיי און האַקט אין די זייטן... מען מוז זיך דערקלייבן ביז אַ ברעזענטענעםביידל, וואָס איז צוגע־פעסטיקט אויפן ראַנד פונעם שיף. מען דאַרף זיך האַלטן אויפן ברעט, וואָס וויגט זיך צוזאַמען מיטן ביידל איבערן שטורעמדיקן ים.

צום ערשטן מאָל אין לעבן זע איך אַזאַ גרוילעכע מעכטיקייט. גרויסע ברייטע קייטנבערג מיט וואַסער ביזן הימל, איילן זיך אונדז צו דערדריקן. פון טויזנטער מיילער שרייט יעדע כוואַליע „מקולות מים רבים אדירים משברי ים". אין אַזאַ שטורעם־וויגל ווערט מען ווי אַ פּיצל קינד. וואַרפט מיך אום אַ צאַרנדיקער ווינט — ליג איך אויף קאַלטן שטאָל. פאַר וועמען זיך פּיעסטשען? ווער וועט הערן אַ געוויין, אַ געשריי אין אַזאַ רעש?

שטייט לעבן מיר עפּעס אַ לעבעדיקער מענטש? מען טאַפּט מיר דעם שטערן? מען נעמט מיך פאַר די הענט? צי קען נאָך זיין באַרעמהאַרציקער אין תהום פון אַכזריות? אַ דיקלעכע פרוי האָט געהאָלפן מיר אויפהייבן זיך. זי האָט גלייך פאַר־שטאַנען: ביי אייך איז פּיבער. ים־קרענק. איין ווילע. זי בעט מיך צוּוואַרטן. זי האָט מיר געבראַכט אַ צוויי צענדליק שטיקלעך צוקער. געהייסן מיר באַהאַלטן. און אויסנאָגן ביסלעכווייז. פאַרן עטאַפּ האָט זי געקריגן אַ „פּאַסילקע" פון קיעוו. קיין סך ריידן האָט מען נישט געקענט, דער לי־אַרעם האָט באַטויבט. איך האָב נאָר געכאַפּט, אַז זי איז פאַרמישט אין טראָצקיזם. צי דער מאַן אירער, צי זי אַליין האָט געהערט צו די טראָצקיסטן. איר פאַמיליע־נאָמען איז מייזל. אפשר וועל איך ערגעץ באַגעגענען אַזאַ? ווער ווייסט, צי ער לעבט נאָך?... אויב איך וועל טרעפן, וועל איך אַוודאי אָפּגעבן פון איר אַ גערוס. זי האָט מיך שטומער־הייט צוגעפירט צו דעם מענער־טריום און זי איז פאַרשוווּנדן. געלאָזן מיר נאָר איר אויפגעשווידערטן בליק...

סאַכאַלין

אַ קורצינקער, אַ פולינקער, מיט אַ געל־גרוי בערדל, אַזאַ האָב איך געזען צווישן די „בורלאַקעס" פון רעפּינען. איצט שטייט ער דאָ מיט מיר אויפן דעק פון אונדזער ים־תּפיסה און קוקט אין דער ווייט. איך קוק אויך, וואָס זעט ער דאָ? ער ווייזט מיט דער האַנט אָן ווערטער. עפּעס שפּרינגט אַרויס פון וואַסער און טוקט זיך ווידער אונטער. וואָס איז דאָס? ער שווייגט און צופּט דאָס בערדל. אַ סך, אַ סך ווייסע קעפּ פון בערג שווימען פאַרביי, שפּרינגען אונטער און טוקן זיך... וואָס איז דאָס? ער ציט אויס: — דאַ—אַ—אַ... אַן אומעטיקער אינדזל פאַר־וואָרפן צווישן לאַפּירוזאָוו און אַמור־דורכגוסן... וואָס איז דאָס? ער שווייגט. דערנאָך גיט ער אַ זאָג: סאַ־כאַ־לין. דאָ האָבן געזשאַווערט קייטן ביי קאַטאָר־זשאַנעס אויף די פיס... די אַלטע צאַרישע קאַטאָרגע.

„אָ, איר קייטן, קייטן מיינע,
וועכטער־אייזן, ווערכטער־שטאָל, —
נישט צעברעכן אייך וועט קיינער —
קיינער נישט און נישט קיין מאָל".

קאָלימאַ

אַ שרעק זיך צו דערמאָנען יענע פּוסטקייט און פאַרלוירנקייט, יענע צייט, ווען איך האָב אויפגעהערט פילן, אַז איך עקזיסטיר. ס'האָט זיך איבערגעריסן אַ פאָדעם אין לעבנס־געוועב און אַלץ האָט זיך פונאַנדערגעלאָזן. איך ווייס נישט, אויף וועלכער וועלט איך בין פאַרוואָרפן. איך בין אַ זאַך. באַלד דעם ערשטן טאָג אין קאָלימאַ האָט דער לאָדזשער פּיפּיקער יונגערמאַנטשיק ביי מיר אויסגענאַרט דעם „פופציקער", וואָס כ'האָב געהיט דעם גאַנצן וועג אויף אַ נויט. אַנדערע גנבים האָבן ביי מיר צוגענומען דאָס קישן מיט דער קאָלדרע. די „פייקע" ברויט עס איך אויף גלייך ווי איך קריג זי. מען זאָל ביי מיר נישט צונעמען. אַלץ, וואָס איז געבליבן ביי מיר, דאָס זענען נעגל און ציינער, מיט וועלכע איך האָב איינגעהאַלטן מיין עקזיסטענץ... אין גיכן האָבן אויך די צייי־נער געגומען פאַלן פון דער צינגאַ. געבליבן נעגל...

ווי אין אַ נעפּל איז ביי מיר געבליבן אין זכרון דאָס ערשטע שטיקל צייט אין „פּאַלאַטאַטשני גאָראָדאָק" פון מאַגאַדאַן. „נאָך די יומטובדיקע" (אין לאַ־גער וואָכנדיקע) נע־ונדע טעג האָט מען אונדז אַנגעטאָן אין „טיעלאָגרייקעס" (וואַטענע מאַרינאַרקעס), בושלאַטן, וואַליקעס און אָוועקגעזעצט, בעסער גע־זאָגט, אָנגעפּאַקט אויף אַ לאַסט־מאַשין אונטער אַ דאַך מיט ווענטלעך פון פּאַ־

ניר. אנודז האָט באַוואַכט פון בײדע זײַטן אַ באַוואָפנטע וואַך. לענג אויס דעם וועג, די „הרי־חושך״־סאָפּקעס ווי ריזן־מתים אין זײערע ווײַסע תכריכים, פאַר־גליווערט אויף אײביק.

באַפרײדיקן די נאַטירלעכע באַדערפעניש האָט מען געקענט פון דער מאַשין, ווען זי איז געווען אין באַוועגונג. האָט אָבער געטראָפן, אַז אײנער אַ מאַנסביל מיט אַן אַטלעטישן אויסזען, אַ גבר, האָט בשום אופן נישט געקענט דאָס טאָן, ווען מ׳איז געווען אין באַוועגונג. מיר האָבן געקלאַפּט אין ווענטל צום שאָפער, ער זאָל אָפּשטעלן אַ ווײַלע די מאַשין. צי דער גערויש פון מאָטאָר, צי דער רײַסנדיקער ווינט האָט אים געמאַכט נישט הערנדיק, און אפשר איז עס געווען „ניע פּאָלאָזשענאָ״ — נישט לויט דער „אינסטרוקציע״. ער האָט נישט אָפּגע־שטעלט די מאַשין און דער גבר איז געפאַלן אַ טויטער פון אַ האַרץ־ריס. אַ גאַנצע נאַכט איז אויף מײַן קני געלעגן דער קאָפּ פון „אומבאַוווּסטן זעקאַ״, וואָס האָט געענדיקט זײַן לעבן אויפן וועג פון מאַגאַדאַן קײַן „טשאַי־אוריאַ״... 9טן נאָוועמבער 1939 יאָר.

„טשאַי־אוריאַ״ (דער טאָל פון טויט)

צו די קנעכל פון די ריזיקע סאָפּקעס האָבן זיך צוגעטוליעט געצעלטן פון ברעזענט, אַרומגעלײגט מיט קוואַדראַטן שנײ. אינעווײניק נאַרעס צוויי־שטאָקיקע, אין דער מיט אַ פעסל פון בענזין. אין פעסל ברענען טרוקענע צווײַגן, וואָס „זעקאַ״ שלעפּן צונויף אויפן וועג פון דער אַרבעט צוריק אין לאַגער.

ווי עס זעט אויס און וואָס עס פילט אַ „זעקאַ״ בשעת דעם „פּאָדיאָם״ (אויפשטײן) און דעם „ראַזוואָד״ (אַרויסגײן אויף דער אַרבעט), האָט מיט גרויס טאַלאַנט און טיפן אמת געשילדערט סאָלזשעניצין אין „אײן טאָג פון איוואַן דעניסאָוויטש״...

קוים אָפּגעריסן פון דער וואַנט דאָס צוגעפּרוירענע היטל מיט „נאַושניקעס״ (צו פאַרשטעלן די אויערן), געקריגן די פּײַקע, פאַרבאַהאַלטן אונטער דער „טיע־לאָגרײקע״, זי זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן, האָב איך זיך „אַרײַנגערוקט״ אין דער מחנה „זעקאַ״. דאָס גאַנצע לעבן האָב איך געליטן פון אײן חסרון — איך האָב זיך געוואָלט „אַרויסרוקן״. איצט פאַרקערט, האָב איך געוואָלט, מען זאָל מיך נישט באַמערקן. אַ ברענענדיקער פראָסט. אויף אַ גרויסן פּלאַץ ברענען שײַטערס. אויף די שטאַנגען איבערן פײַער הענגען קעסלען. קײַן שיסל, קײַן לעפל, מען וואַרט אײנער אויפן אַנדערן צו קריגן עפּעס אַ גלעזערנע באַנקע אָדער אַן אַנ־דער מין געפעס. גיסט מען אַרײַן אין דעם „באַלאַנדע״־האָבער־זופּ. אויב עס

פלאַצט נישט די באַנקע, בריט מען די דלאָניע און עס פרירן די הענט און מען זופּט אויס דאָס ביסל געקעכטס אויף אַ גאַנצן טאָג.

שטערן, צוגעפרוירענע צום פינצטערן הימל, פינקלען מיט פּראַסטיקער פּרעמדקייט און אומעט. נישט אונדזערע אַמאָליקע טרוים־באַגלייטער. אפשר זענען דאָס צעשפּריצטע טרערן? ווי קומען טרערן אין לאַנד פון אייביקער גע־פרוירענקייט, איבער אַזאַ ערד אָן אַ וואַרעם האַרץ?...

אַ שטורכע אין פּלייצע — וואָס שלאָפסטו? אַ ליאַזגעריי, אַ טומל, מען גיט „אינסטרומענטן", ברעכאייזנס און גראַבאייזנס, מען איילט זיך צו כאַפּן וואָס בעסער און צוגעפּאַסטער צו דער האַנט.

דורך דער ברעזענטענער הענטשקע פיל איך אַ שניידנדיקע קעלט פון מיין ברעכאייזן, וואָס איך האַלט פאַרדריקט אין האַנט. אין דער צווייטער האַנט אַ גראַבאייזן און אַן ערדלעפל. נאָך אַ קילאָמעטער צוויי צי דריי, ווער ווייסט וויפל? פון אָטעם ווערן געפרוירן די ברילן — אָט זענען מיר געקומען צו די „שורפן". רייען מיט טיפע גריבער. מען לייגט אַוועק דאָס ברעכאייזן איבערן גרוב.. מען שליידערט אַריין דאָס גראַבאייזן מיטן לעפל. מען קריכט אַריין אין גרוב הענגענדיק אויפן ברעכאייזן מיט אויסגעצויגענע הענט און מען שפּרינגט אַראָפּ. אָט אין אַזאַ קבר וועט מען זיין פון פינצטער ביז פינצטער. יעדן טאָג ווער ווייסט ווי לאַנג? וויפל שעה, וויפל טעג, וואָכן, חדשים, יאָרן? איך מוז פאַרן טאָג אויסהאַקן צוויי „לונקעס" — צוויי לאַנגע לעכער צו 35 סאַנטימע־טער יעדער, אויף אַריינלייגן אַמאָנאַל (אויפרייס־מאַטעריאַל). איך האָב אַראָפּ־גענומען דעם בושלאַט. אין שורף פילט מען נישט קיין קעלט. אָבער די ערד איז ווי אַן אייביקע אייז. איך קלאַפּ מיטן ברעכאייזן, ער שפּרינגט אָפּ און לאָזט נישט קיין סימן. נאָך עטלעכע שעה אַרבעט, האָב איך ענדלעך דערזען אַ גריבל ווי אַמאָל קינדווייז ווען מיר האָבן געמאַכט פאַר פּסח אַ גריבל צו שפּילן אין ניס. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, ווי שוואַך עס זענען מיינע ציינער און נעגל.

לויטן סיגנאַל זענען מיר אַרויס פון די שורפן און געלאָזן זיך לויפן. אויף אַ שכנותדיקן „אוטשאַסטאָק" האָבן מיר אויפגעריסן אַ רייע שורפן און געמאַכט פון זיי אַ ריזיקע טראַנשייע.

צוריק אַ היים איז שוין געוואָרן גוט פינצטער. נאָר פון די לאַגער־טויערן האָט מען די גאַנצע מחנה געשיקט אין וואַלד אַ מהלך פון צוויי־דריי קילאָמעטער ברענגען האָלץ. אָן אַ דרענגל לאָזט מען נישט אַריין. אָן זעגן, אָן העק האָט מען געדאַרפט מיט די הוילע הענט געפינען, אָפּרייסן, אָפּברעכן, קלייבן די אָנגע־וואַרפענע צווייגן... ביז מ'האָט דערלעבט זיך אַוועקלייגן אָפּרוען, איז אַוועק נאָך אַ פּאָר שעה. אַזוי אַרום איז דער אַרבעטסטאָג זעכצן־אַכצן שעה. איך האָב דער־

קלערט אין דער וואַכטע אַז איך בין בלינד. בייגאַכט זע איך נישט. זיי האָבן געפּרוּווט מיך שרעקן מיט קאַרצער, אָבער דער „וואַכראָוועץ״, וואָס האָט מיך שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעשלעפּט פון די שנייגריבער אין וואַלד, האָט עדות געזאָגט און מ׳האָט מיך געלאָזט וואַרטן לעבן די טויערן. ווען עס וועלן קומען די איבעריקע פון וואַלד, וועט מען אויך מיך „צונעמען״. איך פלעג זיך אַזוי יעדן טאָג אָנפירן און אָנהונגערן. דאָס איז געווען מיין „ניצחון״. אויף וועטשערע פלעגט מען ווידער אַ מאָל געבן האָבער־וואַסער. ס׳זענען אָבער געווען „סטאַכאַנאָווצעס״, וואָס מ׳האָט זיי אַרויסגעגעבן זופּ אַזוי, אַז „דער לעפל איז געשטאַנען״, דערצו נאָך עפּעס אַ „צווייט״ געריכט זיך „אָנצושטאָפּן״. די רעדל־פירער־בריגאַדירן זענען געווען „ביטאָווקעס״ (פּשוטע גנבים און רוצחים), „פריינד פון פאָלק״. דער „באַראַק״ איז געווען אַן „ערב־רב״ פון פאַרשיידנערליי „פריינד״ מיט פיינד״. ווי באַוווּסט, איז דאָך אין ראַטנפאַרבאַנד בלויז קרימינעלע פאַרברעכער. קיין פּאָליטישע פאַרברעכער עקזיסטירן נישט אין קאָדעקס. דער קאָדעקס רופט זיך „אוגאָלאָווני״, דאָס הייסט קרימינעלער; אַזוי אַרום איז איינער, וואָס האָט געזאָגט אָדער בלויז געטראַכט שלעכטס וועגן דער רעגירונג, דער זעלבער פאַרברעכער ווי די באַנדיטן וואָס האָבן אומגעבראַכט מענטשן, גערויבט און געגנבעט. אָבער דער רוצח, דער גזלן, דער גנב, דער, וואָס האָט דעם פּאַראַזיטיזם געמאַכט פאַר זיין פּראָפעסיע, דער איז אין לאַגער אויפגעהויבן געוואָרן אויף דער מדרגה פון אַ „בעל־תשובה״. די לאַגערן זענען פול געווען מיט רעצידיוויסטן „בעלי־תשובה״. אָט פון די דאָזיקע לייט האָב איך געהאַט אין טשאַי־אוריאַ „צו זינגען און צו זאָגן״.

די שורפן זענען שוין אויפגעריסן געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין טראַנשייען. ס׳האָט געאַרבעט אַ „דוויזשאָק״, וואָס האָט מיט אַ דראָט געשלעפּט וואַגאָנעטקעס, געלאָדענע מיט שלאַק, מיט „זאַמדן״. דאָ האָט מען געשלעפּט פון דער צוואָלגערטער ערד גאָלד. אין טראַנשייע זענען געשטאַנען אַ מאַן פופציק־זעכציק מיט לאָפּעטעס און „קיילעס״ (גראַבאייזנס). אַ טייל האָט מיט די קיילעס פונאַנדערגערודערט די זאַמדן, דער אַנדערער טייל האָט מיט די לאָפּעטעס געלאָדן. אין דער פינצטער האָבן געברענט שייטערס און „צוגעלויכטן״. רויך און פראָסט האָבן געשטיקט דעם אָטעם. די אויגן האָבן גאַרנישט געזען, נאָר הענט און פיס, אייזערנע כלים און שטיינער־ברוך. ס׳איז געווען ענג אין טראַנשייע. מ׳האָט געקענט זיך צעקאַליעטשען פון אַ לאָפּעטע, פון אַ קיילע און נישט איין מאָל, צי בשוגג, צי במזיד, האָבן מיך די „פריינד״ „מכבד־געווען״, ניסים וואָס נישט אין קאָפּ.

איין מאָל האָב איך בייטאָג אין טראַנשייע געפונען אַ רויט שטיינדל אין דער פאָרם פון אַ גראָבן מענטשלעכן פינגער. דער בריגאַדיר איז צוגעשפּרונגען,

— „ווייז אָהער, מ׳וועט אָפּוועגן, וועסטו קריגן באַנעס״. ער איז פאַרשוווּנדן און אויפן צווייטן טאָג מיר געזאָגט: ווייניקער פון פינף און דרייסיק גראַם צאָלט מען נישט פאַר אַ „סאַמאַראַדאַק״. דערפאַר אָבער האָט ער מיר געגעבן אַ בלאַטנע אַרבעט״ — צונויפשלעפּן ברען־מאַטעריאַל און אויפהאַלטן דאָס פייער אין די שייטערס. ביי די דאָזיקע שייטערס אונטערן קלאַנג פון אייזן און שטיין און געבּרום פון „דווישאַק״ האָב איך אַ מאָל דערזען האַלוצינאַציעס. גרינע, בלויע שטעט, איך האָב שפּאַצירט מיט אַ יוגנט־פריינד אין רויטגעלע וועלדער. איך האָב דאָס אַזוי שאַרף געזען, אַז איך געדענק די בילדער ביז היינטיקן טאָג. דאָס האָט מיין איינגעשלאָפענער מוח אַן מיר, אַן מיין באַוווּסטזיין, אַן מיין רשות געשפּונען די איבערגעריסענע פעדעם פון מיין עבר.

אונטער איין דאַך מיטן טויט

ווער ס׳איז נישט אַרויס אין דער פרי אויפן „ראַזוואָד״, האָט מען איבערגע־שריבן און געפירט מיטן קאַנוואָי צום דאָקטער. אויב דער דאָקטער האָט נישט געפונען קיין הויכע טעמפּעראַטור און נישט באַשטעטיקט קיין קרענק, האָט מען דעם „סימולאַנט״ געזעצט אין קאַרצער, ביז ער איז געוואָרן אויס סימולאַנט און אויף אַן אמת פאַרקרענקט... צום דאָקטער האָט מען געמוזט אָפּשטיין אויפן פראָסט עטלעכע שעה אין רייע. דער „קאַבינעט״ איז געווען אַ ד׳ על ד׳ צימערל, דער קאָ־רידאָר איז געווען נישט קיין באַהייצטער. דאָס איז געווען די „פּאָליקליניק״. נעבן דער פּאָליקליניק איז געווען אַ גרויסער באַראַק — דער שפּיטאָל פון „טשאַי־אוריאַ״. אַ סך פון דער „רייע״ זענען אַריינגעפאַלן אַהין און פון דאָרטן אין „מאָרג״ (טויטן־שטיבל). איינעם אַ „סימולאַנט״ האָט מען נישט געקענט אויפ־וועקן אין פּאַלאַטקע אויף די נאַרעס. איינער פון די וואַכראַוועס האָט אים אַ פעסטן קלאַפּ געטאָן איבער די פיס אָבער דער „סימולאַנט״ הערט אים ווי דער קאָטער — ער האָט זיך שוין „באַפרייט״ פון אַלע צרות...

מיך האָט דער דאָקטער אויך איבערגעלאָזן אין שפּיטאָל. ביי מיר זענען ווייזט זיך אַרויס, געשוואָלן די פיס, דאָס האַרץ איז עפּעס מיט אַ פעלער און דערצו נאָך ציגנגאַ. דער שפּיטאָל — די זעלביקע נאַרעס, אונטערגעלייגט די טע־לאַגרייקעס, צוגעדעקט זיך מיט די בושלאַטן. באַזונדערס לאַנג ליגט מען דאָ נישט: ווער אין „מאָרג״, ווער צוריק אויף אַרבעט און ווער צוריק אין מאַגאַזין „אויפן צענטן קילאָמעטער״״. דער הויפּט סאַניטאַר האָט געוואָלט מיך איבער־לאָזן אַ ביסל מער צייט (ער איז אַ לענינגראַדער), האָט ער מיר געגעבן שרייבן אַקטן פון געשטאָרבענע.

דער קאָפּ האָט געשווינדלט. אויפן האַרצן האָט געאיבלט. די האַנט האָט געצי־טערט. די פינגער האָבן בשום אופן נישט געקענט האַלטן די פען. עטלעכע טעג האָב איך זיך געמאַטערט אויף דער דאָזיקער „שטעלע".

„אויפן 21סטן קילאָמעטער"

צוויי וואָכן האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן אין טשאַי־אוריאַ ביי פאַרשיידענע אַרבעטן אין לאַגער. נאָך דעם האָט מען מיך געבראַכט אויפן צענטן קילאָמעטער פון מאַגאַדאַן. דאָ איז געווען אַ לאַגער מיט הונדערטער ספּעציאַליסטן, מיט טויזנטער אַרבעטער, וואָס האָבן באַדינט מאַגאַדאַן, פאַרזאָרגט מיט שוסטערס, שניידערס, בויערס, אינזשעניערן, עקאָנאָמיסטן — מאַגאַדאַן האָט זיך געבויט.

איך בין געווען אַקטירט אויף גרינגער אַרבעט. מ'האָט מיך געשיקט אויף דער מאַגאַדאַנער עלעקטראָסטאַנציע. דאָ האָב איך געהאַט אַ זיצנדיקע אַרבעט אין מאַשינענזאַל. איך האָב געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דער אַפּאַראַטור, די ווייזערס זאָלן זיך האַלטן אויף איין באַשטימטן שטריך. טאָמער טרעפט עפּעס, קלינגען אין גלעקל. אונטער געברום און שטילן געמורמל פון די אַפּאַראַטן האָט זיך שרעקלעך געוואָלט שלאָפן, אָבער איך האָב נישט געטאָרט צומאַכן קיין אויג. דערנאָך האָט מען מיך געשיקט אין שלאָסעריי, עפּעס צושרויפן און אין סטאָליאַרקע, עפּעס פאַרבן — הכלל צו ביסלעך בין איך געוואָרן דאָרט אַ „היימישער". און ס'האָט געטראָפן, אַז מ'האָט מיך געלאָזן דאָרט אויף נאַכטלעגער. דאָרט אַהין פלעגט מען ברענגען לאַגער־מיטיקן. ביינאַכט פלעג איך זיך איינאָרדענען אויף עפּעס אַ טיש און צוגעכאַפּט זיך צו עפּעס אַ ביכל. דאָ האָבן געאַרבעט פרייע, וואָס האָבן זיך ווערבירט פאַרן „לאַנגן רובל". זיי פלעגן עפּעס איבערלאָזן אויף וועטשערע. הכלל ס'איז געווען „לאַפּאַ". דערנאָך האָט מען מיך געשיקט אין אַ בריגאַדע צו בויען מאַגאַדאַנער גאַסן. דערנאָך צו רוימען דעם שניי. דערנאָך אַלס אַסעניזאַטאָר. אויף דער „שטעלע" האָב איך זיך איין מאָל געפונען אין דער מאַגאַדאַנער עפנטלעכער ביבליאָטעק. כ'האָב זיך פלוצעם דערמאָנט, אַז איך בין אַ ביבליאָטעקאַר. דאָ האָב איך גערוימט די ביבליאָטעקישע בית הכסא. כ'האָב זיך פון דעסטוועגן באַקענט מיט אַ ביבליאָטעקאַרין, וועלכע האָט ריזיקירט מיט מיר זיך קאָנסולטירן וועגן די ביבלאָטעק־ענינים. דאָ האָט מען מיך געלאָזן זיין און רייניקן די קולטור ביי אַ צען טעג, דערנאָך געשיקט אויף אַ בוידעם פון אַ ביי הויז, דאָרטן אָנצושיטן שלאַק עס זאָל זיין וואַרעמער. אין דעם הויז האָט פונקט געוווינט די ביבליאָטעקאַרין, פלעגט זי מיך בגנבה מכבד זיין מיט עפּעס פון דער קיך. אַנדערע פלעגן ברענגען זופּ פון מעוועס, וואָס האָט געהאַט אַ טעם פון פישיויך, ווער אַ צוגעברענטן „קעקס". הכלל, ס'איז ווידער געווען „לאַפּאַ",

ביז... כ'האָב איין מאָל געאַרבעט אַלס אַסעניזאַטאָר אין מאַגאַדאַנער קינאָ, בין איך אַריין קוקן. האָב איך זיך פאַרקוקט... און איך בין נישט געקומען צום זאַמל־פונקט, וווּ ס'פלעגן זיך צוזאַמענגעמען די באַזונדערע זעקאַ־אַרבעטער אויף צו ווערן געפירט אין לאַגער. האָט מיך אַ וואַכראַוועץ געפאַקט אין קינאָ, מיך אָפּגעפירט צום זאַמלפּונקט און דאָרטן פאַר אַלעמען אין די אויגן מיך אַוועקגעשטעלט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן באַגנעט זיך געלאָזט אויף מיר, מיך דערשטעכן, מיך „נעמען אויפן שטיק". אַט לאָזט ער זיך אויף מיר מיטן אויסגעשטרעקטן באַגנעט און... מאָדנע — איך בין געווען כמעט ווי רויִק. אַזוי האָט ער מיך טעראַריזירט אַ מינוט צען. אין לאַגער האָט ער וועגן מיר דערלאַנגט אַ „ראַפּאָרט" און מ'האָט מיך אָפּגעפירט אין קאַרצער אויף איבער נאַכט. מיין ציגנאַ האָט דערוייל פּראָגרעסירט. איך בין געקרויגט געוואָרן אַלס „דאָכאָדיאַגאַ" (דיסטראָפיק). מיט אַזאַ טיטל האָט מען מיך מער נישט געלאָזט אין שטאָט אַריין. איך בין געגאַנגען זיך באַקלאָגן אין קאַנצעלאַריע. דאָרט איז געזעסן אַ הויכע פרוי, אַ געליבטע, צי אַ פאַרליבטע און עפּעס אַ לאַגער־נאַטשאַלניק. ווען זי האָט געזען, אַז איך וויין (ס'האָט מיך עפּעס אַ „נעם געטאַן", כ'האָב זיך דערמאָנט... איך בין דאָך געווען עפּעס אַמאָל), האָט זי מיר אַ זאָג־געטאָן: „ניקאָלאַי אָסטראָווסקי ליגט אַ געליימטער, אַ בלינדער און ער שאַפט", איר פאַרשטייט! קיינער דאַרף אייך נישט אין שטאָט, קיינער וויל נישט צאָלן אַכצן רובל אַ טאָג פאַר אייך... נאָט אייך אַ פּאַפּיר, אַ בלייפעדער און שרייבט. זאָגט נישט קיינעם וועגן דעם, דאָס איז אונדזער סוד. באַהאַלט אייער שרייבעכץ, ווען „מ'גייט אין באָד". זי האָט מיר אויך געגעבן אַן אויסגעלייענטן צעשאָטענעם ראָמאַן פון פויכטוואַנגערן „דער פאַלשער נעראָן"... מ'האָט מיך איבערגעפירט אין אַן אַנדער באַראַק. דאָ איז דער „דניעוואַלנע" געווען גאַראַוויץ — אַ זינגער. ער האָט געזונגען אַמאָל אויף יידיש. ער איז געווען פון טשערנאָוויץ. דאָ האָט זיך אויך געפונען עפּעס אַ סאָוועטישער פידלער ווידניעוועצקי. מען פלעגט זיי איינשליסן אין אַן אַגיט־בריגאַדע און זיי פלעגן וואָכן לאַנג פאָרן אויף „גאַסטראָלן" אין די לאַגערן און אַפילו ישובים. איין מאָל, אין סאַמע מאַגאַדאַן, האָט זיי געהערט נאַטשאַלסטווע.

אין אַ שכנותדיקן באַראַק וווינט שאַכנין — אַ הויכער, דאַרער, נאָר מיט ברייטע פּלייצעס, אינטעליגענטער מענטש. פון פאַך אַן עקאָנאָמיסט, און דאַכט זיך, אַן אַלטער קאָמוניסט, געשטאַמט האָט ער פון וויטעבסק; מיט דאַליבען — דאָס איז געווען אַ גאַנץ פּערפעקטע פיגור, אַ היסטאָריקער, און פעלדמאַן, אויך אַן אינטעליגענטער מענטש. ער האָט געאַרבעט אַלס בעדער אין דער מאַגאַדאַנער באָד. ער האָט געהאַט אַ הוספה פון צען יאָר לאַגער, וואָס עס האָט אים געגעבן דער פּאָלקאָווניק גאַרינין. דער פּאָלקאָווניק גאַרינין איז געווען דער הויפּט־

נאַטשאַלניק פון אַלע לאַגערן אין קאַלימאַ. ער איז געווען אַ שרעק־געשפּענסט פאַר אַלע לאַגערניקעס, איבערהויפּט פאַר די פּאָליטישע. מ׳האָט מיר דערציילט דעמאָלט אַזעלכע פּרטים פון זיין אכזריות וועגן וועלכע איך האָב אין יאָרן אַרום געהערט מיט אַן אַנדער נוסח, וואָס ס׳האָבן געטאָן די עסעסאָווצעס. אַזוי אַז ער האָט געקענט קריגן די פאַשיסטיש־טעראָריסטישע בכורה. ער איז געווען אַ סטאַ־לינעץ, געטריי סטאַלינען און בעריאַן ווי אַ הונט און ער האָט אָפּגעטאָן זייער שטיקל „שוואַרצע" אַרבעט. ליקווידירט פיזיש אַלעמען, וועמען ס׳איז אים נישט געפעלן. פעלדמאַנען האָט מען געבראַכט אַ פּאַפּירל, ווען ער האָט שוין כמעט געענדיקט זיין טערמין, אַז פּאַלקאָווניק גאַרינין האָט באַפוילן אים „פאַרהאַלטן" נאָך אויף צען יאָר.

פעלדמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז גומל בענטשן וואָס כ׳האָב נישט געטראָפן דעם פּאַלקאָווניק גאַרינין. ווען מ׳האָט אים באַריכטעט, אַז ערגעץ אין די שאַכטעס פילט מען נישט אויס דעם פּלאַן, איז ער אַליין געקומען און אַריין אין די באַראַקן, אויסגעשטעלט די „זעקאַ", אָפּגעציילט צען, דעם „צענטן" אַרויסגענומען; צונויפגענומען אַלע „צענטע". אין דער פרי האָט מען זיי געוויזן דערשאָסענע, דערביי האָט מען געלייענט זיין באַפעל: „אַזוי וועט זיין אויב די „זעקאַ" וועלן סאַבאָטירן!"... נישט באַוווּסט, צי מ׳האָט אים געמאַכט מיט אַ קאָפּ „בידעריקער", צי מיט אַ קאָפּ „העכער".

*

דעם 22סטן יוני 1941 האָבן די לאַגערניקעס זיך אומגעקערט פריער ווי תמיד פון שטאָט, און מיר, „דאָכאָדיאַגעס", האָבן זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט מינסק, קיעוו און האָבן אָנגעהויבן אַ מלחמה. איבערן לאַגער האָבן זיך אָנגערוקט וואָלקנס. איינער האָט געהערט פון אַ צווייטן, וואָס האָט געהערט פון אַ דריטן אאַז״וו. ביי די וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, פון מאַגאַדאַן, פלעגט מען די ערשטע טעג מאַכן שטאַרקע אונטערזוכונגען, אַפילו מיט שמעקהינט...

אין גיכן האָט מען אין די באַראַקן פון די „אַכט און פופציק" אַרויסגערופן לויט רשימות אַ גאַנצע רייע לאַגערניקעס, בתוכם אויך אונדזער „דריילינג". זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט טראַצקיזם. מ׳האָט צוזאַמענגענומען אַ היפּש ביסל פון „קאָנטריקעס" און אָוועקגעפירט אין אַן אומבאַוווּסטער ריכטונג. קלאַנגען זענען געקראָכן ווי שלענג, האָבן פאַרסמט די הערצער. ס׳האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצע כמאַרע. די פּאָסט האָט מען פאַרהאַלטן. איך פלעג קריגן יעדן חודש אַ בריוו אָדער אַ פּאָסט־קאַרטל פון אונדזער מאַמען מיט אַ גרוס פון רחלען. זי האָט אונדז איבערגעשיקט די אַדרעסן און מיר האָבן איין מאָל־צוויי מאָל אין חודש

געשריבן איינער דעם צווייטן. דער מאַמעס עטלעכע אויסגעמאַטערטע שורות מיט טרערן־פלעקן זענען פאַר מיר געווען אַלץ וואָס איז געבליבן פונעם נאָענטסטן עבר. אַזוי האָבן מיר געלעבט עטלעכע חדשים אומבאַשטימע, מיט אַ מאָל...

*

ס'האָבן זיך אומגעקערט שאַכנין, דאַלין און פעלדמאַן. זיי זענען געווען אין אַ לאַגער אונטער אַ שטרענגן רעזשים. ס'זענען געגאַנגען ווידער אַ מאָל אַלט־באַקאַנטע אויספאָרשונגען. מיליטערישע „סלעדאָוואַטעלעס" האָבן מיט אַלע מיטלען זיך געוואָלט דערשלאָגן באַווייזן וועגן די אינסטרוקציעס וואָס די טראָצקיסטן האָבן באַקומען אין פאַל פון אַ מלחמה. נאָר... עפּעס האָט איבערגעריסן די „טעטיקייט" פון די „סלעדאָוואַטעלעס. אַמעריקע און ענגלאַנד, די דעמאָקראַטישע וועלט, זענען דאָך פאַרבינדעטע, מוז מען אַ ביסל דעמאָקראַטיזירן, אַזוי האָבן געטראַכט מענטשן פון הויכער פּאָליטיק. מיר, „דאָכאָדיאַגעס". האָבן פּלוצעם דערהערט לעבן דעם טויער פון לאַגער אַ הויכרעדער, וואָס האָט איבערגעגעבן עטלעכע מאָל אין טאָג נייעס. דער „דניעוואַלני" האָט געקריגן יעדן טאָג אַ צייטונג און מ'האָט געמוזט פאָרלייענען פאַר אַלע „זעקאָ". דאָס וואָס ס'איז פריער געווען שטרענג פאַרבאָטן, איז איצט געווען לויט אַ באַפעל אַריינגעפירט אַלס התחייבות.

אין קלוב האָט מען גענומען באַווייזן קינאָ. דער אַרבעטסטאָג פאַר „זעקאָ" איז געוואָרן פאַרקירצט אויף עטלעכע שעה און געדויערט בלויז צען שעה. ס'איז איינגעפירט געוואָרן „אַפּעפּע" (אַזדאָראָוויטעלניע פּראָפילאַקטיטשעסקיע פּונקטי"), אַ מין סאַנאַטאָריע פאַר די „ראַבאָטיאַגעס". אונדז האָט מען גענומען אַרויסגעבן שנייווייס ברויט, אַמעריקאַנער ברויט (געמישט מיט מאַיס). שוואַרץ ברויט האָט מען אַרויסגעגעבן בלויז די מיליטער־טיילן. אין לאַגער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַמעריקאַנישע סאַפּיאָר־כלים — שאַכטע־לאָפּעטעס מיט קורצע געפאַרבטע הענטלעך.

איין מאָל, אין אַ פּראַסטיקן וואָכנטאָג, איז נישט פאָרגעקומען קיין „ראַזוואָד". מ'האָט קיינעם פון די „זעקאָ" נישט געפירט אין שטאָט. מ'האָט נישט אַרויסגעלאָזט אויף אַרבעט דריי טעג נאָך אַנאַנד. מענטשן מיט שאַרפע אויגן האָבן באַלד באַמערקט, אַז אין משך פון דריי טעג האָט מען נישט געזען די „וואַכראָוצעס". אַלע „ווישקעס" (די טורעמלעך אויף וועלכע ס'פלעגט זיך געפינען די לאַגערוואַך) זענען געווען אַראָפּגענומען. אויפן פערטן טאָג איז אַלץ צוריק געוואָרן ווי פריער. ס'האָבן זיך באַוויזן צוריק די טורעמלעך מיט דער באַוואָפנטער וואַך; „זעקאָ" זענען געגאַנגען ראַטעסווייז קיין מאַגאַדאַן אויף אַרבעט. דאָרט לעבן בריקל איבער דער מאַגאַדאַנקע האָט זיי באַגעגנט אַלע טאָג

דער הילכער מיטן ליד „די דריי טאַנקיסטן — דריי פריילעכע חברים" מיטן אָפּ־געבליאַקעוועטן לאָזונג „זאָל לעבן דער נצחון פון גערמאַנישן פאָלק איבערן פאַשיזם", וואָס איז געווען אָנגעמאָליעוועט מיט רויטער פאַרב אויף עפּעס אַ וואַנט לעבן דער מאַגאַדאַנקע.

ווען די „זעקאַ" האָבן זיך אומגעקערט פון שטאָט, האָבן מיר זיך דערוווּסט דעם טעם פון דעם דרייטאָגיקן יום־טוב. דורך דער נאָענטער אַליאַסקע איז גע־קומען דאַלעס אויספאָרשן די מעגלעכקייט פון פאַרבינדונג מיט אַמעריקע און אונדזער גרייטקייט צו מלחמה מיט יאַפּאַן. אַזוי האָבן געזאָגט מענטשן, וואָס טראַכטן מיט הויכער פּאָליטיק. לכבוד דאַלעסן האָט מען די „זעקאַ" באַהאַלטן, און דער גאַנצער וועג ווו ס'איז געפאָרן דאַלעס, זענען די לאַגער־וועכטער מיט די טורעמס אַראָפּגענומען געוואָרן, אויף די טויערן אויפגעהאַנגען רויטע טראַנספּאַראַנטן מיט פּאַטריאָטישע לאָזונגען.

די פּוילישע „התקוה"

אין אונדזער לאַגער האָט מען שוין מיט אַ צייט צוריק געבראַכט אַ גרופּע פּאָליאַקן. אויך ביי אונדז אין באַראַק זענען געווען אייניקע. איך האָב געהאַט די זכיה צו האָבן אַ שכן אַ פּוילישן אָפיציר. איך האָב מורא געהאַט פאַרפירן גע־שפּרעכן מיט אים, טאָמער איז ער אַ צוגעשיקטער. אָבער סוף כל סוף האָבן מיר איינגעשטעלט שכנישע קאָנטאַקטן. ער האָט זיך געמאָטערט ריידן רוסיש. איך האָב אים פאַרגעלייגט ריידן פּויליש און אייניקע מאָל אים אַפילו געענטפערט אויף פּויליש. ער איז געווען, ווי ער האָט דערציילט, אין פּ.פּ.ס. (לעוויצאַ). ער האָט גוט געקענט דאָס פּאָליטישע לעבן אין פּוילן די פאַרשיידענע שאַטירונגען און פּאַרטייען. איך האָב אים נישט געגלייבט, ווען ער האָט מיר דערציילט, אַז אין פּוילן איז פאַר דער דייטשער אַניוואַזיע, נאָך אין 1938 יאָר פונאַנדערגע־לאָזן געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ער האָט אָבער נישט געקענט דערקלערן, ווי אַזוי און פאַר וואָס. ער האָט געלייענט אָפּאַטאָשו „אין פּוילישע וועלדער". ער האָט געוווּסט פון פּאָלקאָוניק בערעק יאָסעלעוויטש. ער האָט אָפט איבערגעחזרט „נישטאָ קאַשציושקאָ!" ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און די דייטשן זענען באַפאַלן סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט ער זיך דערפרייט: עפּעס וועט געשען... אין אַ שטיקל צייט אַרום איז ער געקומען אַן אויפגערודערטער, אין אַ געהויבענער שטימונג. ער ווערט באַפרייט און גייט אין דער פּוילישער אַרמיי, וואָס ווערט געשאַפן אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. ער האָט זיך מיט מיר פייערלעך געזעגנט און צוזאַמען מיט נאָך פּאָליאַקן אַוועק פון אונדז. נישט ווייט פון אונד־

זער לאַגער (אַ קנאַפּער קילאָמעטער) האָט זיך געפונען אַ צווייטער לאַגער. מ׳האָט אים גערופן „טראַנספּאָרטני״. אין אַ זוניקן טאָג האָבן מענטשן מיט אַ שאַרפער ראיה געזען, ווי מען מושטירט זיך. פון דאָרטן האָט זיך אין שטילקייט פון נאַכט געהערט שפּילן אַ מיליטערישער אָרקעסטער. דאָרט איז געווען דער זאַמלפּונקט פונעם נייגעשאַפענעם פּוילישן מיליטער־טייל, ווו די פּוילישע לאַגערניקעס האָבן זיך געקליבן צו „שיבת־פּוילן״. פאַר זיי און אין זייערע אויערן האָט ווידער געקלונגען דער אַמאָליקער „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע סגינעלאַ״. צי איז ביי מיר אויפגעשווומען אַ בענקשאַפט צו „שיבת־ציון ?״ אפשר ערגעץ־ווו אין מיין אונטערבאַוווסטזיין ? „שיבת־ציון״ איז געווען אַזאַ צוקונפטס־מוזיק, ווי דער באַגריף „משיח״ און „משיחס צייטן״.

אויף דער „נייער טראַסע״

„דאָכאָדיאַגי סטראָיסיאַ״ האָט איינער אַ זאָג געטאָן. ס׳איז אַריין אין באַראַק דער „דניעוואַלני״ און אויסגערופן לויט אַ רשימה (בתוכם אויך מיך) גלייך צו די אַרויסגאַנגס־טויערן. דאָרט האָבן שוין געוואַרט מאַשינעס. מ׳האָט אָנגעפּאַקט און בחפזון אונדז אַוועקגעפירט פון „וואַרעמען ערטעלע״ הינטער מאַגאַדאַן. פאַרביי קאַדאַקטשאַן. מ׳האָט אונדז באַזעצט אויף אַ סאָפּקע. אונטן איז געווען אַ קליין טייכל. אויבן איז געווען איין באַראַק און אַ קיך. באַזונדער — אַ קליין הויז פאַר די וואַכראָוצעס. וואַסער האָט מען געפירט אין אַ פעסל באַרג אַרויף. האָט מען זיך געוואַשן בצימצום. אָפּגעגאָסן די נעגל ווי פאַרן בענטשן מיט „מים אַחרונים״. ווינטער איז געווען שניי און זומער פון באָד צו באָד.

ס׳איז שוין געווען אָקטאָבער. דער שניי איז שוין געוואָרן אַ פעסטער. פאַר די וואָס דינגען אַרבעטס־קראַפט האָט זיך נישט געלוינט צו האַלטן „דאָכאָדיאַ־געס״, וואָס קען מען פון אונדז האָבן פאַר אַ נוצן... דאָ ביים שניי האָט מען געקענט צושרייבן מיטן בליישטיפט קובאָמעטערס. מיר האָבן גערייניקט פון טראַסע דעם שניי. מיר האָבן אויך געשטעלט ווענט פון שניי צו באַשיצן פון בוראַנען דעם וועג. מיר האָבן מיט אייזערנע לאָפּאַטעס געשניטן דאָס צוגעפּרעסטע אייז. ס׳מעגן זיין די גרעסטע פרעסט, אַפילו העכער זעכציק, מוז די בריגאַדע רייניקן די טראַסע, ווייל דאָס איז דער איינציקער פאַרבינדונגס־מיטל אין קאָלימאַ. קיין שניירייניקער אויסער „זעקאַ״ האָט קאָלימאַ נישט געהאַט. פרירט מען אָפּ די נעז, פּנימער, אַבי די הענט זאָלן קענען האַלטן די לאָפּעטע. פרירן די פינגער דורך די הענטשקעס. אַן אָפּגעפרויערנע נאָז מאַכט נישט אויס. דער „לעקפּאָם״ (לעקאַרסקי פּאָמאָשטשניק — אַ פעלדשער) זאָגט : „הויט וועט אָנוואַקסן״...

פאַרבינדן די פּנימער ביז די אויגן, האָט מען געקענט עטלעכע טעג פאַר־בלייבן אין לאַגער און טראָגן עמערס שניי אין קיך, צו קאָכן און אין באַראַק אויף צו טרינקען.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען אונדז געלייענט אַ צייטונג וועגן גרויסן נצחון אין סטאַלינגראַד. נאָך די גרויסע דייטשישע נצחונות אומעטום — מיט אַ מאָל אַזאַ גרויסע מפּלה. דאָס איז אַן אָנהייב פונעם סוף. „אם החילות לנפול נפל תיפל"... ס'איז געוואָרן וואַרעם אויף דער נשמה. אין פאַררויכערטן פינצטערן באַ־ראַק, האָט זיך געדאַכט, ווערט ליכטיקער.

אין זכות פון אַמאָל...

„שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנה"...

פריער פרילינג אין קאָלימאַ. ווייניקער ווינט. מער זון. מער פראָסט. „אין מיטן דערינען" אַ סאַנקאָמיסיע. אַלע דאַרפן גיין עטלעכע קילאָמעטער צו דער קאָמיסיע מיטן דאָקטער, וואָס איז געקומען אויסצופאָרשן דעם געזונט־צושטאַנד פון די „זעקאַ". אַ יונגער דאָקטער (אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק) האָט מיך באַ־טראַכט. עטלעכע מאָל געפרעגט מיין פאַמיליע־נאָמען. „בלום?" און ער האָט לאַנג פאַרהאַלטן זיינע אויגן אויף מיר. פאַרביסן די ליפּן. אויסגעקלאַפּט, אויסגעהערט, נאָך אַ מאָל אויסגעקלאַפּט, נאָך אַ מאָל אויסגעהערט, אָנגעשריבן עפּעס אויף מיין קאַרטל. איך מיט נאָך זעקס „זעקאַ" זענען געבליבן. דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט: איר וועט פאָרן אין „אָפּעפּע". מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף בענק וואַרטן אויף דער מאַשין. דער דאָקטער האָט אויף אַ ווײַלע פאַרבעטן מיך צו זיך „אַ קוק צו טאָן". אָן שום הקדמות האָט ער מיך געפרעגט אויף יידיש — אין ראַגאַטשאָווער קינדערהיים געדענקט איר דעם „ווילדן?" בליומע קאַנטאָר האָט מיך גענומען קיין מאָסקווע. דאָרט האָב איך געענדיקט אַ מעדיצינישן אינ־סטיטוט און איצט בין איך דאָ, ווייל איך בין דאָך אַ „ווילדער". איר געדענקט דאָך? איך האָב ליב אָנטקעגן צו ריידן. איך בין געווען איבערראַשט, נישט גע־קענט באַגרייפן ווי אַזוי ער האָט מיך דערקענט. דער יונגער דערציער אין ראָ־גאַטשאָווער קינדערהיים — אַ „דאָכאָדיאַגע" אין קאָלימאַ. ער האָט מיר פרייַנטלעך אַ שטויס געטאָן אין אָקסל. איך האָב זיך געפּרווּוט דערוויסן וועגן בליומען, וועגן איר ברודער, וועלכער איז געווען אַן אָנגעזעענער טוער אין בילדונגס־קאָמי־סאַריאַט, געאַרבעט צוזאַמען מיט נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. וואָס מיט זיי טוט זיך, ווייס נאָר אַללאָך. ביי „זיי" איז נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ נישט לעניס ווייב...

*

אין ראַהאַטשאַוו (ווייסרוסלאַנד), ווען כ'בין געווען אַ לערער אין דער פּרץ־שול, האָב איך געוווינט און דערנערט זיך מיט די דערציִער אין קינדערהיים, געהאָלפן מיט וואָס כ'האָב געקענט. די קינדער זענען ס'רוב געווען פאַרוואָר־לאָזטע יתומים, נאָך די פּאָגראָמען אויף יידן אין דער צייט פון בירגערקריג. די קינדערהיימען האָבן געקריגן הילף פון „אַראַ" און פונעם „דזשאָינט" (ביידע אַמעריקאַנער הילפס־אָרגאַניזאַציעס).

מיטן קינדערהיים האָט פאַרוואַלטעט בליומע קאַנטאָר, וואָס האָט זיך אײַ־בערגעגעבן בלב ונפש די אומגליקלעכע יתומים, וועלכע זענען אויך פּסיכיש געווען נישט קיין געזונטע. טייל פון זיי זענען געווען שטומע פלעגמעס. טייל פאַרקערט, צעטראָגן, אויפגעבראַכט. זיין פאַמיליע און זיין נאָמען גע־דענק איך נישט. ער איז געווען ממש ווילד; געבראָכן כלים, אַלץ געזוכט מעסערס צו שטעכן, שניידן, קוילען אַלעמען. אַז ער פלעגט זיך צעבושעווען, פלעגט מיך בליומע רופן צו הילף... זי האָט קעגן אים געהאַט נאָר איין מיטל — „טרערן". זי איז געווען אַ דיקלעכע, געהאַט אַ קיילעכדיק פּנים מיט גרויסע צעעפנטע אויגן. זי איז געווען מאַמיש פון קאָפּ ביז די פיס. נאָך אירע טרערן פלעג איך אים עפּעס דערציילן, פלעגט ער אויף אַ ווײַלע ווערן צוגעלאָזט, קינדיש. ער האָט אָבער קיין מאָל ביי בליומען קיין מחילה נישט געבעטן. ער פלעגט נאָר אַ זאָג טאָן: „איך בין אַ ווילדער!"

פון אַ וואַרעם בעט צו קאַלטע שטערן

נאָך לאַנגע יאָרן בין איך צען טעג געשלאָפן אויף אַ בעט אויסגעטאָן. נאָך לאַנגע יאָרן בין איך נאָך מיטיק כמעט נישט געבליבן הונגעריק. די וואָך „אָפּע־פּע" איז גיך דורכגעפלויגן און מ'האָט מיך געשיקט אויף גרינגער אַרבעט. איך האָב געדאַרפט גיין אויף אַ גאַנצער נאַכט היטן און באַדינען דעם וועג. טאָמער וועלן פאַרבייפאָרנדיקע מאַשינעס ליידן פון עפּעס אַן אַוואַריע, איבערבלייבן היטן די מאַשין בעת דער שאָפער וועט גיין אין רעמאָנט־אָפּטיילונג פון דער וועג־אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות מיטן לאַגער. אַזעלכע „אַרומגייער" זענען געווען אויף אַלע אָפּשניטן פון וועג. פון ביידע זייטן רעכטס און לינקס האָבן זיך געפונען אויף אַ מהלך פון זיבן־אַכט קילאָמעטער נאָך אַזעל־כע פּאָסטנס. יעדער אַרומגייער („אָבכאָדטשיק") האָט פונאַנדערגעלייגט אַ שייטער. פאַרבייפאָרנדיקע מאַשינען מיט קוילן פלעגן אַראָפּוואַרפן פאַר אונדז אַ ביסל הייץ־מאַטעריאַל. איך האָב געדאַרפט זיין צוריק אין לאַגער, ווען די וועג־בריי־

גאַדעס וועלן אַרויס אויף אַרבעט. דאָ האָט מען געבויט פּאַראַלעל די נייע טראַסע, וועלכע האָט געדאַרפט פּאַראייניקן קאַלימאַ מיט יאַקוטיע. ס'איז געווען בלויז אַ ווינטערדיקער וועג מיט הירשן און נאַרטעס; איצט האָט מען געבויט אַ באַשטענ־דיקע טראַסע. די בריגאַדעס פלעגן אַרויסגיין גאַנץ פרי, ווען עס זענען נאָך גע־שטאַנען שטערן. איך האָב זיך אויסגעלערנט לויט דער באַוועגונג פון די שטערן צו דערקענען די צייט. ס'איז אוממעגלעך צו באַשרייבן אַלע געדאַנקען, אַלע באַטראַכטונגען, וואָס אַ מענטש טראַכט דורך, ווען ער איז אַליין אין אַזאַ שטור־מער איינזאַמקייט. ווען אַ מענטש איז מיט מענטשן, פילט ער נישט אַזוי פיל, ווי קליין און נישטיק ער איז. ווען ער איז „אויג אויף אויג" מיט דער גרויסער אומענדלעכקייט, פילט ער זיין אייגענעם פוסטן חלל, און ער זאַפּט אין זיך אַריין מיט גרויס דאָרשט די שטראָמענדיקע עשרות פון דער שווייגנדיקער וועלט, — די זילבערבלויע שיין פונעם אויסגעשטערנטן הימל, דעם שאָטן פון די שטיינערנע בערג. אַלץ איז אייביקייט, אַלץ איז געווען ביז מיר, וועט זיין נאָך מיר — און איך, דער פאַרבייגייער, וועל אַריינוואַקסן און זיך צוזאַמענגיסן מיט דער אייבי־קייט, נאָר נישט זיין שטום און טויט ווי זי. נאָר אַ לעבעדיקע אייביקייט צו זיין! איך האָב דעמאָלט געפילט און טיפער פאַרשטאַנען דעם זין פון לערמאָנטאָווס ליד: „גיי אַליין אַרויס איך אויף דעם וועג"...

אין אַ פרייער שטייג

אַ רעמאָנט־בריגאַדע צום פאַרריכטן דעם וועג. אַ פרייער באַראַק אָן וואַכ־ראַוועס אין מיטן וועג צוגעטוליעט צו אַ סאָפּקע. אין באַראַק נאַרעס ווי אין אַ וואַגאָן. ס'איז געווען אַ קליינע סטאָלאָוקע. אַלץ פלעגט מען ברענגען. אמת, צו־קער האָט מען אונדז געבראַכט מיט אַ מאָל פאַר צען טעג. ס'האָט אויך געטראָפן ברויט פאַר דריי טעג מיט אַ מאָל...

איין מאָל ביים אויפלאָדן אַ לאַסטמאַשין מיט שטיינדרויב האָב איך צע־בראָכן דעם שלאָסביין (עצם הבריח). אַ שטיק צייט בין איך אַרומגעגאַנגען מיט אַן אונטערגעהאַנגענער האַנט. ס'איז געווען סאַמע זומער, פלעג איך גיין קלייבן שוואָמען פאַר דער קיך. אויף די הוילע זאַמדיקע סאָפּקעס האָט מען געקענט געפינען ברוסניקע. האָט מיר דערעסן דער באַראַק מיט די „זעקאַ", בין איך אַוועק אין די בערג. ס'זענען געגאַנגען ווייסע נעכט, האָט מיך געצויגן אַהין אויף גאַנצע נעכט. אויף דער האַרטער ערד איז געווען ווייכער ווי אויף דער האַרטער נאַרע. דערפאַר האָב איך געזען מיט אַ מאָל, אין איין צייט. אין מערב־זייט די שקיעה און אין מזרח־זייט דעם זון־אויפגאַנג. אונטערגאַנג און געבורט...

איך בין תמיד צווישן... בין השמשות... צווישן אויפגאַנג און אונטערגאַנג. איך געדענק נישט מיין אָנקום, כ׳וועל נישט וויסן מיין אומקום. איך קען נאָר אָפּ־קומען.

דער גרויסער שווייגער

דאָס איז נישט געווען קיין באַנציע שוויג. ער האָט נישט געשוויגן און נישט גערעדט. ער איז געווען אַ לערער פון טויב־שטומע אין אַ שול ערגעץ אין אַ פאַרשטאָט פון הינטער מאָסקווע. ווען סטאַלין האָט אַ סוף געמאַכט צו דער שפּראַך־דיסקוסיע מיט זיין „מאַרקסיזם און שפּראַך־קענטעניש״ און אָפּהענגיק געמאַכט דעם געדאַנק פונעם וואָרט, האָט מען אים עפנטלעך פאַרגעבן די פראַגע, ווי עס קומט דער געדאַנק ביי טויב־שטומע. אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז מ׳האָט געקענט אומבאַשטראָפט אָפּפרעגן סטאַלינען. אין יאָרן אַרום ווען מאַר און אַלע סאָוועטישע שפּראַכלער זענען שוין אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך עמע־צער דערמאָנט, אַז שמערלינג דער לערער פון טויב־שטומע איז אין „עפּעס״ נישט געווען מסכים מיט סטאַלינס „מאַרקסיזם״ אין דער שפּראַך־וויסנשאַפט, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער שונא און עס שאַט נישט אים צו האַלטן אין לאַגער. ס׳איז דאָך קלאָר געווען, אַז מ׳האָט נישט געטאָרט דערלאָזן, אַז ער זאָל פירן „אַן אַנטיסאָוועטישע אַגיטאַציע צווישן די טויב־שטומע״... אמת, גאַנץ רוסלאַנד האָט געליטן פון טויבשטומקייט און פון דעסט וועגן געהאַט געדאַנקען...

מ׳האָט אונדזביידן צוזאַמענגעפּאָרט. אין צווייען זענען מיר געגאַנגען פאַרשיטן גריבלעך אויף דער טראַסע. די גריבלעך האָט קיינער נישט געציילט, קיינער האָט נישט צוזאַמענגערעכנט די אָנגעטראָגענע בערגלעך מיט שטיין־דרויב. פלעגן מיר אָפּט אַוועקלייגן די לאָפּעטע און קיילאָס, זיך אַוועקזעצן אַ שווייג טאָן צוזאַמען אַ געשפּרעך. איך האָב זיך אויסגעלערנט פון אים אויסצו־שווייגן יעדע פראַזע, וואָס איז אַרויס פון מויל. ער האָט גערעדט מער צו זיך, פאַר זיך. איך בין נאָר געווען אַן עדות, כאָטש ער האָט זיך געווענדט צו מיר ווי צו אַ מיטשפּרעכער. ער איז מיר געווען צום האַרצן מיט זיין טיפן באַנע־מען די נאַטור (בתוכם אויך די נאַטור, וואָס איז מסוגל צו דענקען — די מענטש־לעכע נאַטור). ער איז געווען אַ גלייביקער אין טיפערן זין. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ טעאָסאָף. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אין זיין טעאָסאָפיע איז געווען אַ גרוי־סער צומיש פון פאַנטאַזיע. ער האָט מיך אָנגעשטעקט מיט זיין פּאַטעטישער רע־ליגיעזקייט. מיר פלעגן לאַנג־לאַנג נאָך זון־אונטערגאַנג פאַרברענגען צווישן די בערג, אויסגעטרעטענע פון דעם עולם... ס׳איז געווען אַ מין עקזאַלטאַציע, מיר האָבן

יעדער פאַר זיך געזאָגט תהילים... וויפל מ׳האָט געדענקט, דאָס איבעריקע פון זיך אַליין. דער תהילים איז דאָך געווען אונדזער אייגענער, פונעם אייגענעם האַרצן...

ער האָט נישט גערעדט קיין יידיש, אָבער ער האָט געפילט דאָס יידישע וואָרט. ער האָט איבערגעזעצט מיינע צוויי לידער, איינע טאָקע דאָ אין די בערג אויסגעדיכטעט. אַ צווייטע, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין יאָרן אַרום אויפן עטאַפּ אין קויבישעווער טורמע. דאָרט האָב איך אָנגעשריבן מיין רחלען אַ ליד לכבוד איר געבורטסטאָג דעם 1טן אַפּריל 1949.

דאָס ליד, אַן איבערזעצטע אויף רוסיש, איז איבערגעשריבן געוואָרן דורך אייניקע מענער און אָפּגעשיקט געוואָרן אַלס זייער מתנה צו זייערע ווייבער.

מיין געדיכט איז אים געווען צום האַרצן. און כאָטש זי איז נישט געבענטשט מיט דער מאָדערנער קינסטלערישקייט און קינסטלערישן מאָדערניזם, דאָך גיט זי איבער די געפילן און געדאַנקען, וואָס מיר האָבן געהאַט און וואָס האָט אונדז דערהויבן איבער דעם פּיין, איבער אונדזערע פּייניקער, און האָט אונדז אין פּי־זישער קנעכטשאַפט געמאַכט גייסטיק פריי.

איך שטעל אויף לויטן זכרון די דעמאָלט דורכגעפילטע פערזן פונעם גע־דיכט:

הימן פון לעבן

הימלען העלע, הימלען קלאָרע,
טיפסטע טיף, ווייטסטע ווייט, —
צו אייך טראָגן זיך אַקאָרדן
פון יונגע דורות אין יעדער צייט.

דורות גייען, דורות קומען,
גייט די אייביקייט אַ טאַנץ —
נייע וועלטן, נייע זונען,
נייע טעג מיט נייעם גלאַנץ.

קומט אַ נאַכט מיט פליגלען שוואַרצע,
שפּרייט פון חושך אויס אַ נעץ,
זאָל אין יעדן ריינעם האַרצן
זיין פאַר זונען־ליכט אַ נעסט.

וועט אַ מאָל נאָך ווערן ליכטיק
— וועלן קומען נייע טעג. —
זאָלן שורות פון דעם דיכטער
אין דער צייט נישט זיין פאַרמעקט...

— — — — — — — — — — —

אויפן 23סטן קילאָמעטער

דאָ הינטער מאַגאַדאַן האָבן זיך געפונען די גרעסטע אינוואַלידן־לאַגערן. מ׳האָט גערעכנט אינוואַלידן קיילעכדיקע צען טויזנט. ס׳רוב זענען דאָ געווען האַרצקראַנקע און פאַרפייניקטע פון צינגאַ. ביז איך בין אַריינגעפאַלן אַהער, איז ביי מיר אַרויסגעפאַלן אַ שורה אייבערשטע ציינער און די אונטערשטע האָבן זיך געוואַקלט. די היילונג פון צינגאַ איז געווען „כוואָיאַ״, אַ געטראַנק פון נאָדל־ביימער. אויסגעקאָכטע נאָדלען האָבן פאַרמאָגט אַ גרויסן פּראָצענט סמאָלע. דאָס האָט געהיילט צינגאַ און ס׳האָט קאַליע געמאַכט דאָס האַרץ... ווער ס׳האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ מיט צינגאַ, האָט אים דאָס געטראַנק ביסלעכווייז „אויסגעהיילט אויף אייביק״...

איך בין קוים אַרומגעגאַנגען אויף די פיס. ס׳האָט מיך אַלץ געצויגן און געבייגט צום שלאָף.

פאַר אינוואַלידן איז געווען אַ לייכטע אַרבעט: אַ קילאָמעטער פינף האָט מען זיך אויפגעהויבן אין אַ וואַלד אַריין. דאָרט האָט מען צוגעגרייט שפּאַלן פאַר דער אייזנבאַן מאַגאַדאַן־פּאַלאַטקי. האָבן הונדערטער אינוואַלידן יעדן טאָג מיט שטריק געשלעפּט פון וואַלד די שפּאַלן, מיט אַ טויטן שלייף פאַרפעסטיקט דעם שטריק צו דער שפּאַלע, פאַרוואָרפן אַרום האַלדז און געפירט אויפן שניי־וועגל.

לויט דער פריינדלעכער עצה פון דאָקטער (אַ קראָקאָווער ייִד) האָב איך זיך אויך איינגעשפּאַנט און געשלעפּט שפּאַלן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז צינגאַ מוז מען באַקעמפן מיט גיין אויף לופט און מען דאַרף מיט די לעצטע כוחות זיך נישט אונטערגעבן. בין איך געגאַנגען און געשלעפּט. באַלד אין דער פרי, ווען איבער די בערג האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּראָסטיקער רעגן־בויגן, בין איך צווישן הונדערטער „שלעפּער״ אַרויס אין וואַלד. נישט ווייט פון לאַגער האָט זיך געפונען די באָד. זי איז געשטאַנען לעבן אַ שטורמישן באַרג־טייכל, פון וואַנען זי האָט גענומען וואַסער. מיר האָבן געמוזט דורכגיין דורך אַ בריקל. האָב איך איין מאָל געשלעפּט מיין שפּאַלע, און ווי געוויינלעך גייענדיק, גע־

שלאָפֿן. נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט איך בין, איז מיין שפּאַלע אַריין אין וואַסער און איידער איך האָב געהאַט צייט אַ טראַכט צו טאָן, האָט דער שטריק אַרום האַלדז מיך פאַרשטיקט... איך געדענק נישט וואָס און ווען. די באָד־הייצער האָבן באַמערקט, גיך געכאַפּט אַ האַק און איבערגעהאַקט דעם שטריק אַרום מיין האַלדז און האָבן אַזוי אַרום גורם געווען דערצו, איך זאָל קענען איצט שרייבן די שורות...

דער שאַכמאַטן־טורניר

נאָך דער מעשה לעבן באָד, האָט מען מיך מער נישט געשיקט מיטן שטריק. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט אַ קולטור־פאַרמעסט צווישן צוויי אינוואַ־לידן־לאַגערן — אונדזערן מיטן שכנותדיקן. ס׳איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שאַכמאַטן־טורניר. איך האָב זיך פאַרשריבן אַלס אָנטיילנעמער (פון קיך האָט מען אונדז צוגעוואָרפן אַ הוספהלע פאַרן מאָגן). דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער נסיון: צי איז נאָך מיין מוח עפּעס ווערט ?...

און איך האָב אין משך פון צען טעג געגעסן הוספות און אַלס רעזולטאַט באַקומען דאָס צווייטע אָרט. האָט מען מיך אויסגעמאָלן און מיין פּאָרטרעט איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דער וואַנט־צייטונג פון די אינוואַלידן.

אין אַ וואָך אַרום האָט מיך פאַפאָוו — דער קולטור־באַפולמעכטיקער פון לאַגער, אַ רוסישער איידעלער מענטש, אַ פרייער, אויפגעזוכט אין סטאָלאָווע און געזאָגט מיר, אַז ער זעט אין מיר אַ קולטור־כוח, וואָס מען דאַרף אונטער־האַלטן. אָבער דער עיקר איז צו שטאַרקן דאָס געזונט. מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן קומען ווערבירער, וואָס וועלן צונעמען אַרבעטער פאַר דער פיש־פּראָדוקציע. וועלן אַ סך וועלן פאָרן. נישט אַלע קענען זיי פאַרשרייבן. ער וועט שוין זאָרגן דערפאַר, איך זאָל אַריין אין צעטל. גלייך ווי מען וועט מיך אַרויסרופן, זאָל איך נעמען דאָס פּעקל שמאַטעס, דער עיקר דאָס קעסעלע מיטן לעפל, און גיין צו דער מאַשין. דאָרטן וועל איך זיין זאַט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט שוין אַ דאַמפער געלאָזן רויך איבער ברייטע כוואַליענדיקע וואַסערן און אונדז, אַ האַלבע מאה אינוואַלידן, פאַמעלעך, וואַסער אַרויף, געשלעפּט קיין אַרמאַן.

נאָענט צום ברעג האָט אונדזער שיף נישט געקענט צוגיין — האָט מען אַרויסגעשיקט פון אַרמאַן עפּעס אַ קלענערע שיף און מיר האָבן געדאַרפט אַרי־בערשפּרינגען איבערן באָרט פון איין שיף אין דער צווייטער. ווידער אַ נסיון פאַר מיינע שוואַכע כוחות. מען דאַרף דאָך שפּרינגען איבער אַ שטח וואַסער. איך

וואָלט דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן, ווען פון דער צווייטער שיף וואָלט מען מיך נישט אונטערגעכאַפּט. נאָר פון דעסט וועגן האָב איך אין זיך געפונען מוט צו שפּרינגען.

אין אַרמאַן

די לאַנדשאַפט איז נישט ענלעך צו קאַלימאַ. מען זעט נישט קיין סאָפּקעס. אַ פלאַכלאַנד מיט וועלדער אַרום. פעלדער מיט קאַרטאָפל, קרויט און שאר־ירקות.

באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר דערשמעקט אַ ריח פון פיש. פיש געזאַלצענע, געפּרעגלטע, געדריכערטע, געקאַכטע.

כ׳האָב נישט באַוויזן אויסצוואַשן די פאַרשלאָפענע אויגן, ווען איך בין נאָר אַריין אין באַראַק, האָט מיך עפּעס אַן אוקראַאינער מכבד געווען מיט אַ גרויסער רעפט ברויט מיט האָניק. אין סטאָלאָווע האָט מען געגעסן אַ סך פיש. ברויט איז פאַרבליבן אויף די טישן. די ערשטע צייט האָבן מיר דאָס צוגערוימט און די קעשענעס אָנגעפּאַקט. איך האָב נאָכגעטאָן די אַנדערע. אַריין אַהין אין דער „זאַסאַלקע", ווו מ׳זאַלצט רויטע רויג פון קעט, און דאָרט האָט מען מיר געגעבן אַ גאַנצע באַנקע. מער האָב איך נישט גענומען. כ׳האָב קוים־ קוים דאָס אויפגעגעסן. דער מאָגן האָט גענומען פּראָטעסטירן קעגן אונדז זולל וסובבניקעס...

מיר האָבן צוזאַמען, אַ גרופּע פון צען אינוואַלידן, זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ „טשאַן" און געוואַשן. מיר האָבן שפּאַצירט אין טשאַן מיט גומענע שטיוול. אָט האָט מען אונדז צוגעזעצט צו אַ גרויסער קופּע הערינג צו סאָרטירן. אָט האָט מען מיך געשטעלט וואַשן פיש צוזאַמען מיט די „שאַלאַשאָווקעס" (אַ צונעמעניש פון נישט־כשרע פרויען). זיי האָבן געזונגען פאַרשיידענע האַלב־טרויעריקע, האַלב פריילעכע לידלעך, אויך פּיקאַנטע, מיט אַ גרויסער דאָזע ציניִשער צווײדײטי־קייט.

מען האָט מיך אויך צונויפגעפּאָרט מיט איינער אַ יונגער פרוי און מיר האָבן איבערן דאָרף צונויפגעקליבן און צונויפגעלייגט אין גרויסע הויפנס גלעז־זערנע און בלעכענע באַנקעס פון קאָנסערוון. זי האָט מיך געפירט צו דער פרייער סטאָלאָווע, ווו ס׳האָט געאַרבעט אירע אַ „פּאָדרוזשקע" (אַ פריינדין), וועלכע האָט אונדז מכבד געווען מיט עפּעס פון די דעליקאַטעסן. נאָך דעם האָט מיין „קאָמפּאַניאָנטקע" מיר פאָרגעלייגט מיר זאָלן זיך „דורכשפּאַצירן" אין וואַלד. איך בין דערצו נישט געווען געשטימט, איז זי ברוגז געוואָרן. אַ קורצער ראָמאַן מיט אַ טרויעריקן סוף.

ביי דער בוכטע נאַגאַיעוואָ

אין אַרמאַנער גן עדן האָט זיך דער סעזאָן געענדיקט. אָן ערך סוף יולי, אָנ־הייב אויגוסט. האָט מען גענומען פּאַרטיעסווייז אַפּשיקן צוריק פון וואַנען מיר זענען געקומען. מ'האָט אונדז געבראַכט אין אַ „ריבפּראָם" (פיש־אונטערנעמונג) נאָענט פון מאַגאַדאַן (דער נאָמען אַרויס פון זכרון). פון דאָרט האָט מען אונדז געדאַרפט משלח זיין צוריק צו די „דאַלאַדיאַגעס" אויפן דריי און צוואַנציקסטן קילאָמעטער. דער „הויפּטמאַכער", דער ווירטשאַפטס־פירער, איז געווען אַ ייד לעווין, האָט ער מיך געלאָזט דערווייל בלייבן. מ'האָט צונויפגעשטעלט אַ גרופּע פון פינף מאַן און מ'האָט אונדז געשיקט קלייבן ברוסניקע אָן ערך פינף־זעקס קילאָמעטער פון דאַנען, אויפן וואַלדיקן ברעג פון דער בוכטע.

אין דער גרופּע זענען געווען צוויי יידן — איך און נאָך איינער, אַ קורצינ־קער, אין גאַנצן אַ גרויער. זיין פאַמיליע־נאָמען שטערן. שלעכט גערעדט יידיש, אָבער ער איז געווען אַ הייסער ייד. צו מיר איז ער גיך צוגעזאָטן געוואָרן. אין אַ שמאָלן טאָלשפּאַלט צווישן צוויי הויכע בערג האָט דורכגעשטראָמט אַ שטורמיש באַרג־טייכל אין דער בוכטע אַריין. דערנעבן איז געשטאַנען אַ הילצערן הויז, פון קלעצער צונויפגעלייגט, און אַ קליין הייזל, אַ „שוואַרצע באָד". אין הויז אויף שטרוי זענען מיר געשלאָפן. אין דער באָד איז געווען אונדזער קיך. דער קוכער איז געווען אַ געוועזענער ווייסגוואַרדייִישער אָפיציר. ער האָט צוגעגרייט פּאַרשיידענע מעדנים... געבאַקן פּיראָזשקעס מיט יאַגעדעס. מיר זענען געווען „יחסנים". מיר האָבן דאָך געגרייט יאַגעדעס „אויך" פאַר דער „נאַטשאַלסטווע". אַ פּעסעלע דעם „נאַטשאַלניק" — שיקט ער בערישע וווּרשט, זיין געהילף — אָן איבעריק ביסל צוקער, מעל, גרויפּן און מאַכאָרקע. ס'איז געקומען אַפילו דער לאַגער־פאַריקמאַכער אונדז אַרומפּוצן.

אויף אַ גאַנצן טאָג זענען מיר אוועק אין וואַלד. נאָר אָנגעקליבן צוויי עמער — איז מען געקומען אויסשיטן. דאָס איז שוין צונויפגעפאַלן מיטן מיטיק. דער־נאָך ווידער אוועק. ביז נאַכט אָנגעקליבן נאָך צוויי עמער. איך האָב מיט מיינע אויגן, מיט מיינע אָפּגעשוואַכטע הענט און פיס געקענט קוים אָנקלייבן צוויי עמער פאַר אַ גאַנצן טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דערפון געהאַט גרויסע „געשפּרעכן" מיט מיינע רוסישע „קאָלעגן". ס'איז אַ מאָל דערגאַנגען ביז קלעפּ. איינער האָט אַפילו געכאַפּט צו מיר אַ האַק און געהאַלטן איבערן קאָפּ. שטערן האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיר. נאָר ער איז דאָך אויך אַ „זשיד". סוף כל סוף האָט מען זיך שוין צוגעוווינט צו מיין נאָרמע... איך פלעג קומען שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע זענען שוין לאַנג פאַרטיק געווען מיט זייערע נאָרמעס. איך פלעג ברענגען נישט קיין פולע עמערס. שטערן פלעגט זיין אומרויִק ווען איך

האָב זיך פאַרהאַלטן שפעט אין דער פינצטערער טייגע. ער פלעגט מיך מאַכן מיט דער „בלאָטע צו גלייך". אַזאַ גאָרנישט! אַ כפרה די יאַגעדעס! טאָמער פאַרבלאָנדזשעסטו טיף און וועסט נישט אַרויסקריכן! חיות וועלן דיך צערייסן! אַזוי פלעגט ער מיך יעדן טאָג זידלען. די רוסישע זענען געווען מיט מיר צופרידן, ווייל איך האָב זיי אָפגעגעבן מיין מאַכאָרקע. שטערן האָט אויך ווייניק גערויכערט. איך בין געווען אַזאַ ייד, וואָס איז פון דעסט וועגן „צו נוץ געקומען"... אפשר דערפאַר האָט זיך די האַק נישט אַראָפגעלאָזט אויף מיין קאָפ?...

אין דער טייגע האָב איך נישט נאָר געקליבן יאַגעדעס. איך האָב אויך פאָעטיזירט און פילאָסאָפירט. איך האָב נישט געבראַכט אויף פאַפיר, דאָס אַלץ וואָס כ'האָב דורכגעטראַכט און דורכגעפילט דאָרט. אָבער מיר איז דאָרט געווען בעסער ווי אין באַראַק. אין די געדריייטע סטעזשקעס וואָס איך אַליין אָדער ווילדע חיות האָבן אויסגעטרעטן, האָב איך געזוכט און געוואָלט געפינען דעם גרויסן סוד, וואָס איז דאָ פאַרבאָרגן אין מיין קרענקלעכער פאַנטאַזיע איז דאָס געוויינלעכע גראָז, די פראָסטע הילצערנעביימער געווען מיט אויערן און אויגן צו זען און צו הערן, פאַרשטיין און פילן בעסער ווי מענטשן. זיי זענען פרייער און אמתער און האָבן אין זיך חכמה, טיפערן זין מער ווי די מענטשן, וואָס בלאָנדזשען אַרום זיי. דאָך האָב איך מיט געפיל פאַר זיי געזונגעז מענטשלעכע לידער און אפשר נישט פאַר זיי נאָר פון זיי. אפשר האָבן זיי דאָס מיך געשטויסן. אַ מלאך שלאָגט יעדעס גרעזל און זאָגט אים: „וואַקס!" און דאָס קליינע אומשולדיקע גרעזל, פון אַ מלאך באַרירט, איז מסוגל מיר צו באַפעלן: שאַף! יאָ, און מיינע יאַגעדעס? אַ גאַנצער קוסט אָן אָפגעריזשעטער, אַ סך איז דאָ צעטראָטן! ווער איז דאָ דער משחית?... ווי גרויסע פערדישע קאָפּעטעס — אַ שפור אינעם ווייכן מאָך... דאָ איז געווען אַ בער! הייסט עס, אַז נישט נאָר אין לאַגער, נאָר אויך דאָ איז פאַראַן ווער ס'זאָל צעטרעטן דאָס גוטע און דאָס שיינע, וואָס די נאַטור האָט געשאַפן.

ויהי היום, אַז ס'איז אויסגעגאַנגען די מאַכאָרקע און אייניקע פראָדוקטן, האָט מען מיך געשיקט אין דעם הויפּט־לאַגער ברענגען דעם פּאַיאָק. אַרומרינגלענדיק די בוכטע, זעט מען דעם לאַגער. מיטן ברעג איז דער וועג אָנגעצייכנט ווי מיט אַ שנירעלע. אָבער מיטן ברעג קען מען גיין נאָר אין דער צייט פון אָפּלוס. האָב איך גענומען אַ רוקזאַק, געטאָן אַ קוק — דאָס וואַסער איז הויך. דעם צופלוס קען מען וואַרטן אין אַ שעה אַרום, האָב איך גענומען גיין אַרום רונדן ברעג. אָבער די צייט האָט מיך אָפגענאַרט. ס'איז נישט אַוועק אַ פערטל שעה האָט עס אָנגעטראָגן כוואַליעס. אָט וואַשן זיי שוין אָפּ מיינע טריט און וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער. צופוסנס פון דער סאָפּקע זענען שפּיציקע שטיינער אָן אַ סדר פונאַנדערגעוואָרפן, יעדער שטיין העכער פון מענטשלעכן

ווּקס. אַרויפֿדראַפּען זיך אויף די אַקסלען פֿון אַזאַ שטיין דאַרף מען האָבן כּוח, אַז די הענט זאָלן אויסהאַלטן דעם הענגענדיקן גוף. כ׳האָב אויסגעהאַלטן. אין מיר האָט זיך דערוועקט דער כּוח פֿון אונדזערע אָבֿות — די מאַלפּעס, עליהם השלום, זאָלן זײַ דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גן עדן! ווי לאַנג איז דען וועו אונדזערע פֿאָדערשטע פֿיס זענען געוואָרן אינטעליגענטישע ציוויליזירטע הענט? ווי ווײַט איז דער ציוויליזירטער מענטש אַוועק פֿון דער ווילדער מאַלפּע? נישט קיין נײַע פֿראַגע, נישט קיין נײַער געדאַנק.

„ליל שמורים — אַ וואַכנאַכט"

צוריק וועגס, באַלאָדן מיט כּל־טובֿ, אַפֿילו מיט זויערע פֿאָמידאָרן, האָב איך נאָך בײַ די פֿישער פֿון דער חבֿריא אָנגעפֿילט אַ טראָגנעצל מיט לעבעדיקע פֿיש. לויט דער אָנווײַזונג פֿון אַ „ווײַסער", אַ „קענער" האָב איך געהאַט דורכצוגיין גאָר, גאָר נישט ווײַט. די זון וועט נאָך זײַן אין הימל, ווען איך וועל שוין זײַן דאָרט. איך האָב געדאַרפֿט זיך אויפֿהייבן פֿון איין זײַט באַרג, גיין בײַם ראַנד דורכן וואַלד, רונד אַרום דער בוכטע, אַראָפּלאָזן זיך אויף דער צווייטער זײַט אין אונדזער טאָל. דער אָריענטיר פֿאַר די אויגן דאַרף זײַן דאָס צוקער־קעפּל פֿונעם שכנותדיקן באַרג.

אָבער בײַם ראַנד פֿונעם באַרג זענען געוועזן ערטער פֿאַרוואַקסענע מיט נידעריקע נאָדל־ביימלעך. זײערע צווײַגן האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד און האָבן געכאַפּט ווי אין קלעם אַריין, נישט אויסצופּלאָנטערן זיך... האָב איך אָנגעהויבן אום און אַרום צו גיין. דערווײַל האָט זיך די זון אַ קער געטאָן, זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צו דער מערבֿ־זײַט. איז די טײַגע תּיכּף געוואָרן אַן אַנדערע. לאַנגע שאָטנס האָבן אײַנגעהילט די שטעגלעך און וועגלעך. די זון איז פֿאַרבליבן צווישן די צווײַגן אויף די שפּיצן ביימער, דאָרט האָבן נאָך געשפּילט אירע גאָלדענע פֿונקען. אַזוי אויסמײַדנדיק דעם פֿאַרוואַקסענעם ראַנד פֿונעם באַרג, בין איך אַלץ מער פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן און נישט באַמערקט ווי דער טאָג האָט שוין פֿאַרלאָזט די טײַגע און צו איר איז שוין געקומען די נאַכט. איך האָב גענומען זיך דערנענטערן צום ראַנד, שמעקנדיק די פֿײַכטע לופֿט פֿון דער בוכטע. בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין גריבער מיט פֿאַרוואַקסענע ווײכע יונגע צווײַגלעך, וואָס האָבן מיך געפּאַנגען ווי אין אַ נעץ. אפֿשר וועל איך דאָ שטערן די רו פֿון עפּעס אַ חיה?... מײַן געפּאַקטער רוקזאַק האָט נישט געקענט רויִק ליגן אויף מײַן פֿאַרשוויצטער פּלייצע... ס׳האָט מיך געטראָגן דער אימפּעט און מיר איז געווען הייס. מיט אַ מאָל האָט אַ יאָג געטאָן אַ ווינט און איך האָב דורך אַ געדיכטער וואַנט פֿון ביימער דערזען אַ פֿרײַען פֿינצטערן

רוים... דאָס איז געווען דער הוילער שפּיץ פונעם באַרג. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פליך אין מיטן אַ קאָפּ האָר. אונטן איז די בוכטע, גאָר ווייט קוים לייכט זיך מאַגאַדאַן. איך האָב אַראָפּגענומען דעם רוקזאַק, אָװעקגעלייגט די פיש. צונויפגע־שלעפּט טרוקענע צווייגן און אָנגעצונדן אַ שייטער. חיות האָבן מורא פאַר פייער. פאַרקערט, מענטשן פילן זיך היימיש מיט פייער. אפשר דערפאַר מאַכן זיי אָפט וועלט־שרפות ?... איך האָב דעמאָלט מסתמא וועגן דעם נישט געטראַכט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן פייער און אָפּגעגעסן וועטשערע. נאָך דעם גענומען זינגען („כלה, מאך דיר הארץ!"). איך האָב אויסגענוצט די פרייהייט וואָס נאָר די טייגע אַליין קען געבן, און כ'האָב אויפן גאַנצן קול געזונגען שבתדיקע זמירות. שיר המעלות, מזמור לדוד, דערנאָך העברעיִשע און יידישע לידער. אַלץ וואָס איז געקומען אויפן זינען. אפשר איז דער טייגע באַשערט דאָס צו הערן צום ערשטן מאָל און צום לעצטן מאָל. זאָל באַרג און טאָל פון דער ווייטער קאָלימאַ הערן דאָס קול פון אַ מאַקאָוװער ייד... ס'האָט זיך מיר געדאַכט ווי איך וואָלט מגייר געווען דעם פרעמדן גויִשן וואַלד. ווען איך וואָלט זיין אַ חסידישער רבי, וואָלט איך געגלייבט, אַז די השגחה פּרטית האָט מיך געבראַכט אַהער איך זאָל מתקן־נשמות זיין. אַ סך אומגליקלעכע גילגולים האָבן דורך מיר געקריגן אַ תיקון. וועגן דעם האָט מען נישט געטאָרט קיינעם דערציילן. עס האָט גע־דאַרפט פאַרבלייבן אַ סוד לדורות. ווייל וואָס וואָלט געזאָגט די מ.ג.ב., ווען די דערוויסט זיך, אַז איך האָב געיידיש אַ וואַלד מיט פויגל און חיות, סאָוועטישע בירגער ?

*

באַגינען, מיט טאָג צוגלייך, האָב איך גענומען מיינע פּעקלעך און גיך גע־פונען דעם וועג. מיינע יאַגאָדניקעס האָבן זיך דערפרייט מיט מיר וואָס איך לעב. שטערן האָט מיר דערציילט, אַז זיי אַלע זענען געגאַנגען איבערן וואַלד מיך זוכן, געצונדן שייטערס, געשריגן, געליאַרעמט. מ'האָט געטראַכט וועגן ווילדע חיות און וועגן... דער פאַרפאַלענער מאַכאַרקע.

איצט האָט מען מיט לייכטן געמיט זיך אַוועקגעזעצט טרינקען טיי מיט ברוסניקע און מיט פאַרגעניגן אַריינגעצויגן אין זיך דעם ביטערן רויך.

„אַ ליבע־טראַגעדיע"

פינצטער אין באַראַק. קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז נישטאָ. אַ זיבעציק־אַכציק „זעקאַ", כמעט אַלע „פריינד". מיך האָבן זיי אויסגעבעטן לאָזן ביי זיי, ווייל איך בין געווען אַ (ראַסקאַזשטשיק), אַ דערציילער. זיץ איך איצט אויף אַן

איבערשטער נאַרע, לעבן „וואָזשאַק" אַליין. איך דערצייל איצט „די וואָרטאַלאַ־מייער נאַכט" פון מערימע. אַלע זיצן שטיל. דער „וואָזשאַק" האָט באַפוילן. איך האָב געהאַט פולע גלייכבאַרעכטיקונג. איך האָב געהאַט אַ זכיה אַריינצוטאָן מיין לעפל אין אַ בשותפותדיקן קעסעלע מיט „באַלאַנדע", אָדער קאַשע. מיך האָט קיינער פון די „פריינד" נישט געטאָרט באַליידיקן. איין מאָל האָט מען ביי מיר צוגעגנבעט פופציק רובל. איך האָב זיך באַקלאָגט פאַרן „וואָזשאַק". אויף צו־מאָרגנס האָט מען מיר געבראַכט ניין און פערציק רובל. איין רובל האָט מען אויסגעגעבן. מהיום והלאה, האָט מען מיר געזאָגט, וועט קיינער ביי מיר נישט נעמען קיין פאָדעם. מיין בעסטער גוטער „ברודער" איז געווען מיין שכן אויף דער נאַרע, „סאַשקע". דאָס איז געווען אַ יונגער, ענערגישער, קורצער ברייט־בייניקער חברהמאַן. ער האָט זיך באַרימט מיט זיינע „פאַרדינסטן" פאַר דער אונטערוועלט. אויף זיין חשבון רעכענען זיך איין און צוואַנציק רציחות. ווער ס'איז געבליבן אַ צעקאַליעטשעטער, ווער ס'האָט גאָט די נשמה אָפּגעגעבן.

די „פריינד" האָבן ליב מגזם צו זיין. ווער עס שטעלט זיך אַרויס אַלס „מעדוועזשאַטניק" (ספּעציאַליסט צו עפענען פייער־קאַסעס), ווער ס'האָט פאַר־גוואַלדיקט צען מיידלעך, די עלפטע שליוכע, אַ „לעגאַווע" (אַ פּראָסטיטוטקע אַ מסורניצע) האָט אים אַהער „פאַרפאַקט" (נישקשה, ער וועט זי נאָך פאַקן און „אַ קינזשאַל אין זייט — ווילסטו לעב, — ווילסטו נישט!").

סאַשקע האָט בשום אופן נישט אויסגעזען ווי אַזאַ געפערלעכער רוצח. איך האָב נישט געטאָרט זיין אין ספק (אַן אמתער זשוליק, לויט סאַשקען, וועט קיין מאָל נישט לייקענען, אַפילו דעם „סלעדאָוואַטעל" וועט ער זאָגן דעם אמת). אויב איר זענט מסופק אין אים, גיט ער אַ האַרבע שבועה „בל... בודו" (אַ זונה וועל איך זיין, אויב...). אָט אַזאַ סאַשקע קומט איין מאָל צו מיר און געטרויט מיר אַ סוד: ער איז פאַרליבט. זי איז נישט אַ שאַלאַשאָווקע עפּעס. זי איז פון די „אַכט און פופציקער". ער וועט זי מיר אַ מאָל באַווייזן. ער בעט מיך שרייבן אים אַ בריוו צו איר ווי מען שרייבט אין ראָמאַנען, מיט הויכע איידעלע ווערטער. שרייבן טאָקע בפירוש, אַז פאַר איר וועט ער גיין אין פייער, ער וועט „פאַר־בינדן" („זאַוויאַזשעט"). ער וועט ווערן צוליב איר אויס זשוליק, נישט גנבענען, נישט גזלנען... זיי וועלן נשמה זיין מיט איינס מיט איר. איך האָב אים געמוזט איבערזעצן ווי מען זאָגט איידל „בודיעם גאַזאָוואַט" (מיר וועלן לעבן). ער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ ליכטל און אויף דער נאַרע האָב איך אים געשריבן אַ ליבע־בריוו, אַלץ „אַרויסגעלייגט אין דרויסן"... אַזוי, אַז עס זאָל זי אַ דראַפּע טאָן אין דער „סאַמע לונג און לעבער". פאַרטאָן אין דער איידעלער מלאכה מיט די איידעלע ווערטער, האָבן מיר נישט באַמערקט ווי אין דער פינצ־טער האָט זיך אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אַ ריס געטאָן דאָס פּאַפּיר, וואָס איז

געווען אָנגעפּילט מיט ליבע, מיט שבועות, מיט די בעסטע געפילן פון אַ שטערבלעד־פאַרליבטן „זעקאַ״. סאַשקע איז שנעל אַראָפּגעשפּרונגען און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. איך האָב געציטערט עס זאָל זיך נישט אויסלאָזן צו מיין קאָפּ. לאַנג איז געגאַנגען אַ לאָדעניש צווישן ביידע שלעגער ביים „וואָזשאַק״ (ראש). דער קעגנער האָט סאַשקען אָנגערופן „לעגאַווי״ (פּראָוואָקאַטאָר). סאַשקע האָט צום סוף אַ זאָג געטאָן: איך וועל דיר ווייזן וואָס עס הייסט אַ זשוליק! ער איז געקומען אַן אויפגערעגטער, מיך באַרויִקט. ער וועט באַצאָלן פאַר אַלץ!

אין דער פרי — אַ שטילקייט. מען שושקעט זיך. סאַשקע האָט אים צורעכט געמאַכט — מיט אַ האַק דעם קאָפּ געפּלעט.

עס זענען געקומען עפּעס מיליטעריש־געקליידטע און האָבן אויסגעשטעלט דעם גאַנצן באַראַק מיט „זעקאַ״, געפרעגט: ווער האָט געפּלעט? עטלעכע מאָל געשטעלט די פראַגע. אַלע האָבן געשוויגן, ביז סאַשקע האָט זיך אַרויסגערוקט: „איך!״ דאָס וועט זיין צוויי און צוואַנציק! מ׳האָט ביידן אָוועקגעפירט; וווהין — דאָס האָט געוווסט די „באַטשאַלסטווע״.

אויף וויפל ערנסט און טיף האָט סאַשקע זיך געקליבן אויף אַ נייעם וועג מיט זיין גליק? געוויס, יאָ! איך האָב אים געגלייבט! צי וואָלט ער אויסגעהאַלטן? אַ ספק!

דערווייל האָט ער געראַטעוועט זיין „כבוד״ פאַר דער „אונטערוועלט״. ער האָט אָבער געגלייבט און געגאַרט. ער האָט געהאָפּט, אַז זי וועט פאַר אים עפּענען אַ נייע וועלט וואָס ער האָט געוואָלט דערקענען!

רחל

זי איז געווען דאָס פאַרלוירענע לעבן. זי איז געווען די צוגענומענע פרייהייט. זי איז געווען „זי״ אין געראַנגל פאַר חיי שעה. פאַר דורכלעבן דעם טאָג, האָט „זי״ געשוועבט פאַר מיינע אויגן — אַ ווייט, היימיש פּייערל. יעדער לאַגערניק לעבט נאָר מיטן מאָמענט, ווייל קיינער ווייסט נישט וואָס וועט אים ברענגען דער נאָענטער טאָג, די נאָענטע שעה. ער איז דאָך אַ זאַך! אָבער די ווייטערע צוקונפט העלפט גובר זיין דעם ייאוש. ביים לאַגערניק מאָלט זיך די צוקונפט אויס ווי אומקערן זיך צוריק צום געוועזענעם. דער עבר איז שוין אָבער אַוועק אויף אייביק און קען בשום אופן נישט זיין אידענטיש מיטן עתיד. אין לעבן בויט מען קיין מאָל נישט אויף דעם, וואָס עס איז חרוב געוואָרן, דאָס זעלביקע און ווי אַזוי ס׳איז געווען אַמאָל...

איך האָב נישט געוווסט וואָס מען האָט געטאָן מיט די לאַגערן אין דער קאַרעליש־פינישער רעפּובליק, ווו רחל איז געווען.

בן־ציון מאַכלין

קיין פאַרווייַנטע בריוו פון אונדזער גוטער מאַמען האָב איך מער נישט גע־קראָגן. איך האָב נישט געוווּסט וועגן דער בלאָקאַדע אין לענינגראַד. איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אונדזער קוואַרטיר ווו מיר האָבן אַמאָל געוווינט, ווו ס׳איז געווען אונדזער היים, אונדזער „ביי זיך״, איז שוין פאַרלאָזן. קיינער פון אונדזערע נאָענטסטע וווינט שוין דאָרט נישט. אונדזער ברודער בן ציון, וואָס האָט זיך געשלאָגן אויפן לענינגראַדער פראָנט, אויף אַ קראָנשטאַטער פאָרט, האָט אונדז אין יאָרן אַרום דערציילט, אַז איין מאָל איז ער געקומען אַ „קוק־טאָן״. די קוואַרטיר איז געשטאַנען אָפן און דאָרט איז געלעגן עפּעס אַן אומ־

באַקאַנטער מת. דער מענטש האָט זיך קוים דערשלעפּט צו אונדז אויפן זעקסטן שטאָק און פון הונגער איז ער אויסגעגאַנגען... די מאַמע איז געווען עוואַקואירט אין טאַמסק און דאָרט געשטאָרבן און נקבר געוואָרן אָן אַ מצבה. זי האָט גע־הייסן חיה („לעבן"), האָט זי קיין מאָל נישט אויפגעהערט לעבן מיט אונדז. איר טאַטע זלמן האָט געשטאַמט פון ליאַדי (ווייסרוסלאַנד), געווען אַ צווייג פון דער גרויסער חסידישער שנייערסאָן־דינאַסטיע. געווען גוט און פרום. ווי אַן אמתע חסידה איז די פרומקייט אירע געווען אַ נוחה לבריות. זאָלן די עטלעכע שורות זיין ווי אַ מצבה־אויפשריפט פאַר דער פּשוטער יידישער מאַמע, וואָס האָט יאָרן טויזנטער באַווײנט אירע פאַרטריבענע קינדער. ווי לאַנג און ווי שווער זענען געווען די לעצטע יאָרן פון איר לעבן! ווי גרויס און טיף איר פּיין!

איך האָב דאָך וועגן דעם אַלעם גאָרנישט געוווּסט. איך האָב „געלעבט" מיט מיינע „קליינלעכע" טאָג־טעגלעכע דאגות. איך האָב זיך געקלאַמערט אין דעם היינטיקן טאָג, כדי צו בלייבן לעבן אין דעם מאָרגנדיקן.

איר כתב

איך בין אין שפּיטאָל מיט בלוטיקן שילשול. אַרום און אַרום מיר האָט גע־פּאַכעט מיט שוואַרצע פליגלען דער מלאך המות. מ'האָט פאַרבאָטן געזאַלצנס. מ'האָט פאַרבאָטן רויכערן. האָבן מענטש מיט אַ שוואַכן ווילן אָפּגעגעבן זייער פּייקע ברויט פאַר געזאַלצענע פיש, פאַר אַ ביסל מאַכאָרקע און דערפאַר באַ־צאָלט מיטן לעבן. אין אונדזער פּאַלאַטע האָט זיך געביטן דער באַשטאַנד כמעט אַלע דריי טעג. אויף די בעטלעך זענען געלעגן קאַנדידאַטן אויפן טויט. איך בין געווען צווישן די געציילטע שפּיטאָל־תושבים מיט אַ סטאַזש פון איבער פינף וואָכן. איך האָב זיך נישט געקענט אונטערגעבן. ס'איז געבליבן נאָך דריי יאָר צום ענדיקן צען. איך האָב איר צוגעזאָגט נאָך צען יאָר אַ „סווידאַניע". „איר". ווו איז זי? צי האָט מען באַוויזן זיי אַרויספירן פון קאַרעליע? צי איז זי נישט אַריינגעפאַלן צו די דייטשן? אומעטום, אין אַלע שפּיטעלער זענען דאָ ליבהאָ־בער צו „לייגן שטיינער אויפן הארצן" (בפרט אַ יידן איז דאָך אַ מצוה צו פאַר־שאַפן אַ ביסל ביטערניש). דער טראַנספּאָרט איז פאַרנומען מיט מיליטער, טאָ צו וועלכן טייוול זאָל מען נאָך פאַרנעמען די טראַנספּאָרט־מיטלען פאַר איבערפירן דאָס ביסל לאַגער־„כלאָם"? (נישט נייטיקע שמאַטעס). אָזאַ מין „שכל הישר האָט נאָך איינער אַ זאָג געטאָן גלאַט אַזוי זיך, צו „לופטערן די צונג": — פון די „אַכט און פופציקער" איז אין אַזאַ צייט די סאַמע בעסטע געלעגנהייט פּטור צו ווערן גיך און גוט... צו וואָס זיך אַרומשלעפּן מיט „קאָנטריקעס"?

מ׳האָט מיך אויפגעוועקט פון בייטאָגיקן שווערן געמוטשעטן שלאָף אין דער פאַרשטיקטער לופט פון דער פאַלאַטע. לעבן מיר איז געשטאַנען דער נאַטשאַלניק פון שפּיטאָל. — ווי רופט מען דיך? איך האָב געענטפערט. וועלכעס אַרטיקל, פונקט? איך האָב דאָס שוין פון לאַנג אויסגעחזרט אויף אויסנווייניק. — איז נאַ דיר, לייען. איך האָב גענומען דאָס פאַפּיר. אַ זייטל פון אַ העפט. רחלס כתב. איר מעלדונג אין „גולאַג" (גלאַוונאָיע אופּראַוולעניע לאַגערי", הויפּט־פאַרוואַלטונג פון די לאַגערן). זי בעט, אַז מען זאָל איר געבן צו וויסן ווי עס געפינט זיך איר מאַן מאַכלין־בלום בנימין מאָיסייעוויטש, געבוירן 1900 יאָר, פאַרמשפּט לויטן פּונקט 58־10 און 11 אויף 10 יאָר. געאַרבעט אין מאַגאַדאַנער עלעקטראָסטאַנציע. פון 1941 איז נישטאָ קיין ידיעות וועגן אים". איך האָב דורכגעלייענט ביזן סוף דעם אונטערשריפט, דער געוויינלעכער „ר. מאַכלינאַ" גאַנץ רויִק. מיט אַ מאָל האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן, דאָס האַרץ האָט פאַרקוועטשט און אין האַלדז איז עפּעס געבליבן שטעקן. כ׳האָב עפּעס געוואָלט זאָגן, דער נאַטשאַלניק האָט עפּעס געזאָגט. איך האָב ווייניק פאַרשטאַנען. איך האָב זיך אָנגעטאָן דאָס פאַרגעניגן — כ׳האָב מיך פּשוט צעוויינט... געהערט אַ ביסל? אַ „זעקאַ" זאָל זיך דערלויבן טרערן? דאָס איז דאָך עפּעס נישט קיין סחורה (דאָ אין לאַגער איז געגאַנגען דאָס ווערטל: מאָסקווע גלייבט נישט קיין טרערן...). דער נאַטשאַלניק האָט אַ בורטשע געטאָן: באַבאַ! (אַ יידענע!). ער האָט געפרעגט: צי האָב איך געלט אויפן חשבון. פאַר וואָס האָב איך נישט געשריבן? ער האָט מיר געגעבן אַ פּאָסטקאַרטל, צוגעזאָגט אָפּשיקן אויף מיין חשבון אַ טעלעגראַמע. געלאָזט מיך אַליין, געהייסן: תיכף זאָל איך שרייבן אויפן פּאָסטקאַרטל וואָס איך וויל און איבערגעבן אים פערזענלעך.

איך געדענק נישט וואָס כ׳האָב געשריבן אין קאַרטל. שווער געווען צו האַלטן די פען אין דער האַנט. פאַר די אויגן האָט געשווינדלט. און דאָס איז אַזאַ פיצל פּאַפּיר פאַר אַזעלכע יאָרן? כ׳האָב אָבער געשריבן צו איר און זי וועט לייענען.

געקומען דער נאַטשאַלניק, צוגענומען ביי מיר דאָס קאַרטל. געזאָגט, אַז ער האָט שוין געגעבן אַ טעלעגראַמע און איך זאָל נישט פונאַנדערלאָזן די נערוון: „זיי נישט קיין באַבאַ!"

ערשט איצט האָב איך דערפילט ווי שווער ס׳איז אַזאַ ביטערע פרייד. אַ ביטערע בענקשאַפט. מען טאָר נישט צולאָזן אַזאַ קלעמעניש. נישט פאַר מיין האַרץ, וויפל פרייד! זי לעבט, זי שרייבט. איר כתב! צופיל פאַר איין טאָג. מען דאַרף דאָס צעציען אויף אַ סך טעג און נעכט אויף געבליבענע דריי יאָר!...

צום מאַטעריק

קאַלימאַ איז נישט קיין געאָגראַפישער אינדזל. נאָר אין יענער צייט איז עס געווען אין דער לאַגע פון אַן אינדזל. די פאַרבינדונג מיט קאַלימאַ איז געווען נישט מיט דער יבשה (פון יאַקוטיע), נאָר מיטן וואַסער פון וולאַדיוואָסטאָק. האָט מען דעריבער דעם רוסלענדישן טייל פונעם ווייטן מזרח אָנגערופן „מאַטעריק". פון „מאַטעריק" איז געגאַנגען די פולע באַזאָרגונג פון קאַלימאַ (סיי מיט דערנערונג, סיי מיט אינדוסטריעלע סחורות און מיט טעכנישע מיטלען); ביי אַ מעגלעכן צוזאַמענשטויס מיט יאַפּאַן וועט זיין באַשווערט די פאַרבינדונג צווישן וולאַדיוואָסטאָק און קאַלימאַ וועט נייטיק זיין איינצוהאַלטן גרויסע רעזערוון פון דערנערונג. מ'האָט געדאַרפט פאַרקלענערן אין קאַלימאַ די צאָל געברויכער, די צאָל עסער. דער עיקר האָט מען גענומען עוואַקואירן פון קאַלימאַ אינוואַלידן, נישט־פראָדוצירער. אַלץ וואָס איז נישט קיין אַרבעטקראַפט און דאַרף עסן, האָט מען גענומען אַרויספירן פון קאַלימאַ. דער „דאַלסטראַי" (דאַלנעוואָסטאָטשנאַיע סטראָיטעלנאַיע אופּראַוולעניע), די ווירטשאַפטס־אָרגאַניזאַציעס פון קאַלימאַ איז געווען דער פאַקטישער בעל־הבית פון לאַנד. אַלע לאַגערן זענען געווען ווירטשאַפטלעך (און אַדמיניסטראַטיוו אַפילו) אונטערגעוואָרפן דעם דאַלסטראַי. קיין שום מענטש האָט נישט געקענט פאַרלאָזן קאַלימאַ (אַפילו אַ פרייער), אויב ער האָט נישט געקריגן די וויזע פון „דאַלסטראַי". די באַפעלקערונג, מיט וועלכער ס'איז קאָלאָניזירט געוואָרן קאַלימאַ, איז באַשטאַנען פון געוועזענע „זעקאַ". אַ גאַנץ קליינעם פראָצענט פון ספּעציאַליסטן פרייע האָט מען ווערבירט און זיי טייער באַצאָלט. די נאַטירלעכע פיזיש־קלימאַטישע באַדינגונגען זענען געווען שווערע און האָבן נישט צוגעצויגן, זענען נישט געווען קיין סך בעלנים זיך באַזעצן אין קאַלימאַ. זעלטן ווען מ'האָט עוואַקואירט אינוואַלידן, האָט מען דורכגעזיפּט אַלעמען זייער שטרענג, עס זאָלן נישט אַריינפאַלן נוצלעכע עלעמענטן. מ'האָט געדאַרפט זיין אַן אמתער אינוואַליד („וו נאַטוריע"), מען זאָל עוואַקואירט ווערן. ס'זענען געגאַנגען רייד, אַז מ'פירט אַרויס די אינוואַלידן און דאָרט באַפרייט מען זיי תיכף, לויט זייערע אינוואַליד־אַקטן.

פון אַלע לאַגערן, שפיטעלער האָט מען צוגעשטעלט צעטלען מיט אינוואַלידן צום עוואַקואירן. איך בין אַריינגעשטעלט געוואָרן אין אַזאַ צעטל אינעם הויפּט־שפּיטאָל פון מאַגאַדאַן.

אַהין בין איך אָנגעקומען מיט אַטעסטאַציעס פון פריערדיקע שפיטעלער. דער עיקר פונעם לעצטן. דער אויגן־דאָקטער, אַ גרויסער ספּעציאַליסט, פילאַטאָווס אַ מיטאַרבעטער, האָט באַשטעטיקט, אַז מיט מיין ראיה בין איך נישט פעיק צו קיין שום אַרבעט און אַז איך קען אויך זיך זעלבסט נישט באַדינען אַן זייטי־

קער הילף. די ברילן האָב איך שוין נישט געהאַט, אַז איך קען אָן ברילן נישט זען די צאָל פינגער פון אַ באַשטימטן נאָענטן מרחק. ער אַליין איז געווען אַ „זעקאַ“, איינער פון דער בעסערער רוסישער אינטעליגענץ, אַ פריינד פון מיין מאַגאַדאַנער „דריילינג“. ער האָט געהערט פון זיי וועגן מיר. אין מאַגאַדאַנער הטיפּט־שפּיטאָל איז דער השיפּט־ספּעציאַליסט פון די ספּעציפישע קאָלימאַ־קראַנקייטן, צינגאַ„ האַרץ־פעלער אד״גל. געווען אַ ייד, אַ לענינגראַדער דאָקטער ראַפּאַפּאָרט (מאַרק סאָלאָמאָנאָוויטש, אָדער סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטש) „זעקאַ“ האָבן פון אים געהאַלטן עולם ומלואו. ער איז געווען אַ „זעקאַ“, איבער אים איז געווען אַ הויפּט־דאָקטערין, אַ פרייע, אַ גאַנץ אָנגענעמע פרוי אין די מיטעלע יאָרן. זי איז אמת נישט געווען אַזאַ ספּעציאַליסטין ווי ראַפּאַפּאָרט און זי פלעגט זיך אָפּט ווענדן צו אים, זיך שואל־עצה זיין (קאָנסולטאַציע). אָבער זי האָט געטראָגן די אַחריות. זי איז געווען באַשטימט פון אויבן נאָכצוקוקן שטרענג אַז ס׳זאָלן נישט דורכגיין קיין סימולאַנטן. איבערהויפּט שטרענג קאָנטראָלירן די פּאָליטישע. האָט זי פערזענלעך באַטראַכט און אויסגעהאַרכט. מיך האָט זי נאָכגעפּאָרשט אין משך פון צוויי וואָכן יעדן טאָג, צו האַלבע שעה, צו שעה יעדן מאָל. אַלע טאָג בין איך געלעגן, געזעסן, געשטאַנען אין פאַרשיידענע פּאָזעס פאַר איר, אָדם־נאַקעט, מיטן פּנים צום וואַנט, פון וואַנט מיטן פּנים אַרויף און אַראָפּ. זי האָט מיר אויסגעקלאַפּט יעדן ביינדל, אויסגעטאַפּט יעדן גליד. מסתמא איז דאָס בייטיק געווען פאַר דער „וויסנשאַפט“. אַלס מאַנסביל בין איך דעמאָלט געווען ווייניקער אינטערעסאַנט פון אַפּלאַן. קיין שמשון הגיבור אויך נישט. אַ חוץ די געשוואָלענע פיס איז אַלץ געווען הויט און ביינער. נאָר אַ ייד, אַ קאָנטריק. ווער ווייסט אים? זי איז געווען אַ גרוזינקע און ווי מיר דאַכט זיך, צו יידן זיך באַצויגן טאָלעראַנט. אייניקע וואָס האָבן געהאַט שאַרפערע ראיות פון מיר, האָבן באַמערקט, אַז זי באַציט זיך נישט גלייכגילטיק צו איר געהילף ראַפּאַפּאָרטן. ווער ווייסט אַ ווייבעריש האַרץ? נאָר איר באַנעמונג מיט די קראַנקע איז געווען אַ העפלעכע און אַ גאַנץ אויפמערקזאַמע. ענדלעך האָט מיר ראַפּאַפּאָרט געזאָגט, אַז די הויפּט־דאָקטערשע האָט באַשטעטיקט מיין אַקט אויף אַרויסצופאָרן, אָבער צוליב ריין־טעכנישע סיבות וועל איך איצט מוזן פאַרבלייבן אויף אַ צווייטער שיף. די שיף איז שוין קאָמפּלעקטירט.

צווישן די „זעקאַ“ זענען גאַנצע טעג געווען רייד: יאָ שיפן, ניט שיפן. יאָ אַרויספירן — ניט אַרויספירן, אַקטירן — ניט אַקטירן. יאָ „אַכט און פופציקער“, — ניט „אַכט און פופציקער“. דאָס, וואָס מיר האָט געזאָגט דער דאָקטער ראַפּאַפּאָרט, האָט מיר געגעבן פעסטקייט, מוט און האָפענונג, אַז איך וועל סוף־כל־סוף זיך אַרויסרייסן פון קאָלימאַ.

*

אין אַ וואָכן צוויי אַרום האָט מיר דער דאָקטער ראַפּאַפּאָרט געזאָגט על פּי סוד, אַז איך מעג גומל בענטשן, וואָס איך בין ניט געפאָרן מיט דער ערשטער שיף. מער האָט ער מיר נישט געזאָגט. אָבער דאָס איז געווען אַ „סוד פאַר גאַנץ בראָד". גאַנץ מאַגאַדאַן און אפשר גאַנץ קאָלימאַ האָט געוווּסט און ס'האָט זיך געקאָכט... יעדער האָט דערציילט באַזונדערע פאַרשיידענע וואַריאַנטן וועגן אַ שיף מיט מתים, וואָס מ'האָט געבראַכט פון מאַגאַדאַן אין „סאָוועטסקאַיאַ גאַוואַן". ס'זענען געווען פיל קראַנקע, פאַר וועלכע מ'האָט ניט געשאַפן די געהעריקע באַדינגונגען אויף איבערפאָרן. ענגשאַפט, אַנטיסאַניטאַריע, אינפעקציע־קראַנקייטן האָבן זיך פאַרשפּרייט בליץ־שנעל. די סאַניטאַרע אָפּטיילונג פון די לאַגערן האָט באַקומען אַ שטרענגן אויסרייד און, ווי מ'האָט געזאָגט, האָט מען אַפילו געמשפּט די שולדיקע... צי איז דאָס געווען פּינקטלעך אַזוי, האָט קיינער נישט געקענט זאָגן. נאָר איין זאַך איז געווען אַלעמען באַוווּסט, אַז מיט דער ערשטער שיף אינוואַלידן (עטלעכע טויזנט) האָט געטראָפן אַ טראַגעדיע און אַז אַ סך זענען אומגעקומען...

דער וועג צוריק

— „מען האָט דיך געבראַכט אַהער פגרן און דו רעדסט זיך איין אַז מען וועט דיך פון דאַנען אַרויספירן, שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ! פאַר אַ נאַש בראַט „אַכט און פופציקער" איז געבליבן נאָר „צו שפּילן אין קאַסטן אַריין" (סיגראַט ווי יאַשטשיק).

דער „אַכט און פופציקער ברודער" איז געווען עפּעס אַ רעצידיוויסט, וואָס האָט צו זיינע „93" און נאָך עפּעס מעשים (געהאַט אַ שייכות צו מאָרד דורך גרופּן־פאַרגוואַלדיקונג פון אַ יונג־מיידל, וועלכע איז געשטאָרבן אַ פאַרפּייניקטע), אויך געקריגן דאָס אַרטיקל „אַכט און פופציק". דער דאָזיקער „ברודער" פלעגט אַליין דערציילן און אַליין זיך באַלעקן פון די פּרטים, ווי אַזוי „זיי" האָבן זיך „אָפּגערעכנט" מיט דער „שליוכע" מיט דער „לעגאַוויטשקע". דאָס „אַכט און פופציקסטע" אַרטיקל האָט מען אים „געגעבן" טאַקע דאָ אין קאָלימאַ, ווייל ער האָט דער „נאַטשאַלסטווע" „אַריינגעזאָגט": „רוסישע" מענטשן שפּילן ניט, מאַכן ניט „טיטעלקע־מוטיעלקע", ער וואָלט זיין טראָצקי, וואָלט ער שוין געוווּסט, וואָס צו מאַכן מיט אַזעלכע. — נאָר טראָצקי איז דאָך געווען אַ „זשיד"...

עס זענען געווען אַ געוויסע צאָל פון די „פריינד", וואָס האָבן „פאַרדינט" דאָס „אַכט און פופציקסטע" אַרטיקל און האָבן געקריגן די מעגלעכקייט זיך אָפּצורייניקן פון דער „סטאַטיאַ" דורך זייער „איבערגעגעבנער אַרבעט" צווישן די „קאָנטריקעס".

די דאָזיקע „אכט און פופציקער" פּראָוואָקאַטאָרן זענען געווען טעמפּ און מ'האָט זיי גלייך דערקענט. אָבער פון זיי פלעגט מען ווערבירן עדות, אויב מ'האָט געדאַרפט עמעצן פון די „קאָנטריקעס" צולייגן אַ „דאַבאַוואָטשקע" (אַ הוספה צום שטראָף־טערמין).

קיין גרויס אכט וואָלט מען ניט געלייגט אויף די רייד פון דעם דאָזיקן „אונדזערן ברודער". אָבער דאָס אַרויסרייסן זיך פון קאָלימאַ האָט ביי יעדן אויסגעזען ווי אַ גליק, וואָס האָט זיך קוים, קוים געגלויבט צו דערגרייכן. די נערוון זענען געווען אויפגעשרויפט. מ'האָט אַלץ מורא געהאַט פאַר אַ נייעם באַפעל, אָפּצושטעלן די עוואַקואַציע און דאָס „אַקטירן" די „אכט און פופציקער". אין אַזאַ צייט איז גענוג געווען אַ קערנדל סם און דער טאָג און די נאַכט זענען שוין געווען נישט איבערצוטראָגן.

מיר איז „באַשערט געווען" צו האָבן אים פאַר אַ „שכן" די גאַנצע צייט אין שפּיטאָל און אויפן שיף. איך האָב מורא געהאַט דאָס מויל צו עפענען. אין האַרצן האָט געקאַכט, אָבער איך האָב געשוויגן ווי אַ פיש, טאָמער איז ער אַן אונטערגעשיקטער ספּעציעל עפּעס אָפּצוטאָן.

אַ שיינער טאָג געווען אין מאַגאַדאַן. באַלד אין דער פרי האָט מען געבראַכט די קליידער און געהייסן זיך אָנטאָן. — הייסט עס, מיר פאָרן — האָט איינער אַ זאָג געטאָן. מיין „שכן רע" האָט גלייך אַ וואָרף געטאָן: — מען קען נאָך ניט וויסן וווהין!" לעבן שפּיטאָל האָבן מיר לאַנג געוואַרט. מאַשינען זענען פאַרביי געגאַנגען פול געפּאַקטע. מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט ביז... מ'האָט אונדז צוריק אַריינגעפירט אין שפּיטאָל — „אַהאַ, אָט הויבט זיך עס אָן — שוין געקומען צו פאָרן!" ...דער קיכער האָט צוגעגרייט אַ גיכן מיטיק און מ'האָט אָפּגעגעסן אויף דער גיך. באַלד נאָך מיטיק איז ווידער געווען אַ באַפעל „וויכאַדי". ווידער זענען מיר געשטאַנען אויף דער טעראַסע און געוואַרט. ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואַרט. ס'זענען אָנגעקומען „פּיאַטי־טאָנקעס" (פינף טאָניקע) הויכע מאַשינען מיט צעשטעלטע בענק. ס'זענען אָנגעקומען אַ סך פרעמדע סאַניטאַרן צו הילף די סאַניטאַרן פון אונדזער שפּיטאָל, די דאָקטוירים אַלע. מ'האָט געהאָלפן אונדז אַרויפדראַפּען זיך.

שוין אויף דעם הויכן מאַשין־קאַסטן זיצנדיק אויף דער באַנק מיטן רוקן צום שאָפער, האָב איך אַ קוק געטאָן אויף מאַגאַדאַן און אויף די פאַרנעפּלטע ווייטע האָריזאָנטן און מאָדנע, אַזאַ „היים", נאָר וואָס געוואָלט זי פאַרלאָזן און... אַ בענקשאַפט האָט מיך אָנגעכאַפּט. אפשר אַ שאָד די געלאָזענע פריינד, די שיינע אויסגעליטענע מינוטן מיט דער נאַטור. אין דער שטילער טייגע. אַ פנים אַז יעדער שפּרייז, וואָס דער מענטש מאַכט, לאָזט איבער אַ רושם אין זיין נשמה

און אַלץ, וואָס פאַרגייט פון דער יונגער צייט, צי פון דער עלטערער צייט, איז אַ שאָד...

דאָס שיינע, דאָס גוטע („דער לעפל האָניק אין פעסל דזעגעכץ") האָט זיך איצט ביים צעשיידן מיט קאָלימאַ, אויסגעטיילט מער פון אַלע אויסגעשטאַנענע צרות... פאַר איין מינוט פרייד בין איך גרייט געווען מוחל צו זיין אַלע יאָרן מיט שווערן פיין. נאָר ווידער זענען פאַר מיר „וואַכראָוצעס" מיט ביקסן און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך בין אַ „זעקאָ" און „ניט פאַר מיר בליט דער פרי־לינג" ווי עס זאָגט זיך אין אַן אַלטן פאָלקס־ראָמאַנס.

אין פּאָרט נאַגאַיעוואַ

אַ קליין קאַפּיטעלע באַזונדער אויסגעטיילט. אַ גרויס געשעעניש. אַ גרויסע פרייד. ווידער אין פּאָרט, פון וואַנען מ'איז געקומען. אָט איז די שיף. אַ סך ווייסע כאַלאַטן. מ'נעמט אונדז אַראָפּ פון די הויכע זיץ־ערטער. מיט גרויס פאָר־זיכטיקייט פירט מען יעדן איינעם אונטער די אָרעמעס, מ'האַלט ביי די הענט.

איינער פון אונדזערע סאַניטאַרן האָט אַ זאָג געטאָן: „זע אַליין, דראַבקין איז דאָ".

דראַבקין (אַ ייד) איז געווען דעמאָלט דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון אַלע לאַגערן אין קאָלימאַ. נאָך דער מעשה מיט דער ערשטער שיף האָט ער מאָביליזירט דעם גאַנצן סאַניטאַרן באַשטאַנד, וואָס ער האָט געקענט. אַליין באַקוקט די איינאָרדענונג פון דער שיף, דעם סאַניטאַרן־צושטאַנד; די באַזאָרגונג מיט וואַסער, מיט שפּייז, די שלאָף־פּלעצער, געגעבן שטרענגע אָנווייזונגען דעם גאַנצן באַדינונגס־פּערסאָנאַל ווי צו באַהאַנדלען די קראַנקע. זיך אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט און זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין אַרויפּזעצן קראַנקע אויף דער שיף. לעבן דעם הויכן שמאָלן לייטער, אויף וועלכן מ'האָט זיך געדאַרפט אויפהייבן איז געשטאַנען אַ וואַכראָווע מיט אַ ביקס, האָט דראַבקין צו אים אַ געשריי געטאָן: „האַלט אונטער, זעסט דאָך, ער וואַקלט זיך". ביי מיר האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט, די אויגן האָבן שלעכט געזען די טרעפּלעך אונטער די פיס. כ'האָב זיך דערמאָנט ווי איין מאָל אין אַ גרויסן שטורעמווינט, ווען די בריגאַדע איז געגאַנגען דורך דעם בריקל איבער דער „מאַגאַדאַנקע", האָט דער „וואַכ־ראָוועץ" אין איין האַנט געהאַלטן די ביקס און מיט דער צווייטער מיך געשלעפּט ביים קאָלנער און צוגעהאַלטן איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין טייך.

נאָך דעם ווי מ'האָט אונדז אָנגעלאָדן און צעלייגט אויף די ערטער, איז אַריין דראַבקין, אַרומגעגאַנגען אַרום די נאַרעס און געהאַלטן אַ קורצע געזעגענונגס־

רעדע, ווו ער האָט געגעבן האָפענונגען אויף אַ גיכער באַפרייונג, געפּאָדערט אויספירן אַלע פאַראָרדענונגען פון מעדיציניש פערסאָנאַל, אָפּהיטן ריינקייט, גע־ווונטשן אַלעס גוטעס און אַ גרינגע נסיעה...

„דער גוטער ים"

איך האָב אַלץ געטראַכט וועגן אָכאַטיש ים, וועגן אַ בייזן, אַ שרעקלעכן, וואָס שליידערט כוואַליעס און וואַרפט פון די פיס, וואָס פילדערט און ליאַרעמט. אַזאַ בייזער איז געווען דער ים, ווען מ'האָט אונדז געפירט קיין קאַלימאַ. דאָס איז געווען נאָוועמבער 1939.

איצט איז אָקטאָבער 1944. דער ים איז שוין גאָר אַן אַנדערער, אַ רויִקער, אַ גלאַטיקער ווי אַ שפּיגל. די כוואַליעס זעען זיך אויס ווי זיי וואָלטן זיך גע־שפּילט מיט די שטראַלן פון דער זון און מיט דער בלויקייט פון הימל.

אַ רויִק, ליכטיק ווינטל באַגעגנט יעדעס מאָל מיט פרייד ווען כ'הייב זיך אויף אויפן דעק. טיף אינעווייניק באַגט עס מיך און נאַגט. איך ווייז, נישט אויפן קול, קיינער זאָל נישט דערהערן, נאָר פאַר זיך, ווי מען זאָגט יום־כיפור: „הנני העני ממעש". אַ גוטער ים...

פּלוצעם, לעבן אַרויסגאַנג אויפן דעק, שטייט אַ וואַך. די שיף שטייט. דער „נאַש בראַט", אונדזער ברודער, דער „אַכט און פופציקער", איז ראַפּטאַם אַראָפּ פון זיין נאַרע. ער איז געלעגן נישט ווייט פון מיר די גאַנצע צייט און געשוויגן. ער איז געווען אָנגעדראָדלט, ווי געלאָדן מיט פולווער. אַט־אָט רייסט עס אויף. ער איז צו צו מיר: „אָט איז עס!" גוט וועט זיין אויב זיי וועלן אונדז אומקערן צוריק. אויב נאָר מען וועט אונדז צו גרונט נישט לאָזן פאַר די אַקולעס. דו האָסט געגלייבט דיין זשיד?

ווי תמיד האָב איך אים גאָרנישט געענטפערט.

די אומגעוויינלעכע פּאַסאַזשירן פון דער אומגעוויינלעכער שיף זענען גע־וואָרן אומרויִק פון דער אומגעוויינלעכער סטאַנציע אויפן אומגעוויינלעכן ים. ס'איז דאָך נישט געווען אין גאַנצן קלאָר וואָס עס האָט געטראָפן מיט דער ערש־טער שיף, פון דעסט וועגן איז עפעס „נישט גלאַט", נישט פּראָסט...

איינער זאָגט: עפּעס אַ רעמאָנט...

אַ צווייטער: מען וויל אונדז נישט צונעמען אין וולאַדיוואָסטאָק.

אַ דריטער: מען וויל אונדז אומקערן צוריק...

אַ פערטער: די יאַפּאַנצעס האָבן אונדז אָפּגעשניטן...

אַ פינפטער: מען וואַרט אויף דעם לאַצמאַן ער זאָל דורכפירן...

ווי לאַנג איז מען אַזוי געשטאַנען אין מיטן ים אָדער ביים אָמורער דורכגוס, פאַר וואָס איז מען געשטאַנען, ווייס איך עד היום נישט, נאָר ס׳זענען געווען געשפּאַנטע מעת־לעתן. ס׳איז געווען אַ הארבער נסיון פאַר די נערוון.

פּלוצעם, אַזוי אומגעריכט ווי געשטעלט זיך, אַזוי אומגעריכט אין די שיף אָוועקגעשוואומען. דער „נאַש־בראַט" איז נישט זיכער, צי די שיף וועט זיך נישט אויסדרייען מיט דער נאָז צוריק. טאָמער אַפילו אַהין, ווייסט מען נאָך נישט וואָס עס וואַרט אויף אונדז דאָרטן....

„שיר המעלות"

אַ מעת־לעת, צוויי, זענען מיר נאָך געווען אין וועג.

אַ זילבערנער באַגינען אויפן ווייטן מזרח־הימל האָ אונדז באַגעגנט מיט רויטפלאַמיקע וואָלקנדלעך פון אַן אויפגייענדיקער זון. דער ים קושט זיך דאָ שטיל מיט די זאַמדיקע ברעגן. זעלטן ווען צווישן זיי איז אַזאַ גוטפריינדשאַפט. אַ סך קליינע לאָדקעס צו זעקס, צו פיר. מען לאָזט זיך אַראָפּ פון דער גרויסער שיף, פון אונדזער טורמע, אין פרייע שפּאַציר־שיפלעך. לאַנגע שעהען האָט מען געפירט צום ברעג. ווען איך בין אַריין אין שיפל איז אַרויס אַ גרויסע פלאַמענדיקע זון און דאָס וואַסער האָט זיך צעטיילט אויף צוויי שטראָמען, אַ זילבערנער און אַ פּורפּור־רויטער. אַלץ איז געווען פריש. איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. איך בין געווען אַרומגענומען מיט אַ קינדערישער פרייד.

כ׳האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט דעם טעקסט פון שיר־המעלות און ס׳האָט פון זיך אַליין, איך ווייס נישט פון וואַנען, אָנגעטראָגן זיך. אפשר האָבן דאָס געבראַכט מיר מלאכים פונעם הימל אַ ניגון... איך האָב געזונגען אין זיך דעם גאַנצן שיר־המעלות מיטן אייגענעם ניגון וואָס איך האָב ביז איצט איינגעהאַלטן אין מיין אייגענעם זכרון, און ווען איך וויל אויסדריקן גרויסע פרייד, זינג איך מיין שיר־המעלות.

בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים.

„סאָוועטסקאַיאַ גאַוואַן"

ס׳האָט זיך געדאַכט אַז די לופט איז אַן אַנדערע. אַ טריט נעענטער צו דער פרייהייט. אָבער „אַלע יוונים האָבן איין פּנים". לאַגער איז לאַגער. די מינוטן יום־טוב און פרייד זענען ווידער דערטרונקען געוואָרן אין ביטערער וואָכיקייט. די אַלטע פון ביימלעך וואָס האָט געפירט צום לאַגער איז נישט שולדיק. אַ

געווינלעכע לאַגער־באַד מיט וואַסער ווייניקער פון זייף האָט אָפּגעוואַשן דעם נאָר וואָס דורכגעלעבטן ליכטיקן חלום.

אויף דער נאַרע אין באַראַק, פון געשפּרעכן וועגן „דאָרט" און „דאָ", האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דער בלאָקאַדע אין לענינגראַד און פאַרשטאַנען, אַז סיי איך, סיי רחל האָבן שוין נישט קיין מאַמען און נישט קיין היים דאָרט.

אויף דער „פּראָווערקע" האָב איך געהערט די פאַמיליע „קאַלנין". ס'האָט זיך אָפּגערופן אַ „זעקאַ" מיט אַ צעפלאַסן ברייט פּנים, אויף וועלכן ס'האָבן געסטאַרטשעט מאָנגאָלישע קינבאַקן. אין דעם פּנים האָב איך זיך איינגעקוקט עטלעכע שעה אין משך פון פּראָצעס דעם 9טן אָקטאָבער 1937. ער איז געווען אַ בייזיצער פון דער ספּעציעלער קאָלעגיע וואָס האָט אונדז געמשפּט. כ'האָב געטראַכט, — אפשר אַ צווילינג מיט דער זעלביקער פאַמיליע, מיטן זעלביקן אויסזען? און אפשר איז גערעכט דער פּרק: „על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון"... איין מאָל, פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, האָט זיך מיט מיר באַקענט איי־נער אַ סובאָטניק און האָט מיך צוגעפירט צו „זייער ווינקל". דאָרטן זענען געווען נאָך עטלעכע יונגע קאָזאַקן „מקדשי שבת. זיי האָבן האַרטנעקיק אויסגעהאַלטן קאַרצערס, פאַרשיידענע שטראָפן, אָבער אום שבת האָט מען זיי נישט גע־קענט צווינגען צו אַרבעטן.

מ'האָט מיך באַזעצט צווישן זיי אויף דער וואַגאָן־אַרטיקער נאַרע און מ'האָט מקבל־שבת געווען. זיי האָבן געזונגען אויף אַן אַרכאַישן רוסיש עפּעס רעלי־גיעזע לידער, געמישטע מיט תהילים. נאָך די קאַפּיטלעך תהילים האָט מען געוואַשן די הענט, אָנגעגאָסן קערטלעך הייס וואַסער, צעטיילט שטיקלעך ברויט פון אָרעמען פּאַיאָק, צעריסן אַ שטיקל געזאַלצענע פיש, צעקלאַפּט עטלעכע קלעצלעך צוקער. מיך האָט מען געבעטן זיי עפּעס דערציילן פון משהס תורה. ווי זייערע זיידעס האָבן געזאָגט, קענען ייִדן לייענען די תורה מיט די הייליקע אותיות, וואָס גאָט אַליין האָט געשריבן. איך האָב זיי עפּעס דערציילט פון חומש „בראשית"... מ'האָט זיך געזעגנט אויף גויִיש אַ גוט־שבת...

דאָ אין „סאָוועטסקאַיאַ גאַוואַן" האָט מען אונדז געהאַלטן פיר אָדער פינף וואָכן. ווידער אַ מאָל האָבן אודנז דאָקטוירים אויסגעקלאַפּט, אויסגעהערט, גע־פּרווט די ציינער, אַריינגעקוקט אין די אויגן. וואָס זיי האָבן דאָרט געזען ווייס איך נישט, נאָר מ'האָט צוזאַמענגעקליבן און אָנגעלאָדן צוויי געווינלעכע פּאַסאַ־זשיר־וואַגאָנעס מיט זעקאַ־אינוואַלידן, בתוכם איך, דער „בעל החלומות". כאָטש פּאַגראַטעוועטע פענצטער, כאָטש אַ וואָך מיט וואַכראַווצעס, דאָך עפּעס „לייטי־שער"... די רעדער, די אַקסן האָבן ריטמיש געזונגען אַלץ וואָס איז געקומען אויפן זינען, אַן אמתע באַן־ליניע. אויף די שטאָלענע פּאַסן קען מען דערפאָרן אַפילו קיין לענינגראַד. ס'האָב זיך מיר געחלומט אַמאָליקע פאַרטיי־נסיעות און דאַטשע־

אויספלוגן. כ׳האָב פאַרפּאַסט ווערטער צו די ניגונים, וואָס ס׳האָבן, ווי ספּעציעל פאַר מיר, אויסגעשפּילט ריטמיש די שטאָלענע כלי־זמרים.

די ניגונים האָבן זיך געענדיקט ווען מ׳איז געקומען צום „סטאַרט״.

„סטאַרט״

׳מהאָט אונדז אויסגעלאָדן אין „קאָמסאָמאָלסק אויף אַמור״. אָנגעלאָדן אויף מאַשינעס און פון דער באַן־סטאַנציע אונדז אָפּגעפירט אויף אונדזער „מקום מנוחה״ — „סטאַרט״. פאַר וואָס האָט דער יישוב געהייסן „סטאַרט״, האָב איך זיך דעמאָלט נישט אינטערעסירט. פאַר פיל פון די אַהער געבראַכטע איז דאָס געווען דער „פיניש״. דעם דאָזיקן לאַגערנעם שפּיטאָל־הויף בין איך דורכגעגאַנגען בלויז ווען מ׳האָט מיך געבראַכט און ווען מ׳האָט מיך צוגענומען. איך האָב געזען אַ קליין געסל מיט הילצערנע באַראַקן.

אין איינעם פון די באַראַקן האָב איך אָפּגעוווינט כמעט צוויי גאַנצע יאָר. אַ לאַנגער קאָרידאָר, עטלעכע פּאַלאַטעס און קאַבינעטן פאַרן מעדיצינישן פּערסאָנאַל. אַן אויפנאַם־קאַבינעט און אַ צימער פאַר דינערשאַפט. צוויי מעדיצינישע שוועסטער און אַן אויפראַמערין. דריי־פיר „פּאַלאַטעס״. אונדזער פּאַלאַטע — צוויי פענצטער, זעקס בעטלעך מיט זעקס חולים. „נישט זעענדיקע (בעסער צו זאָגן, „בלינדע״); אין שכנות מיט אונדז נישט־גייענדיקע (בעסער געזאָגט: געליימטע). ס׳פלעגן פון דעסט וועגן פאָרקומען קעגנזייטיקע וויזיטן: „נישט־גייענדיקע״ צו די „נישט־זעענדיקע״ און פאַרקערט.

האָבן זיך געצויגן טעג, חדשים, אויסגעהוילטע, אומעטיקע און באַזונדערס נודנע. קומט נאָך אַן אַנשיקעניש אויף אונדזער קאָפּ. יעדע וואָך פלעגט קומען אויף באַזוך איינער פון די נאַטשאַלניקעס מיט איין און דער זעלביקער חכמה: „אַ גוט־מאָרגן, חברה! ווען רוט איר?״ איין מאָל האָט געטראָפן, אַז דער בלינדער פוגאַיעוו האָט געמיינט, אַז דער נאַטשאַלניק איז שוין אַוועק, ווען ער איז נאָך געשטאַנען אויפן שוועל ביי אַן אָפענער טיר. פוגאַיעוו האָט אַ זאָג געטאָן: „מיר האָבן אַן אָפּרו אויף דיר געזאָגט. מיר האָבן אָפּגערוט פון עסן. אונדזער פּאַיאָק (פינף הונדערט גראַם ברויט, וואַסערדיקע באַלאַנדע, אַ שיטערע קאַשיצע, צוויי קלעצלעך צוקער אַ טאָג) — צו ווייניק אויף צו לעבן, צופיל אויף צו שטאַרבן. מיר האָבן ,אָפּגערוט׳ אויף קראַנקנבעטלעך, וועלכע האָבן יעדע מינוט געקענט ווערן טויט־בעטלעך. ס׳איז געווען אַ צוגרייטונג צו אייביקער רו. מיר האָבן אָפּגערוט פון לעבן״. צי האָט ער געהערט פוגאַיעוו׳ס „ברכה״ צי נישט, נאָר ער פלעגט זעלטענער קומען און זעלטן חכמענען זיך.

זעקס זענען מיר געווען באַשטענדיקע מיטגלידער פון דעם „קלוב". דער צו־שטאַנד האָט זיך נישט געביטן אין משך פון קנאַפּע צוויי יאָר. מ'האָט געצווונגען זיין צוזאַמען. דער סאַמע בלינדסטער איז געווען פוגאַיעוו. אַ רוסישער לערער, דאַכט זיך פון טאָבאָלסק. אַ גייסטיקער יורש פון דער אַלטער „נאַראָדנאַיאַ וואָ־ליאַ", איז ביי אים פון דער ירושה געבליבן „נאַראָדנאַיאַ", די „וואָליאַ" איז שוין שוין געווען פאַרשימלט. דאָס רעוואָלוציאָנערע גייט פאַרביי, דאָס פאָלקסטימלעכע בלייבט. ער איז נישט רעליגיעז לויטן בוכשטאַב, נאָר אין זיין הארץ איז די פּראַוואָסלאַוויע דער עקסטראַקט פון טראַדיציע. ער איז נישט קיין אַנטיסעמיט. ער ווייסט: יידן האָבן געשענקט דער וועלט דעם תנ"ך, ישו הנוצרי; די יידן קענען לעבן אין גוטער שכנות מיט די פּראַוואָסלאַוונע רוסן. אָבער זאָלן זיי זיך לעבן מיט זייער גאָט, מיט זייער תורה, יעדער פאַר זיך. זאָלן זיך יידן נישט אריינמישן אין אונדזערע ענינים, מען וועט שוין מאַכן אין רוסלאַנד אָרדענונג אָן זיי. ער האָט פיינט די יידליקעס, וועלכע ווילן זיך „צושמירן" צום רוסישן פאָלק. קיין שום הייליק וואַסער וועט נישט אָפּוואַשן די יידישקייט אַפילו ביזן צוואַנציקסטן דור. ער איז געווען צו מיר טאָלעראַנט. דיסקוטירט ערנסט, אָן דע־מאַגאָגיע. זיינע אידעישע פּאָזיציעס זענען געווען געבויט אויף אַזעלכע זיילן, ווי דאָסטאָיעווסקי, און... ניעמאָיעווסקי*... מיר האָבן אָפט געפירט שמועסן וועגן רוסישער ליטעראַטור. איך האָב זיך פאַרוווּנדערט ווען ער האָט גאַנץ ערנסט גע־זאָגט צו זיינע נישט־יידישע שכנים, אַז איך (אַ ייד) פאַרשטיי בעסער די רוסישע ליטעראַטור ווי זיי (רוסישע). ער האָט מיר איין מאָל אַ זאָג געטאָן, אַז ער איז געזעסן אין אַ פּרעזידיום ערגעץ אויף אַ פאַרזאַמלונג צוזאַמען מיט וויקטאָר טשערנאָוו. ער האָט געבעטן איינעם פון די נישט־גייענדיקע פאַרשרייבן און מיר איבערגעבן זיינס אַ געדיכט, געווידמעט דעם קאָזאַק יערמאַק.* „טאָמער וועל איך בלייבן לעבן, וועט עס אפשר דערזען די שיין אין אַ פרייען רוסלאַנד". איך האָב דאָס געדיכט אַ לאַנגע צייט געהיט, נישט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו פאַר־עפנטלעכן. פאַר וואָס האָט דער פאָלקיסט (אַ פּראַוואָסלאַוונער רוס) געמאַכט פאַרן גייסטיקן יורש פון זיין געדיכט מיך (אַ „פּראַוואָסלאַוונעם" יידן...), דאָס איז אַ רעטעניש. ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ סך ביטערע אמתן. ער אַליין האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט וואָס צו פאַרלירן. ער זעט נישט די וועלט און אַלץ אויסער־לעכע, זעט ער איצט בעסער וואָס ביי די מענטשן אין די „געדערים" פונעם

* ניעמאָיעווסקי אַנדריי, געב. 1864, פּוילישער שרייבער, פּובליציסט — אַן אַנטי־סעמיט.

* יערמאַק, דער דעראָבערער פון סיביר, אַ קאָזאַק.

געדאַנק... אויב גאָט האָט נישט געקענט בעסער באַשאַפן די וועלט און דעם מענטשן, וועט שוין דער קאָמוניזם אויף געוויס נישט באַשאַפן...

אַלע נישט-זעענדיקע, ווען זיי האָבן אויסגעדריקט אומצופרידנקייט מיטן קאָמוניזם, האָבן געווענדט זייערע פיילן קעגן מיר. איך האָב תמיד אונטערשיידט צווישן דעם קאָמוניסטישן אידעאַל און צווישן זיינע צייטווייליקע פאַרשטייער. ראַטנמאַכט און קאָמוניזם איז דאָך נישט אַ פּריוואַטע זאַך. די רעוואָלוציע האָט דאָך נישט געמאַכט איין מענטש בלויז פאַר זיך.

ברעזגאַלאָוו, אַ צווייטער קלוב-מיטגליד פון די „נישט-זעענדיקע", איז געווען אַ לענינגראַדער. אַ גליטשיקער, ווי אַ שלייען, האָט ער געקענט אָן זייף זיך אַריינגליטשן איך ענגסטן לאָך און פון דאָרט זיך אַרויסגליטשן כדי צו געפעלן ווערן דער „אודיטאָריע" און נישט ריזיקירן מיט דער צונג. האָט ער ייזנע אַנטי-סעמיטישע שוואַרצע שרצימלעך איינגעוויקלט אין ראָזעווע פּאַפּירלעך... „דער קאָמוניזם וואָלט געווען גוט ווען די יידן מישן זיך נישט אַריין" (אונטערגע-שפּילט פוגאַיעוון). שטיל בסוד אַריינגערוימט דער אודיטאָריע אַז מען טאָר וועגן דעם נישט ריידן. „ס'איז באַוווסט, אַז דער מיט די וואָנצעס (סטאַלין) איז אַ זון פון אַ יידן אַ שוסטער"... (אַזעלכעס האָב איך געהערט דערנאָך אויך בימי כרושטשאָוו).

אַ דריטער קלוב-מיטגליד, דיאַטלאָוו, איז אַריינגעפאַלן צווישן די וואָס זע-נען געקומען פון כאַרבין, ווען מ'האָט פון דאָרטן צוגענומען דעם פּערסאָנאַל פון „קאַוועזשעדע" („קיטאַיסקאַ-וואָסטאָטשנאַיאַ זשעלעזנאַיאַ דאָראָגאַ") נאָכן קאָנ-פליקט מיט יאַפּאַן אין מאַנדזשאַוגאָ. דיטאַלעוו האָט לויט זיינע רייד פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ נאַטשאַלניק אין אַ פּאָליט-אָפּטייל אויף דער אייזנבאַן-ליניע. ער האָט זיך געהאַלטן זיכער ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ הויכן באַאַמטן. אַלס וואָס ער האָט געזאָגט האָט געמוזט פון אַלעמען אָנערקענט ווערן ווי אַן אמת. ער האָט געגרעדט געלאַסן, דערביי געריייניקט די נעגל ווי ער וואָלט פון דאָרט אַרויסגע-קראַצט די אַלע נייעסן. „אין מאָסקווע אַרבעט אַן אינסטיטוט פון אינטערנאַציאָ-נאַלע ספּעציאַליסטן, וואָס שטעלט צונויף אַן אַלוועלטלעכן פּראָיעקט פון שאַפן אומזיסטע אומאויסשעפּלעכע ענערגיע. זיי וועלן אַרומגאַרטלען מיט אַ קאַבעל דעם ערד-קוגל. דער קאַבעל וועט זיין אַ „סטאַטאָר", דער ערד-קוגל אַ ראָטאָר. די באַוועגונג פון ערד-קוגל אַרום איר אַקס וועט געבן ענערגיע און די גאַנצע מענטשהייט וועט זיין באַגליקט. אַזוי וועט מען בויען דעם קאָמוניזם"... ער האָט אויך „געקענט" ליטעראַטור. ער האָט געוווסט, אַז ס'איז אויף דער וועלט פאַראַן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס „באַשטימט" פאַר די שרייבער דעם טיטול „קלאַ-סיקער פון ליטעראַטור"... ווען עס פלעגן זיך אָנהייבן די אָנפאַלן קעגן קאָמו-ניסטן (אַלע יידן) און ברעזגאַלאָוו פלעגט אַריין אין כעס קעגן מיר, האָט ער

אים גיך באַרויקט, אַז כאָטש מאַרקס איז אפשר געווען אַ ייד, אָבער לענין איז דאָך „אונדזערער", אַן אמתער רוסישער. (דיאַטלאָוו האָט דעמאָלט נישט געוווּסט וועגן די ביאָגראַפישע ידיעות, לויט וועלכע לענינס מאַמע שטאַמט פון יידן. די ידיעות זענען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן געוויסע קרייזן פון דער אינטעליגענץ!)

אַ פּערטער „קלוב"-מיטגליד איז געווען עפּעס אַן אוקראַינער (ער האָט זיך אַליין גערופן כאָכאָל, די רוסן „קאַצאַפּעס", מיך האָט ער גערופן „פּאָלזשידעק" צו־ליב מיינע אַטעאיסטישע אַרויסזאָגונגען. צי איז ער געווען אויף אַן אמת גלייביק, צי ער האָט זיך געמאַכט? שווער צו זאָגן. אַ רעליגיעזע שטימונג האָט באַהערשט אַלעמען אין יענע אומשטענדן פון הונגער, פּיין און מורא פאַרן טויט... איך קען נישט לייקענען, אַז אין קריטישע מאָמענטן פון הילפלאָזיקייט, פלעגן קעגן מיינע אַטעאיסטישע געדאַנקען זיך אויפכאַפּן פון טיפן דרימל די איינגעוויגטע געטלעכע מלאכים פון מיין קינדהייט, דער מאַמעס האַרציק וויגליד: „גאָט דער גיטער זאָל זיין דיין היטער"...

וועגן דעם אוקראַינער קען איך זאָגן עפּעס צו זיין שבח: ער איז מיר גע־ווען שולדיק דרייסיק רובל און כאָטש ער פלעגט קריגן דורך פּאָסט געלט, האָט ער כמעט אַ האַלב יאָר מיר נישט אומגעקערט דעם חוב (איך האָב קיין מאָל אין לעבן ביי קיינעם נישט אָפּגעמאָנט קיין הלוואות). ווען איך בין שטאַרק קראַנק געוואָרן דאָרט אין יענע באַדינגונגען מיט יענע הייל־מעגלעכקייטן, איך בין געווען כמעט האָפענונגסלאָז, ווען די איבעריקע קלוב־מיטגלידער, האָבן זיך שוין געשושקעט, אַז אַט־אַט... און אַ סוף, האָט דער אוקראַינער זיך דערשראָקן און דערציילט, אַז ער איז מיר שולדיק דרייסיק רובל און ער האָט מורא איך זאָל אים דערנאָך נישט רופן פאַר אַן הימלישן געריכט. די „שוועסטער" און אַלע איבע־ריקע האָבן באַשלאָסן, אַז מען דאַרף קויפן פאַרן געלט אויסגעהאַלטן זויער־מילך. דער אוקראַינער האָט איר געגעבן די דרייסיק רובל און זי האָט מיך „אַרויסגעראַטעוועט פון טויט". דאָס האָט מיר אַלץ דערציילט די „שוועסטער".

דער זעקסטער קלוב־מיטגליד איז נישט געווען צווישן די בלינדע. ער איז געווען אַ שכן פון די נישט־גייענדיקע. וועגן אים וועט גיין די פאָלגנדיקע טראַ־גישע דערציילונג.

אַ קעלישעקל האָט געפּלאַצט...

ער איז געווען ביזן לאַגער אַ מאַטראָס, געהאַט אַ ראַנג אין ים־פלאָט. ער האָט נאָך אויסגעזען מאַנסביליש־קרעפטיק. אַ יונג מיט ביינער. אַלע האָבן גע־מיינט, אַז ער סימולירט. וואָכנווייז זעט ער נישט ביינאַכט. הינער־בלינדקייט.

חדשים־לאַנג קען ער זיך נישט רירן פון אָרט. וואָס האָט אים געבראַכט אין לאַגער? פאַר וואָס איז ער, דער שיינער ברונעט אַמאָל, און איצט מיט אַ קאָפּ געזילבערטע האָר, פאַר וואָס פוילט ער דאָ לעבעדיקערהייט?

קיינער האָט אַזעלכע פראַגן שוין נישט געשטעלט. תפיסה, לאַגער, הונ־גער, קעלט — דאָס איז געוואָרן פאַרשטענדלעך און נאָרמאַל. די „פרייע" וועלט, אַלע דאָרט, קאַנדידאַטן אַהער...

זענען שוין אין דרויסן זאַווערוכעס, פּרעסט. דער באַראַק, שוין אַ זקן, טרייסלט זיך פון קעלט. די אויוונס האַלב צעשפּאָלטענע, האַלטן עפּעס וואַרעמ־קייט, נאָר צו אונדז דערגייט זי נישט. דורך די ווענט שלאָגט אַריין דער ווינט. זיי זענען נישט בכוח אויסצוהאַלטן די חוצפּהדיקע רוחות. זענען זיי באַפּוצט מיט אַ דינינקן שיכט בלישטשענדיקער ווייסקייט. רוקן זיך צונויף אויף ביינאַכט צוויי בעטלעך און מען שלאָפט. צוזאַמען איז וואַרעמער. אָדער נאָך וואַרעמער אויף איין בעטל צונויפגעדריקט אונטער צוויי קאָלדרעס און דעם מאַטראַץ (אַ שטרוי געפילטער) אויף די פיס. אַבי איבערשלאָפן די נאַכט, מוז מען צוריקשטעלן אַלץ אויפן אָרט. מען פאַרקלייבט זיך אויפן ליידיקן טאַפּטשאַן לעבן אויוון און מען שטייט, מען וואַרעמט זיך. ס'דאַכט זיך: אַלע האָבן שוין אַלץ אויסגערעדט, אויס־דערציילט, נישטאָ גאָרנישט מער אויף דער נשמה. אַרויסריידן אַ וואָרט — אַ שאָד צו לאָזן די פאַרע פון מויל.

ער איז געשלאָפן איינער אַליין אין דער גרעסטער קעלט. די שוועסטער האָט פון ערגעץ אויסגעבעטן אַן איבעריקע קאָלדרע. זי פלעגט אין לאַנגע קאַלטע נודנע אָוונטן זיצן ביי אים אויפן בעט, גלעטן אים די האָר און ער פלעגט ריידן שטיל און איר עפּעס פאַרטרויען סודותדיקע סודות פון האַרץ צו האַרץ...

אַז ס'פלעגט קומען די צווייטע שוועסטער, פלעגן זיי נעמען זיין פאָטאָגראַ־פיע. אויף איר איז געווען אַ יונגער, בראַוונער ים־אָפיציר און זיי פלעגן אַוועק צו זיך אין קאַבינעט, פאַרגיסן טרערן. זיי זענען ביידע געווען פאַרליבט אין זיין פאָטאָגראַפיע. דאָ איז געלעגן פאַר זיי בלויז אַ זכר פונעם אַמאָליקן „מאַריאַק" (מאַטראָס). איינע פון די שוועסטער האָט נאָך אָבער געפונען אין אים אַ מאַנס־ביל וועלכן מען קען ליב האָבן, צערטלט זי אים... דאָ זענען דאָך בלינדע, זעען זיי נישט ווי זי גיט אים אויסצוזויגן אירע ליפּן. ווי זי גנבעט אַריין איר האַנט אונטער דער קאָלדרע צו אים אויף דער ברוסט. זי וועקט אין אים געפילן, גע־דאַנקען און כוחות.

ער האָט זיך געהאַלטן העכער פון אַלעמען דאָ אַרום אים. ער האָט געהאָט אַ הויכע אידעע וואָס איז נאָך נישט צייט צו אַנטפּלעקן. ס'וועט קומען אַ טאָג ווען די וועלט זיך דערוויסן. ער פלעגט מיט קיינעם נישט וועלן פאַרפירן קיין געשפּרעכן. מיט מיר יאָ. ער האָט געהאַלטן, אַז נאָר איך בין ראוי דער ערשטער

זין צו דערוויסן וועגן זיין אידעע. ווען איך בין געוואָרן אויסגעמאַטערט, אויפ־געזעגט נאָך אַ הייסן וויכוח מיט די אַנטיסעמיטן, פלעגט ער זיך אויסהוסטן און אַ זאָג טאָן: „הער נאָר ייִד, ביי יעדן איז זיין געהירן. קיין פרעמדע קען מען אין מוח נישט אַריינוואַרפן. שפּיי אויף דעם אַלעמען. ס'איז נישט ווערט קיין פּרוטה. קום אַהער וועל איך דיר דערציילן וואָס כ'האָב געזען אין חלום מיט די אייגענע אויגן". מיט די „אייגענע אויגן" האָט ער געזען ליודאָוויק דעם פערצנטן, קאַרל מאַרקס, באַקונינען, טראָצקין מיט לענינען. וועגן יעדן פון זיי דערציילט ער באַריכות, ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַוויזן פאַר אים, וועגן יאַגד, ים־שלאַכטן, גרויסע און קאָמפּליצירטע קאָמפּאַניעס, מיט וועלכע ער האָט גע־זאָלט אָנפירן. ער האָט געהאַט צו טאָן בלויז מיט הערשער און פירנדיקע פּער־זענלעכקייטן. אַפילו מיט יעקאַטערינאַ דער גרויסער האָט ער זיך נאָענט באַ־קענט. זי האָט אים אַפילו פאַרבעטן אויף נאַכטלעגער.

איין מאָל אין אַ זוניקן טאָג סוף מאַרט, אין דרויסן זענען נאָך געשטאַנען פרעסט, אָבער די זון פלעגט שוין דורך די פענצטער אַ ביסל אַ וואַרעם טאָן... די צוגעגעסענע נודנע געשפּרעכן וואָס פלעגן זיך פירן דורכצושטופּן די צייט, האָבן זיך פאַר היינטיקן טאָג שוין אויסגעשעפּט און פאַרן היינטיקן טאָג האָט די לאַגער־נאַטשאַלסטווע זיך מיט אונדז שוין צערעכנט. נאָך דער דובאָווע סעטשקע (גערשטענע קאַשע) האָט מען שוין גאָרנישט געקענט וואַרטן אַ חוץ אַ קווערטל הייס וואַסער.

די שוועסטער איז געקומען מיט דער טאַץ קעלישקעלעך ביטערלעכע רפואות פונאַנדערגעטיילט יעדן זיינס. דערנאָך מיט די ליידיקע קעלישקעלעך אויפן טאַץ זיך „אויף אַ ווײַלע" אָפּגעשטעלט לעבן איר „מאַריאַק". זי האָט שטענדיק „גע־האַט אים עפּעס צו זאָגן", נאָר זי האָט שטענדיק „גראָד פאַרגעסן", פלעגט זי זיך פאַרהאַלטן כדי זיך צו דערמאָנען.

איז זי איצט געשטאַנען, ווי געוויינלעך, מיטן טאַץ אויסגעליידיקטע קע־לישעקלעך לעבן זיין בעטל. דאָס לעצטע שטיקל פאַרגייענדיקע זון האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דעם ווינקל, ווו זי איז געשטאַנען און אויפן טאַץ האָט זיך אויסגעדאַכט שפּיגלט זיך גאָלד, וואָס זי האָט געבראַכט אים צו באַגליקן. פּלוצעם האָט עפּעס געטאָן אַ קנאַק. אַ קעלישעקל האָט געפּלאַצט. איר גליק... זי האָט זיך צעוויינט און אַנטלאָפן.

דעם אָוונט האָט קיינער גאָר נישט געזאָגט. אַלץ איז געווען געזאָגט.

*

דעם קומענדיקן אין דער פרי. ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, קיינער איז שוין נישט געשלאָפן, איז געשען אַ נייס. דער „מאַריאַק" האָט זיך געווענדט צו אַלע־

מען: „הערט, חברים, טראַכט פאַר זיך וואָס איר ווילט, גלייבט אָדער נישט. איך שפּיי אויף דעם וואָס איר טראַכט זיך. היינט נאָך האַלבער נאַכט בין איך געווען אין בית־המקדש. דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט און געוואַרט איך זאָל דערשיינען אויף דער בימה, זיך באַווייזן און געבן מיין ברכה. איין מעת־לעת וועל איך נאָך זיין מיט אייך אויף דער פאַלשער גענאַרטער וועלט. בעט איך ביי אייך אַלעמען מחילה, אויב איך האָב עמעצן מיט עפּעס פּוגע־בכבוד געווען. הער נאַר, ייד, דאָס אַלץ וואָס איז דאָ אין שאַפקעלע וועסטו צעטיילן אַלעמען אויף גלייך. מאָרגן איידער ס׳וועט אַרויס די זון וועל איך אַוועק אַהין.״ מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, נישט געטרונקען. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. פּלוצעם זענען אַלע געוואָרן ווי שטומע.

די „שוועסטער״ האָט געבראַכט דעם דאָקטער. דער דאָקטער האָט גע־בראַכט נאָך אַ דאָקטער. זיי בײדע האָבן געבראַכט אַ דריטן דאָקטער. דער חולה האָט געשוויגן. מער האָבן מיר פון אים קיין וואָרט נישט געהערט.

אַ גאַנצע נאַכט איז לעבן אים געזעסן זיין „שוועסטער״. שטיל געפּליסטערט. אַלץ געבעטן זיך ביי אים. — — — אין דער פרי איז ער אויסגעגאַנגען.

אַ „הייליקער״

זי איז אַריין אין דער פּאַלאַטע. ווי תמיד אונדז איבערגעצלמט. צוגע־גאַנגען צו מיין בעטל. זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג און שטיל, נישט צו וועקן קיינעם (מ׳איז שוין געשלאָפן), מיך געפרעגט צי וויל איך נישט שלאָפן, און תיכף מיר געגומען מיט טרערן דערציילן וועגן איר ביטער גורל. דער מאַן איז אַוועק פון איר און זי ווייסט נישט פון אים. דער זון איז אין דער אַרמיי. פאַר צוויי יאָר האָט זי געקראָגן איין בריוו. איצט איז זי עלנט און וואַרט אַלץ. קאָרטן לייגן איז אַ זינד. אפשר קען איך איר זאָגן, וואָס וועט זיין? די וואָס שטייען אויס פיין זענען הייליקע און גאָט אַליין רעדט פון זייער מויל. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט איר. נישט קיין יונגע, נישט קיין אַלטע, טראָגט אַ צלם. אפשר האָט זי אים אָנגעטאָן אין מלחמה־צייט? אַ סך האָבן זיך איבער־געבעטן מיט גאָט. טיף אין פאָלק לעבט אַ גלויבן אין דעם, אַז אַ בלינדער קען זיין אַ הייליקער, אַ מין יידישער „למד־וואָווניק״... אין סיביר און אויפן וויטן מזרח זענען געווען פיל סעקטאַנטן, וועלכע זענען געלאָפן פון רדיפות פון אַלטן רוסלאַנד. ס׳האָבן זיך איינגעהאַלטן איבערבלייבענישן פון גלויבן אין שאַמאַנען. קען מען דען צונעמען פון אַ מענטשן די האָפענונג?... איך האָב איר פאַרזי־

כערט, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן פֿאַר איר גוט. דער שלום וועט קומען אין יעדן הויז און צו איר אויך. זי האָט מיר געקושט די הענט. אין אַ צייט אַרום איז זי געקומען, מיך אַרומגעכאַפּט קושן — אַלץ איז מקוים געוואָרן. ס׳איז געקומען דער שלום. ס׳איז געקומען דער מאַן, דער זון איז געזונט.

זי האָט געאַרבעט אין די אָראַנזשערייען; פֿלעגט זי מיר אָפּט ברענגען אַ פֿרישע אוגערקע, אַ פּאָמידאָר, אַ גרין ציבעלקעלע... אַפֿילו הימל־מענטשן לעבן פֿון דער ערד...

מלחמה און שלום אין לאַגער

„חרב באה לעולם על ענוי הדין ועל עות הדין"... (אָבות ה׳ יא). מיליאָנען מענטשן אויף דער יבשה, אויפֿן ים און אין דער לופֿט זענען אומגעקומען. הונדערטער טויזנטער היימען — חרוב געוואָרן. נאָר דער „ענוי לדין ועות הדין" איז געבליבן. דער לאַגער מיט זיינע באַעוולטע האָט זיך געפֿונען „אויף יענער זייט" פֿון מלחמה און פֿון שלום. ווייניק לאַגערניקעס האָבן איבערגעשפּאַנט די גרענעצן פֿון לאַגער. ווייניק האָבן זיך אין לאַגער פֿאַרגעשטעלט אַ מעגלעכן לעבן אויסערן לאַגער. צו די ווייניקע האָב איך געהערט. ווען איך בין געקומען צו די ברעגן פֿון ייאוש, האָב איך אויפֿגעהערט עקזיסטירן (אַ „דאָכאָדיאַגע" בלב ובנפש מיט גוף און נשמה). דאָס זענען געווען די אויבנדערמאָנטע מאָמענטן פֿון פֿאַרגעסנקייט.

מיין פֿאַרבינדונג מיט רחלען האָט פֿאַרפֿעסטיקט אין מיר דעם ווילן און דעם מוט זיך צו ראַנגלען פֿאַרן אויסדויער.

איך ברענג דאָ אַ בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו רחלען אין לאַגער דעם 26סטן יוני 1945. דער בריוו הייבט זיך אָן מיט אַ געדיכט אין פֿאַרגרייזטן רוסיש. לעבן דעם געדיכט איז צוגענייט אַ צווייגעלע לאַנדיש...

„מיין טייערע רחל! דיין לעצט קאַרטל מיטן אונטערשריפֿט „די האַלב־גרוייִקע רחלע" האָט אין מיר אויפֿגעוועקט אַ ים מיט געפֿילן און לויט מיינע ידיעות פֿון דער רוסישער שפּראַך האָב איך געשאַפֿן עטלעכע שורות פֿאַר דיר געווידמעט. אין שלאָפֿלאָזע נעכט, טראַכטנדיק וועגן דיר, פֿאַרשטעלנדיק פֿאַר זיך דיין געשטאַלט, האָב איך גערעדט מיט דיר. איך בין תמיד געווען, ווי דו ווייסט, און איך בין געבליבן אַן אָפּטימיסט. באַזונדערס האָט זיך אין מיר פֿאַרפֿעסטיקט די אָפּטימיסטישע שטימונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן סוף פֿון דער מלחמה. ביי מיר האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די האָפֿענונג, אַז אין גיכן וועט זיך ענדיקן אונדזער צעשיידונג און מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען. מיר וועלן אויפֿ־

בויען אַ נייע היים, ווו מיר וועלן דערלעבן וואָס מ׳האָט נישט דערלעבט... מיטן פרילינג איז דאָ נישט צו מקנא זיין. זעלטענע זוניקע טעג, מער ווינטן און רעגנס. איך קען כאַפּן לופט נאָר אין די זעלטענע טעג, ווען ס׳איז דאָ זון. מיט מיר שפּאַצירט איינער אַ פריינד פון פּאַלאַטע. אַ פיינער און אַ גוטער רוסישער מענטש, מיט וועלכן מיר פאַרברענגען די צייט. ער איז מיך מכבד פון צייט צו צייט, ווען ער קריגט פּאַסילקעס. ער האַלט מיך אונטער כאָטש מיט אַ קלייניקייט. נאָר יעדע שטיצע איז פאַר מיר איצט ווערטפול סיי פיזיש, סיי מאָראַליש. פון בן־ציון האָב איך גאָרנישט דערהאַלטן. כ׳האָב אויך געשריבן יוליען קיין מאָסקווע צו מיינע שוועסטער און ברודער. אויך פון זיי האָב איך נישט קיין ענטפער. דיין געלט־איבערווייז אויף פיר הונדערט רובל איז נאָר די טעג אָנגעקומען און איך האָב אָנגעגעבן אַ מעלדונג אויף צו קריגן. אַזוי אַרום איז דער לאַנג־דערוואַרטער געלט־איבערווייז געווען לאַנג אין וועג, דעריבער בעט איך דיך, אויב דו האָסט אַ מעגלעכקייט מיר צו שיקן רעגולערע הילף. פאַר די פריערדיקע דריי הונדערט רובל האָב איך געקויפט פיר קילאָגראַם ברויט, ביי אַ קילאָגראַם פיש און אַ האַלבן ליטער מילך. דו פרעגסט מיך וועגן וואָרעם אָנטאָן. דער ווינטער איז דאָ אַ שווערער, ביז זעכציק גראַד פראָסט. צו ווינטער וועל איך אוודאי דאַרפן עפּעס וואַרעמס אָנצוטאָן. נאָר איך ווייס נישט צי וועל איך נאָך איבערווינטערן דאָ־הי. דערווייל איז נאָך זומער. אַלס אַ באַווייז שיק איך דיר אַ צווייגעלע לאַנדיש. אַ צאַרט בלימל פון שטרענגן, ווייטן מזרח דיר אַ מתנה אַנשטאָט אַ בוקעט.

איך דערנער זיך איצט שלעכט. אָבער די שטימונג איז נישט קיין געפאַלענע. ס׳איז שטאַרק אין מיר דער ווילן צו לעבן און צו זיין צוזאַמען מיט דיר!... דיינע אַרויסגעשיקטע פּאַפּיר־באַנדעראָלן האָב איך נישט דערהאַלטן. מאַך אַן אָנפראַגע אויף פּאָסט, אויב דו האָסט אַ קוויטאַנציע. אַ האַרציקער גרוס און אַ קוש צו־זאַמען מיט מיין דאַנק פאַר דיין זאָרג וועגן מיר.

איך האָף פאַרבעסערן מיין געזונט־צושטאַנד אין באַדינגונגען פון פאַרבע־סערטער דערנערונג״...

דיין וועלוול.

פון די לאַנגע וואַנדערונגען איז פאַרבליבן אַ גאַנצער מיטן פולן טעקסט דער דאָזיקער געבראַכטער בריוו פון מיר צו איר. פון דער איבעריקע קאָרעס־פּאָנדענץ זענען געבליבן איינצלנע בלעטלעך. נאָר וועדליק רחל דערציילט, איז מיין ערשטער בריוו פון קאָלימאַ געווען גאָרנישט אַזאַ האָפענדיקער. ער האָט פאַר איר געקלונגען ווי אַ קול פון קבר אַרויס.

דער בריוו־וועקסל צווישן אונדז (קאָמסאָמאָלסק אויפן אַמור־אַרכאַנגעלסק, סטאַנציע טאַלאַגי) איז וואָס ווייטער געוואָרן לעבהאַפטיקער. מיר האָבן געפירט

אַ דיסקוסיע וועגן שפּראַך און דענקען. וואָס פריער: דער געדאַנק צי דאָס וואָרט. אַזעלכע בריוו האָבן געהאַט אין זיך אַ טעם און אַ ריח פון אונדזער ערשטער התקרבות ווי אַ פּועלי־ציוניסט מיט אַ פּועלי־ציוניסטקע, ווי חברים (מיר האָבן אַ לענגערע צייט זיך נישט אָנגערופן „מאַן און ווייב״).

די צענזור האָט שוין אַזוי אויסגעלערנט אונדזערע בריוו, אַז איך האָב פּאָר־געסן ווען צו שרייבן אַן אַדרעס, האָט מען מיר אומגעקערט דעם בריוו.

די בריוו האָבן אָפּט אַרויסגעשלעפּט דעם געדאַנק וואָס איז געווען אַריינגע־טאָן אין הונגעריקן מאָגן, האָבן באַפרייט טיילווייז די גייסטיקע כוחות פון לאַ־גער־קנעכטשאַפט.

אין אַן ענטפער־בריוו האָט זיך רחל געבייזערט אויף מיר פאַר מיין דאַנק, ווייל מען דאַנקט דאָך נישט זיך אַליין — „איך און זי זענען דאָך איינס״...

אין אַ צייט אַרום האָט מיר בן־ציון צוגעשיקט אַ פּעקל, דאָס איז געווען אַ פיינער עלעגאַנטער פּאַלטאָ. ער האָט געדאַרפט ליגן ביזן ענדיקן דעם טערמין. ביז דער באַפרייונג (אויב נאָר מען וועט נישט געבן קיין הוספה) זענען נאָך געבליבן גאַנצע צוויי יאָר. האָט זיך אונטערגערוקט איינער אַזאַ „פריינד״ פון דער „קלאַדאָווקע״, וואָס האָט מיר איינגערעדט אים צו רעאַליזירן. איידער כ׳האָב צייט געהאַט צו טראַכטן און זאָגן, האָט מען מיר אונטערגערוקט קעטאַ, אַ גרויסן רויטן פיש, אַ לעבל ברויט און אַ פּלעשל בוימל. „יעדער זוכט צו באַפרידיקן דעם מאָגן. זאָכן פאַרקויפן זיך שפּאָט־ביליק״.

דאָס איז געווען אַסיען־צייט, ווען ס׳האָט זיך אויפן גאַנצן וויטן מזרח געלאָזט פילן די מלחמה מיט יאַפּאַניע. מאַי 1946 האָט מען נאָך פון אונטער דעם שניי מיט פּרימיטיווע סערפּן אַראָפּגענומען די תבואה, וואָס מ׳האָט אין מלחמהדיקן אַסיען געלאָזן אויף די פעלדער. צו דער אַרבעט האָט מען מאָביליזירט די גאַנצע באַפעלקערונג.

צווישן צוויי בערג... (אין ווערכני באַלין)

דער וועג אַ זומפּיקער, אויסגעלייגט מיט קלעצער, ציט זיך דורך אַ טונדרע. צווישן צוויי בערג ברייטע שטחים מיט פעלדער פון קאַרטאָפל, קרויט און שאַר־ירקות. דאָ איז געווען אַ לאַגער צו באַשעפטיקן זעקאַ־אינוואַלידן ביי דער לאַנדווירטשאַפט.

דער נאַטשאַלניק מיט עטלעכע וואַכראַוועס האָבן געוווינט מחוץ דעם לאַגער. ער פלעגט נאָר קומען פון צייט צו צייט אַ קוק־טאָן און דורכריידן זיך מיט די „אומצופרידענע זעקאַ״, — דערציילן אַז די פרייע באַקומען אַ קלענערן

פּאַיאַק פון דער „זעקאַ", אַז אין אַנדערע לאַגערן איז אַ סך ערגער. דאָ איז כאָטש דאָ אַ קאַרטאָפּלע.

דער פּאַקטישער בעל־הבית פונעם לאַגער איז געווען דער דאָקטער. (זיין פאַמיליע נאָמען איז אויך געווען דאָקטאָר). ער איז געווען גענוג געוואַגט נישט אָנצוגעבן פאַר דער העכערער נאַטשאַלסטווע די גאַנצע גערעטעניש, לאָזן פאַרן לאַגער און פאַרן קליינעם לאַגער שטאַט „אַ קאַרטאָפּעלע"... נאָענט אין דער געגנט איז געווען אַ מיליטער־לאַגער, וואָס האָט אונדזער לאַגער אָפּגעגעבן דעם דרויב און אַנדערע איבערבלייבענישן פון געקוילעטע אָקסן. אַזוי אַז מיר פלעגן אָפּט עסן אַ זופּ מיט אַ ריח און אַ טעם פון פליישיקס, ווי אַמאָל אין די קליינע שטעטלעך ראש־חודש ביי אַ געוויינלעכן אָרעמאַן.

דער דאָקטער דאָקטאָר איז געווען נישט נאָר אַ דאָקטער, ער איז אויך געווען אַ מוזיקאַנט. ער האָט געשפּילט פידל. האָט ער באַזאָרגט די לאַגערניקעס נישט נאָר מיט קאַרטאָפּל, נאָר אויך מיט אַ ביסעלע מוזיק. ער האָט אָרגאַניזירט אַ זעלבסטעטיקן אָרקעסטער: אַ פלייט, אַ האַרמאָשקע, אַ פּויק, אַ צימבל. ס'האָבן מוזיצירט די בלינדע. מיך האָט מען אָוועקגעזעצט, געגעבן אין האַנט צוויי שטעקלעך מיט אונטערגעהאַנגענע מעשענע טעלער. איך האָב געקלאַפּט און אויפגעהאַלטן דעם ריטם. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַן מיין קלאַפּ צום טאַקט וועט נישט אַרויסקומען קיין מוזיק און אַן מיר וועט נישט זיין קיין קאַפּעליע...

דער דאָקטער האָט ליב געהאַט נישט נאָר מוזיק. ער האָט געהאַט נאָך אַ מוזע — די באַרעמהאַרציקע שוועסטער. אַ גאַנץ פיינינקע, גענוג יונגע, האָט געקענט „טאַנצן אויפן טעלער"... האָט דער „בלינדער" ברעזגאַלאָוו זיך אין איר פאַרקאָכט. איז אים אָבער געשטאַנען אין וועג דער דאָקטער: כאָטש עלטער פון אים, אָבער דאָך אַ דאָקטער, אַ שטיקל נאַטשאַלניק פאַר דער שוועסטער, וואָס דרייט זיך פאַר אים אויפן קנאַפּל... האָט ברעזאַלאָוו איר געזונגען ראָמאַנסן און אַלץ געוואָלט באַווייזן, אַז דער רוסישער דאָקטער איז אַ פאַרמאַסקירטער ייד. ער האָט געמאַכט אים גליטשיקע קאָמפּלימענטן וועגן זיין יידישער כיטרעקייט, וואָס קען נעמען און געבן, אַז דער „וואָלף זאָל זיין זאַט און דאָס שעפּעלע גאַנץ"... (אַ רמז אויף זיינע חשבונות פון דער גערעטעניש) זיין פאַרביטערונג האָט ברעזגאַלאָוו געווענדט קעגן מיר. דער ייד דאָקטאָר פּראָטעזשירט זיין זשיד, אַ סימולאַנט. דאָס האָט ער געגראָבן אונטער מיר, וואָס מ'טוט מיר אָן אַזאַ כבוד צו קלאַפּן מיט די שטעקעלעך אין די טאַצן. ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר דער שוועסטער אויף דעם, דערביי האָט ער, כדי איר צו געפעלן און פון איר באַקומען קעגנזייטיקייט, איר געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין זשיד און אַז ער האָט ליב דעם רוסישן אמת און ער וועט נישט באַהאַלטן פאַר איר, ער איז גאָר נישט אַזוי בלינד. ער זעט ווי דער דאָקטער דאָקטאָר „שלינגט זי מיט די אויגן" (פאַרשטייט זיך, ער וועט

קיינעם נישט דערציילן, עס זאָל נישט דערגיין צו דער נאַטשאַלסטווע, וואָס קען זי דערפאַר צונעמען פון דאָקטער איינס און צוויי:..).

וואָס ס'איז געוואָרן פון דעם ראָמאַן, ווייס איך נישט. ווען איך וואָלט זיין אַ ראָמאַניסט, וואָלט איך די שוועסטער מיט אירע צוויי געליבטע צוגעפירט צו עפּעס אַ סוף... איינעם וואָלט איך צוגענומען און וואָלט געלאָזט גליקלעכע בלויז אַן „ער״ מיט אַ „זי״. אָדער צוגענומען „זי״ און געלאָזטביידע געליבטע מיט אַ נאָז... נאָך אין בין דאָך געווען בלויז אַ „זעקאָ״, מיט אַ טובערקולאָז, מיט אַן אישיאַס, מיט אויגן, וואָס טאָרן זיך נישט אַראָפּלאָזן. איך טאָר זיך נישט איינבייגן מיט זיי... איך טאָר מיט זיי נישט זען דאָס, וואָס איך טאָר נישט. האָב איך דעריבער געלאָזן זיי אינדרייען, זאָלן זיי זיך אַליין אויספּלאָנטערן...

טשאַרדאַש אָדער אַ גרוס פון „קים״ *

דער קאָמוניסטישער יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל האָט מיט יוגנט־פּועלי־ציון נישט געוואָלט איינשטעלן קיין קאָנטאַקט. איך בין אַלס פּאַרשטייער פון אונדזער פאַרבאַנד אייניקע מאָל געווען אין הויפּט־שטאַב פון „קים״ אין מאָסקווע מיט אינפאָרמאַציע פון אונדזער טעטיקייט אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב. מ'האָט מיך אויסגעהערט, צוגעזאָגט סאָלידאַרקייט, נאָר מיט אַן ענגערן קאָנטאַקט געהייסן וואַרטן און... איך האָב זיך דערוואַרט...

בעתן אַראָפּנעמען די קאַרטאָפל־גערעטעניש האָט דער דאָקטער דאָקטאָר גע־מאַכט אַ קאָנצערט פאַר די ראַבאָטיאַגעס. אין קאָנצערט האָבן אויך באַוויזן זייער קונסט פון דעקלאַמאַציע און באַלעט צוויי יונגינקע טעכטער פון דעם „פרייען״ נאַטשאַלניק.

צום סוף פון דעם קאָנצערט האָט זיך אויפגעכאַפּט איינער פון אָרט פון „פּוב־ליקע״ און געבעטן ביים דאָקטער דעם פידל. דער דאָקטער האָט אים געגעבן דעם פידל נישט מיט גרויס חשק. געגומען דעם פידל האָט דער איינער פון פּובליקע. גאַנץ צאַרט ווי מען נעמט אַ קינד, באַלד האָט געקלונגען אַ פרייער רחבותדיקער טשאַרדאַש. ער האָט געשוועבט אויף כוואַליעס פון קלאַנגען. דאָס זענען געווען ליכטיקע שטימען פון אַ פּרעכטיקער בליענדיקער יוגנט.

ער איז געווען אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער. מ'האָט אים קוים אַרויסגעזען.

---

* „קים״ — ראשי־תיבות פון רוסיש „קאָמוניסטיטשעסקי אינטערנאַציאָנאַל מאָלאָ־דיאָזשי.

די גרויסע שטראָמען ליכט, וואָס האָבן געפּלייצט פון די סטרונעס, האָבן געמאַכט פון אים בלויז איין קליין פּינטעלע.

מיר האָבן זיך אַזוי אַרום באַקענט. איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַ ספּעציאַליסט, אַ מוזיקאַנט, אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרטיסט. ער האָט געלאַכט: „איך האָב געשפּילט אויף נערוון, מ'האָט מיר געשפּילט אויף די נערוון. איצט טאָר מען נישט האָבן קיין נערוון". ער איז געווען אַ טוער פון „קים", אַ פאָרשטייער פון אונגאַרן. דער גאַנצער קאָמאַינטערן מיטן „קים" איז איצט צעשפּרייט איבער די לאַגערן. אַליין בעלאַ קון איז געווען אין קאָלימאַ. צי לעבט ער נאָך, ווייסט מען נישט. נישטאָ מער קיין קאָמאַינטערן. אַ טייל האָט מען ליקווידירט אין היטלעריש לאַגערן און אַ טייל דאָ אין די סאָוועטישע לאַגערן. ער האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט בקיצור. אָוועקגעשטעלט אַ קעסעלע: „נאַ דיר דעם „קים".

די גאַנצע צייט ווען ס'איז געגאַנגען די אַרבעט אין פעלד, פלעגט ער מיר ברענגען אַ קעסעלע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל. מיר פלעגן מיט אים שמועסן וועגן יידן, מאַדיאַרן, וועגן קאַשוטאַ, בר־כוכבא, פּעטעפי און ביאַליק, די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע אין 1848, די נאַציאָנאַל־באַפרייענדיקע באַוועגונג אין אונגאַרן, דער פּועלי־ציוניזם, די ערשטע ראַטן־רעפּובליק אין אונגאַרן. ער האָט מיט פאַרדראָס גערעדט וועגן דעם וואָס די רויטע אַרמיי איז נישט געקומען איר צו הילף. „מיר האָבן נישט געוווסט, אַז פּונקט אין צען יאָר אַרום וועלן סאָוועטישע טאַנקען „העלפן" דער „רעוואָלוציע" אין אונגאַרן... און אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט אויפשטיין מדינת־ישראל"... איך האָב אים דערציילט וועגן דער פּועלי־ציון־יוגנט, וועגן די באַמיונגען זיך אַנצושליסן אין „קים"... ער האָט געהייסן לודוויג. נישט באַשערט געווען צו זיצן צוזאַמען ביי איין טיש אין „קים", זיצן מיר איצט ביי אַ קעסעלע קאַרטאָפל, צוזאַמען אין ווערכניע באַלין.

אויף דער פריי — וווּהין?

געבליבן זענען מיר אויף געל פּאַפּיר געשריבענע בלעטלעך פון בריוו, וואָס רחל האָט געשריבן צו מיר אין לאַגער פון איר לאַגער.

אַ בלעטל אָן אַ דאַטע. „דו ווייסט ווי אָנגענעם מיר איז צו טיילן זיך מיט דעם וואָס מען טראַכט, וואָס מען לייענט איבער. אויב איך לייען עפּעס, וויל איך פאַר זיך קלאָר מאַכן דעם באַטייט פונעם בוך, געבן אים אַן אָפּשאַצונג, כדי דיר צו שרייבן וועגן דעם. פאַר מיר זעלבסט ווערט דעמאָלט קלאָר ווען איך שמועס זיך דורך מיט דיר וועגן דעם. ביי מיר איז נישטאָ קיין נייעס. דאָס לעבן און די אַרבעט גייט ווי פריער. נישט ווילנדיק טראַכט איך אַלץ וועגן דעם, וווּהין זאָלן

מיר מיט דיר זיך אַהינטאָן. ס׳וועט קומען צו פאָרן בן־ציון פון אורלויב וויל איך זיך דערוויסן זיין מיינונג וועגן דעם, זיך עצהנען מיט אים. דערווייל ענדיק איך. זיי געזונט און מונטער. איך קוש דיך. גיב איבער אַ גרוס דיינע פריינד.

דיין רחלע.

שרייב זיך אונטער מיט דער אייגענער האַנט. דיין כתב איז פון דעסט וועגן אַ טיילעכל פון דיר זעלבסט.

23 דעצעמבער 1946 (מיט רויטער טינט געשריבן). „מיין טייערער וועלוול. די טעג האָב איך דיר געשריבן אַן ענטפער אויף דיין בריוו. איך שרייב ווידער אַ מאָל, פאַר וואָס שרייבסטו אַזוי זעלטן. דאָס באַאומרויִקט מיך. אפשר האָסטו נישט קיין פּאַפּיר. דאָס פּאַפּיר וואָס איך האָב עטלעכע מאָל געשיקט דיר, דערגייט נישט צו דיר. צו דיר דערגייען בלויז אָנגעשריבענע קאַרטלעך און קאָנווערטן. אפשר האָסטו נישט ווער ס׳זאָל דיר שרייבן, איז שרייב מיר כאָטש קורצע צעטעלעך, אַבי איך זאָל כאָטש וויסן, אַז ביי דיר איז אַלץ בשלום און אַז דו פילסט זיך נישט שלעכט. ס׳זענען געבליבן בלויז פינף חדשים. דאָס איז שוין נישט לאַנג. שטאַרק זיך און זיי מונטער. איך ווייס נאָך נישט פּינקטלעך ווי וועט עס זיין, נאָר איך בין זיכער, אַז מיר וועלן זיך באַגעגענען. בן ציון איז אַ פּנים נאָך אין אורלויב. פון אים איז קיין סימן נישטאָ. ער וועט קומען צו פאָרן וועל איך אים אָנשרייבן און וועגן אַלעם זיך מיט אים מיישב זיין. וווּהין פאָרט מען פון אייערע קאַנטן, ווו קען מען תיכף קריגן אַרבעט און אַ ווינקל? דאָס פרעג איך, כדי דיר זאָל נישט אויסקומען ווייטער פאָרן צו מיר. אפשר איז בעסער איך זאָל פאָרן צו דיר, ערגעץ ווו אין אייערע געגנטן. דאָס איז נאָר אַ השערה, אַ פּלוצימדיקער געדאַנק, וואָס האָט דורכגעבליצט. איך וואָלט וועלן, אַז דו זאָלסט וועגן דעם אַ טראַכט טאָן, פונאַנדערפרעגן מענטשן וואָס וויסן און מיר וועגן דעם אָנשרייבן. ביי מיר איז אַלץ ווי פריער, כ׳פיל זיך נישט שלעכט. וועגן מיר זיי רויִק. איך לייען ווייניק, פאַרנומען. צייטנווייז כאַפּט מיך אָן אַזאַ בענקשאַפט. ס׳ווילט זיך צו דיר ווי צו דער היים, און צו דער היים ווי צו דיר. שרייב, וועלוול ליבער, כאָטש אַ ביסעלע, נאָר אָפטער.

אייביק, אייביק, דיין רחלע.

ביי אונדז דערלויבט מען נישט שרייבן מער ווי צוויי בריוו אַ חודש, דעריבער זאָלסטו זיך נישט וווּנדערן אויב אַ בריוו וועט זיך פאַרהאַלטן.

2טער מערץ 1947. „מיין טייערער וועלוול! די טעג האָב איך דיר אָפּגעשיקט אַ בריוו. איך שרייב אַ צווייטן. בן־ציון האָט מיר ווידער געשריבן וועגן אונדזערע צוקונפטיקע פּלענער. די סאַמע קאָמפּליצירטע פראַגע איז ווי דו זאָלסט זיך דערקלייבן צו מיר. איך וועל אוודאי זיין אין אַרכאַנגעלסק. צי וועל איך קענען און וועגן פאָרן צו דיר — דאָס איז אַ פראַגע פון מיטלען און מעגלעכקייטן צו פאָרן.

ווי וועסטו קענען אַליין דערפֿאָרן? בן־ציון האָט זיך געקליבן דיר שיקן אַ פּאַ־סילקע — דאָרטן וועלן זיין וואַרשיינלעך ברילן און געלט מיט אַן איבערווייז. נישט שלעכט וועט זיין, אויב דו וועסט דאָס אַלץ דערהאַלטן, אויב דו וועסט זיך אָנט־שליסן צו פֿאָרן אַליין. בכלל, דאָרטן אויפֿן אָרט וועסטו בעסער זען וואָס און ווען. דער אַדרעס פֿון בן־ציונען: אַרכאַנגעלסק, גאַס פּאַווליק ווינאָגראַדאָוו, הויז 196, פֿליגל 1. איך טראַכט אַן אויפֿהער וועגן דעם אַלעם און איך ווייס פּשוט נישט, ווי צו באַשליסן און וואָס צו עצהנען, באַזונדערס אונטער די אויגן. ווען דו וועסט זיין מיט מיר וועלן מיר טראַכטן וועגן אַלעם איבעריקן. וועלכע נישט איז אַנטשיי־דונג וועט דאָס לעבן אונדז אונטערזאָגן. איך האָף, אַז מיר וועלן פֿאַר זיך קריגן עפּעס אַן אָרט און אַרבעט. וואָס טראַכסטו וועגן דעם אַלעם און ווי האָסטו באַ־שלאָסן. עס ווילט זיך באַפּרייען, תיכף קומען צו פֿאָרן און נישט פֿאַרהאַלטן זיך. שרייב אַן תיכף. איך קוש דיך שטאַרק און ס׳ווילט זיך אַזוי זאָגן דיר: — צום ווידערזען!

רחל

אויף דער „פריי"

טשערטשיל אין פּולטאָן האָט געזען דעם „אייזערנעם פֿאָרהאַנג" מיט וועלכן דער ראַטנפֿאַרבאַנד האָט זיך איזאָלירט פֿון דער וועלט. הינטער דעם „אייזערנעם פֿאָרהאַנג" איז געווען נאָך אַן אייזערנער פֿאָרהאַנג, וואָס האָט איזאָלירט אַ טייל ראַטן־בירגער פֿון זייער ראַטנלאַנד. הינטער דעם אייזערנעם פֿאָרהאַנג האָט די אָפֿיציעלע סטאַליניסטישע מאַכט פֿאַרניכטעט די בעסטע שעפֿערישע כּוחות, די פּאַקטישע בויער און גרינדער פֿון דעם סאָציאַליסטישן לאַנד.

הינטער דעם צווייטן אייזערנעם פֿאָרהאַנג האָבן מיר נישט געטראַכט ווי זעט אויס דאָרטן הינטערן ערשטן אייזערנעם פֿאָרהאַנג... מיר האָבן געוואָלט אַרויס אויף דער „פריי" ווי „זי" זאָל נישט אויסזען... אַבי נישט צו זען הינטער די פּלייצעס די באַוואָפֿנטע שומרים.

ווי טוט זיך אַהין אַ מענטש מיט אַ „וואָלפֿישן פּאַספּאָרט?" אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין היים אין זיין היימלאַנד, אַ „מענטש" וואָס דאַרף נאָך ערשט אויסגלייכן די גלידער און ווערן אַ מענטש. אַן פֿיזישע כּוחות, אַן גייסטיקע מעג־לעכקייטן. איך בין דאָך געווען אַ שבֿרי־כּלי „מכּף רגל ועד ראש אין בו מתום". מיט גרויסע ווייטיקן האָב איך געשטעלט טריט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. ווי לאָזט מען זיך אַליין אין אַזאַ לאַנגן וועג! וווּהין לייגט מען אַוועק דעם קאָפּ? ווי אַזוי פֿאַרדינט מען אויפֿן שטיקל ברויט? צי וועט מען מיך לאָזן צוריק אין אַ ביבליאָטעק? נאָר איבער די אַלע פֿראַגן איז נאָך געשטאַנען איין גרויסע פֿראַגע

— צי וועט מען באַפרייען פון לאַגער? אין מלחמה־צייט האָט מען די „אַכט און פופציקער" פאַרהאַלטן ביז אַ „באַזונדערער פאַראָרדענונג"...

פון מיינע אַלע טראַכטעניש אין שלאָפלאָזע נעכט האָב איך גאָרנישט געקענט צוטראַכטן און איך האָב באַשלאָסן: אַלע פראַגן אין אַ זייט. קיינער וועט פאַר מיר נישט טאָן, „אים אין אני לי מי לי". מען דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַריין. איך בין דאָך עפּעס אַן אוראייניקל פון אברהם אָבינו — „כי במקלי עברתי", דאַרף איך נאָך צו מיין שטעקל — אַ זעקל. אַ זעקל סוכאַרעס...

אין ווערכני באַלין ווו ס'איז דאַ אַן איבעריקע קאַרטאָפל האָט מען געקענט אָפּשפּאָרן אַ ביסל ברויט. אין איינעם אַ באַראַק איז געווען אַ שניידעריי. דאָרט האָבן פרויען „זעקאַ" געניייט הענעטשקעס, פאַרריכט עפּעס פאַר דער „קאַפּטיאָרקע". האָבן זיי מיר אויפגענייט אַ זאַק מיט ליאַמקעס, מען זאָל קענען אָנטאָן אויף די פּלייצעס. זיי האָבן מיר אויך געהאָלפן טריקענען סוכאַרעס.

ס'זענען געווען קלאַנגען, אַז אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה איז דער טראַנספּאָרט נישט אין אָרדענונג און נישט רעגולער די באַוועגונג אויף די אייזנבאַן־ליניעס. מען קען אָפּשטיין צו עטלעכע טעג אויף סטאַנציעס. איך האָב גוט געדענקט דאָס צוואַנציקסטע יאָר אויף די אייזנבאַנען, ווען איך בין אומגעפאָרן אויף פאַרטיי־נסיעות, און כ'האָב דעריבער אָנגעקליבן וואָס מער סוכאַרעס. דעם גאַנצן חודש אַפּריל 1947 בין איך די נעכט געלעגן האַלב־וואַכעדיק אויף די נאַרעס, אַלץ געטראַכט, וואָס וועט זיין און ווי אַזוי וועט זיין דאָרט אויף דער פריי און צי וועט זי זיין די דאָזיקע געגאַרטע פריי? אין באַראַק זענען געווען אייניקע „זעקאַ", וואָס האָבן געוואַרט שוין צוויי יאָר אויפן „באַזונדערן באַפעל" באַפרייט צו ווערן.

די האַרטע סוכאַרעס אונטערן קאָפּ האָבן זיך פון וואָך צו וואָך געמערט אין זאַק און ביי מיר איז די „פריי" געוואָרן אַלץ נעענטער און ווירקלעכער.

ווידער איז דער מײַ געקומען...

„ווידער איז דער מײַ געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט.
אַלע ביימער, אַלע בלומען,
האָבן ווידער אויפגעוואַכט"... (מאָריס ראָזענפעלד)

מ'האָט מיך מיט בלומען אין לאַגער נישט באַגעגנט. מ'האָט מיך פון לאַגער מיט בלומען נישט אַרויסבאַגלייט. צען מאָל האָט זיך די ערד פון ווינטער באַפרייט. איך האָב אַלץ געוואָרט אויף מיין באַפרייונג.

אין אַ גרויסן סאָלדאַטישן שינעל מיט וואַלינקעס אויף די פיס, דאָס ווינטער־היטל אַנגעצויגן איבער די אויערן, דאָס זעקל סוכאַרעס אויף די פּלייצעס, רייט איך אויף אַ פערד. צי איז עס מיין גורל, וואָס פירט מיך אין דער אומבאַוווסט־קייט? ס׳איז נישט קיין גורל, ס׳איז אַן אמת פערד, וואָס טאַפּט מיט די קאָפּיטעס דורך דעם שניי דעם העלצערנעם וועג. איינער מיט אַ בייטש־שטעקל פאָרויס, פירט דאָס פערד ביים ציימל, אַ צווייטער מיט אַ ביקס גייט נאָך פון הינטן. מיט וואָס האָב איך פאַרדינט אַזאַ כבוד פון אַ מרדכי הצדיק?

אַז ס׳האָט זיך געענדיקט דער הילצערנער וועג האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין פערד, וואָס איז אַוועק אויספילן זיין פערדישע פונקציע צוריק אַהין, באַגלייט מיט אַ בייטש־שטעקל. איך האָב אונטערגעהינקען ווייטער, באַגלייט מיט אַ ביקס.

אין דער הויפּט־קאָנצעלאַריע פונעם הויפּט־לאַגער האָט מען מיר אַרויסגע־געבן אַ פּאַפּירל, אַז איך בין ערלעך אָפּגעקומען מיינע צען לאַנגע יאָר „פון קלונג ביז קלונג״ און אַ פּאַפּירל, אַביסל אַ גרעסערן, אַ מין פּאַספּאָרט, וועלכן איך דאַרף בייטן אין אַרכאַנגעלסק. איך האָב אונטערגעשריבן אַ התחייבות, אַז איך וועל קיינעם נישט דערציילן וועגן לאַגער. אויף מיין חשבון, וועגן וועלכן איך האָב נישט גע־ווּסט, איז געווען העכער טויזנט רובל, האָט מען מיר אָנגעציילט דרייערלעך און איינצלנע רובלס, וועלכע כ׳האָב קוים פּעקלעכווייז פאַרשטופּט און באַהאַלטן אין די וואַליקעס און אויסגעפּאַקט ערשט אין אַרכאַנגעלסק. דאָס וואָס איז געווען באַהאַלטן אין הארצן, פּאַק איך אויס איצט אין ישראל. מיין התחייבות איז שוין איצט נישט גילטיק. נאָך דעם ווי בעריע און סטאַלין זענען שוין ביידע אויפן „עלמא דקשוט״, מעג מען שוין זיין אַ „צפנת־פענח״. אין זעקל פון סוכאַרעס האָט מען מיר אַריינגעשטופּט עטלעכע „גאַרבושעס״, אַ לעבל ברויט, קלעצלעך צוקער עטלעכע צענדליק. מען האָט מיר געגעבן אַ באַגלייטערין, וואָס האָט געדאַרפט מיר קויפן אַ באַן־בילעט און מיך אַריינזעצן אין וואַגאָן.

כ׳האָב קיין מזוזה נישט געקושט, קיין „ווידערזען״ נישט געזאָגט, קיין גומל נישט געבענטש, אויפן וועג קיין שיר־המעלות נישט געזונגען. איך האָב געלאָזט דאָרט אַ טרוקענעם „זיי געזונט״ און צען יאָר אויסגעריסענע פון לעבן...

דער ברודער אין כאַבאַראָווסק

אין כאַבאַראָווסק אויפן וואָקזאַל האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך וועל דאַרפן וואַרטן אַ צוויי מעת־לעת אויפן צוג. אַז איך האָב אַ רעכט צו געפינען זיך אין צימער פאַר מאַמעס און קינדער. דאָרט וועט דער דאָקטער מיך באַזאָרגן מיט אַ

טראַנזיט־בילעט, אָבער איך מוז קודם־כל זיין אין באָד, קריגן אַ פּאַפּירל, אַז איך בין דורכגעגאַנגען אַ דעזינפעקציע.

איך האָב אָנגעהויבן שפּרייזן איבער דעם צעקרומטן באַרגיקן געסל צו דער באָד און געטראַכט וואָס צו טאָן מיט אַלע פּעקלעך געלט וואָס זענען פאַר־שטעקט. (אַגב, האָב איך ערשט אין ישראל זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט מיר געשיקט מיין שוועסטער מלכה־רחלס זון, וועלוול מלאך, וואָס האָט זיך געפונען מיט זיין פרוי איטקע אַלס פּליטים אין ראַטנפּאַרבאַנד). נישט ווייט פון וואָקזאַל

איז פון ערגעץ אַ ביי־געסל מיר אַנטקעגן געקומען אַ הויכער מאַן אין אַ לע־דערנעם רעקל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אייזנבאַנער. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט און שטיל געפרעגט: „פון דאָרטן? — פאַר וואָס?" כ'האָב אים אָנגעקוקט מיט אַ ביסל חשד און מורא. — פאַר וואָס? איך ווייס נישט. כ'האָב נישט עובר געווען אויף קיין איינעם פון די עשרת הדברות...

— אַהאַ — פאַרן גלויבן. הער זשע אויס, איך בין אַ „ברודער". אין באָד איז דאָ אַ „שוועסטער", וועט זי דיר גלייך געבן דאָס פּאַפּירל, וואָס מען דאַרף. ער האָט מיך צוגעפירט צו דער באָד און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, מיר געבראַכט דאָס פּאַפּירל, מיך צוריק געפירט צום וואָקזאַל און געפרעגט, צי דאַרף איך מאַ־טעריעלע הילף. אין אָוונט וועלן זיך צונויפקלייבן אויף תפילה־טאָן די „ברידער" וועט מען קענען פאַר מיר עפּעס טאָן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד און איך האָב קיין מאָל קיין נדבות נישט געבעטן. ער האָט געזאָגט: „מיר העלפן אַלע מענטשן, אויף דעם זענען מיר פון גאָט געשיקט"...

איך בין אָבער מסופּק געווען צי איז ער גאָטס שליח. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז פון אַ רעליגיעזער סעקטע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט ווילטעטיקייט, און אַז צווישן די ווילטוער געפינען זיך „אויגן" און „אויערן".

מיר איז גוט — איך בין אַ ספּעצ. אינוואַליד

באַך דער מלחמה זענען געווען אַ סך אינוואַלידן. זיי זענען געווען מיוחסים. נישט געדאַרפט שטיין אין די רייען, אַלץ געקריגן אין אַ ספּעציעלער רייע פריער פון אַלעמען. באַפּרייטע פון די לאַגערן אינוואַלידן האָבן אויך גענאָסן אין זייער זכות. אויף די וואָקזאַלן האָט מען זיך געסטאַרעט וואָס גיכער פּטור ווערן פון אַזאַ „נגע צרעת". אין כאַבאַראָווסק האָט דער דאָקטער פון וואָקזאַל פאַר מיר געקריגן טראַנזיט־פּלאַצקאַרטן קיין מאָסקווע, צווישן די יחסנים...

צוויי טעג און צוויי נעכט בין איך געווען אין „צימער פאַר די מאַמעס מיט

די קינדער״. דאָ זענען נישט געווען נישט קיין מאַמעס און נישט קיין קינדער, נאָר עטלעכע אינוואַלידן, ביי וועלכע ס'האָט עפּעס געפעלט: ביי וועמען אַ פוס, ביי וועמען אַ האַנט און ביי וועמען אין קאָפּ האָט זיך געמישט און געוואַקלט זיך אָן אַ כוסה...

איך בין געווען אויף דער פריי. קיינער האָט מיך נישט געהיט. אָבער איך האָב אַלץ געפילט עמעצן הינטער די פּלייצעס און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען היט מיר יעדן טראָט (אַ געבונדנקייט און אַ נישט־זיכערקייט איז פאַרבליבן ביי מיר און ביי רחלען ביז היינטיקן טאָג). איך בין אויף דער פריי. איך הער ביים אויפשטיין און ביים לייגן זיך דעם סאָוועטישן נייעם הימן, געזונגען פון אַ מעכטיקן כאָר און איך ווייס, אַז איך געפין זיך אין „פאַרבאַנד פון פרייע רע־פּובליקן״, וואָס סטאַלין האָט דערצויגן טריי צו זיין״. איך ווייס אָבער נישט צי בין איך גענוג דערצויגן?...

די ווערטער פונעם הימן זינגט איצט קיינער. מען שפּילט נאָר דעם ניגון.

ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן די נייענקע סאָוועטישע יונקערס, די גלענצנדיקע אָפּיצירן מיט זילבערנע און גאָלדענע עפּאָלעטן. זיי האָבן אין מיר אויפגעוועקט זכרונות פון מיין פריער יוגנט אין די אַלטע צאַרישע צייטן...

„בראַטישקי״

אַזוי האָט מען גערופן און אַזוי האָבן זיך גערופן מאַטראָסן נאָך אין דער צייט פון בירגערקריג (בראַטישקי־ברידערלעך). דאָס האָט באַטייט חברישע איבערגעגעבנקייט, מוט און געוואַגטקייט. אָפנהאַרציק פּשוטע מענטשן „וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג״. ס'ווערט אויך באַנוצט אין גוטמוטיקן שפּאַס. אין וואַגאָן האָבן מיך פריינדלעך אויפגענומען צוויי יונגע מאַטראָסן. — נו, פּאַ־פּאַשאַ, פאָרן מיר? וויט? קיין אַראַכאַנגעלסק? לאָמיר זיין באַקאַנט. דאַרפסט נישט דערציילן, מיר זענען אַלץ. מיר וויסן אַלץ. וווּ איז דיין אָרט? אויף דער אייבערשטער פּאָלקע? ניין, דאָס טויג נישט. וואַרט אַ ווײַלע... אין קופּע אויף דער אונטערשטער באַנק האָט זיך איינגעאָרדנט עפּעס אַ יונגע באַרישניע, אָ, באַרישניאַ, מאַדמואַזעל! האָסט יונגע פיינע פּיסלעך, קריך, זיי מוחל, אַרויף. דער פּאַפּאַשאַ וועט זיך לייגן דאָ. זי האָט געפּרוּווט עפּעס זאָגן, נאָר די יונגע מאַטראָסן האָבן זי געגעסן מיט די אויגן. זי האָט פון דעסט וועגן אויסגעדריקט אומצופרידנקייט.

— באַרישניאַ, אָ, באַרישניאַ — לאָמיר איבער אַזאַ נאַרישקייט נישט קאַליע מאַכן מיט דיר די באַציונגען!

זי האָט אַן אומצופרידענע אַ שמייכל געטאָן צו זיי און מיר אָפּגעטראָטן דאָס אָרט. זיי האָבן כסדר געהאַט השגחה איבער מיר. געבראַכט הייס וואַסער, מיך אַרויסגעפירט שפּאַצירן אויפן פעראָן פון גרויסע סטאַנציעס אויף וועלכע מ׳איז לאַנג געשטאַנען.

די קלאַנגען וועגן דער צעשטערטער פּאַסאַזשיר־באַוועגונג זענען געווען איבערגעטריבן. צען טעג זענען מיר געפאָרן פון כאַבאַראָווסק קיין מאָסקווע. מ׳איז געשטאַנען עפּעס איבעריקס, אָבער נישט פיל.

די „בראַטשיקעס״ האָבן מיר געוויסנהאַפט געהאָלפן, פאַרלייכטערט די נסיעה. איינער פון זיי האָט אויסגעמאָלן מיין „פּאָרטרעט״. איך דערקען זיך אַליין נישט, עפּעס אַ האַלבער מת...

אָקטיאַבער־בלום

מיין ברודער פּייוולס זון איז אָפּגעפרעמדט געוואָרן. פרי איז זיין טאַטע געשטאָרבן. זיין מאַמע, יהודית אַניקסט, אַ ווילנערין, האָט געענדיקט אַ מעדיצינישע הויכשול און אומגעקומען מלחמה־צייט אין סעוואַסטאָפּאָל. ער, אָקטיאַבער, אַ קאָמיוגיסט, איז פאַרוואַנדעט געוואָרן אַלס פּרייוויליקער ביים באַשיצן מאָסקווע. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ און געשטרעבט זיין אַ יוריסט פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט. דערווייל פלעגט מען די שטודירנדיקע יוריסטן געבן „פּראַקטישע״ אַרבעט אין די פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער פּראָקוראַטור און אין יוסטיץ.

איך בין אין מאָסקווע אַריין אַ קוק טאָן וואָס איז געבליבן נאָך פּייוולען. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט ביי פאַליען, יהודיתעס שוועסטער, וועגן דעם, אַז איר איז אויסגעקומען פאַרבייטן אָקטיאַבערן זיין טאַטע־מאַמע... איך האָב זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן ביי זיי. זיי זענען געווען אַנגעשראָקן. מיט אַ פּאָליטישן „זעקאָ״, כאָטש אַ באַפרייטן, האָבן אַ מגע ומשא איז געווען „אַ סכנה״ פאַר מענטשן, וואָס ווילן זיין הונדערט פּראָצענטיק „ריינע״ סאָוועטישע פּאַטריאָטן.

די נאַכט האָב איך איבערגענעכטיקט זיצנדיק אויפן צפון־וואָקזאַל. אמת, אָקטיאַבער איז געקומען צום וואָקזאַל, מיר געבראַכט ברויט און וווּרשט. אויף מער האָט אים נישט געקלעקט קיין מוט, ווייל „בלוט־קרובהשאַפט״ איז נישט גענוג צו זיין נאָענט. זיין פּנים, זיינע מאַניערן פּונקט ווי פּייוולס, איך האָב אים געוויגט אין כערסאָן ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אָבער ער האָט דאָס וויגל נישט געדענקט, זיין שטאַם געוואָלט פאַרגעסן און איך האָב נישט געטאָרט אים שטערן מיט מיין נאָענטקייט.

די באַגעגעניש ביי דער דווינאַ

באַלד ווי איך בין אַרויס פון וואַגאָן, איז צוגעשפּרונגען צו מיר ציוויל־געּ־קליידט בן־ציון, געגעבן אַ שטעק די האַנט, מיך נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט, אַ שמייכל געטאָן: — נו, גוט! אַלץ וועט זיין גוט! ער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן אויסערלעך זיינע אינעווייניקסטע געפילן. מ׳האָט געקענט מיינען „אַ קאַלטע לונג און לעבער", אָבער ער איז געווען פון תמיד אַ „נחבא אל הכלים". נישט געקוקט אויף די פאָדערונגען פון די העכערע פּאַרטיי־אָרגאַ־נען, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אונדז ביידן, האָט ער אָנגעהאַלטן מיט אונדז באַציונגען. אַזעלכע קאַטעגאָרישע פאָדערונגען האָט מען צו אים אַרויסגעשטעלט שוין אַפילו נאָך אונדזער באַפרייונג. ער האָט אַנטשיידן זיי אָפּגעוואָרפן. ער האָט דערקלערט, אַז ער קען אונדז נישט באַטראַכטן ווי אַנטיסאָוועטישע קאָנטררעוואָ־לוציאָנערן, אַז ער איז נענטער צו אונדז ווי צו „זיי" און ער קען אונדז בעסער ווי „זיי". ער איז אויסגעשטאַנען דערפאַר רדיפות.

*

שווער צו שרייבן וועגן בן־ציון „ער איז געווען". ער איז די גאַנצע צייט מיט אונדז ווי אַ לעבעדיקער. אַפילו לעבן זיין קבר אויפן לענינגראַדער יידישן בית־עלמין פלעגן מיר מיט אים ריידן.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן יענעם באַגינען אויף דער זילבערנער צפון־דווינאַ. אַ קליינער פּאַסאַזשיר־דאַמפער פירט אונדז איבער אין אַרכאַנגעלסק. איך קוק אויף דער פּרעכטיקער פרעמדקייט פון דעם ברייטן טייך. אפשר בעסער צו זאָגן: אויף דער פרעמדער פּראַכט, וואָס דאַרף מיר ווערן היימיש. בן־ציון לאָזט נישט אַראָפּ פון מיר קיין אויג, כאָטש ער באַמיט זיך דאָס צו באַהאַלטן. ער מאַטערט זיך מיר אַרויסצווייזן פריידיקע שמייכלען. אָבער איך זע גוט וויפל צער איז אין זיינע אויגן. ער שטייט דאָך דאָ פאַר מיר אַ לעבעדיקער שאָטן. איך האָב נישט געפילט זיך שולדיק אין דעם וואָס איך פאַל צו לאַסט אויף זיינע אַקסלען. דער געוויסן האָט אויך ווייניק געליטן פון דעם, ווייל דאָס איז דאָך געווען בן־ציון. אָבער איך אַליין? וואָס וועט זיין פון אַזאַ צעבראָכענעם שאַרבן? בן־ציון האָט ווי געלייענט מיינע געדאַנקען, ער האָט געטראַכט מיט מיר צוזאַמען. ער האָט פּלוצעם אַ זאָג געטאָן: כ׳האָב דאָ באַקאַנטע דאָקטוירים, וועסט זיך מוזן היילן!

עס איז דערשינען פאַר אונדז אַ טונקל־גרויע הילצערנע שטאָט. הילצערנע הייזער, הילצערנע טראָטואַרן און... ווי ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, הילצערנע פּנימער...

אַן אַ באַד מיט דעזינפעקציע קען איך נישט צוגענומען ווערן אין „דאָס קרעסטיאַנינאַ", אַ פּויערישע אַכסניה. כדי בן־ציון זאָל מיך נעמען צו זיך אין צימער, מוז איך זיין אָנגעטאָן מענטשלעך, נישט ווי אַן אַרעסטאַנט. אין „דאָס קרעסטיאַנינאַ" האָט מען מיר געגעבן אַ ווינקל אין קאָרידאָר. בן־ציון האָט גע־בראַכט ברויט, וווּרשט, קעז. כ'האָב נאָך געהאַט מיט זיך עפּעס פון מיינע שפּייז־רעזערוון. צוויי מעת־לעת האָב איך זיך געוואָלגערט אין קאָרידאָר.

בן־ציון איז געקומען מיט אַ וואַליזקע, מיך גענומען אין באַד אַריין. איך האָב דאָרט געלאָזט מיין אַרעסטאַנטישן „מונדיר". פון בן־ציונס וואַליזקע האָב איך אַרויסגענומען וועש און אייבערשטע מלבושים. אַפילו אַ האַלדזטוך, וואָס בן־ציון האָט מיר געהאָלפן פאַרבינדן. דער פּאַלטאָ איז געווען אַ ביסל צו שמאָל אויף מיר, אָבער פון דעסט וועגן האָב איך אים אָנגעטאָן. בן־ציון האָט מיך צוגע־פירט צום אַלטן צעראַצטן שפּיגל און איך האָב פּלוצעם דערזען אַ נייע, אַ „פרעמדע" געשטאַלט. נישטאָ מער דער אַרעסטאַנט, וועלכן איך האָב אַזוי באַ־דויערט. בן־ציון האָט מיך אָפּגעפירט אין עפּעס אַ צימער. ס'איז געווען נייטיק דורכגיין דורך דער ווירטינס צימער. כ'האָב זיך באַגריסט און אַריין אין אַ מענטשלעכן ווינאַרט, מיט אַ דיוואַן, מיט אַ בעטל און מיט אַ ראַדיאָ. דאָ וועל איך דאַרפן וואַרטן עטלעכע טעג אויף רחלען...

רחל

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיר בן־ציון געזאָגט, אַז רחל איז דאָ. אויף צו מאָרגנס אין דער פרי וועל איך קענען צופאָרן צו איר. זי איז פאַרפאָרן צו זיי־נער אַ באַקאַנטער. מען מוז אַזוי מאַכן, אַז מענטשן זאָלן נישט וויסן פון וואַנען מיר קומען.

גאָרנישט פאַרשטענדלעך. וואָס אַ האַרץ איז! צען יאָר האָט עס געקלאַפּט און ריטמירט: רחל, רחל, רחל, און איצט איז עס גאָרנישט אַזוי טומלדיק, גאָרנישט אַזוי צערודערט. איך האָב זיך נאָר געוואָלט דערמאָנען ווי האָט זי אויסגעזען דעמאָלט. עפּעס איז עס געוואָרן מטושטש. אין לאַגער און אויפן וועג ביז אַרכאַנגעלסק איז רחל געווען ביי מיר כמעט ווי אַן אַבסטראַקציע. אויף צומאָרגנס איז בן־ציון מיט מיר צוגעפאָרן צום הויז ווו רחל האָט זיך געפונען און מיך געוואָרנט, אַז די ווירטין טאָר אויך נישט וויסן, דערפאַר וועט ער רחלען אַרויספירן צו מיר אין גערטל.

אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי פּשוט, געוויינלעך, נישט פייערלעך, נישט יום־טובדיק, נישט דראַמאַטיש. מיר האָבן זיך געגעבן די הענט, זיך צעקושט, געפרעגט

וואָס מען מאַכט, ווי מען פילט זיך און אָפּגעלייגט אויף אַ טאָג־צוויי די „גרויסע" „זעעכץ" „אויף ערנסט און אויף לאַנג"".

ס'איז געווען אַ ביסל קאָפּדרייעניש. כדי אונדזערע פּאַפּירלעך בייטן אויף אַ דריי־חדשימדיקן פּאַספּאָרט האָט מען געדאַרפט זיין ערגעץ צוגעשריבן, אַז מיר וווינען דאָ אין אַרכאַנגעלסק. כדי צו זיין צוגעשריבן האָט מען געדאַרפט עפּעס אַ פּאַספּאָרט, האָט בן־ציון אָפּגעזוכט עפּעס אַ געוואָגטן מענטש, וואָס האָט אונדז פון עפּעס אַ וווינונגס־קאָנטאָר געגעבן אַ פּאַפּירל, אַז מיר וווינען דאָרט. ביי אים האָבן מיר טאַקע אָפּגעדונגען אַ צימער און ס'איז פאָרגעקומען די נישט־געפייערטע — אונדזער צווייטע חתונה. די גרויסע „זעעכץ" איז אויך געווען אָן באַזונדערע צערטלעכקייטן, אָן היסטעריקע. הפלא ופלא! סיי איך, סיי זי האָבן זיך דערפילט ווידער היימיש און אַפילו פאַרגעסן די צען יאָר צעשיידונג. מיר האָבן איגנאָרירט דאָס שטיקל רוים און פּיצל צייט וואָס האָט אויפגעשטעלט צווישן אונדז אַן אייזערנע מחיצה. מיר האָבן געשפּונען ווייטער דעם פאָדעם ווי ער וואָלט גאָר נישט איבערגעריסן געוואָרן.

„פּליוסן" און „מינוסן" אין אַרכאַנגעלסק

אַרכאַנגעלסק — די גרעסטע שטאָט פון רוסלאַנדס אייראָפּעישן צפון. די נאַטור איז געווען פאַר די מענטשן אַ שטרענגע מוטער, וועלכע האָט זיי געצוווּנגען שווער אַרבעטן צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. נישט ווי דער זאָרגלאָזער דרום איז דער צפון. מענטשן מוזן שטענדיק טראַכטן און זאָרגן פאַרן טאָג לעבן. די „פּאָמאָרן" (אַרכאַנגעלסקער) מוזן זיין געוואַגטע. אָט פון אַזעלכע „פּאָמאָרן" האָט די וועלט דערזען רוסלאַנדס שטאָלץ פון אַכצנטן יאָרהונדערט — מיכאַיל וואַסיליעוויטש לאָמאָנאָסאָוו.

ביים צאַריזם איז אַרכאַנגעלסק און אומגעגנט געווען אַ ראַיאָן פון פאַרשיקונג. איצט זענען אין אַרכאַנגעלסק געווען אַ היפּשע צאָל סאָוועטישע בירגער מיט אַ „מינוס". אויך מיר זענען געווען מיט אַ „מינוס", דאָס הייסט, מיר האָבן געהאַט פּאַספּאָרטן מיטן אַרטיקל „39", לויט וועלכן מיר מעגן וווינען נאָר אין תחום: נישט אין די גרענעץ־שטעט, נישט אין די אינדוסטריעלע צענטראַלע שטעט, נישט אין קיין שום שטאָט, ווו מען קען אונדז זאָגן „נישט".

די אַלע בירגער מיט אַ „מינוס" האָבן אָבער געהאַט אַ „פּליוס". זיי זענען ס'רוב געווען טאַלענטירטע" און געוויסנהאַפטיק זיך באַצויגן צו זייער אַרבעט. דאָ זענען דאָך געווען אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן פון דער אינטעליגענץ, וואָס איז געווינט צו דענקען זעלבסשטענדיק.

די אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אינסטיטוטן האָבן גערן צוגענומען אויף אַרבעט די „מינוסן". רחל האָט גיך באַקומען אַן אַרבעט אַלס עקאָנאָמיסט אין אַן אונטערנעמונג און זי איז געוואָרן פאַרן דירעקטאָר ווי די „רעכטע האַנט".

די באַציונג צו די „מינוסן" איז געווען מיט באַהאַלטענעם געפיל. אונטער די „הילצערנע פּנימער" האָבן זיך פאַרבאָרגן מענטשן מיט פאַרשטאַנד און מיט „האַרץ"...

„ווידוי"

די מלחמה האָט אויך אין אַרכאַנגעלסק געלאָזן אַ היפּש ביסל קאַליקעס מיט אַלערליי מומים. אין די פּאָליקליניקס צו די דאָקטוירים, צו די פאַרשיידענע קאָמיסיעס האָבן זיך געצויגן שורות מיט שטעקעלעך, מיט קוליעס, מיט הילצערנע פיס, מיט רעדלעך, וואָס פאַרבייטן פיס, אָן הענט, מיט איין האַנט, מיט צוויי הענט אָן פינגער, גאַנצע און האַלבע בלינדע, מיט קראַנקע הערצער קראַנקע לונגען און נאָך און נאָך נישט איבערצורעכענען. דאָס איז געווען איין טראַגישער סך־הכל פון דער מלחמה, וואָס היטלער האָט געפירט פאַר וועלט־הערשאַפט און וואָס סטאַלין האָט געפירט פאַר זיין פּערזענלעכער מאַכט איבערן פאָלק. מיט מיין שטעקל און מיט מיינע אויגן האָט מיך די קאָמיסיע פון עקספּערטן באַשטימט אַלס אינוואַליד פון העכסטן ראַנג (ערשטע קאַטעגאָריע, וואָס פאָדערט הילף זיך זעלבסט צו באַדינען). איך האָב אָנגעהויבן זיך „מענטשלען", אָנגעטאָן אַ פּאָר ברילן (איך האָב זיך באַנוצט בלויז מיט איין גלעזל, וואָס איז געבליבן פון די אַמאָליקע יאָרן). דערזען די ליכטיקע וועלט אויף וועלכער מיר איז שווער געווען זיך צו באַוועגן צווישן אַלע באַוועגלעכע... מ'האָט מיך גענומען אויף אַ גרינטלעכן רעמאָנט אין אַ קלינישן שפּיטאָל פון מעדיצינישן אינסטיטוט. איך האָב געזאָלט דאָרט דורכמאַכן אַ שווערע אָפּעראַציע און גלייכצייטיק דינען דער וויסנשאַפט.

כ'בין געווען אָפּגעשוואַכט, האָט מען מיך אַ לענגערע צייט געגרייט צו דער אָפּעראַציע. איך האָב פאַר דער צייט מיט גרויס געפיל אָנגעשריבן אַ קורצע עפּיטאַפיע און אַ לענגערע פּאָעמע „איך" וועגן מיינע קינדער־יאָרן. ביי מיין צווייטן אַרעסט אין פּענזאַ האָט מען די פּאָעמע ביי מיר צוגענומען און זי איז־בערגעזעצט אין רוסיש פאַר די אויספאָרשונגס־אָרגאַנען. דעם יידישן אָריגינאַל האָט מען מיר אומגעקערט אין 1950 יאָר אין פאַרשיקונג. די רוסישע איבערזעצונג, געמאַכט דורך עפּעס אַ סטעפּאַנאָוו, האָט מען מיר אומגעקערט אין לעניגראַד אין 1968.

דאָס איז געווען אַ מין ווידוי פאַר דער שווערער אָפּעראַציע — צווישן לעבן און טויט.

איך ווער אַ מענטש...

איך האָב זיך אויסגעפּרוווט, צי בין איך נאָך פיזיש און פסיכיש בכוח דורכצוטראָגן עינויים קשים. מ'האָט מיך צוויי מאָל אָפּערירט. די ווייטיקן זענען געווען אומגעהויער שטאַרקע, אָן כלאָראָפאָרם, נישט איינגעשלעפערט מיך, האָט מען מיך געשניטן און געריסן. איך האָב מתרה געווען די דאָקטוירים, אַז איך וועל נישט שרייען, נאָר זאָלן זיי עס מאַכן גיכער. דער גאַנצער פּערסאָנאַל האָט זיך געוווּנדערט — אַפילו אויף דער מלחמה אַזוינס נישט געזען. נאָך די אָפּעראַציעס איז מיין לאַגע געווען אַ קריטישע. מ'האָט געמוזט האָבן פּעניצילין. אין מלחמה־צייט און אַ שטיק צייט נאָך דער מלחמה איז פּעניצילין געווען מיט גאָלד גלייך. בן־ציון האָט, אַלס דאָקטער פון מיליטערישן שפּיטאָל, געקריגן דאָס רעטונגס־מיטל און איך בין געראַטעוועט געוואָרן.

אין דער צייט פון מיין באַהאַנדלונג אין שפּיטאָל האָב איך דורכגעלייענט אַלע טראַגעדיעס און קאָמעדיעס פון שעקספּירן. דאָס לייענען איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. מ'האָט זיך געדאַרפט צוריק צוגעוווינען נאָך אַזאַ לאַנגער צייט. נאָך שווערער איז געווען צו צעקייען די פילאָסאָפיע אין זיינע טראַגעדיעס. כ'האָב אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, צי וואָלט אַזאַ שעקספּיר געקענט שאַפן די טראַגעדיע פון דעם סאָוועטישן לאַגערניק? צי קען אַ פּשוטער גראַנגל פאַר דער עקזיסטענץ ווערן אַ פילאָסאָפישער יסוד פאַר דער טראַגעדיע? צי קען אַ קינסטלער אויפּפאַסן אַ קאַטאַסטראָפע ווי אַ מענטשלעכע טראַגעדיע? צי קען זיין אַ טראַגעדיע אָן קאַמף? די אומבאַהאָלפנקייט פון לאַגערניק, ווען ער פאַלט אַרונטער אונטער די רעדער פון דער געשיכטע, קען דען באַזונגען ווערן אַנדערש ווי אין קינות? גיכער איז דער לאַגערניק אַ מין „איוב״, וועלכער ליידט פונעם פאַטום, איז אַן אָביעקט אין דער שפּיל צווישן גאָט און דעם טייוול. מיט פּעניצילין און מיט פעטס פון ים־הינט בין איך געראַטעוועט געוואָרן און זיך געשטעלט אויף די פיס...

— —

איך, רחל און בן־ציון האָבן זיך געפּרוווט אויפשטעלן די חרוב־געוואָרענע משפּחה...

ווידער אין ביבליאָטעק

מיט האַרץ־קלאַפּעניש בין איך אַריין צום געלערנטן סעקרעטאַר פון אַר־כאַנגעלסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אין ביבליאָטעק דאַרף מען האָבן אַ ביב־ליאָגראַף ממש מיט סכנת־נפשות. די פּאַרוואַלטערין אַליין האָט מיך אַריינגעפירט אין קאַבינעט. ביים אָנקומען אויף אַרבעט האָט מען געדאַרפט אַלץ „אַרויסלייגן". דער סעקרעטאַר האָט געזען מיין פאַרלעגנהייט, האָט ער גלייך געפרעגט: פון דאָרט? וועלכער פּונקט? אַכט און פופציק צען און עלף. דאָרט אין ביבליאָ־טעק גיט אים אָנקעטעס, זאָל ער אויספילן. און מיר — איר וועט אָנשרייבן אַ קורצע אויטאָביאָגראַפיע, איר וועט אַלץ אָפּגעבן אונדז מיט צוויי פאָטאָגראַ־פיעס אייערע.

אין אַלע אַנשטאַלטן האָט מען געמוזט שרייבן ביאָגראַפיעס. שטענדיק איז דאָס פאַר מיר אַ פּיין, ווי גיין אויף לעבעדיקע קוילן. איך האָב אַזוי פיל מאָל געביטן די ערטער, מיין באַשעפטיקונג, און איך האָב געמוזט געדענקען די דאַטע, ווען אָנגענומען געוואָרן ערגעץ אויף אַרבעט, ווען באַפרייט פון דאָרט. די יאָרן, די דאַטעס... נאָך מער, די אַרבעט אין פּאַרטיי פּועלי־ציון איז געווען שווער אַרויסצושרייבן. כ'האָב אַלץ אַרומגעצופּט, אויסגעשטעלט אַלץ מיט דער הילף פון רחלען און געוואָרן דער ביבליאָגראַף פון פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. די ערשטע אַרבעט מיינע איז געווען: צום דרייסיקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע האָב איך געדאַרפט צוזאַמענשטעלן אַ פּלאַן פון אַן אויסשטעלונג און איינאָרדענען די אויסשטעלונג. אין מיין רשות איז דער קינסטלער פון אינסטיטוט, דער גאַנצער פאָנד פון ביבליאָטעק און אַ גרויסער זאַל.

העכער אַ חודש האָב איך באַאַרבעט מאַטעריאַלן, געמאַכט אַן אויסשטעלונג, אַז „גאָט און לייט" האָבן זיך געקענט פרייען. אַלץ כדת וכדין מיט מאַרקס, ענגעלס, לענין, סטאַלין, וו.ק.פּ.(ב).

דער געלערנטער סעקרעטאַר, אַליין אַ ווייסרוס, האָט איין מאָל אין קאַבינעט „אויג אויף אויג" מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס וועגן פּועלי־ציוניזם. ער איז גע־ווען אַן עלטערער מענטש און געהערט וועגן „בונד". געלייענט ביי לענינען וועגן יידישן „בונד", נאָר וועגן „פּועלי־ציון" האָט ער נישט קיין פאַרשטעלונג. ער האָט מיך געבעטן אים דערקלערן די פּראָגראַם. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אפשר איז עס נישט גלאַטיק. מען וויל מיר אפשר אונטערשטעלן אַ פיסל. ער האָט מיך באַרויִקט, אַ געלערנטער סעקרעטאַר מעג אויך פרעגן אויב ער ווייסט נישט. איך האָב אים דערציילט אַ שטיקל געשיכטע פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון, דער אונטערשייד צווישן פּועלי־ציון און „בונד", וועגן די באַראָ־

כאָװ־באַטאַליאָנען אין 1918—1919. װעגן דעם האָט ער גראָד געהערט, ער איז דעמאָלט געװען אין װײַסרוסלאַנד, װען זײ האָבן זיך פאַרמירט.

ער האָט מיך אײַנגעלאָדן אױפן באַנקעט פון די אינסטיטוט־מיטאַרבעטער לכבוד דעם צװאַנציקיעריקן יובל פון דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע.

יום־טובדיק...

מיר (איך און רחל) האָבן זיך דערפילט יום־טובדיק דערהױבן. טישן געדעקט מיט שנײ־װײַסע טישטעכער, באַשטעלט מיט װײַנען און אַלערלײ מאכלים. אַרום זענען געזעסן אַלע פּראָפעסאָרן און די מיטאַרבעטער, אַלע פון פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אױך אײַנגעלאַדענע געסט. פּאָר געװעזענע, ערשט נעכטן „זעקאַ", איז אַזאַ יום־טובדיקער „הײַנט" געװען װי לעקעך געטונקען אין האָניק.

אױפן באַנקעט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיטאַרבעטערין פון אינסטיטוט, אױך אַ „געװעזענע", װאָרטמאַן. זי איז געװען אַ באַקאַנטע פון רבקה רובין (די באַװוּסטע ליטעראַטור־קריטיקערין). װאָרטסמאַן האָט מיר געשאָנקען אַ קינדער־זאַמלונג, צונױפגעשטעלט פון שלום־עליכמס װערק דורך װאָרטסמאַן און רבקה רובין. בײַ װאָרטמאַן האָב איך זיך דערװוּסט װעגן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, װעגן דער צײַטונג „אײניקײט".

בײַ װאָרטמאַן האָב איך זיך צום ערשטן מאָל, נאָך צען יאָר, װידער באַגעגנט מיטן יידישן װאָרט. מיר האָבן װײניק גערעדט װעגן דער דורכגעגאַנגענער כװאַליע. מיר האָבן מער גערעדט שװײַגנדיק. מיר האָבן נישט באַזונדערס געגלײבט, אַז אַלץ איז שױן דורך. מיר האָבן באַװוּנדערט עמנואל קאַזאַקעװיטש, װאָס איז פון אַ יידישן װײניק־באַװוּסטן פּאָעט געװאָרן מיט אַ מאָל באַרימט און באַװוּסט מיט זײַן „שטערן" אױף רוסיש.

אין ביבליאָטעק האָב איך אומגעריכט געפונען אַן אַלטן בוך — די רוסישע אױסגאַבע „די יידישע מלחמות פון יוסף פלאַװיוס". איך מיט רחלען האָבן זיך געענומען צוריק צו „יידישקײט". מיר האָבן דורכגעלײענט יוסף פלאַװיוס און פיל פראַגן זענען אױפגעשװוּמען. צי האָט אַלץ פון דער פאַרגאַנגענהײט געמוזט זײַן אַזױ און נישט אַנדערש? צי האָט די געשיכטע מעגלעכקײטן פון אױסװאַל? צי איז דער מענטש דער יחיד און די מענטשהײט קאָלעקטיװ בכוח צו באַשטימען פאַר זיך אַזאַ אָדער אַן אַנדערן װעג צו דער צוקונפט? צי האָבן געמוזט זײַן די יידישע מלחמות? צי האָבן זײ געמוזט פירן צום חורבן? צי איז יוסף בן מתתיהו אַ בוגד (פאַררעטער)? צי איז זײַן זעלבסטמאָרד געװען בײַטיקער װי זײַן געשיכטע? ראָל פון מאָראַל אין דער דער געשיכטע? צי װעלן מיר נאָך דערלעבן

די צייט ווען מען וועט משפטן סטאַלינען? די לעצטע פראַגע האָט נישט געטאָרט הערן אַפילו דער אייגענער אויער.

דערווייל איז ער געווען דער שופט, דער לערער און דער טאַטע. אַ גאָט, אַ „נותן חיים לכל חי" און טאַקע אויך אַ לוקח חיים מכל חי. מ'האָט געמוזט זאָגן סטאַלין נתן וסטאַלין לקח יהיה שם סטאַלין מבורך מעתה ועד עולם". „סטאַלין און זיין משפט איז גערעכט".

הונדערט יאָר איז געוואָרן אין 1948 זינט ס'איז דערשינען „דער קאָמוניס־טישער מאַניפעסט". האָט מען אומעטום געמאַכט אויסשטעלונגען. מ'האָט דאָך געמוזט האָבן סטאַלינס אַ ציטאַט, האָט עמעצער אָנגעגעבן אין סטאַלינס נאָמען אַ ציטאַט: „דער ,קאָמוניסטישער מאַניפעסט' איז דער שיר השירים פון קאָמו־ניזם". שיין און קורץ, כאָטש נעם און מאַליעווע גלייך אויף פאַפיר. האָט מען דאָך מיך געלערנט, אַז מען דאַרף באַווייזן דעם מקור, ווו און ווען האָט דאָס סטאַלין געזאָגט? ווו איז עס געשריבן שוואַרץ אויף ווייס? איך האָב עס אין ערגעץ נישט געפונען! אין דער אַרכאַנגעלסקער עפנטלעכער מלוכישער ביבליאָ־טעק האָט דער הויפט־ביבליאָגראַף אויף מיין פראַגע אין פאַרלעגנהייט געענט־פערט, אַז מסתמא האָט ער דאָס געזאָגט מינדלעך. „דאָס איז זיין סטיל"... „תורה שבעל־פה"...

דעם ערשטן אַפריל האָט מען מיך באַפרייט פון דער אַרבעט, ווייל דער פעדאַגאָגישער אינסטיטוט האָט נישט געהאַט פאַר מיין געהאַלט קיין בודזשעט...

איך בין איבערגעגאַנגען אויף ביבליאָגראַפישער אַרבעט אין דער ביבליאָ־טעק פון מעדיצינישן אינסטיטוט.

אַ מינוס אין מאָסקווע

כאָטש כ'האָב געקרענקט און געוואַלגערט זיך אין שפּיטאָל אַ סך צייט, בין איך דאָך געווען אַ קליינער מבין אין דער מעדיצינישער ליטעראַטור. האָט מיר דער געלערנטער סעקרעטאַר פון אַרכאַנגעלסקער מעדיצינישן אינסטיטוט געגעבן אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין מאָסקווע, מיך באַזאָרגט מיט גענוג געלט, איך זאָל קענען זיצן וויפל צייט מען וועט דאַרפן אין דער צענטראַלער מעדיצינישער ביבליאָטעק און אויסלערנען די סיסטעמאַטיזאַציע און קלאַסיפיקאַציע פון די קאַטאַלאָגן.

פון לענינגראַדער בלאָקאַדע האָט רחלס אַ קוזינע איינגעהיט פאַר מיר אַ קאָס־טיום, וואָס כ'האָב מיר אויפגענייט אין 1936. האָב איך אים איצט אָנגעטאָן, זיך יום־טובדיק אויסגעפוצט מיט אַ נייעם האַלדזטוך... אַ ווילדע פרייד האָט

מיך באַהערשט: עפּעס אַ קלייניקייט — מאָסקווע. „עפּעס" האָב איך דאָך דאָרט געלאָזן, אַ גאַנץ גרויסן „עפּעס" — אַ שטיק פון מיין יוגנט.

אין אַ געהויבענער שטימונג בין איך איצט אַריין צו אַקטיאַבערן, פּיוּולס זון. כ׳האָב געמיינט, אַז ער וועט שוין איצט אויפנעמען אַנדערש זיין פּעטער, שוין נישט קיין „זעקאַ", נאָר אַ סאָוועטישער ביבליאָגראַף. ער איז אָבער געווען פאַרסמט פון דער סטאַלינישער דאָקטרינע; ער האָט גאַנץ קאַלטבלוטיק מיר דערקלערט, אַז „די ראַטנמאַכט נוצט אויס אַפילו אירע שונאים". איך בין אַוועק פון אים און געפּרווּווט זיך איינאָרדענען אין איינפאַרהויז פון דער צענטראַלער מעדיצינישער ביבליאָטעק לויט מיין קאָמאַנדיראָווקע, אָבער ווען דער פאַרוואַל־טער פון איינפאַרהויז האָט דערלאַנגט אין מיליציע אויף צושרייבן מיין דאָקו־מענט אַלס קאָמאַנדירטער, האָט מען ביי אים אָפּגענומען דעם דאָקומענט און געהייסן מיך צושיקן צו זיי. די מיליציע האָט מיר צוריק געגעבן מיין דאָקומענט און „העפלעך געבעטן" מיך „אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום זאָל מיין פוס נישט זיין אין מאָסקווע". איך האָב זיך געדרייט אין מאָסקווע פיל מער. גענעכ־טיקט אויפן וואָקזאַל מיט אַ גרייטן בילעט. איך בין אַרומגעגאַנגען אַ היימ־לאָזער, פאַרוואָרלאָזטער אין מיין אַלטער היים. געצערטלט מיט די אויגן אונדזער געוועזענעם באַראַכאָוו־קלוב, לוביאַנקע־געסל נומ. 2, ווו ס׳איז פאַרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון יוגנט־פּועלי־ציון־פאַרבאַנד, זיך צוגערירט צו דער רויטער ציגלנער וואַנט פונעם לעצטן באַראַכאָוו־קלוב אויף פּסקאָווסקע געסל 7/9, ווו ס׳איז פאַרגעקומען אונדזער לעצטע מײַ־פייערונג פון 1928, ווען דער פּולער זאַל מיט חברים האָט געזונגען די ווערטער פון מיין ליד:

„צינדט זיך זון אין רויטע פלאַמען,
שוואַרצע נאַכט אַנטלויפט פאַר טאָג.
מזרח, מערב, צפון, דרום,
קלינגט און רופט דער פרייהייטס־גלאָק!"...

אַן איינזאַמער צווישן מיליאָנען. ווו זענען מיינע חברים? כ׳האָב מורא גיין זוכן עמעצן פון די פאַרבליבענע. אין די דירות פון אַרויסגעשיקטע און דעפּרע־סירטע וווינען שוין געוויס „כשרע, אייגענע", וואָס וועלן זיך גלייך „אינטערע־סירן" מיט מיר.

אין פאַרלאַג „עמעס" בין איך געגאַנגען זיך דערוויסן וועגן מיין כתב־יד „די וואַריאַנטן פון מענדעלעס ,קליאַטשע׳", וואָס כ׳האָב איבערגעגעבן פאַר דער מענדעלע־אויסגאַבע פון פאַרלאַג נאָך אין 1936 דורך אהרון גורשטיין. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער מלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק א.נ. סאַלטיקאָוו־שטשעדרין אין לענינגראַד. אהרון גורשטיין האָט זיך

באַשעפּטיקט ביי אונדז מיט עפּעס אַ פאַרשונג. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אהרון גורשטיין איז געפאַלן אין דער מלחמה. דאָרט האָב איך געטראָפן אליהו פאַלקאָ־וויטש און איך בין געוווּיר געוואָרן, אַז אונדזער אַלטער יוגנט־חבר הערשל פאַל־קאָוויטש לעבט אין אופאַ.

איך בין אויך געגאַנגען אויף מאַלאַיאַ בראָנאַיאַ כדי זיך צו באַגריסן מיט מיין אַלטן פריינד, מיטן „גאָסעט". כ'האָב אויך אַ קוק געטאָן מיט האַרצווייטיק אויף דעם הויז, וווּ מיר האָבן געוווינט מיט מלכהן. מיין לעצטער צימער 1928 אין מאָסקווע האָט זיך געפונען אויף באַלשאַיאַ דמיטראָווקאַ קעגן דעם אינסטיטוט פון מאַרקס און ענגעלס, וואָס האָט איצט גערופן זיך „אינסטיטוט פון מאַרקס־ענגעלס־לענין־סטאַלין". די אַמאָליקע רוסישע גוטהאַרציקע, גאַסטפריינדלעכע מאָסקווע האָט איצט אויסגעזען פאַר מיר ווי אַן אויפגעקומענע נגידה, וואָס בלאָזט פון זיך, לאָזט זיך נישט דערקענען.

כ'האָב פאַרלאָזן די מאָסקווער הימלען און צוריקגעקערט זיך אויף דער אַרכאַנגלעסקער ערד...

*

אין מאָסקווער צענטראַלער מעדיצינישער ביבליאָטעק האָב איך גאַנץ אויי־בערפלעכלעך אויסגעלערנט דעם גרונט־פּרינציפּ פון קלאַסיפיצירן די מעדיצינישע ליטעראַטור:

„די קראַנקייט, איר קליניק און איר היילונג".

לויטן פאָרשלאָג פון געלערנטן סעקרעטאַר האָב איך געלייענט אויף דער וויסנשאַפטלעכער סעסיע פון אינסטיטוט אַ קורצן רעפעראַט „וועגן דער סיסטע־מאַטיזאַציע און קלאַסיפיקאַציע פון דער מעדיצינישער ליטעראַטור".

*

צי בין איך געווען אַ שונא און מ'האָט מיך „אויסגענוצט?" ניין. נישט יענץ און נישט דאָס! איך האָב געטאָן אַלץ לשמה! אָבער „את חטאי אני מזכיר היום": ווען איך האָב אין אויסשטעלונגען און רעקאָמענדיר־צעטלען אַרויסגערוקט מיט יראת־הכבוד סטאַלינען, איז דאָס האַרץ געווען נישט דערביי. ס'איז נישט געווען אין האַרצן זיין „כבוד", נאָר זיין „יראה". גערעכט איז געווען משה גערטשיקאָוו ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך טו אַן עבודה זרה!

דער ציוניסטישער פרילינג אין אַרכאַנגעלסק

איך האָב דורך דער „אייניקייט" געמאַכט אַ פּרוּוו זיך צו דערוויסן עפּעס

וועגן מיינע שוועסטער און ברידער אין פוילן און אין ליטע, נאָר אָן רעזולטאַטן. ווייטער פונאַנדערפרעגן האָב איך מורא געהאַט. ס׳איז דאָך עפּעס „אויסלאַנד״, געוועזענע צי איצטיקע, אַלץ איינס קען מען זיך צוטשעפּען. ווער ס׳האָט געהאַט אָדער האָט קרובים אין אויסלאַנד איז אונטער אַ חשד!

פּלוצעם האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן אין אויסלאַנד נישט נאָר קרובים, מיר האָבן אַן אייגענע מדינה! די סאָוועטישע ראַדיאָ האָט וועגן דעם געמאָלדן פייערלעך. וויאַטשעסלאַוו מיכאַילאָוויטש מאָלאָטאָוו האָט באַגריסט. אין די צייטונגען האָט מען געדרוקט די רעדעס פון גראָמיקאָ און צאַראַפּקין. פון זיי האָט געשמעקט מיט ציוניזם.

אין אינסטיטוט זענען צו מיר צוגעגאַנגען אייניקע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, וועגן וועלכע כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז זיי זענען יידן, געדריקט די האַנט און אַפילו געמאַכט בקול רם „שהחיינו״. אייגער, זאַסלאַווסקי, האָט מיך אַרומגענומען מיט גרויס פרייד. אין יענע טעג האָבן מיר זיך גראָד געטראָפן מיט באָריס ציבולניק, דעם געוועזענעם צעקיסט פון „יוגנט־פועלי־ציון״. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט; ער איז געווען זייער אומעטיק, כאָטש ער האָט געהאַט אַ „פריילעכע״ באַשעפטיקונג. ער האָט געשפּילט פידל אין פאָיע פון אַ קינאָ און אין רעסטאָראַן פון „דאָם קרעסטיאַנינאַ״. וועגן מדינת־ישראל האָבן מיר וויניק גערעדט. ער איז געווען פאַרזאָרגט איבער די אַראַבער און די ענגלענדער. אין דער צייט פון אונדזער קורצן געשפּרעך האָט יעדער איינער געהאַט דאָס געפיל פון מורא: טאָמער שטייט נישט עמעצער הינטער די פּלייצעס. ער איז אויך ערשט גאָר נישט לאַנג אַרויס פון לאַגער, אויך נאָך „צען יאָר״. מיר האָבן זיך אַליין געפרעגט, וואָס הייסט עס? נאָר וואָס האָט מען אונדז שווער באַשטראָפט פאַר דעם זעלבן ציוניזם. מיר זענען געווען פאַרוווּנדערט און דערפרייט. יידן אומבאַקאַנטע האָבן זיך באַגעגנט מיט אויפגעלויכטענע אויגן. אַ ציוניסטישער פרילינג אין ראַטנפאַרבאַנד. די „אייניקייט״ באַגריסט דעם ערשטן ישראל־פּרעזידענט חיים ווייצמאַן. יידישע מיליטער־לייט, אָפיצערן און מיליטער־דאָקטוירים רייסן זיך קיין מדינת ישראל זיך איינצושליסן אין די מחנות באַשיצער פון פאָטערלאַנד. אויך אונדזער בן־ציון האָט געוואָלט פאָרן, נאָר מ׳האָט אים, ווי אויך אַ סך אַנדערע, נישט געלאָזן... מיר האָבן אַפילו מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם. ס׳איז געווען פאַר אונדז אַזוי אומגלייבלעך ווייט. אַ לעגענדע אויף דער וואָר. מיר זענען געווען „אויפן זיבעטן הימל״. דאָרט איז דאָך נישטאָ קיין „מינוס״ פאַר מענטשן מיט פאַנטאַזיע. אַזוי האָט זיך אונדז געדאַכט. אין גיכן האָט זיך דער זיבעטער הימל פאַרמאַכט פאַר אונדז. אויף דער זינדיקער ערד האָט געוואַרט אויף אונדז אַ באַפעל, אַ טרוקענער, אַ האַרטער: לך־לך!״

גירוש אַרכאַנגעלסק

„דער מענטש באַשטייט פון אַ גוף, אַ נשמה און אַ פּאַספּאָרט". אין צאַרישע צייטן האָט מען געוווּסט, אַז דער גוף און די נשמה איז פון גאָט; דער פּאַספּאָרט איז פון דער פּאָליציי.

סטאַלין האָט אָפּגעשאַפן גאָט און כולל געווען אַלץ אין איין „פּאָליצייִשן פּאַספּאָרט" (כרושטשאָווס אויסדרוק). דער פּאַספּאָרט איז די סאָוועטישע קאָנפּיר־מאַציע. האָט דער פּאַספּאָרט אַ „מינוס", איז אויס מענטש.

אַזאַ מין באַשעפעניש קען מען טרייבן ווי אַ בלאָנקענדיקן הונט, אָן ברויט און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. קיינער טראָגט נישט קיין אַחריות פאַר זיין קיום. האָט מען אונדז געמאָלדן שריפטלעך, אַז אין משך פון צען טעג זאָלן מיר פאַר־לאָזן אַרכאַנגעלסק און זיך געפינען אָן אָרט אויף דער געאָגראַפישער קאַרטע פון ראַטנפאַרבאַנד — עפּעס אַ פּונקט, ווו מען וועט קענען צושרייבן אַ פּאַספּאָרט מיט אַ מינוס.

אַ סך אין אַרכאַנגעלסק זענען געוואָרן אויס מענטשן און אַ סך אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען זענען געבליבן אָן מענטשן. עס זענען פאָרגעקומען פאַמי־ליען־דראַמעס און דראַמאַטישע ראָמאַנען. דער פּאַספּאָרט האָט צעריסן משפחות. ס'האָט געקענט פאַרבלייבן אין דער היים אָדער „ער" אָדער „זי". דער, ביי וועמען עס איז נישטאָ דער פּונקט 39. ווער קען דאָס באַשטימען ווען עס ווייטיקט אַ האַרץ, צי איז עס אַ דראַמע אָדער אַ טראַגעדיע. פאַרן האַרץ פון דער סאָציאַ־ליסטישער רעוואָלוציע — פאַרן יונגן דרייסיק־יעריקן ראַטנלאַנד איז דאָס געווען אַ טראַגעדיע פון אַ מאַמען, וואָס פּרעסט אויף אירע אייגענע קינדער.

דער לעצטער חודש פון פרילינג, אַפילו אין דעם קאַלטן צפון בלאָזט אַ וואַ־רעם דרום־ווינטל. ס'אַנטפּלעקן זיך פרישע ראָמאַנען, ווי פרישע געוויקסן נאָר וואָס אַרויסגעשפּאַרצט פון דער צעוואַרעמטער ערד. עס קומען אויף בליונגען פון ליבע, פאַרזייטע נאָך ווינטער, ביי וועמען עס צייטיקט שוין די פרוכט.

זיצט זי, מיין יונגע באַקאַנטע ביבליאָטעקאַרשע פון פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אין צימער פון איינעם אַ מיטאַרבעטער, וואָס קלייבט זיך אויף דער ווייסער וועלט זוכן אַ היים. איך בין געקומען צו אים זיך מיישב זיין „ווּהין" ?... דער „ווּהין" איז געווען ביי אונדז אַלעמען אָנגעשריבן אויף די פּנימער. אייגער ביים אַנדערן האָט געפרעגט מיט די אויגן איין פראַגע: „ווּהין" ? ער איז נישט גע־ווען אין דער היים. ס'איז שוין אויס „היים". ס'זענען אָנגעוואָרפן געפּעק, עס שטייען וואַליזקעס, פון די וועגט אַראָפּגענומענע פאַרוויקלטע לייוונטן (ער איז געווען אַ קינסטלער, אַ מאָלער). וועגט וועלן בענקען נאָך זיי פאַרשעמט און באַליידיקט.

וואָס טוט זי דאָ? דאַכט זיך, זי איז אַ פּאַרווייַנטע? זי זיצט אויף אַ ניי־דעריק פּאַנער־קעסטל מיט פּאַרבראָכענע הענט. אַזוי זיצט מען „שבעה". זי באַ־ווייזט מיר אַ לייוונט, זי וויל עפּעס זאָגן און צעיאָמערט זיך. איך שטער איר ניט. זאָל זי זיך אויסוויינען. זי וויקלט פונאַנדער דאָס לייוונט. אַ שלאַנקע זאַנג מיט אַ קעפּל גאָלדענע האָר. דאָס איז „זי"? זי שטייט איצט מיטן פּנים צו דער זון. אויסגעבלייכט, עטוואָס ווי אויפגעלאָפן די באַקן און די ליפּן. זי קוקט מיך אָן ווי אַ זון נאָך אַ רעגן. „מען דערקענט?" זי קוקט אויף זיך פון אונטן אַרויף. נייַן... „שוין נישט דאָס!" איך באַמערק איצט דאָס וואָס אַ מאַנסביל דאַרף נישט באַמערקן. ער איז נישט שולדיק, זי איז אַליין שולדיק, זי איז זיך מודה אָפּנ־האַרציק. זי האָט נישט געגנבעט ביי קיינעם. דער קינסטלער איז דער איינציקער מאַנסביל וואָס האָט זי דערזען און דערפילט. ער האָט ליב געקריגן דעם אָריגי־נאַל פון דעם בילד. יעדע באַוועגונג פון זיין האַנט אויפן לייוונט האָט ווי גע־צערטלט איר אייגן לייב. זיין פרוי האָט שוין אָפּגעגעבן אַלץ וואָס זי האָט גע־קענט, מער האָט ער נישט געהאַט וואָס צו נעמען. קיין ליבע איז צווישן זיי נישט געווען. זיין פרוי האָט איר אַליין אָפּגעטרעטן דאָס אָפּגעקילטע היימישע ווינקל.

איצט... איצט... (זי וויינט שוין ווידער) איצט... איצט. דער קאָפּ קען גאָר נישט טראַכטן... זי קען דאָך נישט אַנהענגען זיך אויף זיינע פּלייצעס. ער דאַרף דאָך ערשט זוכן אַ נעסט פאַר דעם פייגעלע (זי טוט זיך אַ לייכטן גלעט איבערן בויך). בלייבן דאָ אין דער היים? טאַטע־מאַמע, דער קאָלעקטיוו אין ביבליאָטעק — אַלע וועלן לייגן שטיינער אויפן האַרצן. ער וועט זיך געפינען אַ צימער מיט אַ האַלב בעט... זי גלייבט אים, אָבער ער קען איר איצט גאָרנישט זאָגן! איך האָב איר איצט אויך גאָרנישט געקענט זאָגן. איך האָב זיך מיט איר געזעגנט. וואָס איז געווען מיט זיי ווייס איך נישט. זעלטן ווען אַ גוטער ראָמאַן ענדיקט זיך גוט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין אַוועק דער ערשטער אַליין זוכן אַ ווינקל. דערנאָך וועט צו מיר אין ווינקל קומען רחל. אין צוג האָבן ווידער שטאָלענע כלי־זמרים מיר געשפּילט ניגונים און איבער אַלע ניגונים מיין ניגון — דעם „גלות־מאַרש" פון מאָריס ראָזענפעלד:

מיטן וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד,
אָן אַ גואל, אָן אַ פריינד,
אָן אַ „מאָרגן", אָן אַ „היינט"...

— — — — — — — — — — —

איך האָב געפֿונען אַ גרויס־דאָרפֿישע שטאָט פּענזאַ. ס'איז געקומען צו מיר רחל... דאָ האָבן מיר געהאַט אַ קליינעם אָטעם־איבעררײַס פֿאַר אַ נייעם לאַנגן „נע־ונד".

גירוש סיביר

נאָך צען יאָר לעבן־אויפֿנעמען שפּאַלערקע, קרעסטי, קאָלימאַ, ווייטער מזרח אַרבעט אין בוראַנען, שניי־שטורעמס, פֿרעסט ביז זיבעציק גראַד מיט אָפּגעפֿרוירענע אברים, מיט צינגאַ, מיט הונגער אין די טאָלן פֿון טויט, האָט מען מיר געגעבן „פֿרייהייט" מיט אַ „וואָלפֿישן פּאַספּאָרט".

נאָך צען יאָר צעשיידונג האָבן מיר, איך און מײַן פֿרוי, רחל מאַכלינאַ, זיך ווידער געטראָפֿן אין אַרכאַנגעלסק, וווּהין זי איז געקומען פֿון אירע לאַגערן.

פֿאַר די צען יאָר בין איך געוואָרן אַן אינוואַליד פֿון דער ערשטער גרופּע. געקראָכן קוים מיט אַ שטעקן. נאָך שווערע אָפּעראַציעס אין קלינישן שפּיטאָל ביים אַרכאַנגעלסקער מעדיצינישן אינסטיטוט, בין איך אָנגעקומען אויף אַרבעט אַלס עלטסטער ביבליאָגראַף אין די ביבליאָטעקן פֿון אַרכאַנגעלסקער פּעדאַגאָגישן און דערנאָך מעדיצינישן אינסטיטוט. אַרכאַנגעלסק האָט געהאַט אַ טראַדיציע פֿון פֿאַרשיקטע נאָך מימי־הצאר. זי איז געווען פֿול מיט „אָפּגעזעסענע" און מיט „געוועזענע". די עלטערע אינטעליגענץ, אָנפֿירער פֿון אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען, זענען געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט. זיי האָבן דאָס אויסגעדריקט אין זייער סימפּאַטיע צו אונדז, „אָפּגעקומענע", האָבן אונדז געגעבן אַרבעט און גוטע באַדינגונגען.

אין אַ טאָג — אַ שניי מיט אַ רעגן מיט אַ זון. אונדזער הייזעריקע ראַדיאָ האָט אָנגעזאָגט די בשורה וועגן דער גרינדונג פֿון מדינת־ישראל. אין אינסטיטוט האָבן זיך די ייִדישע פּראָפֿעסאָרן, אַ קליין הייפֿעלע, צונויפֿגענומען אין בופֿעט, זיך געדריקט די הענט, געמאַכט „שהחיינו". אָבער אויף אונדז איז נאָך געלעגן די שרעק, מיר האָבן זיך שטום געדריקט די הענט, זיך געווונטשן „לשנה הבאה בירושלים". אָבער...

נישט לאַנג האָבן מיר גענאָסן פֿון דער „פֿרייהייט". פֿון אַרכאַנגעלסק האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן.

מיר האָבן קוים געפֿונען אַ מקום מקלט אין פּענזאַ. מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל נאָך די צען יאָר דערזען ייִדן, געהערט אַ כל־נדרי אין אַ קליין שולעכל. דאָ האָט אָבער די ישיבה של מעלה אונדז געחתמעט אַ „נייעם" גורל. ווידער

אַרעסטירט (מיך שוין דאָס דריטע מאָל), אונדזערע בעבעכעס איבערגעשריבן און אונדז ווידער צעשיידט אין באַזונדערע קאַמערן אין פענזער טורמע. ווידער „דאָ־פּראָסן", ווידער נעכט נישט דערשלאָפּענע, טעג נישט דערעסענע. פאַר וואָס? פאַר וועלכע זינד? — יאַקאָוולעוו (גראָד נישט קיין שלעכטער מענטש), דער סלעדאָוואַטעל, האָט אויף דער פראַגע געענטפערט מיט אַ פראַגע: איר זענט אָפּ־געזעסן צען יאָר? יאָ, פאַר וואָס? איר זענט געווען דער אָנפירער פון אַ ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע „פועלי־ציון"? יאָ, געווען, נו, און וואָס איצט? — איצט וועלן מיר זוכן, וועלן מיר נאָך געפינען! — סוף כל סוף האָט ער מיר מיט מיין פרוי איינגעאָרדנט אַ „סווידאַניע" ביי זיך אין קאַבינעט און זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז דאָ נישט שולדיק, ס'איז געווען אַ באַפעל אונדז צו אַרעסטירן.

אַ האַלב יאָר אין פענזער טורמע האָט מען געזוכט פאַר אונדז „זינד". ענדלעך האָט מען אונדז שטרענג בסוד (צו די אייגענע פענזער האָט מען נישט דערלאָזט קיין קרובים) פון „טעמפע ווינקעלעך" אויף די באַן־ליניעס געפירט אין סטאָ־ליפּין־וואַגאָנעס אויפן „עטאַפּ". ברויט בצימצום, וואַסער בצימצום, לופט בצימ־צום. נישט געווען ווו אויסצוציען אַ פוס, געשלאָפן זיצנדיק. אין סיזראַן האָט מען אַריינגעשטופּט עפּעס איינעם אַ דייטשישן פאַשיסטל. נישט געווען ווו זיך אַהינצוטאָן, האָט ער זיך „צוגעזעצט" שלאָפן צו מיר אויף די קני. ס'איז געווען ווי צו מיר וואָלט זיך צוגערוקט אַ מיאוסער שרץ. איך האָב געפּרוּווט פּראָטעס־טירן, „זשאַלעווען" זיך, באַקלאָגן זיך פאַר אונדזער שומר פון קאָנוואָי, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ מתנת־יד מיט אַלע פינף פינגער: „פאַר מיר זייט איר אַלע פאַשיסטן, אי ניקאַקיך!"

צום גרויסן וווּנדער האָט דער דאָזיקער פאַשיסטל אין דער פרי אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ „שפּיל", כדי זיך צו פאַרוויילן — אַ שאַכטל מיט פּירקאַנטיקע קלעצעלעך. פון די קוביקעס האָט ער צונויפגעלייגט אַ האַקן־קרייץ אין פאַרשיי־דענע קאָלירן... איך האָב געקוקט אויף זיינע פינגער, וואָס לייגן צונויף דעם עמבלעם פון בלוט און שאַנד. אַ שרעק און אַן עקל האָט מיך דורכגענומען. כ'האָב איין מאָל געפּרוּווט דערשטיקן אין זיך דעם דאָזיקן ווידערגעפיל און אים גע־פרעגט, ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט מאָרדן און פאַרגיסן בלוט פון אַלטע לייט, פרויען און קינדער? ער האָט גאַנץ רויִק געענטפערט: „דאָס איסט איינע פרעכע ליגע. דומהייט און שווינדעל, וויר האָבן קיינע יודען ערמאָרדעט!"

אַ פּאָר חדשים האָט מען אונדז געפירט איבער טורמעס און לאַגערן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן גאַנצן טראַקט פון צענטראַל־רוסלאַנד, פענזאַ־סאַמאַראַ (קויבישעוו) — טשעליאַבינסק, טאָבאָלסק, נאָוואָסיבירסק, קראַסנאָיאַרסק. אומע־טום האָבן מיר אויף די תפיסה־ווענט, צוזאַמען מיט די פלעקן פון צעקוועטשטע וואַנצן, געלייענט אויסגעקריצטע נעמען פון אַרעסטאַנטן, וואָס זענען דורכגעגאַנ־

געגן די טורמעס. לעבן יעדן נאָמען — דער טערמין, אויף וויפל יאָר פאַרמשפט — אָנגעהויבן פון אַכט ביז פינף און צוואַנציק.

איך האָב באַגעגנט אויך לעבעדיקע, פאַרמשפטע אויף פינף און צוואַנציק יאָר. מיט איינעם אַ רוסישן אינזשעניער ספּאַסקי פון סאַראַפּאָל האָב איך צעטיילט מיין קישן נאָך אין לענינגראַד אויף דער „שפּאַלערקע". מיט אַ צווייטן האָב איך זיך באַגעגנט אויפן עטאַפּ אין איינער אַ „פּערעסילקע" (איבערזידלונגס־טורמע). דאָס איז געווען אַן אַרמענער. ער איז געווען נאָך אין צאַרישן אונטערערד, אַ סאָציאַליסט. בשעתו איז ער געווען אַ דעפּוטאַט אין ערשטן אַרמענישן נאָך־רע־וואָלוציאָנערן פּאַרלאַמענט. אַרויסגעטרעטן קעגן אָפּגעבן די טערקן קאַרס און ערזערום,ביידע אַרמענישע שטעט, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די רוסן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דערנאָך האָט סאָוועט־רוסלאַנד אויפן חשבון פון אַרמעניען באַצאָלט מיט זיי די טערקן פאַר אַ פריינדשאַפטס־אָפּמאַך (1921). ער איז געווען אַ קאָמוניסט. ווען ער האָט פון מיר געהערט וועגן באַראַ־כאָוון, האָט ער זיך דערקלערט פאַר אַן אַרמענישן באָראָכאָוויסט. ער האָט אָנגע־רופן די „קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע", וואָס מ'האָט שטודירט אין די אומלעגאַלע קרייזלעך פון די אַרמענישע סאָציאַליסטן.

מ'האָט אים באַשולדיקט אַז ער איז אַ טוער אין דער באַוועגונג פון „אַר־מעניען השלמה" — פאַראייניקן דאָס סאָוועטישע און טערקישע אַרמעניען אין אַן אומאָפּהענגיקער מדינה.

די ערשטע סטאַנציע פון אונדזער עטאַפּ איז געווען קויבישעוו, געוועזענע סאַמאַראַ. דאָס איז אין די קריטישע מלחמה־טעג, ווען די דייטשן זענען צוגע־גאַנגען צו מאָסקווע, געווען די פאַקטישע הויפּטשטאָט. דאָ האָבן זיך געפונען אַלע רעגירונגס־ אַנשטאַלטן און די וואַקואירטע רעגירונגס־צענטראַלע. מ'האָט אונדז געפירט אין אָפענע לאַסט־מאַשינעס, די גאַסן האָבן אויסגעזען ווי אין אַ טיפּיעשער רוסישער גובערניאַלער שטאָט. מ'האָט אונדז צוגעפירט צו דער וואָלגאַ, ווו ס'האָט זיך געבויט די באַרימטע קויבישעווער עלעקטראָסטאַנציע. עפּעס אין אַ פאַרצוימטן תחום האָט מען אונדז „אויסגעפּאַקט". דאָ בין איך פּטור געוואָרן פון דעם פרעכן דייטשל. אים האָט מען אַ פּנים אָפּגעפירט אין אַ מער „געהויבענעם" אָרט. אונדז האָט מען איינגעקוואַרטירט אין אַ הילצערנעם איינשטאָקיקן באַראַק. צו דער צייט האָט מען אַהינצו געבראַכט אַ גרופּע פרויען און אויף איין סעקונדע האָבן מיר מיט רחלען זיך איבערגעשמייכלט.

בלויז אַ הילצערן ווענטל האָט אָפּגעטיילט די פרויען פון די מענער. אין אַ ווינקל איז געווען אַ לאָך — דאָס איז געווען דער „טעלעפאָן". שטענדיק איז דאָרט געווען אַ רייע. דורך דעם „טעלעפאָן" האָב איך דעם 1טן אַפּריל צום גע־בורטסטאָג פון רחלען איבערגעגעבן מיין געדיכט. דאָס געדיכט האָט איבערגע־

זעצט אויף רוסיש מיין אַלטער באַקאַנטער פון קאַלימאַ, שמערלינג, מיט וועלכן מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט דאָ אין הילעצרנעם באַראַק. ס׳האָבן זיך גלייך געפונען נאָך מענער, וועלכע האָבן איבערגעשריבן דאָס ליד אין שמערלינגס רו־סישער איבערזעצונג פאַר זייערע ווייבער.

קוים צו לייענען, געשריבן מיט בליישטיפט אויף דעם אויסגעריבענעם גרויען פאַפיר האָט זיך ביי אונדז איינגעהיט דאָס געדיכט.

רחל האָט „טעלעפאָנירט״, אַז די פרויען האָבן איר אָנגעטאָן דעם כבוד, און צוזאַמען מיט אַ גרופּע פרויען וועט זי קומען צו אונדז וואַשן דעם דיל. אונטער דער שטרענגער השגחה פון אויפזעער האָבן די פרויען נישט געטאָרט אויסריידן קיין איין וואָרט מיט די מאַנסבילן, נאָר שווייגנדיק טאָן זייער שקראַבען און וואַשן. מיר מיט רחלען האָבן פון דעסט וועגן געהאַט אַ בליצגעשפּרעך מיט די אויגן.

אין קויבישעוו זענען מיר געווען עטלעכע וואָכן. אויף די נאַרעס זענען מיט מיר געלעגן ביי דער רעכטער זייט אַ מאָנאַך און ביי דער לינקער — יאַמין, אַ ייד אַ קירזשנער, דער בעסטער קירזשנער פון פּענזע. ער האָט מיר דערציילט, ווי ער האָט פאַר דער רעוואָלוציע זיך כלומרשט געשמדט און חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונעם בעל־הבית, ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט.ביים נעפּ האָט ער געהאַט אַ געשעפט אויף מאָסקאָווסקאַיאַ, די הויפּטגאַס פון פּענזע. איצט האָט ער אָן אמת יידיש ווייב און זי האָט אים אין טורמע אַריינגעשיקט אַ טלית און תפילין מיט אַ סידור. אַז ער וועט קומען אויפן אָרט, וועט זי קומען מיט געלט, און מ׳וועט קויפן אַ הויז אין סיביר. ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן.

דער מאָנאַך האָט מיט אונדז געשמועסט „דברי־תורה״. איך האָב זיך מיט אים מפלפל געווען אין תנ״ך און אין דער יעוואַנגעליע. סוף כל סוף האָט דער מאָנאַך מיר שטאַרק איינגערעדט, אַז אם ירצה השם, מ׳וועט אונדז באַפרייען, זאָל איך זיך שמדן און ער גאַראַנטירט מיר, אַז איך וועל קענען ווערן נישט ביי־דעריקער פון אַ פּראַטאָיערײַ.

יעדעס מאָל ווען מ׳האָט אונדז אַרויסגערופן צום עטאַפּ האָט יעדער פון אונדז געמאָלדן, אַז מיר זענען מאַן און ווייב, און געפאָדערט אונדז פאַראייניקן. אַזוי זענען מיר נאָך שווערע עטאַפּן אָנגעקומען קיין קראַסנאָיאַרסק. דאָ האָט מען אונדז אָנגעלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס און אָוועקגעפירט אין פאַרוואָרפענעם ראַיאָן פון באָלשאַיאַ מורטאַ. אין באָלשאַיאַ מורטאַ האָט מען אונדז אויסגעלאָדן און דער קאָנוואָי האָט אונדז איבערגעגעבן דער קאָמענדאַטור. דאָ האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל דערהערט, אַז מען רופט אונדז „טאָווארישטשי״. ביז דער מינוט האָבן מיר געהייסן „זעקאַ״ (זאַקליוטשאָניע״).

דער „גאַסטפריינדלעכער״ קאָמענדאַנט האָט אונדז קיין „פּאַיאָק״ נישט גע־געבן. מיר זענען דאָך שוין „פרייע״ — און אונדז איינגעלאָדן אויף נאַכטלעגער

אין פאַרמיסטיקטן הויף פון דער קאָמענדאַטור. ס׳איז געווען אין איינעם פון די מיַי־טעג. בייטאָג איז געווען הייס, אָבער די נעכט זענען געווען קאַלטע. זענען מיר „פרייע", הונגעריקע געלעגן אונטערן פרייען אויסגעשטערנטן הימל פון סיביר און געפּאַרשעט די מילי־מיליאָסן שטערן, געזוכט דעם „אייגענעם", וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אָדער קיין מאָל נישט געהאַט.

דערפרוירענע האָבן מיר זיך קוים דערוואַרט דעם פרימאָרגן. צו מאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער יאַריד. מען האָט אונדז אָנגעלאָדן אויף לאַסט־מאַשינען, וואָס ס׳האָבן געשיקט די פאַרשיידענע „סאָווכאָזן" אָפּצונעמען די „לעבעדיקע סחורה". אַזוי זענען מיר פאַרוואָרפן געוואָרן אין קראַסנאָיאַרסקי סאָווכאָז, וווּ ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן מיט עינויים קשים ביז... דער גרויסער נס איז געשען — דער „טאַטע" פון די פעלקער, דער געניאַלער „פירער" האָט פאַרמאַכט די אויגן.

אין סאָווכאָז „קראַסנאַיאַ גאָרקאַ"

דאָס איז געווען אַ באַזונדערע מדינה מיט אַן אייגענעם זעלבסטהערשער, — דער דירעקטאָר סמירנאָוו. ביי אים אין קאַבינעט האָט מען פונאַנדערגעטיילט די „אַרבעטסקראַפט" איבער די „אָביעקטן" — די באַזונדערע אָפּטיילונגען. די טעריטאָריע פון סאָווכאָז האָט זיך געצויגן צענדליקער קילאָמעטער. תבואה און פּאַשע־פעלדער, פעלדער פון קאַרטאָפל, קרויט און כל־מיני גרינס. ס׳איז אויך געווען פּי־צוכט און אַ מילך־ווירטשאַפט. די פּראָדוקציע פון „סאָווכאָז" איז געווען פאַר די פּאָליאַרניקעס פון ווייטן צפון.

ביים דירעקטאָר זענען געווען די פאַרוואַלטערס און בריגאַדירן פון די אָפּטיילונגען. יעדער פון זיי האָט געוואָלט וואָס מערער וואָס יונגער און געזונטער.

די „שקלא וטריא" ביים דירעקטאָר האָט אָנגעהאַלטן כמעט אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן הונגעריקע געוואַרט אין פאָדערצימער פון דירעקטאָר. קיין פרייער פאַרקויף פון פּראָדוקטן איז נישט געווען. ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן האָט מען פאַרקויפט לויט אַ רשימה. מיר זענען דאָך נישט געווען אין דער רשימה. אַפילו ווען מען זאָל קענען קויפן, האָבן מיר נישט געהאַט קיין פּרוטה ביי דער נשמה (רחלס ברודער, מיין שוואָגער, האָט אין צוויי טעג אַרום צוגעשיקט טעלעגראַפיש געלט). איבער אונדז האָט זיך דערבאַרעמט עפּעס אַ גרויע סיביר־יאַטשקע מיט אַ גרויסער משפחה. זי האָט געהאַט די טראַדיציעס פון די אַמאָליקע סיבירער תושבים (נאָך מימי הצאר) צו העלפן אַרעסטאַנטן. זי האָט אונדז אָנגעקאָרמעט. ביי איר האָבן מיר שפּעטער געגאַסטעט, ווען ס׳איז אונדז אויסגעקומען זיין אין סוואָכאָז, און געשלאָפן ביי איר אויף דער „פּאָלאַטי" ווינטערצייט.

אונדז האָט מען געשיקט אויף דער פערטער אָפּטיילונג. ערד און הימל, וואַלד און פעלד און אין מיטן אַ קנאַפּע צענדליק הילצערנע הייזלעך. די ערשטע עטלעכע וואָכן האָבן מיר געוווינט צוזאַמען מיט אַ דייטשקע פון די וואָלגער דייטשן. זי האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע קינדער. אַז מ'האָט זיי אַרויסגעטריבן פון דער רעפּובליק זייערער, זענען זיי אַ צייט געגאַנגען איבער די הייזער און געלעבט פון בעטל־ברויט. ביי איר האָבן מיר זיך אויסגעלערנט צוזאַמענקלייבן אין וואַלד גראָזן און מאַכן פון זיי אַ מאכל. ס'איז געווען אַן אַלגעמיינע קיך. ס'האָט געקאָכט איינער אַ כינעזער. די מיטיקן זענען געווען צו ווייניק אויף צו לעבן און צופיל אויף צו שטאַרבן. ברויט האָט מען געבראַכט פון סאָווכאָז, אָבער נישט שטענדיק איז אונדז אָנגעקומען, ווייל די ברויט־פירער פלעגן מאַכן פאַרשיידענע „קאָמביּנאַציעס".

די „באַפעלקערונג", עטלעכע צענדליק (צוזאַמען מיט די קינדער), האָט געליטן און געשוויגן... מיר האָבן זיך גענומען פלייסיק „לערנען" לאַנדווירטשאַפט... רחל איז געגאַנגען פאַלעווען מייערן און בוריקעס, איך — ביים זעצן קאַרטאָפל, פירן און מאַכן קאָפּנעס און סטויגן היי. איך האָב געקריגן אַ שוואַרצע קו. מ'האָט זי גערופן „וויעדמאַ" (מכשפה). איך האָב געהאַט פון איר ווייניקער צרות ווי אַנדערע מיט צעווילדעוועטע אָקסן. מיר האָבן געליטן שטאַרק פון דער „מאָשקאַ" — קליינע אינזעקטן, וואָס זענען אַריינגעקראָכן אין די פאַרבאַרגנסטע ערטער פון קערפּער און אומברחמנותדיק געביסן. די צעביסענע אָקסן און פערד פלעגן זיך וואַרפן און שליידערן און ס'איז אוממעגלעך געווען זיי איינצוהאַלטן. מיר האָבן זיך אויסגעשמירט מיט דזיעגעכץ און דערנאָך געקויפט מאַסקעס פון פערדישע האָר. ענדלעך האָט מען אונדז געגעבן אַ צימער. פון פענצע האָבן מיר געקריגן „אונדזערע" זאַכן. אַנשטאָט אַ גוט בעט מיט אַ גוטן מאַטראַץ, האָט מען „על פּי טעות" אונדז געשיקט אַ שמאָל אייזערן בעטל און אַ צונויפגעגנייטן זאַק. צו אונדז אין צימער האָט מען איינקוואַרטירט דאַראַ אַבראַמאָוונאַ לאַזורקינאַ. דאָס איז געווען אַן אַלטינקע באַלשעוויטשקע. ווערדליק זי האָט דערציילט, האָט זי אַ צייט געוווינט אין איין דירה מיט לענינען און קרופּסקאַיאַ אין עמיגראַציע. מיר האָבן איין סעזאָן געאַרבעט צוזאַמען ביי קלייבן קאַרטאָפל. מיר האָבן שפּעטער אין יאָרן אַרום געלייענט אין „פּאַרוודאַ", אַז זי איז אַרויסגעטרעטן אויפן 22סטן צוזאַמענפאָר און דערציילט, אַז זי איז געווען אַ געטרייע סטאַליניסטקע. זי האָט נאָך אין דער פערטער אָפּטיילונג פונעם סאָווכאָז אַרויסגעוויזן איר איבערגעגעבנקייט סטאַלינען. איר טאָכטער האָט געשריבן אין לענינגראַד אַ דיסערטאַציע איבער סטאַלינס ביאָגראַפיע, וועלכע סטאַלין „אַליין" האָט געפּסלט מיט איין פראַזע, אַז „אַ פירער ווערט מען נישט געבוירן". ווען מיר זענען געקומען רעהאַביליטירטע קיין לענינגראַד, האָבן מיר געפּרוּווט מיט איר זיך צו טרעפן, אָבער זי האָט

אויסגעמיטן אַזאַ „באַגאַגעניש״. זי האָט אַ פּנים געהאַלטן, אַז נאָר זי אַליין איז „נעבעך גאָט די נשמה שולדיק״; אַלע אַנדערע זענען ווערט געווען דעם שטעקן. אויב זי לעבט נאָך, איז זי געוויס צווישן די נעאָסטאַליניסטן...

איך האָב שווער איבערגענומען די „תורה״ פון שפּאַנען אַ פערד און צובינדן אַ כאָמעט. ווינטערצייט אין אַ גרויסן פראָסט האָב איך בשום אופן נישט געקענט מיט די הוילע פינגער בינדן, פאַרקניפּן פאַרשיידענע שטריקלעך פונעם געשפּאַן.

דאָס איז געווען אָנהייב ווינטער, האָב איך גענומען אַ פערד און געפאָרן אין וואַלד ברענגען אַ וואָליאַזשניק אויף האָלץ, האָט זיך מיר דאָס פערדל אויסגעשפּאַנט. איך האָב נישט געקענט נישט איינשפּאַנען, נישט אויסשפּאַנען. שוין לאַנג נאָך האַלבן טאָג. אָט אָט זעצט זיך די זון און איך מיטן אויסגעשפּאַנטן פערדל צוגעבונדן צו דער האָלאָבליע פון וואָגן זענען אין טיפן וואַלד. מיך האָט געראַטעוועט אַ גלח, אַ פרומער קריסט פון אונדזער פערטער אָפּטיילונג. מיט אונדז אין שכנות האָבן געוווינט צוויי גלחים. איינער, דער דאָזיקער פּשוטער אמת־פרומער גלח, וואָס האָט מקיים געווען די מצווה פון „ואהבת לרעך כמוך״, אַז איך בין ווינטערצייט קראַנק געוואָרן, האָט ער צעהאַקט האָלץ און געהייצט אונדזער דירה. דער צווייטער — אַ פּראָטאָיערי, וואָס פלעגט שיכורן און אין די טעג פון „פּאָסט״ פלעגט ער קומען צו אונדז „אַריינכאַפּן״ אַ שטיקל פליישיק ווורשט, דער אַנדערער גלח זאָל נישט וויסן. ער האָט דערביי געזאָגט, אַז פּאָסט (תענית) איז נישט קיין עיקר פון דער אמונה, נאָר מ׳האָט מתקן געווען פאַרן פּראָסטן פאָלק, כדי עס זאָל גלייבן. ער איז געוועזן קלוג און געבילדעט. דעם צווייטן זומער האָט מען געבראַכט אין דער פערטער אָפּטיילונג קי מיט קעלבלעך נעענטער צו די פּאַשע־פעלדער. ס׳איז געוואָרן אַ קריזיס אין וואַסער. ביידע גלחים האָבן גאַנצע מעת־לעתן געטריבן אַ פערד אַרום דעם ברונעם און געשעפּט וואַסער. אָבער דער איין און איינציקער ברונעם האָט נישט געקענט אָנטרינקען די מענטשן און די בהמות. מ׳האָט מיר געגעבן אַן אָקס מיט אַ פעסל און איך בין געפאָרן נאָך וואַסער צו אַ טייך לעבן סאַראַטאָווקע, אַ שכנותדיק קאָלכאָזנע דאָרף — אַ מרחק פון צען קילאָמעטער. דער אָקס, אַ דורשטיקער, האָט דערפילט דעם טייך פאַר עטלעכע קילאָמעטער און גענומען לויפן, ווי דער טייוול וואָלט אים געטריבן. איין מאָל אין אַ שניי־שטורעם האָט זיך דאָס פעסל וואַסער איבערגעקערט און איך בין געקומען אַן וואַסער. דאָס איז איצט גרינג צו דערציילן, אָבער דעמאָלט — אַ פאַרגראָבענער אין שניי, אַן אַ וועג אין טיפן וואַלד איינער אַליין. גוט, וואָס דער אָקס האָט געטראָפן דעם וועג און מיך געבראַכט צו אונדזער ישוב.

צום סוף פונעם צווייטן ווינטער האָט מען אונדז „איבערגעוואָרפן״ אין דער צווייטער אָפּטיילונג. דאָרט זענען געווען אָראַנזשערייען אויפן ברעג פון יענעסיי. די „באַפעלקערונג״ איז געווען אַ סך אַ גרעסערע ווי אין דער פערטער אָפּטיילונג.

מ׳האָט אונדז געגעבן אַ הייזל צוזאַמען מיט אַ גרוזין — אַ טראָצקיסט. ער האָט געוווינט מיט אַ רוסישער פרוי. דאָס הייזל איז געשטאַנען מיט איין וואַנט אַריינ־געגראָבן אין באַרג. ס׳איז געווען פייכט און פול מיט שטשורעס און אייז. אין דעם יישוב איז שוין נישט געווען קיין מאַנגל אין וואַסער. ס׳איז אַפילו געווען אַ באָד. נאָך צוויי יאָר האָבן מיר ערשט דאָ געקענט זיך וואַשן.

אויף די אָראַנזשערייען האָבן מיר באַגעגנט אַגריפּינאַ איוואַנאָוונאַ באַגאַטאָוואַ. זי האָט געלערנט צוזאַמען מיט מיין ברודער פּייוול אין זשורנאַליסטן־אינסטיטוט אין מאָסקווע און מיך דערקענט. איר מאַן אַ ייד — הענקין, איז אַרעסטירט גע־וואָרן אַלס טראָצקיסט. זי האָט מען פאַרשיקט. ביי זיי זענען געווען צוויי קינ־דער — אַ זון און אַ טאָכטער. ביידע זענען געווען פאַרשריבן אַלס „יידן״, הגם זיי זענען געווען לויט דער דערציונג און קולטור „עכטע רוסן״. מיר האָבן זיך באַ־געגנט נאָך איין מאָל אין פרידיווינסקי סודאָווערף. דאָס לעצטע מאָל — נאָך אונדזער רעהאַביליטאַציע, ווען מיר האָבן שוין געוווינט אין לענינגראַד, איז זי געקומען צו אונדז און מיט אונדז געוווינט אַ חודש צייט. זי האָט אונדז אין די אָוונטן פאָרגעלייענט אירע לאַגער־זכרונות. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בוך. מיר האָבן געמאַכט אייניקע באַמערקונגען. דערנאָך האָט זי געקריגן אַ באַזונ־דערע דירה אין מאָסקווע און געוואָלט דאָס בוך דרוקן, האָט מען איר געזאָגט, אַז „עבר זמנו״, דאָס איז שוין אַ פאַרגאַנגענער עטאַפּ, צו וועלכן מען דאַרף זיך נישט אומקערן.

איין מאָל אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן, אפשר איז עס געווען גאָר נישט אַזוי ליכטיק און נישט קיין פרימאָרגן, נאָר אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט, האָט מען אונדז פּלוצעם אַרויסגערופן אין סאַוואַזאַ.

פון באַלשאַיאַ מורטאַ זענען געקומען דער נאַטשאַלניק פון ראַיאָנעם ק.ג.ב. פּעטרענקאַ און זיין געהילף זלאָבין. מ׳האָט אונדז גענומען אויף אַ פאַרהער יעדן באַזונדער. מ׳האָט אונדז אויסגעפרעגט יעדן באַזונדער וועגן אַברהם רובאַשאָוו. ער האָט דאָך געהערט צו די אַקטיוויסטן פון פּועלי־ציון אין לענינגראַד. נישט געקוקט דערויף וואָס דער „דאַפּראָס״ איז געקומען פּלוצעם, האָט יעדער פון אונדז דערציילט, אַז מיר געדענקען נישט אַזאַ. איך האָב דערקלערט, אַז פון דער פּועלי־ציוניסטישער ליטעראַטור ווייס איך וועגן זלמן רובאַשאָוו. מ׳האָט אונדז עטלעכע מאָל אַרויסגערופן וועגן דעם ענין און וועגן אינטוריסטן, וואָס זענען געווען אין לענינגראַד פאַרבונדן מיט פּועלי־ציון. אויסגעפרעגט האָט זלאָבין און ער האָט אונדז געסטראַשעט, אַז מ׳וועט אונדז פירן קיין לענינגראַד, „דאָרט וועט מען אייך שוין מאַכן ריידעוודיק״... איך האָב קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז וועגן זאַכן וואָס זענען געווען מיט לאַנגע יאָרן צוריק, וועל איך נישט געבן קיין שום מתן־עדות. „אַ מענטש איז נישט קיין הערשער איבער זיין זכרון״. וועגן פּועלי־

ציזן וויל איך מיט אים נישט ריידן, און איך זאָג זיך אָפּ פון אַלעמען, וואָס איז געווען אין די אַמאָליקע דערקלערונגען אין 1937. כאַראַקטעריסטיש וואָס נישט צונויפריידנדיק זיך פריער, האָט רחל דערקלערט דאָס זעלביקע.

אין אַ קורצער צייט אַרום, ווען זלאָבין איז אַרויס ,האָט פּעטרענקאָ שטיל אַ זאָג געטאָן: „איר זעט דען נישט, אַז ער נעמט אייך אויפן פּאַנט?" זלאָבין איז צוריק אַריין אין קאַבינעט, ווי כלורמשט ער האָט שוין גערעדט מיט לענינגראַד אין טעלעפאָן און אַז מען וועט אונדז מאַכן אַ נייע „דעלאָ" מיט אַברהם רובאַשאָוו. „מיינט נישט אַז מיט די צען יאָר זייט איר שוין פּטור. דעם גאַנצן לעבן וועט איר זיך נישט באַפרייען פון אונדז!"

„מאַכן אַ דיעלאָ" איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך סיי אין לאַגער, סיי אין גירוש. פּונקט ווי אויף דער פריי, האָט די ק.ג.ב. געפונען עדות, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מ'האָט געזאָגט וואָס מען טאָר נישט זאָגן. אין סאָווכאָז האָט גע־וווינט אַ פאַרשיקטער מוזיקער, וואָס האָט געשריבן אַ ראַפּסאָדיע און געבעטן ביי סטאַלינען... פּאַפּיר. האָט מען געפונען עפּעס אַ מוזיקאַלישן איטאַליענער אַלס עדות און מ'האָט דעם מוזיקער „אָפּגעשפּילט" אַ „דיעלאָ", אַז ער האָט געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן" — נייע צען יאָר...

אין „קאַמענושקאַ"

אויפן הויכן באַרגיקן ברעג פון יעניסיי זענען זיך וועלדער און דערפלעך. אין איינעם אַזאַ וואַלד שטייט באַהאַלטן אַ קליינער כוטאָר מיט עטלעכע הייזער. דאָס איז קאַמענושקאַ. דאָרט האָט געוווינט בלויז איין משפּחה. פון ביידע זייטן זענען געווען גרויסע דערפער, וואָס האָבן איינגעשלונגען קאַמענושקאַ. דאָס איז פאַר־געקומען ווען מ'האָט צוזאַמענגעגאָסן קאָלווירטן און געשאַפן גרעסערע ווירט־שאַפטן. דער סאָווכאָז האָט באַזעצט דאָס פאַרלאָזענע דערפל מיט עפּעס אַ צענד־ליק פאַרשיקטע. דאָס זענען געווען מיר, דער פּראָטאָיעריי איוואַן ניקאָלאַיעוויטש מיט זיין פרוי נאַטאַליאַ, וואָס איז געקומען צו פאָרן צו אים פון וולאַדימיר, איי־נער אַ קולאַק מיט אַ ברייטער געלער באָרד מיט זיין משפּחה, נאָך אַ צוויי דריי משפּחות און איינער אַ ייד אַן אַדוואָקאַט גינזבורג. דאָ איז געווען אַ נאַטירלעכער שיינער פּייזאַזש, וואָס האָט אויפגעוועקט די איינגעשלאָפענע מוזע פון פּאָעזיע. מיר האָבן אָבער זיך פאַרנומען מיט פּראָזע. מיר האָבן געוואָלגערט סאָסנעס און געמאַכט פון זיי קעסטלעך פאַר קאַרטאָפל, קרויט און פּאָמידאָרן. מיר, איך און רחל, איוואַן ניקאָלייעוויטש און נאַטאַליאַ האָבן צייטווייליק געוווינט אין אַ פאַר־לאָזט הויז מיט אַ באַזונדער „שוואַרצער באָד". דערנאָך האָט מען אויסגעווייסט

און אָפּרעמאָנטירט אַ הויז, ווו ס'האָבן פֿריִער געוווינט חזירים. מיר האָבן געדאַרפֿט באַזעצן דאָס הויז. דעם גלחס נאַטאַליע איז געווען נישט נאָר אַ פֿרומע קריסטין, נאָר אויך אַן אַבערגלויבערישע. זי האָט נישט געוואָלט וווינען אין דעם הויז, ווייל דאָרטן זענען פֿאַרבליבן די חזירישע נשמות. דער פּראָטאָיעריי איז געווען קלוג און נישט אַזוי פֿאַנאַטיש־אַבערגלויבעריש ווי זיין נאַטאַליע. האָט ער אָבער כדי באַרויִקן זי איינגעאָרדנט אַ תּפֿילה בציבור. דערביי איינגעלאַדן דאַוועגען פֿון די שכנותדיקע דערפֿלעך. נאָך דער תּפֿילה האָבן די נשמות פֿון די חזירים שוין נישט געהאַט מער קיין שליטה. ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז ביינאַכט איז געגאַנגען אַ דאַמפֿער אויף דעם יעניסיי און אין אונדזער הייל, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביים ברעג, האָבן געציטערט די טירן און די פֿענצטער, האָט איוואַן ניקאָלייעוויטש חוזק געמאַכט: הערסט, נאַטאַשאַ, דאָס קומען די נשמות פֿון די חזירים. איוואַן ניקאָלייעוויטש האָט זיך געפֿילט ווי אַ פֿיש אין וואַסער. פֿון די שכנותדיקע דערפֿער פֿלעגט מען אים איינלאַדן חתונה־מאַכן פּאָרלעך און דורכפֿירן די טבֿילה פֿון ביי־געבוירענע קינדער. מ'האָט אים געצאָלט מיט נאַטור ((פּוטער, אייער און פֿלייש). די ק.ג.ב. האָט זיך געפּרוּווט אים אַ „סטראַשע טאָן", אָבער זי האָט נישט געקענט פֿאַרבאָטן די קאָלווירטניקעס אָפּצוהיטן גאָטס געבאָטן. די דערפֿלעך זענען געווען צו ווייט פֿון דער ק.ג.ב. און זי האָט נישט געקאָנט האָבן השגחה איבער זיי. איינער אָדער צוויי אַגענטן אירע האָבן בעסער געוואָלט לעבן בשלום מיט די דאָרפֿישע איינוווינער. מיר האָבן סיי אין די אָפּטיילונגען פֿון סאָווכאָז און סיי אין קאָמענושקאַ אָרגאַניזירט באַוועגלעכע ביבליאָטעקלעך. מיר האָבן גענומען ביכער און צייטונגען אין דער ביבליאָטעק פֿון סאָווכאָז. יענעם זומער איז געגאַנגען אין „פּריִען" פֿאָטערלאַנד דער זיבעציקיעריקער יובֿל פֿונעם „טאַטע־פֿאָטער" און די צייטונגען האָבן געדרוקט אין משך פֿון אַכט חדשים „דער שטראָם פֿון באַגריסונגען". גינזבורג, וועלכער איז צו אונדז געווען פֿאַרטרויליך, האָט עס אָנגערופֿן אַ מבול פֿון באַגריסונגען (פֿון „פּאָטאָק"־פּאָטאָפּ), מיט וועלכן גאָט האָט אונדז געשטראָפֿט. אַן ערגערע שטראָף איז געווען דער געלער קולאַק. ביי אים איז געווען דער סאָווכאָז־טראַנספּאָרט (אַ פֿערד מיט אַ וואָגן) פֿלעגט ער ברענגען ברויט אין סאָווכאָז. ער פֿלעגט אָפֿט אונדז נישט צוטיילן דאָס ברויט, וואָס איז אונדז געקומען, און רחלען איז אויסגעקומען איין מאָל אין טאָג גיין אַכצן קילאָמעטער אין סאָווכאָז נאָכן ברויט. אויף די וועגן פֿון אונדזער געגנט האָט מען געקענט גיין צענדליקער קילאָמעטער און נישט באַגעגענען קיין מענטש.

אין קאָמענושקאַ האָבן מיר זיך געפֿילט פֿויגל־פֿריי. אָן נאַטשאַלסטוואָ, אָן בריגאַדירן, אָן פּאַספּאָרטן און חי־געלעבט. מיר פֿלעגן אָפֿט מיט רחלען גיין שפּאַצירן אין טיפֿן ווילדן וואַלד און אויף די פּרעכטיקע פֿאַרשיידנפֿאַרביקע ברעגן פֿון יעניסיי, און געחלומט און געבענקט נאָך דעם אומבאַשטימטן עתיד. מיר זענען

אין קאַמענושקאַ געווען פּאַעטן און פילאָסאָפן. מיר האָבן זיך אין ערגעץ נישט געפילט אַזוי האַרמאָניש מיט דער נאַטור ווי אין קאַמענושקאַ. דאָס דאָזיקע דערפל איז פאַרבליבן ביי אונדז דאָס איינציקע פינטעלע ליכט אין פאַרחושכטן גירוש.

אין פריען אָסיען האָט אויסגעשיט אַ שניי און מיר האָבן פון אונטערן שניי אַראָפּגענומען דאָס קרויט, וואָס מיר האָבן פאַרזעצט אין קאַמענושקאַ אויפן ברעג פון יעניסיי. אונדזער פּראָטאַיעריי האָט אויך פאַרזעצט קרויט, אָבער דער יידי־שער גאָט האָט זיך באַמיט און ביי אים איז דאָס קרויט נישט געראָטן. האָבן מיר בשותפות איינגעזייערט אונדזער קרויט און געגרייט זיך ווינטערן אין קאַמענושקאַ, אָבער אין עטלעכע וואָכן אַרום, ווען דאָס גאַנצע גערעטעניש איז שוין אָפּגע־שיקט געוואָרן צו די פּאַליאַרניקעס האָט מען שוין נישט געדאַרפט אונדזערע קעסטלעך, האָט מען די קאַמענושקער קעסטלעך־מאַכערס צוריק פונאַנדערגעשיקט אין די סאָווכאָז־פּונקטן, און מיר האָבן גענומען דאָס פעסל קרויט און היידאַ צו־ריק אויף דער צווייטער אָפּטיילונג. דאָ האָט מען מיר געגעבן אַ „גרינגע" אַרבעט. איך בין געוואָרן נאַכט־שומר פון די אָקסן. איך האָב געדאַרפט מקבל־פּנים זיין די אָקסן ווען זיי קערן זיך אום פון דער אַרבעט, יעדן אָקס צובינדן צו זיין אָרט און באַזאָרגן זיי מיט היי. די אָקסן זענען געוואָרן אומרויִק ווען זיי האָבן דערפילט דעם ריח פון היי און האָבן זיך געריסן פון די שטריקלעך. גאָט באַהיט אויב אַ פויל שטריקל האָט זיך איבערגעריסן און אַן אָקס איז געלאָפן מיר אַנט־קעגן און זיך אַריינגעשניטן אין דער מחנה אָקסן (זיי זענען געווען ביי פערציק שטיק).

קיין עלעקטרע איז נישט געווען, האָב איך געצונדן אַ היימישן קאַגאַנעץ מיט נאַפט. איך האָב שטאַרק מורא געהאַט פאַר אַ שׂרפה. אַ הילצערנער באַראַק מיט טרוקענעם היי. ביים טונקעלן שיין פון דעם נאַכט־קנייטל האָב איך געלייענט טאָמאַס מאַן. שפּעט ביינאַכט, ווען אַלץ איז איינגעשלאָפן, קיין האָן האָט נישט געקרייט, קיין הונט האָט נישט געבילט, איך האָב נאָר געהערט דאָס שווערע סאָפּען פון די אויסגעהאָרעוועטע האָרעפּאַשנע אָקסן, האָב איך פאַרשטעקט דעם ביטשאַטניק. רחל איז געקומען כדי מיט מיר צו שפּאַצירן אין דער טויב־שטו־מער נאַכט אויפן ברעג פון יעניסיי. וועלכע טיפע געדאַנקען, אַרויסגעזאָגטע און נישט אַרויסגעזאָגטע, זענען דעמאָלט געבוידן געוואָרן אין אונדזערע שמועסן. ס׳האָט נאָך קיינער נישט געפונען די נעמען פון יענע געפילן, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל ווייטיק גענאָגט אונדזערע הערצער. גוט איז געווען, ווען אַ זילבער־באַשפּריצטער שוואַרצער אומענדלעכער טעפּעך האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אונדזערע קעפּ. שווערער איז געווען אין די לבנה־נעכט. מיר האָבן זיך געשעמט פאַר דער דאָזיקער קאַלטער ליכטיקער נאַכט־פּרינצעסין מיט אונדזערע מענטש־לעכע קליינלעכקייטן. צו פיל קלאָרקייט פאַר אַזאַ פאַרפּלאָנטערטער וועלט. די

טיפסטע פילאָסאָפיע האָט מיך געבראַכט צו מיינע אָקסן, צו דעם קהלתדיקן „ומותר אָדם מן הבהמה אין, כי הכל הבל", און איך האָב אָנגעשריבן דאָס אָקסן־ליד.

אין פרידיוועסקי סודאָוועך

נאָך דעם ווי מיר האָבן געפּראַוועט התבודדות אין פאַרוואָרפענע הייזלעך, אין פאַרשלאָפענע וועלדער, אויף פעלדער פון קאַרטאָפל און היי, צווישן שטומע קי און אָקסן, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש וואָרט, האָט מען אונדז דערלויבט זיך באַזעצן אין דעם „ברק", ווו ס׳זענען געווען פינף גאַסן מיט צען עלעקטרישע לאָמפּן. זיי האָבן געקוקט מיט גדלות אויף די הילצערנע הייזלעך, פאַרזונקענע אין בלאָטע. דאָס האָט זיך אויסגעדאַכט אַ „גן־עדן". דאָס איז געווען אַ גן־עדן אין געשטאַלט פון אַ זאַוואָד, וואָס האָט געבויט הילצערנע משא־שיפלעך (באַרזשעס), אַ שפּיטאָל פאַר קראַנקע, אַ קלוב פאַר געזונטע, אַ באָד און אַ ווירטשאַפט, ווו מ׳האָט געמאָלקן קי און געהאָדעוועט חזירים. איך האָב געשמאַק געשלעפּט קלעצער, געווען אַ משא־פירער, אַ האָלץ־העקער, און אַן אויוון־הייצער און... געפּאַשעט חזירים. נאָר קיין קי האָב איך נישט גע־מאָלקן, דערפאַר האָט מען מיך געמאָלקן... מיר האָבן אַ צייט געוווינט אין דער דירה פון אַ יידישער משפחה באַרקאַן, וועלכער מיר זענען געווען דאַנקבאַר. די באַרקאַנס (אים האָט מען גערופן פעטיאַ (יידיש: אָשר). ער האָט געאַרבעט אין אַ מעטאַל־וואַרשטאַט פאַר רעמאָנט לעבן זאַוואָד — אַ טאָקער פון פאַך. ער איז געווען אַ צייט אין פראַנקרייך און אין בעלגיע. זי, טילע (תהלה), האָט אויך געאַרבעט אויף פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, אַ מאָל געווען אין ארץ־ישראל, געאַרבעט אין אַ קבוצה, געווען אַרעסטירט דורך די ענגלענדער ווי אַ קאָמוניסטקע און אַרויסגעשיקט צוריק קיין רוסלאַנד. זיי זענען ביידע געווען פון טעשרנאָוויץ, גוטע און צוגעלאָזטע מענטשן. אין 1972 זענען זיי געקומען קיין ישראל. באַרקאַנס ברודער,אַ חזן, וווינט אין נתניה.

אַרום זיי האָט זיך אין פרידיוועסק גרופּירט אַ קרייזל פון אינטע־ליגענץ. צווישן זיי מיין אַלטער באַקאַנטער נאָך פון וולאַדיוואָסטאָק, זאַווילעוויטש און זיין פרוי. איך האָב אים געקאָנט פון דער סטאָלאַרקע, ווו ער האָט געשניצט פערדלעך צו שאַכמאַטן. ער איז געווען אַ באַגאַבטער קינסטלער. ער האָט אין יענע שווערע באַדינגונגען אין פרידיוועסק איינגעאָרדנט זיך אַן אַטעליע און געמאָלן בילדער פון דער נאַטור, פון וואָס געצויגן חיונה. געווען איז אויך איינע אַ משפחה, זי אַ יידישע, ער אַ רוסישער אינזשענער, וועלכער פלעגט זאָגן „מי, יעווריעי" (מיר, יידן). עפּעס איינע אַ פּאָליאַטשקע, אַ מיוחסת, וואָס

האָט געהאַט די זכיה צו זינגען „זשאַוואָראָנאָק" און שפּילן פּיאַנינאָ אין קלוב; ס'איז געווען אַ טאַטער, אַן אינטעליגענט, וואָס האָט געהאַט קאָמפּאָזיטאָרישע פעיִקייטן. ער פלעגט לכבוד אונדז, יידן, אויסזינגען „כינקע־פינקע" „חוה אוי, אוי, חוה"... אין די ערב זונטיק־אָוונטן פלעגט מען זיך צונויפנעמען שפּילן „לאָטאָ", טרינקען אַ גלעזל טיי (פון געטריקנטע מייערן), עסן לאַטקעס. ס'איז איין מאָל אויך געווען צו אַ סאָוועטישן יום־טוב אַ קערמישל כדת וכדין מיט משקה און אייזקרעם. באַרקאַן האָט געהאַט אַ שיינע פּאַלצעט־שטימע און ליב געהאַט אַ זינג צו טאָן, צווישן אַנדערע אויך די „זאַסטאָלנאַיאַ". „וויפּיאָם זאַ סטאַלינאַ" (פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן דאָס אויפגענומען ווי אַ ביטערע הלצה...).

די באַרקאַנס האָבן באַשלאָסן נעמען אַן „אוטשאַסטאָק" און אויפבויען אַ הויז און אונדז אויך צוגערעדט צו בויען אין שכנות מיט זיי.

אויף אַ משופּע־בערגל האָט מען אונדז געגעבן אַ היפּשן שטיק ערד — הונדערט אויף הונדערט, „צען סאָטקעס". נישט זעענדיק קיין סוף פון אונדזער גלות האָבן מיר באַשלאָסן זיך בויען אַ נעסט. אַ גאַנצן ווינטער האָב איך פון זאַוואָד נאָך דער אַרבעט יעדן טאָג געשלעפּט צו אונדזער „אוטשאַסטאָק" ברע־טער פונעם אָפּפאַל. ווען דער שניי איז צעגאַנגען, האָב איך מיט רחלען גענומען אַ האַנט־שליטעלע און געשלעפּט זיך איבערן יישוב, וווּ מ'האָט נאָר ערגעץ גע־בויט, האָבן מיר צונויפגעקליבן „פּאַרוואָרלאָזטע" האַלבע און גאַנצע ציגל אויף אַן אויוון. צו פרילינג זענען שוין געווען צונויפגעזאַמלט אַ היפּשע ביסל ברעטער און בערגלעך ציגל, האַלבע און גאַנצע — אַכט הונדערט. די ברעטער זענען פאַר דער צייט געווען דורכגעפרוירן און „דורכגעווינטלט". צו די ברעטער האָט מען געדאַרפט טשוועקעס, אַ היפּש ביסל. טשוועקעס האָט מען פאַרקויפט די פוּיערים פאַר פּוטער און אייער. האָב איך דעם גאַנצן ווינטער געצויגן פון אַלטע ברעטער פאַרבויגענע טשוועקעס און אין די אָוונטן געזעסן און געגלייכט זיי. צו פרילינג האָבן מיר ענדלעך געדונגען אַ בויער און מיט זיין הילף געלייגט אַ פונדאַמענט און גענומען זיך בויען. פון די ברעטער זענען צוזאַמענגעקלאַפּט געוואָרן טאָפּלטע ווענט און צווישן זיי האָט מען אַנגעשיט ערד און דזשעגעכץ. לעבן אונדז האָט זיך געבויט אַ הויז באַרקאַן. ער האָט געבויט נישט פון ברעטער נאָר פון קלע־צער, גרינטלעך. איין קלאָץ האָט ער אונדז געשאָנקען פאַר אונטערהאַלטן דעם דיל. דער קלאָץ האָט דערנאָך זיך אַרויסגעוויזן אַ קראַנקער מיט גריבאָק וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן באַפאַרבטן דיל.

איך בין געפאָרן אין וואַלד און האָב געבראַכט פון דאָרט עטלעכע יונגע ליסטוועניצעס פאַר די סטריכעס און עטלעכע קלעצער פאַרן פונדאַמענט־געפלעכט. דער וואַלד־פאַרוואַלטער האָט געמאַכט אויף מיר אַ „דעלאָ". כדי איינצוהאַלטן

דעם ניוואָ פון דעם יענים", איז געווען פאַרבאָטן צו האַקן וואַלד נעענטער פון צען קילאָמעטער.

די באַרקאַנס האָבן מיר געראָטן אַריינגיין צום וואַלד־פּאַרוואַלטער און „דורכקומען" מיט אים. איך בין אַריין צו אים מיט רחלען און געבראַכט אַ שיינע מתנה פאַר זיין קינד און ס'איז דורכגעגאַנגען „גלאַט". דער בויער האָט צו מיינע „אויסגעגלייכטע" טשוועקעס געקריגן „באַ ליעוואָ" נאָך נייע טשוועקעס, אויסגע־בויט אונדזער הויז זעכצן אויף זעכצן. מיר האָבן דאָס אַליין געטינקעוועט, גע־שמירט, געפאַרבט די פּאָלן, צוגעבויט אַ פּאָדער־הויז און אַ הינער־שטייג. היות ווי מיר זענען געווען באַראַכאָוויסטן, האָבן מיר דאָס גערופן די באַראַכאָוו־היים.

דער „אינטערנאַציאָנאַל"

פרידיוווינסק האָט נישט אויסגעזען ווי אַ רוסישער יישוב. מ'האָט נישט גע־זען קיין קיילעכדיקע קופּאָלן מיט צלמים־שפּיצן פון אַ קלויסטער. ס'איז געווען אַ נאָך־רעוואָלוציאָנערער יישוב. דאָס איינציקע טראַדיציאָנעל־רוסישע איז געווען די געדיכטע בלאָטע אין די גאַסן.

אויף אונדזער משופּע־בערגל האָבן זיך אויפגעשטעלט נאָך עטלעכע הייזער און ס'איז געוואָרן אַ זעקסטע גאַס אין פרידיוווינסק מיטן נאָמען „קאָסאַיאַ". דאָ זענען זיך געזעסן „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנותו" די פאַרשיקטע. דאָס איז געווען אַ דור הפלגה. טאָטערן, יידן, פּאָליאַקן, פינער, דייטשן, אוקראַינער, גרו־זינער, רוסן. דאָ זענען אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געווען „גלייכבארעכטיקט". יעדן חודש האָט מען זיך געדאַרפט מעלדן אין דער קאָמענדאַטור לויט ספּעציעלע טעג. דאָרט זענען יעדן חודש געהאַנגען צעטלען צו באַשטימטע טעג לויט די נאַציעס. עס זענען געווען פּוילישע, פינישע, דייטשישע, אוקראַינישע אאַז"וו טעג. מיר, יידן, האָבן געהאַט די זכיה זיך צו מעלדן צוזאַמען מיט די גרויסרוסן. אויך עטלעכע טשעטשענער האָבן געהאַט די דאָזיקע זכיה. אין דער קאָמענדאַטור איז געהאָנגען אין אַ ראַמל איינגעראַמט אונטער גלאָז „די רעכט און די פליכט פון פאַרשיקטע", אונטערגעשריבן פון וו. מאָלאָטאָוו. דאָס האָט ער אונטערגעחתמעט אויף פאַר זיין אייגענער פרוי פּערל, וועלכע איז געווען יאָרן לאַנג אַ פאַרשיקטע.

אין קרייז פון אונדזערע פריינד און באַקאַנטע, מיט וועלכע מיר פלעגן זיך טרעפן, גיין „אין געסט", זענען געווען פאַרשיידן געמישטע פּאָרלעך. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן זיך געפּאָרט דאָ ס'רוב נישט לאריכת ימים. אַ פּאָליאַק אַ צור־שניידער, וואָס האָט געפירט אַ קרייז פון „צושניידן און נייען", איז געווען גע־פּאָרט מיט אַ טשעטשענקע. אַ פין, דער שומר פון קלוב, געשפּילט אויף אַ טרומ־

פייט, האָט זיך געפּאָרט מיט דער פּאָליאַטשקע, וואָס האָט געזונגען „זשאַוואָראָ־נאָק" און געשפּילט קלאַוויר אין קלוב. אונדזער פריינדין, די רוסישע באַגאַ־טאַווע אַגריפּינאַ איוואַנאָוונאַ, האָט זיך געפּאָרט מיט אַ טאַטער, אָבער נישט אויף לאַנג. אין איינעם אַ טאָג האָט ער פּלוצעם געכאַפּט אַ שטריק און האָט זיך אויפגעהאַנגען.. אַגריפּינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אויך נישט געקענט אויף זיכער זאָגן די סיבות פון זיין זעלבסטמאָרד. זי האָט זיך משער געווען, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט איינעם אַ פּאַפּיר, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן אין ק.ג.ב. און ער איז געווען די גאַנצע צייט נערוועז און אומרויִק, ער זאָל נישט ווערן קאָמ־פּראָמיטירט אין די אויגן פון זיינע חברים די טאַטערן. אַגריפּינאַ איוואַנאָוונאַ איז נישט געבליבן אַליין. זי האָט געהאַט צוויי ציגעלעך, וואָס פלעגן זי באַ־גלייטן אומעטום, ווו זי איז געגאַנגען, שעהען לאַנג וואַרטן אויף איר אויפן אָרט פון דער אַרבעט אָדער ווען זי איז געווען ערגעץ אין געסט. זי האָט זיך צוגענומען אויך אַ שכינה אַ דייטשקע קלאַראַ. דער פאָטער אירער, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט געוווינט אין מזרח־דייטשלאַנד און זיך משתדל געווען מען זאָל זי אַרויסלאָזן צו אים.

מיט אונדז אין אונדזער הייזקע ד׳ על ד׳ האָט אויך געוווינט אַ יאַפּאַנקע, אַ גוטהאַרציקע, געטרייע חברטע, אַ קרישטאָל־ריינע קאָמוניסטקע. זי איז געווען אַן איבערבלייבעניש פון דער „באַלעבאַטישקייט" נאָך דעם ליקווידירטן קאָמ־אינטערן. איר מאַן, אַ דעפּוטאַט פון דער קאָמפּאַרטיי אין יאַפּאַנישן פּאַרלאַמענט, איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער יאַפּאַנישער פּאָליציי.

זי איז געווען קלוג, אַ סך פאַרשטאַנען און ווייניק גערעדט. איין מאָל האָט מען געבראַכט אין סודאָווערף עטלעכע יאַפּאַנער, זי זאָל מיט זיי ריידן אויף יאַפּאַניש. זיי האָבן געפּרוווט מיט איר ריידן פון פּאָליטיק. זי האָט גלייך דער־קענט אין זיי זאַשנדאַרמען, און האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע, נישט אַריינגע־גאַנגען מיט זיי אין געשפּרעכן. מיר האָבן געלעבט צוזאַמען מיט איר ווי אין אַ קאָמונע. זי פלעגט אונדז מאַכן פאַרשיידענע יאַפּאַנישע געריכטן. זי האָט שווער געאַרבעט אויף די אַראַנזשערייען.

כמעט אַלע האָבן געאַרבעט פיזיש, נאָר אייניקע האָבן זוכה געווען צו זיצן לעבן עפּעס אַ טיש מיט אַ פּען אין האַנט, מאַכן חשבונות, קראַצן זיך אין שפּיץ נאָז און קוקן אויף דער וואַנט ווו ס׳איז געהאַנגען „ער מיט די דיקע וואָנסן". די איבעריקע פאַרשיקטע האָט מען געדולדעט, אַ מאָל אויך צו זיי אַ שמייכל געטאָן ווען זיי זענען געווען גוטע פערד אין געשפּאַן. מ׳האָט אויך אַ מאָל צו־זאַמען אויסגעטרונקען. איבערהויפּט האָבן זיך געסטאַרעט כלומרשטע אינטעלי־גענטן צו באַווייזן זייער כוח אין טרינקען און מאַכן אַ רוסישן דרייגאָרנדי־„מי שברך". אַזוי אַרום צו ווערן מיט די אָרטיקע „זאַ פּאַני בראַטאַ"... אין ס׳אַ־

ווערף איז געווען אַן ערן־טאָוול „די בעסטע מענטשן פון סודאָווערף". ס'רוב זענען דאָס געווען אַרטיקע, אַלטע איינגעוואָרצלטע תושבים נכבדים, וואָס האָבן זיך „געקויפט מפטיר" מיטן בליישטיפט און מיטן פלעשל. אָבער ס'האָט גע־טראָפן, אַז מ'האָט אַהינצו אויפן טאָוול אַרויפגעשעלט אויך אַ „באַש בראַט", וואָס האָט געקענט און געוווּסט די חכמה ווי אַזוי צו לעבן מיט „נאַטשאַלסטווע", ווי האָבן געדאַרפט אויסזען אַזעלכע ווי איך וואָס קען קיין קלאָץ נישט רירן פון אָרט, טרינקט נישט, זידלט נישט, גייט אַרום ווי אַ נעכטיקער, שלעפּט אַלטע צע־דרייטע טשוועקעס פון האַלב־צעפוילטע אַש־גרויע ברעטער, הייבט אויף ווו ערגעץ ס'וואַלגערט זיך אַ ציגל און אַפילו אַ האַלבער, נאָך דערצו עפּעס אַ יידליק אין ברילן? איך ווייס נישט ווער ס'האָט זיי אָנגערייצט, נאָר איך האָב זיך נישט געקענט באַווייזן אין גאַס. ייִנגלעך האָבן מיר נאָכגעוואָרפן שטיינער און שמוץ. קיינער פון די עלטערע האָט נישט געשטערט די יונגע רוסישע „פּאַטריאָטן" אויסצודריקן די „סאָוועטישע געפילן" צו די „זשידאָווסקע קאָנטריקעס". ס'האָט זיך געטראָפן, אַז איך פלעג קומען אין קלוב האָבן די געפּאַרבטע באַרישניעס גע־מאַכט מיר חוזק־מינעס און נישט־אָנשטענדיקע גרימאַסן.

איך האָב געפּרוווט זיך באַקלאָגן אין שול פאַר די לערער, האָבן זיי געפֿאָ־דערט פון מיר, איך זאָל זיי אָנרופן, ווער וואַרפט מיר שטיינער איך האָב קיי־נעם נישט געקענט דערקענען מיט מיינע קורצזיכטיקע אויגן. בין איך געבליבן איינער אַליין קעגן דער „גאַס". אמת, ס'האָט געטראָפן אַ פאַל, ווען ייִנגלעך זע־נען מיך באַפאַלן, האָט זיך באַוויזן אין טיר פון אַ הויז איינער אין אַ מונדיר פון מ.ג.ב., פונאַנדערגעטריבן די לאָבוזעס, אַריינגערופן מיך צו זיך אין שטוב און אַריינגערופן זיין ייִנגל, וואָס איז אויך געווען צווישן מיינע באַפאַלער אין דער שייקע, פאַר מיר אין די אויגן אַראָפגעצויגן פון אים די הויזן און גוט אָפּגעשמיסן מיט אַ לעדערנעם פאַסעק און אים געזאָגט, אַז אַ גאַנצן זונטיק וועט ער נישט קריגן קיין הויזן און ער וועט אים נישט אַרויסלאָזן אין גאַס. אָבער פון איין גע־שמיסענעם „ווי רופט מען דאָס" ווערט נאָך נישט קלאָר אין די קעפּ.

דער געפערלעכער אויוון־הייצער

אין אַ גרויסן אַרומגעצוימטן הויף מיט הילצערנע טויערן שטייען פיר אָדער פינף הילצערנע באַראַקן מיט אַ הויז פאַרן הויפּט־רופא (אַ גאַנץ אינטעליגענטע יי). דאָס איז געווען דער פרידיווינסקער שפּיטאָל. אַהער בין איך מיט חסד א מיט רחמים אָנגענומען געוואָרן אַלס אויוון־הייצער פון „ערשטן גראַד". דאָס האָ נעהייסן, אַז איך האָב געדאַרפט אַליין זעגן, האַקן, פונאַנדערטראָגן דאָס

האַלץ און הייצן די אויוונס (אַ פּופּצן־צוואַנציק) ביי די חולים און אין קאַנטאָר. זומערצייט האָב איך געדינט ווי אַ נאַכט־וועכטער. דאָס איז געווען נאָך דער אַרבעט אויפֿן זאַוואָד. דאָ פֿלעגט מען מיך אָפּזאָגן אַלע צוויי־דריי חדשים, איך זאָל זיך נישט „צושמירן“ צו די קאַדראָווע און זאָל בלייבן אַ סעזאָן־אַרבעטער. דאָס הייסט איך האָב געמאַכט דעם סעזאָן אין יישוב. איך האָב „געפּייפּט“ אויף די פֿופֿציק־גראַדיקע פֿרעסט. אין אַזעלכע פֿרעסט, אַז מען האַקט האָלץ, שוויצט דער שטערן און עס פֿרירן די נאָז און די אויערן. איך האָב זיך אויסגעלערנט זעגן ביחידות מיט איין האַנט. מ׳האָט מיך אויך אויסגענוצט אויף פֿאַרשיידענע שליחותן.

אין איינעם אַ זוניקן האַרבסט־טאָג האָט מיך דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער באַלעבאַטישקייט מיטגענומען מיט זיך אויף דער „פּאַסעקע“ פֿון שפּיטאָל. מיר זענען געפֿאָרן אויף צוויי וואָגנס, איינער נאָכן צווייטן. דערנאָך האָב איך פֿאַרשטאַנען דעם סוד פֿון די צוויי וואָגנס, און פֿאַר וואָס האָט דער דאָזיקער פֿאַרוואַלטער, אַ רוסישער מאַן מיט איין פֿוס און אויפֿן צווייטן אַ פּראָטעזע (אפֿשר אַ מלחמה־אינוואַליד) גענומען מיט זיך מיך, דעם ייִד. דאָרטן האָט מען פֿאַר אים געדעקט אַ טיש. די האָניקמאַכער, אַ מאַנצביל מיט אַ פֿרוי (נישט קיין מאַן און ווייב), האָבן זיך מיט אים געזעצט צום טיש. מיך האָט מען נישט איינגעלאַדן. איך בין געווען איבעריק, מ׳האָט נישט געדאַרפֿט קיין עדות. דאָרט איז געגאַנגען אַ גאַנץ אויפֿגערעגטער געשפּרעך. מיין פֿאַרוואַלטער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „איר זענט דאָך בלויז צוויי מענטשן, וואָס קענט איר נישט דורכקומען צווישן זיך? אַלץ וועט דאָך בלייבן צווישן אייך, אַז אַ קאָמאַר וועט די נאָז נישט אַ קראַץ טאָן“. לאַנג האָט געדויערט זייער „שקלא וטריא“ און איך בין איינגעשלאָפֿן אויף אַ האַרטער באַנק. צו מאָרגנס האָט דער פּאַסעטשניק געשפּאַנט די פֿערד, אויף איין וואָגן געלאָדן צוויי עמער האָניק, אויפֿן צווייטן וואָגן איין עמער האָניק און דעם הינקענדיקן פֿאַרוואַלטער צוגעבונדן צום וואָגן. ער איז געלעגן אַ שיכורער און נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. האָט מען צוגעבונדן זיין פֿערד און וואָגן צו מיין וואָגן און איך האָב געדאַרפֿט אָפּפֿירן דעם ערשטן וואָגן מיט צוויי עמער האָניק אין שפּיטאָל און דעם שיכורן פֿאַרוואַלטער מיט איין עמער האָניק צו אים אַ היים. איך האָב געפֿירט ביידע וואָגנס דורכן וואַלד. איך בין שוין אַ מאָל געריטן דאָ אויף אַ פֿערד און דאָך בין איך נישט געווען זיכער צי איך בין אויפֿן ריכטיקן וועג. אָבער די פֿערד האָבן בעסער פֿון מיר געוווּסט דעם וועג אַ היים און האָבן זיך געטראָגן ווי די רוחות באַרג אַראָפּ דורך עפּעס אַ דאָרף. פּויערים און פּויערטעס האָבן געקוקט, געשאָקלט מיט די קעפּ. זיי האָבן זיך גאָרנישט געוווּנדערט אויף מיין צוגעבונדענעם פֿאַרשוין. איצט, ווען איך בין געקומען אין סודאָווערף און אָפּגעפֿירט צו זיך אַ היים דעם שיכורן פֿאַרוואַלטער מיטן עמער האָניק, האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען דעם סוד פֿון די צוויי וואָגנס

און פאַר וואָס ער, דער דאָזיקער הינקענדיקער מיט מלחמה־מעדאַלן, האָט אויס־געקליבן מיך צו פאָרן מיט אים אויף דער „איידעלער אָפּעראַציע". פאַר אַזאַ ייד־ליך איז זיך נישטאָ וואָס צו שרעקן, ער וועט מורא האָבן אַ פּיפּס צו טאָן. און בכלל וועמען וועט מען גיכער גלייבן — אַט דעם ייִדן, דעם קאָנטריק, אָדער אים, דעם קאָמוניסט, דעם רוסישן מלחמה־אינוואַליד?

נאָך דעם דאָזיקן „האַניק־חודש" האָט זיך אָנגערוקט אַ שווערער ציוניסטי־שער ווינטער. מ'האָט צונויפגעקליבן אין די הייזער קינד און קייט און מ'האָט געמאַכט „פּאָליטאינפאָרמאַציע"; ווי די „שוואַרצע האַנט פון די ווייסבלויע ציו־ניסטן האָבן פאַרשפּרייט אין דעם רויטן מאָסקווע די ברוינע פאַשיסטישע נעץ, כדי צו פאַרסמען קאָמוניסטן. זייער ערשטער קרבן איז געווען זשדאַנאָוו".

רוסישע פרויען האָבן זיך געבויגן אין דרייען מיט אַ רוסישן דאַנק פאַר דער סאָוועטישער וויערא טשעבעריאַטשקאָ־טימאַשוק, וואָס איז געוואָרן באַלוינט מיט אַן אָרדען פאַר איר וואַכזאַמקייט, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס לאַנד פון דער ציוניסטישער סכנה. אין אַ „פּאַדוואַל" פון „פּראַוודאַ" האָט דער „אַקאַדעמיקער" מיטין אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן ציוניזם, אַלס אימפּעריאַליסטיש־צאַרישע שפּיאָנישע אַאַז"ו באַוועגונג. מ'האָט געזאָגט, אַז אַט־אַט וועלן צו אונדז אָנקומען די ייִדן, וועלכע מען שיקט אַרויס פון מאָסקווע און לענינגראַד, וואָס מען וועט מאַכן ייִדן־ריין. אונדזער פריינדין באַגאַטאָוואַ האָט גאַנץ דרייסט זיך אָנטקעגנ־געשטעלט דער רכילות. ס'איז מעגלעך, אַז נאָך עמעצער פון די רוסישע האָבן געטראַכט אַזוי ווי זי. מ'האָט דאָך אָבער אָפּגענומען ביי מענטשן זייער לשון.

ויהי היום האָט דאָס „אויג וואָס פאַרמאַכט זיך נישט" אַריינגעקוקט אין ספר־הזכרונות און זיך דערשראָקן. דאָרטן סמען ציוניסטישע דאָקטוירים קאָמוניסטן, און דאָ, אין סאַמע האַרצן פונעם יישוב, אונטער דער מאַסקע פון אַן „אויוון־הייצער", אַ ציוניסט מיט פינצטערע מחשבות. מי יודע וואָס ער וויל דאָ אין פרידיווינסקער שפּיטאָל שעדיקן? פּלוצעם איז מיין בעל־הבית דער שיכור, גע־וואָרן ניכטער און ס'האָט זיך אויפגעוועקט זיין „קאָמוניסטישער פּאַטריאָטיזם" און אַרויסגעטריבן מיך פון „וואַרעמען ערטל". ס'האָט נישט געהאָלפן מיין פּראָטעסט אין ר.ק.ק. אין ראַיאָנעם פּראָפ. פאַראיין. ווער וועט זיך דאָס איינשטעלן פאַר אַ ציוניסט, ווי קען מען אים געטריוען אַ זעג און אַ האַק און אַזאַ וויכטיקן ענין ווי הייצן די אויוונס?

מיין בעל־הבית איז פּטור געוואָרן פון אַן עדות צו זיינע גנבות... אין איין טאָג פון יענע ווינטערטעג האָט ביי אונדז „אין שטוב" אויפגעריסן אַ באָמבע. דאָס הייסט אויפגעריסן האָט זי אין מדינת ישראל אין סאָוועטישן קאָנסולאַט, נאָר ס'האָט אויפגעטרייסלט אונדז אין פאַרוואָרפענעם פרידיווינסק.

אין דעם קליינעם ווינקעלע פון גרויסן סיביר האָט נישט געפעלט אויך אַ ביסל פּסולת פון דער אונטערוועלט, וואָס האָט נאָר אויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט מיט אַ „קליינעם" פּאָגראָמל אַרויסצווייזן זייער פּאַטריאָטיזם. אונטערצוהעצן קעגן דעם אויוון־הייצער, אַ ייד, אַ ציוניסט, איז געווען נישט שווער, און אויב עמעצער פון די גאָרגל־שניידער וועט וועלן צו אים אָנווענדן זיין „פּראַקטיקע", וועט דאָס „נישט דרימלענדיקע אויג" פּלוצעם איינדרימלען. האָבן מיר געפיבערט די נעכט און געטרייסלט זיך אין די טעג. ווערן די טעג פאַר אונדז חושך, ווי נאַכט, און פון אַלע נעכט — איין לאַנגע נאַכט מיט בייזע חלומות פון שאַרפינקע שטיקלעך בליי.

אָן אַ טאַטע...

אָנהייב מאַרט. די זון קוקט צום זומער — דער פראָסט צום ווינטער. פּלוצעם... סטאַלין איז שווער קראַנק. די סטאַלינישע גוואַרדיע (פּאָליטביוראָ) שטעלט זיך ביים רודער. אין אַ טאָג אַרום האָט די וועלט אַ ציטער געטאָן: דער סאָוועטישער גאָט איז געשטאָרבן. אַ שרעק אַרויסצורידן אַזאַ וואָרט. ווי קען ער כביכול שטאַרבן, ווי יעדער בשר ודם? נאָר שוואַרצע פענדלעך שושקען זיך מיט פּריע פּרילינגס־ווינטלעך. דאָס גרויסע רוסלאַנד איז געבליבן אַ יתום. נישטאָ דער טאַטע; וואָס וועט זיין? ווער וועט פירן ביים הענטל? ווער פּערזענלעך וועט זיין דער מוסטער פון ריינעם יושר, צדק און אַלע מידות טובות פון דער מענטשהייט? ווער וועט פירן ביים שטריקל דעם גרויסן רוסישן בלינד־געוואָרענעם בער? דאָס האָט געקענט וויסן נאָר דער „הבוחן ובודק גנזי נסתרות"...

אין זאַל פון קלוב איז אַרויסגעשטעלט אַ פריש־געמאָלענער פּאָרטרעט פון פריש־פאַרשטאָרבענעם פירער. עס איז אָנטשוויגן געוואָרן דער „זשאַוואָראָנעק", וואָס איז אין דער לעצטער צייט פאַר סטאַלינס טויט געזונגען געוואָרן דריי מאָל אין טאָג דורך ראַדיאָ און אויף אַלע קאָנצערטן פון פּרידיוווינסק. די ראַדיאָ שפּילט טרויער־־מאַרשן. פוןביידע זייטן לעבן געמאָלטן פּאָרטרעט אַרויסגעשטעלט ערן־וועכטער. עס ציען פאַרביי שיטערע שורות מיט געבויגענע קעפּ. וואָס טראַכטן די קעפּ? וואָס פילן די הערצער? דאָס ווייס נאָר „הבוחן ובודק". אין פאָלק ווייסט מען, אַז „מען טאָר אויפן אַלטן פריץ קיין טויט נישט בעטן". ווער וועט זיין דער נייער פריץ? ס'האָט זיך געדאַכט נאָך דעם ווי מ'האָט פיזיש פאַרניכטעט די אָפּאָזיציע, קען הערשן נאָר סטאַלינס דינאַסטיע. מ'האָט זיך געשראָקן פאַר בעריאַ. וועגן דעם סאַטראַפּ פון סטאַלינען זענען אַרומגעגאַנגען שרעק־לעגענדעס, וואָס האָבן געקענט זיין ווירקלעכע פאַקטן.

באַך נישט „אַפּגעזעסן" שבעה (מיר זענען שוין געגוג „אָפּגעזעסן") און מזל־טוב — מיר האָבן שוין אַ נייעם „טאַטן" — כרושטשאָוו. אַראָפּ אַ באַרג פון האַרצן. ווידער זיך געגומען פאַר דער זעג מיט דער האַק. מען „דערלאָזט מיך" זעגן און האַקן האָלץ פאַר דער קיך פונעם יישוב. אין קיך האָט מען מיך נישט אַריינגעלאָזן זיך אָנוואַרעמען, קיין ביסל הייס געקעכטס, אפילו קיין ביסל הייס וואַסער נישט דערלאַנגט. יעדן טאָג פלעגט מען אַרויספירן אַ פעסל מיט געקעכטס פאַר די חזירים פונעם יישוב.

1טער אַפּריל — פּרימאַ אַפּריליס

דעם 1טן אַפּריל האָבן מיר אין אונדזער באַראַכאָוו־היים איינגעלאַדן עטלעכע גוטע פריינד אויפן געבורטסטאָג פון מיין געטרייער באַגלייטערין רחל. איך געדענק נישט, צי איז עס געווען פּינקטלעך דעם ערשטן, צי אַ מוקדם, צי מיט אַ נדחה, נאָר לכבוד דעם אָוונט האָבן מיר צוגעגרייט מכל־טוב: קאַרטאָפל־לאַטקעס, הערינג מיט קאַרטאָפל, זויערקרויט מיט קאָנסערוון. איידער נאָך די געסט זענען געקומען, האָט פּלוצעם דער הויכרעדער בקול רם אַרויסגערעדט אַז די אַרעסטירטע דאָקטוירים (יידישע) אין מאָסקווע האָט מען באַפרייט, ווייל ס'איז געווען אַ רכילות און אומגעזעצלעך האָט מען זיי געהאַלטן אין תפיסה. די טימאַשוק האָט מען דערקלערט פאַר אַ פאַלשן עדות און צוגענומען ביי איר דעם אָרדן. באַלד זענען געקומען די געסט. ס'איז געקומען אויך אונדזער רוסישע פריינדין מיט די צוויי ציגעלעך, וועלכע זי האָט געלאָזן הינטערן טיר. זיי האָבן אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און פריילעך געמעקעט, ווען מיר האָבן זיך געווונטשן לחיים...

*

ווידער האָבן די זעלביקע אינפאָרמאַטאָרס צונויפגעקליבן אין די הייזער די שלעכט־אינפאָרמירטע און אינפאָרמירט זיי, אַז מ'האָט זיי שלעכט אינפאָרמירט און אַז איצט אינפאָרמירן זיי מיט אַ ריכטיקער אינפאָרמאַציע, אַז די דאָקטוירים אין מאָסקווע האָט מען אומשולדיק געהאַלטן אין תפיסה צוליב שלעכטער אינפאָרמאַציע. איצט האָט מען זיי באַפרייט און לעבן זאָל די ראַטנמאַכט!

אין איינעם אַ זומערטאָג איז אין הויף פון דער קיך געקומען צו מיר מיט אַ זעג און אַ האַק דער „אַלטער באַקאַנטער" איטאַליענער, וואָס האָט עדות געזאָגט קעגן דעם רוסישן מוזיק־טעאָרעטיקער, וועלכן מ'האָט „געגעבן" נאָך צען יאָר הוספה. אין סאָווכאָז האָט מען אויף אים געטייטלט מיט די פינגער. איז ער געקומען אין אונדזער יישוב און „גוטע מענטשן" האָבן אים אָנגעוויזן דעם

„פאַסטן" פון האַלץ־העקער אין קיך. ער איז געקומען אין הויף און געזאָגט, אַז לויטן הסכם מיטן קיך־פאַרוואַלטער (אַ דיקינקע פרוי, אַ „מאַטושקאַ") דאַרף ער זיך שטעלן אויף מיין אָרט, און אַז איך מעג זיך גיין אויף אַלע פיר זייטן. איך האָב נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות. מיט אים איז געווען געפּערלעך צו האָבן צו טאָן, און איך בין אַוועק נישט אויף אַלע פיר זייטן, נאָר אויף איין זייט — אין דער „באַראַכאָוו־היים"...

„פון איין חזיר ווערט צוועלף"

וואָס טוט מען, ווי פאַרדינט מען אויף ברויט? נישט לאַנג געטראַכט טוט גאָט אַ נס. מען דאַרף האָבן איינעם אויף פאַשען חזירים. גיי איך און איך ווער אַ פאַסטעך פון חזירים. איך מוז זאָגן אַז זיי האָבן זיך אויפגעפירט מיט מיר געגנוג חזיריש. איך בין נאָך זיי נאָכגעלאָפן און וואַלד זיי נישט צו פאַרלירן. זיי זענען געווען עטלעכע צענדליק און איך איינער אַליין. פון איינער אַ חזירטע האָב איך געהאַט געברענטע צרות. זי האָט זיך געדאַרפט „אָפּחזירן", האָט זי זיך גע־זוכט ערגעץ אַ שטיקל ווינקל און נישט געגאַנגען מיט אַלעמען בחברותא. אַזאַ „מאַמע" איז בייז און געפּערלעך. זי קען דערהרגענען ווען מען צערייצט זי. האָט זי מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און אין וואַלד איז זי פאַרפאַלן געוואָרן. מ'האָט מיך דאָרטן אין ווירטשאַפט אָנגעשראָקן מיט אַ געריכט און מיט אַ גרויסער סומע, וואָס איך וועל נישט זיין אין שטאַנד אויסצוצאָלן דאָס גאַנצע לעבן. בין איך אַוועק אין וואַלד מיט אַ הונט און געזוכט זי. סיי איך און סיי דער הונט האָבן זי נישט גע־קענט געפינען. איך האָב די טעג נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט איך בין. מיר האָבן נישט געלעבט צוויי טעג. איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, ביז... ענדלעך די פריצהטע איז אַליין געקומען און געבראַכט מיט זיך צוועלף „קוויטשערלעך!"

דאָ האָב איך געזען אַזעלכעס ביי די חזירים, וואָס מענטשן קענען זיך פון דעם אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל; יעדעס ניי־געבוירן חזירל זייגט נאָר פון זיין ברוסט, צו וועלכער ער איז צוגעוווינט געוואָרן פון געבוירן־טאָג אָן און וואַרפט זי נישט אַוועק ווי עס טוען דאָס די צווייפיסיקע... אַסימילאַטאָרן. נאָך דעם מוסר־השכל האָב איך גענומען פון די חזירים נאָך אַ מוסר־השכל: נישט צו פאַשען מער קיין חזירים.

אַ מאַיאָר מיט אָרדנס אויף אַ באַזוך אין באַראַכאָוו־היים

בן־ציון, רחלס ברודער, האָט אָפּגעדינט אין דער סאָוועטישער אַרמיי העכער פינף און צוואַנציק יאָר אַלס מיליטער־דאָקטער, אָנטייל גענומען אין דער מלחמה

קעגן היטלערן, מ'האָט אים אויפן פראָנט באַלוינט מיט אַן אָרדן, געגעבן דעם ראַנג קאַפּיטאַן און אים „איינגעשלאָסן" אין ק.פּ.ס.ס. ער איז דורכגעגאַנגען די פראָנטן פון בלאָקירטן לענינגראַד ביזן רייכסטאַג און בערלין. ער האָט זיך קיין מאָל אין קיין פאַל נישט דעקלאַרירט. עס איז אַלץ געווען ביי אים נאַטירלעך און פּשוט. ער איז געווען יידיש־נאַציאָנאַל, נאָענט באַפריינדעט מיטן יונגן יידישן קריטיקער יאָשע בראָנשטיין. ביים גרינדן פון דער יידישער מדינה ישראל צוזאַמען מיט אַנדערע אין אַרכאַנגעלסק געוואָלט פאָרן באַשיצן דאָס לאַנד קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער. ער האָט ריזיקירט און די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַרבינדונג מיט אונדז דעפּרעסירטע ציוניסטישע „קאָנטריקעס". מ'האָט נישט איין מאָל פון אים געפאָדערט, ער זאָל אונדז פאַרלאָזן. ער האָט אָבער מוטיק דערקלערט, אַז ער קען אונדז בעסער ווי די ק.ג.ב. ער האָט אַפילו געוואַגט אין 1947טן יאָר מאַכן אַ באַזוך רחלען אין איר לאַגער. נאָך צוויי יאָר פאַרשפּעטיקונג האָט מען אים געהעכערט אין ראַנג. פון קאַפּיטאַן געמאַכט אים פאַר אַ מאַיאָר. באַשאָנקען אים מיט אַ צווייטן אָרדן „רויטע פאָן". אין פאַרשיקונג, אין דער עת צרה איז ער אונדז בייגעשטאַנען מיט סיסטעמאַטישער געלט־שטיצע, אָן וועלכער מיר וואָלטן נישט אַריבערגעטראָגן די שווערע נויט.

נאָך מיין „חזירישער עפּאָפּעע", נאָך די „שלושים" פונעם „אַלגעליבטן" טאַטע־פאָטער", זענען די ווירטשאַפטס־פירער געוואָרן הויכמוטיק און מיך „עולה לגדולה" געווען, מיך געמאַכט פאַר אַ נאַכט־וועכטער. צייטווייליק האָב איך געהיט די הייזער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין בויען.

אין יענער צייט האָט בן־ציון געדינט אין אַן „אומבאַוווּסטן" מיליטער־פּונקט נישט ווייט פון אונדז אין קראַסנאָיאַרסקער געגנט. ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט אין יאָרן אַרום, האָט ער געהאַט צו טאָן דאָרט מיט דער פּראָדוקציע פון אַטאָם־וואָפן. ער איז פּריצייטיק געשטאָרבן אין 1958 פון באַשטראַלונג, פון מ:ח־קרעבס.

מיט אַ מאָל, אומגעריכט, איז צו אונדז געקומען בן־ציון אין מונדיר מיט זילבערנע עפּאָלעטן מיט שטערנדלעך פון אַ מאַיאָר. אין גאַס האָבן אַלע געקוקט פאַרכאַפּט, ווי די פאַרשאָלטענע פאַרשיקטע יידליקעס גייען מיט אַזאַ „טשין". ער איז געווען ביי אונדז בלויז איין נאַכט. ער האָט געהאַט אַ קורצן אורלויב און האָט זיך אומגעקערט צו זיין דינסט.

דער קאַפּיטאַן פון מ.ג.ב. און אונדזערע אָפּיציעלע נאַטשאַלניקעס האָבן אויסגעדריקט באַדויערונג, וואָס דער מאַיאָר איז אַזוי גיך אָפּגעפאָרן. זיי וואָלטן אים געמאַכט אַ פייערלעכן אויפנעם. דער גרעסטער טשין ביי אונדז אין יישוב איז געווען דער „קאַפּיטאַן". וואָלט געווען אַ געלעגנהייט „אויסצוטרינקען" מיט אַ מאַיאָר.

מיר האָבן אונדזער טייערן ליבן בן־ציון געלאָזן מיט אַ שטיק פון אונדזער

דער ארצן אויפן יידישן בית־עולם אין לענינגראַד. ער איז געשטאָרבן פון דער מאָדערנסטער קרענק פון דער מאָדערנסטער ציוויליזאַציע. פאַר אונדז איז ער נישט געשטאָרבן. ער איז פאַרחתמעט אין אונדזערע הערצער. זאָלן די עטלעכע שורות וועגן אים זיין אַ מצבה אויף זיין ווייטן פאַרלאָזענעם קבר.

דאָס אייז רירט זיך — די ערשטע שוואַלב

אין אַ זומערטאָג אַ הייסן,
מען וועט זיך גאָר נישט רעכטן,
וועט דער רבי הייסן
פון וואקס הבדלות פלעכטן.

מען וועט לויפן פון אַלע זייטן
און אַלע חיות וועלן ברומען, —
מען וועט שרייען אין אַלע גאַסן:
„משיח איז שוין געקומען!"

(פון אַ פאָלקס־ליד)

„אַ מלאך פון גאָט שלאָגט יעדעס גרעזל עס זאָל וואקסן, וואקסט עס". און חס־ושלום, מען וועט עס אויפהערן צו שלאָגן, וועט פון דער וועלט ווערן אַ מדבר.

סטאַלין איז געשטאָרבן און אונדזער פּלאַנעטע דרייט זיך אָן זיינע קלעפּ. כוכבים און מזלות גייען זיך זייערע געגנג ווי געוויינלעך.

מיר האָבן קיין קריעה נישט געריסן, קיין שבעה נישט געזעסן, מיר זענען שוין געווען אַרומגעריסענע און אָפּגעזעסענע. אין אַ געוויינלעכן טאָג, און אין אַ געוויינלעכער שעה, ווען אין יישוב איז זיך אָנגעגאַנגען דאָס געוויינלעכע לעבן, די זעגן האָבן געזעגט, די העק האָבן געהאַקט, די באַד האָט זיך געהייצט, ציגן האָבן געריסן און געלעקט די קאָרע, דער יעניסיי איז געלאָפן זיין געוויינלעכן לויף און זיינע כוואַליעס, גאָלד און זילבער, האָבן זיך געהנדלט פאַר די גרינע נאָדל־ביימער, וואָס האָבן געבויגן זייערע קעפּ איבער די שטראָמענדיקע וואַסערן, מענטשן האָבן שוין געוואָרט דער זאַוואָד זאָל אַ פייף טאָן אויף מיטיק, מען זאָל קענען פונאַנדערנעמען פּעקלעך... פּלוצעם האָט מען דערהערט אַ בת־קול פון מאָסקווע: „פאַר בגידה, פאַר שפּיאָנאַזש, פאַרן פּרווו צו פאַרכאַפּן די מאַכט איז פאַרמשפּט געוואָרן צום שיסן און דערשאָסן געוואָרן לאַווערענטי בעריאַ!" סטאַלינס הונט האָט אַ מיתה משונה איינגענומען. אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. מ'האָט דע־מאָלט נישט געטראַכט ווער ס'וועט איבערנעמען די שליסלען פון די תפיסות.

אַ שפּריצל פון זוניקער האָפענונג האָט אַ וואַרעם געטאָן דאָס אייז אין לאַנד. אפשר? אפשר וועט שוין אַ ריר טאָן? אפשר וועט שוין רוסלאַנד אַרויס פון תפיסה? אפשר וועלן אַראָפּגענומען ווערן די שטעכיקע דראָטן און פון די לאַ־גערן וועט אַ שטראָם טאָן דאָס באַפרייטע פאָלק?

אין זעלביקן טאָג איז נישט פאָרגעקומען קיין שום אויסערגעוויינלעכס. די סטאַדע בהמות האָט זיך בשלום אומגעקערט פון פעלד. יעדע קו האָט ווי געוויינ־לעך געטראָפן אַהיים, אויפגעמאַכט מיט די הערנער די פאַרמאַכטע טירלעך פון זייערע הויפן. פון די קומענס האָט אַ צי געטאָן רויך איבער די דעכלעך. לאָדן האָבן זיך פאַרמאַכט. הינטער פאַרמאַכטע לאָדן און פאַררוקטע פאָרהענגלעך איז אָנגעגאַנגען דאָס טאָגטעגלעכע נאַכט־נעכטלעכע לעבן. ביי זידנדיקע סאַמאָוואַרן, ביי „האַלבע" און „פערטעלעך" האָט מען באַגלייט דעם טאָג. אין יענעם אָוונט איז אַרויס אומפאַרשעמט אַ נאַקעטע לבנה. אויף דער הויכער ברעגיקער גאַס איבער דעם יעניסיי האָבן זיך באַוויזן קאָמפּאַניעס יונגוואַרג. פון זיי האָבן זיך אויסגע־טיילט פּאָרלעך און פאַרשוווּנדן אונטער שאָטנס פוןביימער, ווו ס'עקט זיך דער יישוב. מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות? דער אָוונט...

...דער וועכטער איז זיך געגאַנגען זיין וועג. נאָכגעקוקט מיט בענקשאַפט די שקיעה וואָס האָט צאַנקענדיק געפלאַמט אין וועלדער אויף יענער זייט יעניסיי, אויפגענומען מיט ליבשאַפט זיין בלייך־זילבערנע לבנה, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען באַוויינט דורך קאָסמאָנאַווטן און נישט געשטערט יונגע הערצער חלומען וועגן גליק.

די היינטיקע שקיעה האָבן באַגלייט און דעם היינטיקן לבנה־אויפגאַנג האָבן מקבל־פּנים געווען דער אַלט־יונגער וועכטער מיט זיין יונג־אַלטער באַגלייטערין. צוזאַמען האָבן זיי באַדויערט און אויסגעווייטיקט דעם פאַרשוווּנדענעם טאָג און געקוקט מיט קנאה אויף דער ניט פאַרשיקטער פרייער לבנה... צי וועלן זיי נאָך ערגעץ געפינען אַ פרייען ווינקל אויף דער ערד צו דערלעבן און דערחלומען?... האָבן זיי אַזוי שפּאַצירט אויף דער ערד צוזאַמען מיט דער לבנה אין הימל ביז זי איז פאַרזונקען אין די טיפע וועלדער פון יעניסייער ברעג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר ביידע האָבן יענעם אָוונט טיף באַהאַלטן, נישט אַרויסגעזאָגט, נישט דער־חלומט, נישט צוגערירט זיך אַפילו צו איין סטרונע פון אונדזער פאַרשוויגענער האַרפע אויף די ברעגן פון אונדזערע ביבלישע טייכן... מיר האָבן גערעדט און די הערצער האָבן געשוויגן, שווער באַלאָדענע, מורא געהאַט, ס'זאָל נישט אַרויס „דאָס" פון וואָס מיר האָבן געטראַכט...

אַ פּאָליטישער פרילינג? ערשטע שוואַלבן?

אויף טויזנטער קילאָמעטערס, אויף דעם לאַנגן יעניסיי פון נאָרילסק ביז קראַסנאָיאַרסק וואַסער־אַרויף האָבן זיך באַוויזן דאַמפּשיפן מיט באַפרייטע פאַר־שיקטע. די דאַמפּשיפן האָבן זיך אָפּגעשטעלט איבערצוכאַפּן דעם „אָטעם״ לעבן אונדזער שטילן „האַפן״. ס׳איז געוואָרן אַ טראַדיציע ביי די פאַרשיקטע צו באַ־געגענען די דורכפאָרנדיקע דאַמפער, און באַגריסן די באַפרייטע מיט אָוואַציעס און געזאַנג. אויף איינער פון די שיפן האָבן מיר געהאַט דעם כבוד צו באַגריסן די פרוי פון דעם אומגעבראַכטן דיכטער דוד האָפשטיין און צוזאַמען מיט איר לאָזן אַ טרער אויף זיין אומזיניקן טויט. יעדער טויט איז אומזיניק, נאָר מער אומ־זיניק איז באַוווּסטזיניקע רציחה. מיט וואָס האָבן מיר געקענט טרייסטן? דאָס פאָלק וועט נישט פאַרגעסן קיין מאָל זיין דיכטונג! מיר וועלן שטענדיק גיין „אין די פאַרנטיקע רייען פון דער שפּאַנענדיקער מענטשהייט״. כאָטש יענע „פאָרנטיקע רייען״ דוד האָפשטיינס זענען דע נאָך גלאָפן מיט בייטשן נאָך דער „שפּאַנענ־דיקער מענטשהייט״ און געיאָגט זי אין די לאַגערן אַריין, מיט וועלפישע הינט זיי געטריבן אויף עבודת־פּרך...

זי האָט דערציילט מיט טרערן, אַז זי ווייסט נישט ווו דאָס געביין פונעם דיכטער איז אַהינגעקומען. זייער משפחה איז צעריסן. אַ טאָכטער — אַ פידלערין איז אין קראַסנאָיאַרסק איינע אַליין. זי ווייסט נאָך אַליין נישט ווו זי וועט זיך אַהינטאָן.

באַלד האָבן זיך גענומען באַווייזן שוואַלבן אויך אין אונדזער יישוב. אַ סך פון אונדזערע באַקאַנטע און פריינד האָבן ליקווידירט זייערע נחלות און הייזער און אַוועק בענטער צו זייערע היימען. קיין היים האָט נאָך קיינער נישט געהאַט...

אין דער ווייסער וועלט אַריין... ווּהין די אויגן טראָגן...

אין איינעם אַ טאָג איז צו מיר אויף דער אַרבעט געקומען מיין רחל און קוים אַרויסגעזאָגט אומגלויבלעכס, אַז פון דער מ.ג.ב. האָט מען איר געזאָגט, אַז אין גיכן ווערן מיר באַפרייט. צו דער צייט האָט שוין רחל געקריגן בוכ־האַלטעריש־עקאָנאָמישע אַרבעט. מ׳האָט איר פאַרגעלייגט בלייבן אין יישוב אויף אַרבעט, נאָר... פאַר אַ כמעט האַלבן געהאַלט פון דעם וואָס עס באַקומט אַ פרייער (נישט באַפרייטער). אונדזער בן־ציון האָט אונדז געראָטן פאַרבלייבן אויפן אָרט, ווייל אין לאַנד איז אַ קריזיס און אַרבעטלאָזיקייט צווישן אַנגעשטעלטע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטרענגער עקאָנאָמיע אין דער אַדמיניסטראַציע און אין אַלע אַנשטאַלטן.

דאָ, אַרום אונדזער קליינעם הייזל האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן גאָרטן. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט זעצן און אַראָפּנעמען אַ גרויס געוועטעניש פון קאַרטאָפל און קרויט. אמת, רחל האָט אַרומגעגראָבן קאַרטאָפל לאַנגזאַם. ביז זי איז צוגעקומען צום סוף, איז שוין צוריק געווען פאַרוואַקסן דער אָנהייב, האָט זי ווידער אָנגעהויבן פון אָנהייב. מיר האָבן אין דעם יאָר געזעצט צוויי און צוואַנציק עמער קאַרטאָפל און אַראָפּגענומען פינף און דרייסיק זעקלעך. איך האָב אויסגעגראָבן אַ טיפן (דריי מעטער די טיף) קעלער, אָנגעפילט מיט קאַרטאָפל, איינגעזייערט קרויט. אונדזערע הינדעלעך (אַכצן) האָבן זיך געלייגט. איך האָב אָנגעהאַקט און איינגעלייגט צוגעגרייטע וואַרשטעס האָלץ אויפן לאַנגן ווינטער. ווי לאָזט מען עס זיך פון אַן אייגענעם וואַרעמען ווינקל סתם אין דער קאַלטער וועלט אַריין?

ווען מיר האָבן זיך באַפרייט פון לאַגער גלייך נאָך דער מלחמה זענען נאָך די הערצער ביי מענטשן געווען אָפענע. נאָך ניט פאַרגעסן די מלחמה. מלחמה־צייט, ווען אויף די פראָנטן מאָביליזירט דער „טיל" קעגן דער אַכזריות די בעסטע געפילן פאַר זעלבסטהילף און אויסדויער. איצט אין 1954 האָט שוין אין אַ סך הערצער געטרוקנט דער נאָך־מלחמה טוי. מענטשן האָבן זיך פאַרשלאָסן „ביי זיך", „פאַר זיך", „אין זיך". דאָך האָבן מיר באַשלאָסן אָנגורטן די לענדן. מיר האָבן געגלייבט אין אונדזערע כוחות און אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרלאָזן דאָס וואַרעמע ווינקל, צו וועלכן ס'האָט אונדז צוגעבונדן די נויט. אונדז האָט געטריבן פון דאָרט די „אַלגעמיינע" פאַראַכטונג פון דער „גאַס". יעדעס ווינקל האָט דערמאָנט קנעכטשאַפט, פאַרשקלאַפונג. אַרויסגעקוועטשטער שווייס און פאַרשלונגענע טרערן. אין די אויערן האָט אַלץ געקלונגען „זשיד". אַוועקגעפאָרן אין ראַיאָנעם צענטער באַלשאַיאַ מורטאַ און טאַקע ביי זלאָבינען און פון זיינע הענט באַקומען אַ פאַספּאָרט פון צוויי בלעטלעך מיטן פונקט „39". מיטן דאָזיקן פאַספּאָרט האָבן מיר זיך נישט געקענט באַזעצן אין קיין שום רעזידענץ־שטאָט, אין קיין שום גרויסער שטאָט, וואָס גייט אַריין אין דער רשימה פון ספּעציעלן רעזשים. מיטן דאָזיקן פאַספּאָרט האָט מען אונדז אַ לאַנגע צייט נישט דערלאָזן צו אונדזער אַרבעט אַלס ביבליאָטעקאַרס. דאָס האָט געהייסן אויף רוסיש „וואָלטשי פאַספּאָרט", אַ פאַספּאָרט פון אַ וואָלף וואָס מען לאָזט נישט אויף קיין שוועל פון אַ מענטשלעכן יישוב... אמת, מיר האָבן געהאַט די רעכט מיט דעם פאַספּאָרט צו באַקומען אַ וואָל־ביולעטין, און אַריינוואַרפן זיי אין די אורנעס. שטימען פאַרן בלאָק פון קאָמוניסטן און אומפּאַרטייישע...

מיר האָבן פאַרקויפט פאַר גלייכן געלט אונדזער קליין הייזל, וואָס מיר האָבן מיט אַזויפיל מי אויפגעבויט, דעם קעלער מיט קאַרטאָפל, דאָס פעסל זויערע קרויט, דאָס צעזעגטע האָלץ אויפן לאַנגן און שווערן ווינטער, אונדזערע הינדע־

לעך, וואָס האָבן זיך אַזוי באַמיט פאַר אונדז צו לייגן אייער. מיר האָבן פאַר גראָשנס אָפּגעגעבן אונדזער אייזערן בעטל, אָן ענג מיליטעריש פעלצל. מיר האָבן פאַרפּאַקט אַ היפּש ביסל טראַנטעס, אָפּגעטראָגן וועש, צעריסנס אויף צו פאַרריכטן, זאָקן און אַ זעקעלע פעדערן פון די געקוילעטע הינער, פאַרבייט און באַהאַלטן האַרט ביים הוילן לייב דאָס ביסל געלט, וואָס האָט אונדז געדאַרפט געבן די ערשטע צייט אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל ברויט.

דעם 6טן נאָוועמבער, פונקט ערב דעם אָקטאָבער יום־טוב האָבן מיר זיך געזעצט אויפן דאַמפער קיין קראַסנאָיאַרסק. פון אַלע אונדזערע פריינד זענען מיר געוועז די לעצטע. די באַרקאַנס האָבן שוין לאַנג אין טשעאַנאָוויץ געיום־טובט מיט זייערע קרובים און פריינד. אַלע איבעריקע האָבן שוין אויך ערגעץ זיך פאַרשטעקט, ערגעץ זיך צוגעשפּאַרט. אונדז האָבן באַגלייט בלויז די דייטשישע עסדעקישע טאָכטער קלאַרע און די יאַפּאַנישע אַלמנה — יוליאַ. מיר האָבן גע־לאָזן און אויף אייביק זיך געזעגנט מיט דעם קליינעם יישוב, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק פאַר אונדזערע עינויים, וואָס מיר זענען דאָרט אויסגעשטאַנען.

הינטער די פּלייצעס — די שאָטנס פון פינצטערע יאָרן תפיסות, לאַגערן, עטאַפּן, עבודת פרך, הונגער, קעלט. ביי אונדז האָבן געפרוירן הענט און פיס; ביי אונדזערע נוגשים — די הערצער און די אויגן.

אַנטקעגן אונדז זענען געלאָפן די קוועלנדיקע וואַסערן מיט שיינע פאַר־בענקטע הויכע ברעגן מיט וועלדער און וועלדער, וועלדער. כמאַרעס האָבן זיך געביטן מיט הימל־בלויקייט און זון.

קראַסנאָיאַרסקער קאַלטע שניידנדיקע ווינטן האָבן געריסן רויטע פענער איבער די יום־טובדיק צוגעפּוצטע העכערע און נידעריקע בנינים. מיט גרויס מי האָבן מיר דעראָבערט באַן־בילעטן אויף איבערמאָרגן נאָך יום־טוב. מיר האָבן על פּי נס געפּאַקט אַ יידן, וואָס האָט אונדז געגעבן נאַכטלעגער, פאַר עטלעכע רובל באַזאָרגט אונדזער באַגאַזש און די ערשטע נאַכט איבערגענעכטיקט אינעם כשרן קראַסנאָיאַרסק מיט אונדזערע טריפהנע פאַספּאָרטן.

מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ זייטיקער גאַס, צוזאַמען מיט הויכע זעקס־שטאָקיקע „וואָלקנקראַצערס" יחסנים, זענען געשטאַנען פּשוטע אַמאָליקע גובערנ־סקע צווייִשטאָקיקע און איינשטאָקיקע הייזער, וווּהין מען האָט געטראָגן וואַ־סער מיט „פידעס" אויף די אַקסלען...

ביי דוד האָפּשטיינס טאָכטער

מיר האָבן „געטראָפן" צו איר לויטן אַדרעס, וואָס עס האָט אונדז געגעבן איר מאַמע. איר אָפּגעגעבן אַ גרוס פון איר מאַמען. שווער געוועזן מיט איר אָנ־

הייבן דעם געשפרעך. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן אַ מאָל זיין תושבים פון הרצליה. דאָ, וווּ דוד האָפשטיין האָט אין די צוואַנציקער יאָרן געהאַט אַ דירת ארעי... זי איז נאָך געווען דעמאָלט אַ קליי־נינקע, דאָך האָט זי געדענקט עפּעס פונעם „דאָרטיקן" העברעיִש. וועגן טאַטן האָט זי גערעדט ווי ער וואָלט געווען דאָ ערגעץ נאָענט. ס'איז געווען אַ שוויי־גנדיקער ריידן... אָפּגעהאַקטע פראַזן, צי זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ נדר, צי פאַר זיך. שווער ג־ווען צו טרייסטן אָט די יונגע יתומה... מיטן פידל רעדט זי דרייסטער ווי מיט מענטשן. נישט פאַר אַלע מענטשן קען זי, וואָגט זי אַרויס־ברענגען איר מעלאָדיע פון טרויער און צאָרן.

זי האָט אונדז מכבד געווען מיט צוויי גרויסע כינעזישע עפּל. יאָרן לאַנג האָבן מיר אַזאַ שיינע פרי נישט געהאַלטן אין האַנט. לאַנג זענען געשטאַנען פאַר אונדז אירע טרויעריקע יידישע אויגן. אַ שאָד געווען אייַנבייסן אַזעלכע עפּל. מיר האָבן נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון אירע לאַנגע דינע פינגער, ווען זי האָט אונדז דערלאַנגט ביידע הענט ביים געזעגענען זיך.

פאַרהאַלטענע טרערן האָבן ווי טוי פון הימל אָפּגעפרישט די הערצער... זי איז אַ יונגע יתומה, מיר זענען אַלטע יתומים, מיר זענען היימלאָזע, „בראָדיאַ־געס", נע־ונדניקעס.

מיר זענען געגאַנגען ווישיכורע איבער מאָסקאָווסקאַיאַ (די הויפּטגאַס פון נישט קיין פריינד. די פרעמדע שטאָט פול מיט גאַסן, מיט הייזער, מיט מענטשן איז געווען פאַר אונדז שטום און טויב ווי אַ מדבר.

מיר זענען געגאַנגען ווי שיכורע איבער מאָסקאָווסקאַיאַ (די הויפּט־גאַס פון פּענזאַ), נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט מען איז. געגעסן אייזקרעם, געקוויקט זיך מיט דער פרייהייט, געוווינט דערווייל אין „דאָם קרעסטיאַנינאַ", געגאַנגען און געגאַנגען און געזוכט אַ ווינקל ווו אוועקצולייגן דעם קאָפּ. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר האָבן געפונען פרנסה און פריינד. מיר האָבן זיי געפונען צווישן „גויים" און יידן.

די הערצער זענען פול מיט דער גוישער און יידישער פּענזאַ. זאָל נאָר גאָט געבן כוחות פאַר „צען יאָר פּענזאַ".

נאָכן מבול

אין 1964 האָבן מיר, איך און רחל, אַלס רעהאַביליטירטע זיך אומגעקערט שוין אָן דעם „מינוס" פון פּענזאַ קיין לענינגראַד. משה גערטשיקאָוו האָט גע־לאָזט זיין „מינוס" אין וואָלאָגדאַ און געקומען אַלס רעהאַביליטירטער קיין לענינגראַד אין 1965 און ער פלעגט ווי אַמאָליקע צייטן קומען צו אונדז אין

אונדזער נייער דירה אויפן ווינקל ניעווסקי־הערצען. ער איז שוין געווען אַ האַרץ־קראַנקער. זיך אויפצוהויבן פיר און אַכציק טרעפּ צו אונדז אויפן זעקסטן שטאָק איז געווען פאַר אים געפערלעך. מיר פלעגן אויך גיין צו אים אין זיין צימערל אויפן צווייטן שטאָק אין אַ הויף אויף וואַסיליעווסקי אָסטראָוו.

משה גערטשיקאָוו האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיטן געוועזענעם אַנגעזעענעם יעקאַפּיסט פּראָפּ. זלמן גינזבורג, אַ נאָענטער קרוב פון זלמן שז״ר און מיטן שרייבער־איבערזעצער ביעלאָוו־עלינסאָן (אַן אַקטיווער טוער אין די אומלעגאַלע אולפּאַנען.ביידע שוין אין לאַנד). דורך זיי האָט ער פון צייט צו צייט געקראָגן פאַר אונדז „סאַמאַיזדאַטן", ישראל־ליטעראַטור און צייטונגס־אויסשניטן. מיר האָבן געלייענט בלעטערווייז אויף יידיש „עקזאָדוס" פון לעאָן יוריס און מיר האָבן זיך דערוויסט אין צענדליקער יאָרן אַרום וויפל אין די אותיות „ישראל" עס ליגן טרערן און וויפל בלוט און פּיין.

מיר האָבן זיך ווי פריער געפילט אַלס פּאַרטיי־קאָלעקטיוו מיט מאָראַלישער אחריות. מיר האָבן אין אונדזערע שמועסן אונטערגעפירט סך הכלען פון אונדזער טעטיקייט מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק און באַטראַכט וואָס איז אונדז פאַרבליבן נאָכן מבול.

מיר קענען נישט אָנהייבן פון דאָרט ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק. די גאַנצע וועלט, כאָטש ס׳האָט זיך געענדערט איר געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע נאָך דער מלחמה, איז זי אָבער דאָך געקומען צוריק פון קריג צום פרידן. מענטשן פון אַלע פעלקער זענען געקומען צוריק אין זייערע אַלטע היימען — צו פרידן. דאָס ביסל שריים יידן זענען געקומען צוריק צו זייער אוראַלטער היים — צו מלחמה.

אַמאָל האָבן די רוימער באַזיגט די גריכן פיזיש און דורך זיי באַזיגט געוואָרן גייסטיק. רוסלאַנד האָט באַזיגט דעם נאַציזם פיזיש און געוואָרן באַזיגט דורך אים גייסטיק. דער רויטער נאַציזם האָט זיך איצט פונאַנדערגעבליט אין רוסלאַנד און אין אַלע אירע ראַנד־לענדער.

די יידן אין רוסלאַנד האָבן געענדערט זייער אויסזען. נישטאָ שוין יענע שטעטלעך און שטעט מיט קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. זיי זענען איצט קאָנצענטרירט אין די קרוין־שטעט פון רוסלאַנד און פון אירע רעפּובליקן. עס גייט אַ פאַרבאַהאַלטענער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די יידישע און נישט יידישע איטעלעקטואַלן פאַר איינהאַלטן פּאָזיציעס אין שטאָט. עס עקזיסטירט אַ פאַרבאַהאַלטענער „נומערוס קלאַוזוס"* פאַר יידישער סטודענטן. די

---

* נומערוס קלאַוזוס — פּראָצענט נאָרמע. ס׳איז געווען באַקאַנט כרושטשאָווס זאָג: „ס׳וועלן זיין אַזוי פיל יידן סטודענטן וויפל ס׳וועלן זיין יידן ׳שאַכטיאָרן׳."

איזאָלאַציע פירט צו נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע. עס האָט זיך געשאַפן דער עקאָנאָמישער יסוד פאַר אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג צווישן דער לער־יוגנט. סטו־דענטן זענען נאָך אין אַלטן רוסלאַנד געווען דער פאָרפּאָסטן פון מרידה. אָדער ווי טראָצקי האָט געזאָגט: „דער קוועקזילבער פון דער רעוואָלוציע".

מיט דרייסיק יאָר צוריק האָבן מיר געפירט וויכוחים וועגן פּערספּעקטיוון. רחל מיט משהקען האָבן געקוקט פּעסימיסטיש. די יוגנט וועט זיך אַסימילירן און מיר וועלן פאַרלירן דעם באָדן. איך האָב נישט געגלייבט אין דער דאָזיקער כפירה. כאָטש ס'איז נישט געווען קיין באָדן פאַר נאַציאָנאַלן אָפּטימיזם האָב איך נישט געקענט דערלאָזן דעם געדאַנק וועגן „פאַרשמעלצונג".

מיר האָבן איצט געהאַט אַלע סימנים פון אַ נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. איך מיט רחלען האָבן דאָס דערפילט נאָך אין פּענזע, ווען יידישע סטודענטן זענען געקומען צו אונדז זוכן אַן „אַלף בית" און מיר האָבן פאַר זיי געשריבן אַלף־ביתן און אויסגעזוכט פאַר זיי עפּעס אַ געדרוקט יידיש וואָרט. סטודענטן האָבן דערשמעקט ערגעץ די יידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע און פון איר געשעפּט פולע לעפל „יידישקייט". ס'האָט זיך אויך אָפּגעזוכט אַ געוויזענע יידישע לערערין, וואָס האָט געלערנט מיט אַ גרופּע סטודענטן יידיש.

די באַוועגונג האָט אַ חוץ דער שול נישט געהאַט קיין שום יידישע אינסטי־טוציע. אין קאָלעקטיווער פייערונג פון יידישע ימים טובים האָבן זיי געפונען דעם איינציקן אויסדרוק פאַר די נאַציאָנאַלע געפילן. ס'האָבן אָבער געפעלט קוואַליפי־צירטע נאַציאָנאַלע כוחות אויפצוהייבן די באַוועגונג אויף דער געהעריקער הויך.

די אולפּאַנען מיט די אַלף מילים האָבן דאָס נישט געקענט געבן. ס'איז געווען אַ מין נייער „בילוי", אָבער ס'האָט געפעלט די ראָמאַנטישע חיבת־ציון. ס'איז נישט געווען דאָס געדרוקטע וואָרט.

די באַוועגונג איז אונדז געווען נאָענט צום האַרצן כאָטש זי איז נישט גע־ווען אונדזערע, האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט סאָציאַליזם. בלויז „עליה" האָט נישט געקענט ווערן די פירנדיקע אידעע. ישראל איז דאָך נישט קיין עלדאָראַדאָ. צו ישראל דאַרף מען האָבן נישט נאָר געפילן, נאָר אויך נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. דאָס האָט די יוגנט געהאַט זייער ווייניק. איך און רחל האָבן געהאַט די מעגלעכ־קייט זיך צו באַגעגענען ביי ביעלאָוון אין דירה מיט אייניקע פון די פירנדיקע יוגנט־טוער. ס'איז אונדז אָבער געוואָרן קלאָר, אַז די אַסימילאַציע האָט אין רוס־לאַנד געכאַפּט אַ קלאַפּ. מיר האָבן ליידער געקענט זיין בלויז יועצים און נישט קיין אַקטיווע טוער. די יוגנט איז געווען אַן אַנדערע. אַחוץ דעם זענען מיר דאָך שוין געווען פּסולע, „אָפּגעזעסענע".

דער עיקר אָבער איז דאָס, וואָס מיר מיט אונדזער קאָמוניסטישן פּועלי־ציו־ניזם האָבן נישט געקענט געפינען אַ וועג צו דעם האַרץ פון דער יוגנט. די נע־

גאַטיווע באַציונג פון דעם אָפיציעלן קאָמוניזם צום ציוניסטישן געדאַנק האָט אָפּ־געשטויסן די יוגנט פון קאָמוניזם.

*

דאָך זענען מיר פאַר דער לעצטער צייט, אומבאַוווסט פאַר דער דאָזיקער יוגנט, געווען מיט איר פאַרבונדן. זי האָט אונדז אַ סך געהאָלפן זיך עקיפירן קיין ישראל. ביי אונדז זענען געווען אייניקע פון די טוער, וועלכע האָבן פיגורירט אויפן ערשטן לענינגראַדער פּראָצעס.

ס׳האָבן אונדז באַגעגנט און באַגלייט די יוגנט קיין מאָסקווע, הייס פּראָטעס־טירט ווען מיר האָבן פאַרשפּעטיקט דעם עראָפּלאַן קיין ווין איבערן ברוטאַלן אונטערזוך, וואָס מ׳האָט געמאַכט אויף אונדזערע נאַקעטע לייבער.

די יוגנט האָט אונדז באַגלייט מיט לידער און טענץ אין יענעם גליקלעכן אָוונט ווען שטאָלענע פליגל האָבן אונדז אַקוועגעטראָגן צום לאַנד פון אונדזער טרוים.

קערנדיק אונדזערע אויגן מיט האָפענונג צו דעם נייעם דור, האָבן מיר דאָך געזוכט שיריים פון אונדזער דור פּועלי־ציוניסטן.

מיר האָבן זיך גאָרנישט געקענט דערוויסן וואָס עס טוט זיך מיט די חברים, מיט וועלכע מיר זענען געמשפּט געוואָרן און דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום. מיר האָבן געוווּסט נאָר וועגן איין גערשענזאָנען, אַז ער איז געשטאָרבן ערגעץ אין אַ לאַגער אויפן ווייטן מזרח אַרום וולאַדיוואָסטאָק. זיין עלטערער ברודער אַלעקסאַנדער האָט אים געבראַכט צו קבורה.

ס׳איז שוין נישט געווען פון די אַלטיטשקע חברים דער חבר טשערניו וועל־כן כ׳האָב אַמאָל (1921) געבראַכט פון צ.ק. קערענקעס פאַר דער פּאַרטיי־אַרבעט אין אויסלאַנד און דערנאָך באַגעגנט (אין 1930) אין לענינגראַד, מיר האָבן נישט געפונען דעם חבר שמעון ניעזשינסקי. ס׳איז אָוועקגעפאָרן קיין ישראל אַברהם רובאַשאָוו (שזר״ס ברודער). מיר זענען געווען מיט רחלען ביי אים אין דירה איין מאָל (אין 1931 אָדער 1932). ס׳איז געווען אין לענינגראַד די חברטע לאה קראַסנע, משהקע גערטשיקאָווס אַ יוגנט־חברטע. ער האָט שטאַרק געוואָלט זי זען, ממש אויסגעגאַנגען.

1טן מערץ 1966 זענען מיר, איך און רחל געקומען צו משהקען מיט אַ טאָרט. ער האָט זיך גלייך געכאַפּט: „40 יאָר פּאַלטאַווע!" איך האָב פאַרגעלייגט אַ פּאָר טאָן און ברענגען לאהן. ער האָט קאַטעגאָריש דערווידערט און מיר נישט געגעבן דעם אַדרעס. צי האָט ער איר נישט געטרויט. דאָס קען נישט זיין, אפשר איר מאַן ווערסזאָן, אַן אַרבעטער אויך פון די האַמעלער חברים? פון לאַנג גע־ווען אַ מעשה — ווערסזאָן האָט דאַן פאַרטרויט גערשנזאָנען, אַז מ׳האָט אים גע־

צווונגען צו ווערן אַן „אַסוועדאַמיטעל״ (אַן אינפאָרמאַטאָר ביי דער נ.ק.וו.ד.). דאָס האָט מסתמא אָפּגעהאַלטן משקהען. אָבער ווערסזאָן האָט דאָך באַוויזן זיין ריינקייט ווען ער האָט וועגן דעם געמאָלדן דער פּאַרטיי. איך מוז דאָ אַרויסזאָגן מיין טיפן באַדויערן וואָס איך האָב געפּאָלגט משהקען און נישט גערופן לאהן.*

משהקע האָט זיך באַגעגנט עטלעכע מאָל מיט שלום גורעוויטש, אַ געבוירע־נער אין קיווינס שטאָט טשערייע. ער האָט זיך געגרויסט מיט דעם וואָס ער איז פון איין שטאָט מיטן חבר קיווין. ער האָט געענדיקט אַ פּאַרטיישול, נישט געהאַט קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג. איך האָב אים געקענט נאָך פון כאַרקאָוו (1925). משהקע האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פאַנטאַזיאָר. ער האָט געהאַט אין זיך אַ סך פון שלום־עליכמס מנחם־מענדל און האָט נישט געטויגט פאַר אומלעגאַלער אַר־בעט. מיט שלום גורעוויטש האָב איך זיך געטראָפן ערשט אין 1969 אין תל־אָביב אויף דער מסיבה לכבוד אים אין פּרץ־פאַרלאַג. ער האָט אויפגעציטערט פון אי־בערראַשונג ווען ער האָט מיך דערזען. ער האָט נישט געוווּסט אַז איך בין געווען אין לענינגראַד. ער האָט איבערגעריסן זיין דערציילונג איבער מיר. נאָך מיין קורצער אַרויסטרעטונג האָט ער פאַרגעזעצט זיין דערציילונג וועגן „סאַמאיזדאַט״ און וועגן די גרויסע מענטשן מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט.

מיר (איך און רחל) האָבן באַוווּנדערט זיין רייכע פאַנטאַזיע. איך האָב נאָר באַמערקט, אַז איך זע נישט איין קיין ישועה פאַר יידן אויך פון די רוסישע דעמאָקראַטן.

---

* די נ.ק.וו.ד. האָט אויך אין דער לעגאַלער צייט געפּרוּווט ווערבירן אינפאָרמאַ־טאָרן צווישן פּועלי־ציון. מיר זענען באַקאַנט צוויי פאַלן. אַ קורצע צייט האָט געאַרבעט אין צ.ק. פון „יוגנט־פּועלי־ציון״ זלמן גרובין (אַ וויטעבסקער), אַ קורצע צייט פאַר דער ליקווידאַציע פון דער פּאַרטיי האָט מען אים געפּרוּווט ווערבירן. ער האָט תיכף פאַרלאָזן מאָסקווע.

אין דעם צווייטן פאַל האָט די נ.ק.וו.ד. געהאַט מער דערפאָלג. אין צווייטן באַ־שטאַנד פון יוגנט־צ.ק. איז געווען נחום פישער (פון מינסק). ער איז אין 1925 אַרעס־טירט געוואָרן אין מינסק. ווערדליק ער האָט מיר דערציילט האָט אים פּראָוואָצירט ליימע ראַזענהויז. ער האָט אים געגעבן צו לייענען אַ פּאָר נומערן „סאָציאַליסטיטשעסקי וועסט־ניק״ (דער אויסלענדער מענשעוויסטישער אָרגאַן), דעם זעלבן אָוונט איז אים איבער־געפאַלן די ג.פּ.או. איך בין געווען ביי אים אין ליפאָרטאָווע אין טורמע, וווהין מען האָט אים אַריבערגעפירט פון מינסק. ער איז געוואָרן פאַרשיקט אין קאַזאַכסטאַן. דערנאָך מיט אַ מינוט זיך באַזעצט אין בערדיטשעוו אַלס פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַל פון פּועלי־ציון, געוואָרן „אַרויסגעשיקט״ קיין ארץ־ישראל. געפּרוּווט פּראָוואָצירן צווישן די פּועלי־ציון און אויסגעפירט אַנדערע „שליחותן״. אין גיכן געקומען צוריק קיין מינסק און גע־וואָרפן שמוץ אויף פּועלי־ציון.

שלום גורעוויטש איז אין גיכן געשטאָרבן. איך האָב אויף זיין קבר אין קרית שאול געמאַכט אים אַ הספד. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער חבר.

קומענדיק קיין לענינגראַד האָבן מיר אויסגעזוכט די אַלטע חברטע קריינדל. מיר, איך מיט משהקען האָבן זי געקענט אַ שטיקל צייט אין 1921 אין מינסק. זי איז געווען עלטער פון אונדז און האָט זיך געהאַלטן ווי אַן עלטערע שוועסטער. פלעגט אַ זאָג טאָן משהקען: „משהקע, אַ נו קום נאָר אַהער, מען דאַרף צונייען אַ קנעפל צו די הויזן"...

זי איז געווען צוזאַמען מיט לידאַ לעווינאַ־אַבראַמאָוויטש אויף דער געפערלעכער אויסשפיר־אַרבעט צווישן די אָפיצירן פון דעניקינס אַרמיי, לויט דער אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי, אין קיעוו, בעת דער דעניקין־הערשאַפט.

זי איז געווען דעמאָלט אַ שיין־געשטאַלטיקע גראַציעזע פריילין פון אַ פּאַרמעגלעכער שטוב און האָט געקענט דעם עטיקעט, געוווּסט ווי זיך צו באַגיין, כדי צו פאַנגען הערצער פון אַזעלכע „איידעלע ריטער", אָבער דאָך האַלטן זיי פון ווייט אויף דער נייטיקער דיסטאַנץ. זי האָט איינגעהאַלטן קוים באַמערקבאַרע שטריכן פון איר אַמאָליקן רייץ. זי האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן איר אויסשפיר־אַרבעט ביי דער „דעניקינטשינע" אין קיעוו. זי האָט נאָר דערציילט ווי מען האָט אַרויסבאַקומען פון די דעניקינישע הענט די געפילטע שטול מיט די באַהאַלטענע פּאַרטיי־רשימות. זי איז עטלעכע מאָל צו אונדז געקומען. זי האָט געוווינט מיט איר מאַן אין אַ גרויסער דירה אין אַלטן פעטערבורג. ביידע קראַנקע. זי פלעגט אַליין און מיט פאַרגעניגן דערמאָנען דעם עבר. אין די אויגן האָט געגליט אַ פונק.

משהקע האָט שוין צו דעם געהאַט אַ קנאַפּע שייכות. ער איז שוין געווען ערנסט קראַנק. רחל פלעגט קומען אים ברענגען פון רעסטאָראַן מיטיק. עפּעס מאַכן פאַר אים אויף פרישטיק און אָוונט־ברויט. ער האָט מיט גרויס מאַטערניש געשריבן אַ בוך זכרונות. איינע פון די קאַפּיטלען איז געווען „בלומס קומען קיין האָמעל". ער איז שטאַרק באַגייסטערט געווען פון טראָצקין, וועלכן ער האָט געהערט ריידן אין האָמעל. משהקע האָט געהאַט אַ סך פון טראָצקיס אָראַטאָרישן טאַלאַנט. ער האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיטן פּאָעט מאַנדעלשטאַם, געהאַלטן זיינס אַ קליין העפטל ביי זיך לעבן בעט.

איין מאָל זענען מיר געזעסן ביי זיין בעט און דערציילט אים נייעס פון „קול ישראל" (רחל פלעגט פאַר אים צוגרייטן קורצע באַריכטן), האָט ער פּלוצעם איבערגעהאַקט — „איך בין מער „ציון" ווי „פּועלי". וועלוול, שליס מיך אויס פון פּועלי־ציון!" איך האָב אים געזאָגט, אַז ווען ער זאָגט עס געזונטערהייט וואָלט איך דאָך געהאַלטן פאַר אַ שפּאַס, איצט איז דאָס אַ פּשוטער אומזין. איך האָב אים דערלאַנגט די האַנט, ער האָט מיט דער צווייטער האַנט זי געגלעט.

— יאָ, ביסט געדעכט וועלוול, מען וועט מוזן שטאַרבן אַ פּועלי־ציוניסט. ביים דערמאָנען דעם טויט האָבן דריי פּאָר אויגן זיך אָנגעפילט מיט ברענענדיקער פליסיקייט.

דעם 10טן נאָוועמבער 1966 איז משה גערטשיקאָוו נאָך אַ שטאַרקער האַרץ־אַטאַקע געשטאָרבן. אויף זיין לוויה זענען געווען בלויז פיר חברים פּועלי־ציון. מיר האָבן זיך דאָ געטראָפן מיטן חבר פּסח ליסיניאַנסקי. ער האָט אַמאָל אין וויטעבסק אָנגעפירט מיט אַ היפשער גרופּע יידישע יוגנט, וועלכע פלעגט פון צייט צו צייט זיך פאַרזאַמלען אין איינער פון די וויטעבסקער שולן שבת ביז מנחה. ער מיט זלמן גרובין האָבן מיך איינגעלאַדן אין איינעם אַ שבת דערקלערן דער יוגנט די פּראָגראַם פון פּועלי־ציון. זיי האָבן דערנאָך געבראַכט אַ גאַנצע מחנה יוגנט אונטער די פענער פון פּועלי־ציון.

איצט איז שוין ליסניאַנסקי געווען אַן אינזשינער אויף פּענסיע. געהאַט אַ באַזונדערע דירה אין פּעטערהאָף און שבתים־ ימים טובים געדאַוונט אין שול. פּסח צום סדר פלעגט ער ביי זיין טיש צונויפנעמען ביז דריי מנינים יידן און האַלטן פאַר זיי פייערדיקע יידישקייט־רעדעס. געקומען פון שול און צוריק געקערט אין שול אַריין.

משה גערטשיקאָוו האָט געלאָזן נאָך זיך אַ זון, אַן אינזשינער. ער האָט שטאַרק געשעצט זיין פאָטער. ער איז אין פּנים אין גאַנצן ענלעך צו משהקען. ער האָט אויפגעשטעלט אַ מצבה מיט אַן אויפשריפט פון זיין באָבע און זיידע, משהס עלטערן, און פאַר זיין טאַטע־מאַמע. דער מאַמעס פאַמיליע־נאָמען, משהס פרוי, איז געווען העלפאַנד. זי איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער בלאָקאַדע.

משהס זון פלעגט אָפט אַריינגיין צו אונדז. מיר האָבן אים באַזעצט אויפן זעלביקן אָרט ווו משה איז געזעסן. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אונדזערע נויטן, אַרויסגעוויזן צו אונדז וואַרעמע געפילן. מיר האָבן אים דערציילט וועגן זיין טאַטן און זיין טאַטנס טרוימען...

*

אין דריי יאָר אַרום האָבן מיר גענומען ערד פון משהעס קבר און פונעם קבר פון רחלס ברודער בן־ציון מיט זיך קיין ישראל. אין דער ערד פאַרפלאַנצט בלומען. דער דאָזיקער בלומען־טאָפּ באַשיינט איצט רחלס קבר לעבן וועלכן ס׳איז אויך גרייט מיינער — איבער הונדערט און צוואַנציק.

*

מיר — אונדזער דריילינג, מאַכנדיק דעם חשבון הנפש, האָבן זיך קיין מאָל נישט געשטעלט די פראַגן וועגן תכלית: צי האָט זיך געלוינט די גאַנצע מי און

געבראַכטע קרבנות ? האָבן מיר דען נישט געזען ווי די פּילצאָליקע שטאַרקע פאַרטייען — די מענשעוויקעס, רעכטער און לינקער „בונד״, י.ק.פּ. — פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד ווי ס׳האָט אויפגעגעבן איר אַרבעט די אָפּאָזיציע, ווי אַלע זיי זענען דערשטיקט געוואָרן ?

צו וואָס האָט אַזאַ קליין הייפעלע פּועלי־ציון אָנגעהויבן די שפּיל, וועלכע האָט זיך געמוזט ענדיקן מיט אַ טראַגעדיע ? די פראַגע האָט זיך נישט געשטעלט קיינער פון די לעבן־געבליבענע, צוריקגעקומענע חברים. מיר זענען געווען איבערצייגט אין אונדזער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט. אין אונדזער אַבסאָלוטן אמת.

מיר האָבן זיך נישט געשטעלט פאַר אַ ציל צו שטירצן די ראַטנמאַכט, צו בייטן די סאָוועטישע אָרדענונג. מיר זענען געשטאַנען אויף דער סאָוועטישער פּלאַטפאָרם. אונדזערע צילן פאַר וועלכע מיר האָבן געקעמפט זענען געווען אויסער די ראַמען פון ראַטנפאַרבאַנד — די צוקונפטיקע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַלעסטינע, וואָס האָט נישט סותר געווען די פּרינציפּן פון קאָמוניזם, נאָר פאַרקערט, געווען אין איינקלאַנג מיט אים. דעריבער קען פאַר אונדז נישט זיין מאָסגעבנדיק קיין גזירה שווה מיט די אויבן אָנגערופענע פּאָליטישע גרופּירונגען.

אונדזער הייפל פּועלי־ציון איז געווען אַ קליינע אָבער פעסט־געשלאָסענע יידישע מחנה, וועלכע האָט ביי אַ געוויסער פּאָליטישער סיטואַציע געקענט זיך שטעלן בראש פון אַ פאָלקס־באַוועגונג פאַר אַ יידיש סאָציאַליסטיש ארץ ישראל און דעריבער טאַקע האָט די צוואַנגס־־אַסימילאַציע געזען אין אונדז דעם געפערלעכסטן אידעאָלאָגישן קעגנער און זיך באַמיט צו פאַרניכטן אונדזערע קאַדרען.

וואָס מיר האָבן דערגרייכט מיט אונדזער אידעיִשער טעטיקייט ? די רעזולטאַטן פון אידעיִשער טעטיקייט איז נישט קיין פּראָדוקציע פון מאַטעריעלע ווערטן, זיי לאָזן זיך נישט אָנטאַפּן מיט די הענט, ווערן נישט געמאָסטן און געוויגן מיט קיין מעטרישער מאָס און וואָג. קיינער קען נישט באַשטימען די צייט און דעם קרייז פון איר ווירקונג.

די פּאַן איז נישט אַ שטיקל מאַטעריע אַרויפגעצוווּנגען אויפן שטעקל, נאָר דאָס וואָס איז אויף איר אָנגעשריבן און דאָס האָט קיינער נישט געקענט פאַרברענען.

א י נ ה אַ ל ט

7 **מיין היימשטאָט מאָקאָוו**
טראַגישע ציפערן.

62 **פינצטערע כמאַרעס**
קולטור־געראַנגל. די רוסלענדישע רעוואָלוציע און די פוילישע מלוכה. 1918. דער נס אויף דער ווייסל.

97 **פאַרבאָטענע „פּועלי־ציון"**
אין לענינגראַד. ביילאַגע.

127 **דער פּראָצעס פון פּועלי־ציון**

129 „די שפּאַלערקע" און אירע איינוווינער.

131 **אין דער נעץ**

141 דאָס געריכט.

144 דער פּסק־דין.

146 **דאָס דערציילט רחל מאַבלין**
ביי די ריטער פון „ריינעם אמת". מיסט פון דער געשיכטע". ווער בין איך ? ביילאַגע פון פּסק־דין.

180 **אוים מענטש**

184 וולאַדיוואָסטאָק. סאַכאַלין. קאָלימאַ. ביי דער בוכטע נאַגאַיעוואַ.

231 מלחמה און שלום אין לאַגער.

236 אויף דער פריי — וווהין ? יום־טובדיק.

255 גירוש אַרכאַנגעלסק.

257 גירוש סיביר.

275 אָן אַ טאַטע.

281 אַ פּאָליטישער פרילינג.

284 נאָכן מבול.